STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08336

IN LEBEN

Zebullon Levin

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ז. לעווין

אין לעבען

(1921—1926)

פארלאג „בעללעטר“

ניו יארק, 1926

אינהאַלט פאַרצייכנים

קאַפּיטלען 7

דעם בן־יחיד'ס מאַמע 128

אַזאַ לעבען 148

זי זאָגט זיי צו 161

אין עלענט 184

ממזר 194

דער פאָטער פון דער פאַמיליע 209

אָרימע מענשען 220

אַ ווײַלע מיט זיך אַליין 228

פון אַ פינסטערן ווינקעל 235

סאַנקע — דערנאָך דזשעני 263

אַ חתן מיט אַ רויטליכע בערדעל 276

מענשעלעך 283

Copyright 1926, by Louis Levin

ז. לעווין'ס געזאמעלטע שריפטען:

זיי זיינען מאַן און ווייב

קאַפּלאָוויץ

קאָמעדיען

20 ערצעהלונגען

אין לעבען

אין לעבען

קאַפּיטלען.

I

ווען איהר מאַן איז געשטאָרבען, איז זי נאָך קיין פולע איין און דרייסיג יאָהר אַלט ניט געווען, און אויסגעזעהן האָט זי ווי עטליכע און צוואַנציג. פרעמדע וואָלטען זיך גאָר ניט געגלויבט, אַז זי איז שוין אַ מאַמע פון דריי קינדער. זי האָט אויסגעזעהן ווי אַ מיידעל. זי דערצעהלט נאָך איצט, אויף די עלטערע יאָהרען, ווי אַזוי מ'האָט איהר דאַמאָלסט צוגערעדט, אַז זי זאָל נאָך „לעבען" אויף דער וועלט, און זי האָט זיך שוין באַלד געלאָזט איינרעדען.

מיסעס פישער איז געווען אַ ברונעטע איידעלע שעהנהייט. אַ גלייכע, דינע פיגור, אַ קליינע געזיכט און גרויסע גרויע אויגען, און זי האָט גערעדט שטיל, מיט צניעה'דיגע מאַניערען.

זי דערצעהלט, אַז זי האָט שוין געוואָלט אָננעהמען די עצות, וואָס מ'האָט איהר געגעבען. זי איז יונג און שעהן און זי קען נאָך לעבען אויף דער וועלט. זי זאָל אַוועקגעבען די קינדער אין אַ היים פאַר יתומים, און מיט זיך אַליין וועט זי שוין קיין דאגות ניט האָבען. מ'האָט ניט געקאָנט זאָגען איהר פּראָסט, אַז זי וועט לאַנג ניט דאַרפען פאַרבלייבען אַן אלמנה, וואָרים מ'האָט געוואוסט ווי זי האָט ליעב געהאַט איהר מאַן. מ'האָט דאָס אָבער געמיינט. מ'האָט איהר אויפגעוויזען, אַז זי וועט ניט קענען מאַכען קיין לעבען פאַר זיך מיט די קינדער. די קינדערלעך וועלען זיך אָנליידען, און דערנאָך וועט זי מוזען זיי ערגעץ אַוועקגעבען. זי האָט אָבער גע-טענה'ט, אַז וועגען זיך טאָר זי ניט טראַכטען ביז די קינדער וועלען שוין קענען שטעהן אויף די אייגענע פיס. און איהר האָט שטאַרק אָפּגעשראָקען דער וואָרט „אַוועקגעבען". ס'האָט איהר

אויסגעוויזען, אז זי וועט טאקע אוועקגעבען די קינדער און זיי וועלען מעהר ניט זיין איהרע קינדער... און דער גרויסער צער איז נאך געווען פריש. זי האט נאך געקאנט הערען די רייד זיינע איידער ער איז געשטארבען, אז זי זאל אפהיטען די קינדער, זי זאל זיין זייער מאמע און זייער טאטע. מ'האט איהר אזוי שווער געמאכט איהר הארץ מיט'ן „מאכען א לעבען", און זי האט דערפאר אזוי מורא געהאט, אז זי האט זיך שוין געוואלט צוהערען צו זייערע רייד... ס'וועט בעסער זיין פאר די קינדער און אויך פאר איהר אליין. דער „אוועקגעבען" האט איהר אבער צו שטארק אפגעשראקען. דערצו איז נאך געווען אין איהר א שטיקעל שטאלץ: אלע האלטען אין איין זאגען איהר, אז זי וועט ניט קענען מאכען א לעבען... זי וועט ניט קענען... מ'האלט איהר פאר א קנאפען לייט... וויל זי אליין זעהן, אויב זי וועט טאקע ניט קענען, און אוועקגעבען די קינדער וועט זי דאך ניט פארזאמען.

מיסעס פישער האט פארמאגט א פאר הונדערט דאלאר, וואס מ'האט איהר אויסגעצאהלט פון א סאסייעטי, וואו איהר מאן האט באלאנגט, און דערמיט האט זי געוואלט קויפען עפעס א שטיקעל ביזנעס צו מאכען א לעבען פאר זיך מיט די דריי קליינע קינדער — צוויי מיידלעך, צעהן און אכט יאהר אלט, און א אינגעלע פון א יאהר זעקס. מיט אזא קליינעם קאפיטאל האט מען ניט געקאנט פיעל אויפטאן. זי האט געקאנט קויפען א נאר ארימע קענדי-סטאר. נאר יעדע קענדי-סטאר, וואס זי האט אנגעקוקט, האט איהר אפגעשראקען — די ארימקייט און אפגעלאזענקייט, מיט'ן קליינינקען, פינסטערען קאמערל הינטער'ן סטאר, וואו זי וועט זיך דארפען ארייגקלייבען מיט די קינדער. זי האט געוואוינט אין שעהנע, ליכטיגע רומס, מיט א נישקשה'דיגער באליבאטישקייט. האט איהר דער קאמערל הינטער'ן סטאר אויסגעוויזען ווי א לעבעדיגער קבר, און איהר האט אנגעכאפט אן אימה. די קינדער וועלען דא דעם אטעם ניט קענען דערכאפען. די באליבאטישקייט איהרע וועט זי מוזען אוועקגעבען פאר א גארנישט. און יעדען מאל נאכ'ן אנקוקען אזא סטאר, האט זי קוים געקאנט דערטראגען אין הארצען

דעם געווייין דורכ'ן גאס און דורכ'ן קאר צו זיך אהיים... זי וועט אין גיכען אויסזעהן ווי יענע אדער יענער דארטען אין קענדי-סטאר — פארעלטערט, קרענקליך, פאראַרימט, איינגע'חושך'ט...

זי איז אָבער אויסגעהיט געוואָרען פון א קענדי-סטאָר, און זי האָט געקאָנט פארבלייבען וואוינען אין איהר דירה מיט איהר באליבאטישקייט. ס'האט זיך איהר געמאכט איבערצונעהמען א קליינעם ציימונגס-סטענד, וואו מען האט פארקויפט אָווענד-צייטונגען, אין א געסעל ארום סיטי האָלל. דאס איז אייגענטליך געווען ניט קיין סטענד, נאָר אַן איבערגעקעהרטער קעסטעל ביים זייט טיר פון א סאלון. פאר א סטענד איז דארטען ניט געווען קיין פלאץ, און וואו צו זעצען זי איז אויך ניט געווען. ס'האט אָבער געקאסט זעהר ווייניג רענט, און ס'האט געהאט נאך אנדערע מעלות: ווייניג שטונדען ארבייט — פון א זייגער צעהן-עלף אין דער פריה ביז זעקס-זיבען פארנאכט, און זונטאג האט זי אינגאנצען ניט געדארפט קומען; און איינגעבראכט האט עס אזוי פיעל, וויפיעל א קענדי-סטאר האט געזאלט איינברענגען.

זי האט זיך געשטעלט ביים איבערגעקעהרטען קעסטעל מיט די צייטונגען און געמאכט א שטיקעל לעבען. אין דער פריה, איידער זי איז אוועק צו די צייטונגען, האט זי געגוג צייט געהאט אפצוטאן די נויטיגע הויז-ארבייט, פארטיג מאכען די קינדער צום סקוהל, איינקויפען, און פאר'ן אוועקגעהן פון הויז האט זי אויפ'ן טיש איבערגעלאזען פאר די קינדער עפעס צום עסען, ווען זיי וועלען א זייגער צוועלף קומען. פארנאכט האט א שכנה ארויפגעשטעלט מיסעם פישערים טעפעל ביי זיך אויפ'ן אויוועז — מ'האט די קליינע קינדער ניט געקאנט אנטרויען מיט פייער — און דערנאך, אז זי איז אהיימגעקומען, האט זי דעם טעפעל גענומען צו זיך אין הויז.

אין אנהויב איז זי געווען פארזארגט, און יעדען טאג האט זי זיך געשראקען. ס'האט זיך איהר אלץ אויסגעוויזען, ווען זי פלעגט זיך שטעלען ביי די צייטונגען, אז די איינציגע סענטען וועלען איהר ניט איינברענגען די געוויסע סומע לייזונג און פאר-

דיענסט — איינציגע סענטען... און די פּענים האָבען איהר אויס-געוויזען ווי נדבות... מ'וויים, אַז זי איז אַן אַלמנה מיט דריי קליינע קינדער... אָבער דאָך, מיט דער צייט, אַז זי האָט זיך אביסעל איינגעארבייט, געהאט אַלע טאָג פּאַרדיענטע געלט, איהרע קינ-דער האָט גאָרנישט געפעהלט — דורך איהר, דורך איהר ארבייט — האָט זי גאָר גענומען פּיהלען זיך שטאָלץ, העלדיש... זי פּאַר-זאָרגט איהרע קינדער און זיך אַליין... זי דאַרף ניט אָנקומען צו „טשאַריטי“, ווי זי האָט זיך שוין געוואָלט לאָזען איינרעדען. און איהרע קינדער האָט זי קיינעם ניט אוועקגעגעבען.

און זי האָט נאָך אַלץ אויסגעזעהן ווי אַ מיידעל: יונג און חנ'עוודיג. די דערשלאָגענקייט פון איהר גרויסען אומגליק איז ביסלעכווייז אוועק פון איהר, און אויך דער שרעק פון מאַכען אַ לעבען. מ'האָט זיך צו איהר גע'שדכנ'ט. דער אמת איז געווען, אַז באַלד נאָך שלושים האָט זי געקאָנט טאָן אַ שידוך. און איינער פון די, וואָס האָבען זיך צו איהר גע'שדכנ'ט, איז געווען אַ בחור, איינגער פון איהר. נאָר אַלע האָבען זיי פון איהר פאַרלאַנגט, אַז זי זאָל „אוועקגעבען“ די קינדער, און דער וואָרט „אוועקגעבען“ האָט באַלד געמאַכט אויס שידוך. אַזאַ זאַך וועט זי ניט טאָן אפילו פאַר דעם בעסטען מאַן אין דער וועלט, און דערצו נאָך איצט, אַז זי מאַכט פאַר די קינדער אַ לעבען, און זי דאַרף צו קיינעם ניט אָנקומען.

איין שידוך האָט זיך געמאַכט, וואָס ער האָט איהר געוואָלט נעהמען מיט די קינדער. האָט ער אָבער געהאט פיער קינדער איי-גענע, גרעסערע און קלענערע; האָט זי זיך אויך פון אָט דעם שידוך אָפּגעזאָגט. וואָס טויג איהר פאַרנעהמען זיך, ווערען אַ שטיפמאַמע און אַ דיענסט ביי פיער פרעמדע קינדער, און איהרע איינענע קינדער וועלען זיך ניט האָבען פיעל בעסער ווי איצט, אפשר נאָך ערגער, וואָרים דער מאַן איז געווען גאָרניט קיין רייכער; ער וואָלט קוים געקאָנט פאַרזאָרגען זיינע פיער און איהרע דריי. און דערצו נאָך אָהן ליעבע... זי האָט זיך אין איהם ניט פאַרליעבט. אַז מ'איז אין איינעם פאַרליעבט, קוקט מען שוין

אפשר ניט אויף די זאַכען... איז שוין אַלץ גוט. זי איז שוין געווען אַביסעל געענדערט. אין די ערשטע צייטען פלעגט זי זאָגען, אַז ליעבען קען מען נאָר איין מאָל אין לעבען. זי האָט ליעב געהאַט איהר מאַן, און זי קען שוין מעהר קיינמאָל ניט ליעבען. נאָר שפּע־טער האָט זי דאָס מעהר ניט געזאָגט. פריהער, אַז מ׳האָט גערעדט צו איהר וועגען אַ שידוך, האָט זי זיך צוגעהערט ווי מיט איין אויער, מיט אַ „לאָזט צורוהן!“ ביי דער זייט, מיט אַ „וועמען ליגט דאָס אין זינען?“... איצט האָט זי זיך שוין גוט צוגעהערט און קלאָר גערעדט און געענטפערט: אַז עס וועט זיך מאַכען אַ פיינער מאַן, וואָס זאָל קענען געבען איהר מיט די קינדער אַלץ, וואָס זיי דאַרפען, און זי זאָל איהם נאָך ליעב האָבען אויך, וועט זי זיך „אפשר“ ניט אָפּזאָגען. אָבער זי וועט ניט גלאַט כאַפּען און חתונה האָבען, אַבי האָבען אַ מאַן, און איהר זאָל נאָך זיין ערגער ווי ס׳איז איהר איצט, און געבען איהרע קינדער אַ שטיפפאַטער — אַזאַ זאַך וועט זי ניט טאָן.

זי האָט געמאַכט אַ לעבען. איהר ביזנעס איז נאָך אַביסעל געוואַקסען. זי האָט איינגענומען מעהר געלט ווי אין אָנהויב, ווען זי האָט זיך דאָרט אוועקגעשטעלט. דאָס האָט איהר אָבער גע־קאָסט גענוג געזונט און אַ רעכט ביסעל טרערען.

אַ יונגע, שעהנע ווייבעלע, וואָס זעהט אויס ווי אַ מיידעל, שטעהט אויפ׳ן גאַס, פאַר די אויגען פון צעהנדליגע, הונדערטער מענער פאַרבייגעהער, און זי פאַרקויפט צייטונגען. פאַר אַ פּעני קען מען צו איהר צוקומען נאָהענט, און מ׳קען כאַפּען אַ גוטען קוק און אויסריידען אַ וואָרט, אַז מען וויל. און ס׳זיינען פאַראַן בעלנים אויף אַזעלכע זאַכען. האָבען זיך געפונען גענוג מאַנסבילען, עלטערע און יונגערע, וואָס האָבען אויפגעהערט קויפען זייער צייטונג, וואו זיי האָבען פריהער געקויפט, און געקויפט ביי איהר. זי אַליין איז געווען אינגאַנצען אומשולדיג. זי האָט ניט געוואוסט, אַז זי נעהמט פון אימיצען אוועק ביזנעס, און אפשר האָט זי יאָ אַביסעל געוואוסט, נאָר וואָס האָט זי געקאָנט טאָן? ניט פאַר־קויפען איהרע צייטונגען? די צייטונגס-פאַרקויפער אַרום איהר

האבען אבער פארשטאנען פארוואס מ'גיט איהר צו לייזען. און אין יענער וועלטעל איז מען ניט געווען צו איידעל, און מ'האט ניט איבערגעקליבען קיין רייד, ווען מ'האט זיך געפיהלט גע-עולה'ט אין א פעני. אן אלטע איירישע צייטונגס-פארקויפערקע איז איהר באפאלען מיט די פויסטען און גערופען איהר „גאד דעם שיני". און דער קאליקע אויף איין פוס, מיט א פלעקעל אויפ'ן ארט, וואו ס'איז אמאל געווען די צווייטע פוס, האט געמיינט, אז זי איז אן איטאליענערקע, און ער האט איהר אנגערופען „לאוזי וואפ", און געהויבען אויף איהר זיין שטעקען, און ער האט איהר אנגערופען מיט שמוציגע נעמען. דער קאליקע אויף איין פוס איז געווען א מין הערשער אויף יענע קארנערס. ער האט געהאט אויף זיך עפעס אן אלטען מונדיר מיט מעשענע קנעפלעך, און מ'האט איהם גערופען „קעפטען", און ער האט זיך גע'חבר'ט מיט'ן פאליס-מאן — אליין אמאל געווען א פאליסמאן, צי א סאלדאט. וואס קיינער האט ניט געטארט, האט ער געמעגט. ער האט געמעגט אנטקעגענהינקען א קאסטאמער מיט אן אויסגעשטעלטער צייטונג; ער האט אפילו געמעגט צונעהמען ביי אימיצען א קאסטאמער — מ'האט ניט געטארט זאגען איהם א ווארט — באלד האט ער גע-הויבען זיין שטעקען, און אלעמאל האט זיך פון איהם געשאטען שמוציגע רייד. און דא קומט די שעהנע, יונגע ווייבעלע — א פרעמדע דא — און נעהמט אוועק פון איהם קאסטאמער. זי האט געגוג אנגעהערט זיך פון זיין מויל, און מ'האט איהם נאך צו-געהאלפען. און דאס איז נאך ניט געווען אלץ: מ'האט אנגעשטעלט אפגעריסענע לויפערלעך, וואס האבען זיך שטילינקערהייט אונ-טערגע'גנב'עט און איבערגעקעהרט איהר קעסטעל צייטונגען אין בלאטע אריין. זי האט געוויינט מיט ביטערע טרערען. שפעטער האט זי זיך אויסגעלערענט די אלע געזעצען פון יענער וועלטעל. זי האט שוין געוואוסט וואס מ'מעג און וואס מ'טאר ניט, און זי האט זיך געהיט.

מיט אמאל איז געקומען אן אומגעריכטער אומגליק. מ'האט זיך גענומען אראפוואַרפען די געביידע, וואו דער סאלון האט

זיך געפונען, און מ׳וועט אויפשטעלען א נייע גרויסע געביידע מיט לאָפּטס פאַר שעפער. האָט זי קיין אָרט ניט געהאַט, וואו צו שטעהן מיט איהרע צייטונגען. די גאַנצע שטיק סיידוואָק מיט׳ן קאָרנער איז געווען פאַרשטעלט און פאַרצאַמט, און ס׳האָט זיך געשאָטען א געדיכטער שטויב. מענשען האָבען אויסגעווייכט פאַרבייציגעהן דעם שטיקעל אָרט. זי האָט זיך מיט אמאָל דערזעהן אין א גרויסער סכנה מיט איהר „מאַכען א לעבען“. און זי האָט גענומען טאָן, וואָס זי האָט געקאָנט; מיט אמאָל אָפּגעבראָכען מיט אַלע געזעצען פון יענע קאָרנערס. קיין אָרט, וואו צו שטעהן, האָט זי ניט געהאַט. דער איבערגעקעהרטען קעסטעל האָט זי לעבען זיך ניט געקענט האַלטען. האָט זי גענומען פּעק צייטונגען אונטער די אָרעמס און זיך געשטעלט וואו זי האָט נאָר געפונען א שטיקעל אָרט — לעבען ד ע ם צייטונג-פאַרקויפער, לעבען י ע נ ע ם. איהרע קאָסטאָמער קומען אָן פון אַלע זייטען, מ׳דערזעהט איהר ניט, מ׳קען מיינען, אז זי איז שוין מעהר ניטאָ — לויפט זי די קאָסטאָמער אַנטקעגען. די צייטונג-פאַרקויפער האָבען איהר געיאָגט, געטריבען, געזידעלט, געהויבען אויף איהר הענט. אָבער איהר גרויסער שרעק וועגען „מאַכען א לעבען“ איז געווען גרעסער ווי די מורא פאַר זיי. און זי איז געווען געשטאַרקט מיט מוט און כח. זי האָט געענטפערט און געזידעלט צוריק. זי וועט קיינעם ניט דערלאָזען שטערען איהר צו מאַכען א לעבען פאַר איהרע קינדער. זאָל מען איהר זידלען, זאָל מען איהר אפילו שלאָגען. זי האָט אפילו פאַר דעם קאַליקע קיין מורא ניט. זי זעהט, אז איהרע א פעני לייזונג געהט אוועק צו אַן אַנדערען, ווערט זי צורייצט, עסט זיך אוים איהר הארץ. גאַנצע טעג איז זי געווען צושראָקען, צורייצט, פאַרביטערט, מיט א צופרעסענער הארץ. א צורייצטע חיה, וואָס זעהט זיך אין סכנה מיט איהר לעבען, און וויל אויסמיידען, באַקעמפען דעם שונא. פריהער האָט זי כאָטש געהאַט א שטיקעל וואַנט, א שטיקעל דאַך. איצט איז זי אויפ׳ן מיטען גאַס. אין רעגענס האָבען גערונען פון איהר ריטשקעם וואַסער. אַנדערע זיינען באַשיצט אונטער א דעכעל, אונטער

אַ שירם; אָבער ניט זי; זי מוז לויפען קאָסטאָמער אַנטקעגען. אין די גרויסע היצען האָט די פייערדיגע זון גע׳שרפ׳עט איהר געזיכט און איהר קערפּער. איהרע האָר, צוברענט, צוטריקענט, אָפּגעבליאַקעוועט, האָט זיך ניט געלאָזען האַלטען אויף אַן אָרט, ניט געוואָלט ליגען אונטער די קעמלעך, און בינטלעך האָר האָבען אַרויסגעשטעקט, צופאַלען אויף אַלע זייטען, געפאַלען איהר אין די אויגען אַריין. און איהרע הענט זיינען פאַרנומען. זי האָט זיך געשעהמט, נאָר זי האָט זיך ניט געקענט העלפען.

אַז די נייע געביידע איז פאַרטיג געוואָרען און ס׳האָט זיך ווידער געעפענט אַ סאַלון אויפ׳ן קאָרנער, מיט׳ן זעלביגען באַליבאָס, האָט זי זיך ווידער געשטעלט ביים זייט טיר מיט אַן איבערגעקעהרטען קעסטעל. זי האָט שוין אָבער אויסגעזעהן אַביסעל אַנדערש: פאַרעלטערט געוואָרען אין די עטליכע חדשים שרעק און מלחמה. אָבער נאָך אַלץ יונג און שעהן און חנ׳עוודיג.

II

אַ יונגע ווייבעלע שטעהט אויף דער הפקר׳דיגער גאַס מיט צייטונגען, מסתמא איז זי ניט קיין גרויסע מיוחסת... זי האָט ניט קיין מאַן, אַן אַלמנה, אַ גע׳גט׳ע, צי אַן אָוועקגעוואָרפענע, אָדער דער מאַן איז אַ קריפּעל, צי ער ליגט קראַנק. און זי האָט געהאַט קאָסטאָמער אַלערליי. מענער, וואָס האָבען זיך באַנוגענט פאַר זייער פּעני לייזונג צו זיין נאָהענט אַ ווייל, באַקוקען אַ שעהנע, חנ׳עוודיגע ווייבעלע. מ׳האָט איהר מיט אַ כיון געגעבען אַ דאָלאַר, ס׳זאָל געדויערען דער אַרויסגעבען רעשטע און דערוויל פאַרבלייבען לעבען איהר נאָך אַ ווייל. און עס זיינען געוועזן אַזעלכע, וואָס האָבען געזוכט נאָך נעהענטער באַקענט צו ווערען מיט איהר, און זיי האָבען צו איהר גערעדט מיט אָנצוהערענישען: אַזאַ שעהנע פרוי דאַרף ניט שטעהן אויפ׳ן גאַס מיט צייטונגען... אַזאַ ווי זי קען זיך גרינג פאַרדינען געלט... אין די ערשטע צייטען פלעגט זי רויט ווערען, דערשרעקען זיך פאַר אַזעלכע רייד און איהר האָט זיך געוואָלט וויינען. איהר האַרץ פלעגט ווערען

פול און היים, און זי פלעגט באהאלטען די אויגען. ענטפערען אויף אזעלכע רייד פלעגט זי ניט, מאכען זיך, אז זי הערט ניט, צי זי פארשטעהט ניט... אפזידלען האט זי ניט געקענט: ס'איז ניט געווען אין איהר נאטור, און זי קען נאך פארטרייבען קאסטאמער — איז די גלייכסטע זאך שווייגען, ניט ענטפערען. די מויל צוגע-מאכט, די ציינער צוזאמענגעשלאסען, און די קינבאקען ריהרען זיך ארום. מ'קען זעהן ווי איהרע ציינער פארקוועטשען זיך... אויף דער פארמאכטער מויל א שווארצער שאטען. שפעטער, אז זי האט זיך שוין מעהר איינגעלעבט מיט דער גאס, האט זי זיך מעהר ניט גענומען צום הארצען די מענערשע רייד — דאס געהט שוין צוזאמען מיט די ציַיטונגען — זאלען זיי ריידען, זאגען, וואס זיי ווילען... זיי ריידען ניט צו איהר, זי הערט ניט. מענער פרע-גען איהר, וויפיעל אזייגער זי ווערט פארטיג מיט די צייטונגען, וואס זי טוט אין די אווענדען, וואס זי טוט זונטאג. ווייס זי, אז זיי פרעגען, ניט ווייל עס ארט זיי, זיי אינטערעסירט איהר לעבען; זי ווייס, וואס זיי מיינען. ענטפערט זי און קוקט גלייך אין די אויגען אריין: זי האט גענוג ארבייט צו טאן אין דער היים ביינאכט און זונטאג.

געווען אויך אזעלכע, וואס זיינען צו איהר צוגעשטאנען און איהר ניט אפגעלאזען, און האבען איהר פארשאפט פיעל יסורים מיט זייערע רייד און באנעהמען זיך צו איהר.

אין דער נייער געביידע איז געווען א שאפ פון גומענע רעגענ-מאנטלען, און דארט האט זיך געפונען איינער, א מיסטער וואקס-מאן, א מאן פון עטליכע און דרייסיג יאהר. ער איז געווען א בלאנ-דער, נאך מעהר ווי א בלאנדער, כמעט א ווייסער — ווייסע האר, א ווייסליכע איבערבלייבעכץ פון א בארד, וואס האט אויסגעזעהן ווי א מארדע, וואס איז א פאר וואכען ניט געגאלט געווארען. איהם האט נאך אויסגעפעהלט אביסעל מוט אינגאנצען אפצוגאלען די בארד, האט ער פון איהר געשניטען ביסלעכווייז ביז ס'איז שוין כמעט גארנישט איבערגעבליבען. קליינע, גארישע ציינדלעך און גרויסע, בלאסע יאסלעס, און אז ער האט געעפענט דאס מויל,

זיינען די ליפּען ערגעץ פארפאלען געוואָרען און ס'האָבען זיך נאָר געזעהען די קליינע ציינער מיט די בלאַסע יאסלעס. זיין ווייב און קינדער זיינען נאָך געווען אין דער אַלטער היים, און ער האָט זיך נישט געאיילט ברענגען זיי אהער. זיין ווייב איז געווען א מיאוס'ע און א שלעכטס, און אין דער היים איז זי געווען די קרעמערקע, ניט ער דער קרעמער. דאָ איז ער געווען א פרייער מענש, האָט ער געוואָלט אזוי פארבלייבען ווי לאַנג עס וועט זיך לאָזען. די ווייב האָט איהם פארוואָרפען מיט בריעף, ער זאָל איהר „אָפּנעמען" און ער האָט איהר אַלץ אָפּגעלייגט מיט תירוצים. דער שאָפּ איז געווען זיין ברודער'ס, נאָר ער, וואקסמאַן, האָט גיך באַנומען די ביזנעס, און ער איז געוואָרען דער גאַנצער מאכער „אינסייד". ער איז געגאַנגען שעהן אָנגעטאָן, מיט א העלען אנצוג, א גרויסע שפּילקע אין נעקטיי און דער קראַגען הויך און שטייף ווי א ברעט, ווי עס איז דאַמאָלסט געווען די מאָדע, און ער האָט גערעדט מיט א כריפּענדיג קול, ווי דאָס זעגען פון א זעג. אָט דער וואקסמאַן האָט זיך אריינגענומען אין קאָפּ צו ווערען א נאָהענטער חבר מיט מיסעס פישער. ער האָט גאָר געוואָלט אויספיהרען, אז זי זאָל זיך אין איהם פארליעבען, וואָרים ער האָט זיך געהאַלטען פאַר א העלדישען מאַנסביל. נאָר מיסעס פישער האָט איהם פיינט געקראָגען פון דער ערשטער מינוט, ווי זי האָט איהם דערזעהן. די ווייסליכע האָר אויף זיין באַוואקסענער מאָרדע האָט איהר אויסגעזעהן ווי חזיר-האָר, און אויך זיין זעגעדיגער קול — ווי א חזיר'שער. וואקסמאַן האָט זיך צו איהר געפריינטעלט, באַצאָהלט פאַר איהר דעם ניקעל קאר-פעיר ווען זיי איז אויסגעקומען צו פאָהרען צוזאַמען נאָך איסט ניו יאָרק, וואו זיי האָבען ביידע גע-וואוינט. און אויפ'ן וועג האָט ער איהר דערצעהלט פון זיינע ביזנעס, און ער האָט זיך פאַר איהר באַרימט און געגרויסט מיט זיינע פאַרדינסטען. ער האָט זיך באַריהמט, אז ער האָט א שעהנע, טייערע פרוי; און ער האָט אויך שטאַרק איבערטריבען זיינע פאַר-דינסטען אין אַמעריקע. ווי דער אמת איז געווען, מיסעס פישער האָט איהם טאַקע פיינט געהאַט, אָבער זי האָט איהם געהאַלטען

העכער פון זיך: אַ מענש, אַ ביזנעסמאַן, שעהן אָנגעטאָן, פאָהרט מיט איהר אין טריין און רעדט מיט איהר ווי מיט זיינס אַ גלייכען. זי איז אַזוי אָרעם אָנגעטאָן, פאַרוויקעלט מיט אַ פאַטשיילע, אָהן אַ העט און בינטלעך האָר צופאַלען זיך ביי איהר אויף אַלע זייטען, און איהר געזיכט איז ניט ארומגעוואַשען, באַדעקט מיט די שטויב פון גאַס, און טראָגט מיט זיך אַ פּעקעל איבערגעבליבענע צייטונגען. אַ גוטער מענש מסתמא... אַז ס'האָט זיך געמאַכט אַ פּלאַץ צום זעצען, האָט ער איהר געהייסען זיך זעצען, און אַליין האָט ער זיך אָנגעהאַלטען אָן רימען.

וואַקסמאַנ'ס גוטסקייט איז געגאַנגען ווייטער און ווייטער. אַמאָל, קומענדיג מיטאָגצייט פון רעסטאָראַן, האָט ער איהר אַריינגעשטופּט אַ קליין פּעקעלע אין האַנט. זי האָט ניט געוואוסט וואָס דאָס זאָל מיינען; ער איז שוין אָבער ניט געווען. האָט זי געעפענט ס'פּעקעלע און געפונען אַ „סענדוויטש“. זי איז געווען איבעראַשט. זי האָט געזעהן, אַז ער האָט דאָס געקויפט פאַר איהר. ער וויל, זי זאָל דאָס עסען. זי האָט דאָס ניט געוואָלט, אָבער אַז ס'איז שוין דאָ, וועט זי ניט אַרויסוואַרפען. זי האָט אויפגעגעסען. פאַרנאַכט האָט זי איהם אויסגערעדט, אַז ער האָט דאָס ניט גע־דאַרפט טאָן. זי נעהמט זיך אַלע מאָל מיט זיך עפּעס צום עסען. ער האָט ניט געדאַרפט אויסגעבען קיין געלט. און ער האָט דאָס געטאָן נאָך אַמאָל אויך.

און אַמאָל האָט ער אַרויסגעוויזען גאָר אַ גרויסע פריינדליכ־קייט צו איהר. ער האָט אַראָפּגעטראָגען פון שאַפּ אַ גומענעם רעגען־מאַנטעל און געהייסען איהר אָנמעסטען. ער דענקט, אַז ס'איז ריכטיג איהר מאָס. זי האָט געענטפערט, אַז זי דאַרף ניט קיין רעגען־מאַנטעל, זי קען ניט קויפען. ער איז אָבער צוגעשטאַנען זי זאָל אָנמעסטען. זיי וועלען שוין צורעכט קומען. דער מאַנטעל איז ניט געווען ריכטיג איהר מאָס; זי האָט איהם אָבער געקאָנט טראָגען.

— האַלט דעם קאָוט, — האָט ער איהר געזאָגט — מיר וועלען זיך ניט קריגען איבער'ן פּרייז.

ער האָט איהר ניט געוואָלט באַלד זאָגען, אַז ער גיט איהר אַ פּרעזענט, טאָמער וועט זי זיך אָפּזאָגען. ער איז ארויף צוריק אין שאַפּ. פאַרנאַכט האָט ער איהר געזאָגט, אַז ער וועט ביי איהר קיין געלט ניט נעהמען.

אין דער היים האָט זי אויפ'ן מאַנטעל דערזעהן די „דעמע-דזשעס". איין פאָלע איז געווען אַביסעל צוגעסמאָלעט און אונ-טער'ן קאָלנער צוויי פאַרשטשאַבעטע לעכער. זי האָט געשמייכעלט: אַ דאַנה איהרע. קיין געלט קאָסט איהר ניט און אין אַ שלעכטען וועטער וועט דאָס איהר גוט צוניץ קומען.

דער רעגען-מאַנטעל איז שוין צוויי מאָל געווען צוריקגעקומען פון קאָסטאָמערס. מ'האָט איהם סיי ווי סיי געדאַרפט אוועקשענקען אָדער ארויסוואַרפען. שיקען איהם צו אַ קאָסטאָמער האָט מען שוין ניט געקענט.

וואַקסמאַן האָט אַלץ אויסגערעכענט מיט אַ שכל. אַ פרוי איז אַזאַ מענש ווי אַ מאַן. און אַזוי ווי אַ מאַן מוז האָבען אַ פרוי, אַזוי מוז אַ פרוי האָבען אַ מאַן. און דער פרוי איז נאָך אַ סך ער-גער. וואָרים אַ מאַן קען זיך דאָך אַן עצה געבען; פאַר געלט קען מען קריגען גענוג פרויען. אַ פרוי קען זיך ניט העלפען און זי מוז ליידען. אַן עהרליכע פרוי, אַ מאַמע פון קינדער, וועט זיך דאָך ניט אוועקלאָזען זוכען מענער. און וועגען מיסעס פישער קען מען זעהן און מען קען שווערען, אַז זי האָט ניט צו טאָן מיט מענער און זי ליידט... אַן אייגענער מענש, וואָס זי ווייס, אַז ער איז אַן עהרליכער, זי מעג זיך אויף איהם פאַרלאָזען, קיינער וועט פון איהם ניט וויסען — אַזאַ קען נאָהענט צוקומען צו איהר, אַזאַ איינעם וועט זי זיך איבערגעבען... זי איז אָבער אַ פיינע, עהרליכע פרוי, מ'קען מיט איהר קיין אָפענע דבורים ניט ריידען; זי וועט זיך פאַרשעהמען, זיין שטאַרק באַליידיגט, און מעהר מיט איהם ניט ריידען... גוט וואָלט געווען, אַז די נאַטור אַליין וואָלט אין דעם געאַרבייט, ס'הייסט אונטערגעהאָלפען איהם. למשל, אַז ער וואָלט געקאָנט זיין צוזאַמען מיט איהר, און קיינער זאָל דערביי ניט זיין, נאָר זיי ביידע, „אונטער פיער אויגען", וואָלט די נאַטור

אַליין זיי שוין צוזאַמענגעפיהרט... און מיסעס פישער, אַ יונגע פרוי, וואָס איז שוין אַזאַ לאַנגע צייט אָהן אַ מאַן, איז דאָך געווים שטאַרק „אויסגעהונגערט"... וואָלט געוועזן גאָר גרינג... נאָר ווי אַזוי? וואו קען ער זיין מיט איהר אין אַן אָפּגעזונדערטען אָרט?... ס'קען זיין, אַז זי וואָלט מיט איהם געגאַנגען, געפאָהרען ערגעץ אין אַ זונטאָג. וואָלט דאָס איהם געקאָסט געלט און ס'וואָלט דער־פון אפשר גאָרנישט ארויסקומען. פאַראַן געוויסע פרויען אַזעלכע, וואָס לאָזען ספּענדען אויף זיך געלט, האַלטען אויפ'ן שטריקעל און ס'לאָזט זיך דערפון גאָרניט אויס. אויף מיסעס פישער קען ער טאַקע זעהן, אַז זי איז ניט אַזאַ. זי איז אַ פיינע און אַן עהר־ליכע. אָבער זיכער קען מען ניט זיין מיט קיינער. ער איז צו־פרידען ס'זאָל איהם אַביסעל קאָסטען. אָבער גלאַט ווארפען זיך מיט געלט וועט ער ניט. יעדע זאַך מוז געהן מיט אַ שכל.

פאָהרענדיג מיט מיסעס פישער נאָך איסט ניו יאָרק אין אַ פאַרנאַכט, אָנפאַנג זומער, האָט וואַקסמאַן איהר פאָרגעלייגט זעהר אַ גוטען פּלאַן. באַלד מאַכען זיך צו די סקולס. מיסעס פישער'ס עלטערע מיידעל איז שוין אַ רעכטע מיידעל. ביי איהם אין שאַפּ האַלט מען אַ מיידעל צו געהן אַ גאַנג און טאָן גרינגע ארבייט אין פּלאַץ; וועט ער די מיידעל אַוועקשיקען און אריינגעהמען מיסעס פישער'ס עלטערע מיידעל. מיסעס פישער האָט זיך אין אָנהויב אַזוי ווי דערשראָקען — איהר קינד וועט שוין געהן ארבייטען!... אַ געוויין האָט גענומען אָנפילען איהר האַרץ. נאָר וואַקסמאַן האָט איהר באַוויזען, אַז ס'איז גאָרנישט. זי וועט ביי איהם ניט דאַרפען אַרבייטען. ער וועט איהר גאָרנישט לאָזען טאָן, צוגעהן אַמאָל אַ גאַנג, העלפען אַביסעל אויפראַמען אין שאַפּ. זי וועט קענען קומען און אַוועקגעהן ווען זי וועט וועלען, און זי וועט דאָך אַלעמאָל זיין לעבען איהר מאַמען.

— וואָס מיינט איהר, כ'וועל איהר לאָזען ארבייטען ווי אַנ־דערע? כ'דאַרף אָן איהר פאַרדיענען?

מיסעס פישער האָט איינגעזעהן, אַז דער פּלאַן איז גאָרניט קיין שלעכטער. פון סקול נעמט זי דאָך איהר קינד ניט אַוועק. אַז

ס'וועט זיך אָנהויבען סקול, וועט זי ווידער געהן. ס'איז אינגאַנצען אויף עטליכע וואָכען. זי וועט זיך פאַרדיענען דורכ'ן זומער עטליכע דאָלאר, וועט דאָס גוט צוניץ קומען. זי וועט האָבען צו קויפען זיך שיך מיט קליידלעך פאַר'ן סקול, און ס'וועט נאָך איבערבלייבען צו קויפען פאַר די אַנדערע קינדער אויך. וואַקסמאַן און מיסעס פישער האָבען אויסגערעכענט וויפיעל זי וועט דורכ'ן זומער פאַר־דיענען — אַזוי פיעל וועט זי קריגען אַ וואָך — ער וועט איהר צאָהלען מיט אַ דאָלאַר מעהר, האָט ער געזאָגט, ווי די איצטיגע מיידעל — אַזוי פיעל וואָכען וועט זי אַרבייטען — זי וועט סטאַפּען אַ וואָך פאַר סקול — וועט זי האָבען דורכ'ן זומער אָפּגעסייפט אַזוי פיעל און אַזוי פיעל. ווי געפונענע געלט. שבת וועט זי אינ־גאַנצען ניט דאַרפען קומען, אויב זי וועט ניט וועלען. שבת איז סיי־ווי־סיי ניטאָ פיעל וואָס צו טאָן.

איז אַזוי געבליבען. מיסעס פישער האָט איהם שטאַרק גע־דאַנקט, און געזאָגט איהם, אַז זי ווייסט גאַרניט מיט וואָס זי קען איהם אָפּדיענען פאַר זיין גוטסקייט צו איהר.

אַ פרעמדער מענש... אַנדערע פרעמדע זיינען בעסער ווי איי־גענע. זי האָט דאָ ניט פיעל „משפחה". אָבער די עטליכע קרובים, וואָס זיינען דאָ, אינטערעסירען זיך וועניג מיט איהר; זיי האָבען זיך זייערע אייגענע צרות. ווען זעהט זי זיי, און ווען זעהן זיי איהר?

וואַקסמאַנ'ס חשבון איז דאָ געווען — ווידער דיזעלביגע: ווע־רען נעהענטער, איינקויפען זיך אין פריינדשאַפט. קאָסטען וועט איהם די געשיכטע אַזוי גוט ווי גאָרנישט. אַ דאָלאַר אַ וואָך מעהר ווי די איצטיגע מיידעל וועט ער מיסעס פישער'ס מיידעל ניט צאָהלען — זאָגען מעג ער דאָך, און מיסעס פישער ווייסט דאָך ניט וויפיעל ער צאָהלט די איצטיגע מיידעל... אַז ער וואָלט קענען קומען צו איהר אין הויז בשעת די קינדער זיינען אין סקול... ער קען איהר אַ פרעג טאָן, אויב ער זאָל צו איהר אַרויפקומען... זי וועט אפשר ניט וועלען... וועט ער אַליין אַרויפקומען אין איהר הויז אין אַן אין דער פריה, ווען די קינדער זיינען נישטאָ. ער האָט געוואוסט

דעם סדר פון איהר לעבען. אין דער פריה, אז די קינדער געהן אוועק אין סקול, טוט זי אביסעל הויז-ארבייט; דערנאָך געהט זי אראָפּ איינקויפען. אמאָל וואשט זי די פלאָרס, נייהט אויפ'ן מאשין. און ער טאָר זיין וויזיט ניט אָפּלייגען. אין גיכען מאכען זיך צו די סקולס, וועלען די קינדער זיין אין הויז... און ער מוז דאָס דורכפיהרען איידער די מיידעל קומט אָן צו איהם ארבייטען... וועט ער זעהן, וואו ער האלט מיט איהר... אויב ניט, וועט ער איינגאָנצען אויפהערען מיט איהר זיך „באַדערען“.

אין א פריהמאָרגען האָט ער אָנגעקלאַפּט אין איהר טיר און אריין צו איהר אין הויז.

מיסעס פישער איז געווען שטארק איבערראשט, דערזעהענדיג פלוצלינג וואקסמאַנ'ען ביי זיך אין הויז. ס'איז געווען פאר איהר גאָר אַן אומגעריכטער כבוד. נאָר פונדעסטוועגען האָט זי געכאַפּט פארשטעהן, וואָס זיין וויזיט צו איהר זאָל באדייטען... די גאַס האָט איהר עפּעס געלערענט. מעהר פעהלט איהר שוין ניט!... איז די אָנטקעגענדיגע טיר געווען פארמאכט, אז ער האָט צו איהר אָנגעקלאַפּט?... האָט מען געהערט זיין קלאַפּען?... האָט מען געזעהן ווי ער איז צו איהר אריינגעקומען?...

זי האָט איהם געבעטען זיצען.

ער האָט אוועקגעשטעלט זיין שטעקען אין א ווינקעל און זיך אוועקגעזעצט. ער האָט דערצעהלט א געשיכטע, אז ער האָט דאָ געדאַרפט עפּעס אין דעם געגענד, א פּאָר בלאָק אוועק פון דאַנען, האָט ער זיך דערמאָנט, אז זי וואוינט דאָ דערביי, איז ער אריינגעקומען. זיי קענען פאָהרען צוזאמען אין ניו יאָרק.

זי האָט געהאלטען אין ווישען א פענסטער. דער טאָג איז געווען א ווארעמער; זי איז געווען אָנגעטאָן אין א היימישע דינע קליידעל און איהרע האר איז געווען צולאָזען. זי האָט זיך אביסעלע פארשעהמט. זי האָט אויפגעהערט ארבייטען. וואָס צו ריידען מיט איהם האָט זי ניט געהאַט. איז זי געזעסען אָנטקעגען איהם מיט פארפלאָכטענע הענט אויפ'ן ברוסט. נאָר ער האָט גענומען ריידען וועגען איהר מיידעל, וואָס דאַרף באלד נעהמען ארבייטען ביי

איהם. ווי לאנג ס׳וועט נאך נעהמען ביז די סקול וועט זיך צומאכען. דערנאך האט ער אנגעהויבען מיט קאמפלימענטען: אין הויז ביי איהר זעהט זי אוים גאר אנדערש ווי אויפ׳ן גאס, גארניט דיזעל-ביגע, א סך שעהנער; און זי זעהט אוים פיעל אינגער. ער האט גענומען געהן נאכ׳ן שכל נאך. א מאן מיט א פרוי אליין אין א הויז... אזא לאנגע צייט שוין האט זי ניט געלעבט מיט א מאן... אפשר מיינט זי גאר, אז ער איז אזא מענש, וואס וויל ניט האבען צו טאן מיט פרויען?... און אויב זי זאל אפילו האבען חשק צו איהם, וועט זי זיך אויך שעהמען ארויסצואווייזען... זי וועט שוויי-גען... צו איהם וועט זי ניט צוקומען... ער וועט איר אביסעל דער-ווארעמען, צורייצען דעם יצר הרע... מורא האט ער ניט פאר איהר. ער פארשטעהט, אז זי איז ניט אזא, וואס וועט מאכען א געוואלד... און שטארק שעהמען זיך פאר איהר דארף ער אויך ניט. ווער איז זי דאס אזוינס?... ניט, איז ניט. וועט ער מיט איהר מעהר ניט האבען צו טאן.

ער האט זיך אויפגעשטעלט.

זי האט זיך אין איהר הארצען דערפרעהט. ער געהט אוועק. וועט זי קענען אפטאן איהר ארבייט און אראפלויפען איינקויפען, אנגרייטען פאר די קינדער.

— ווען פאהרט איהר אין ניו יארק? — האט ער איהר גע־פרעגט, צוקומענדיג נאהענט צו איהר — אויב איהר פאהרט באלד, וועל איך אויף אייך ווארטען.

— כ׳דארף נאך טאן אביסעל ארבייט און אראפגעהן איינקוי-פען.

— אזוי לאנג קען איך ניט ווארטען. כ׳דארף זיין אין שאפ.

ער האט ארויפגעלייגט א האנט אויף איהר פלייצע, א גלעט געטאן איהר אונטער׳ן מארדע.

זי האט זיך דערשראקען און פארשעהמט. זי האט זיך אויפגע-שטעלט און אוועק פון איהם.

— איהר אנטלויפט גאר פון מיר? — האט ער געשמייכעלט און ס׳האבען זיך ארויסגעזעהן זיינע גרויסע ציין מיט די גרויסע

בלאַסע יאַסלעס, און ער איז צו איהר צוגעקומען. אפשר איז דאָס ביי איהר אזא אָנשטעל... ס'פּאַסט אזוי באַנעהמען זיך דעם ער-שטען מאָל... ער האָט איהר א נעם געטאָן אין זיינע ביידע אָרעמס, צוגעדריקט איהר צו זיך און געכאַפּט קושען איהר מויל... א האַנט זיינע איז פאַרקראָכען אויף איהרע נאַקעטע בריסט... זי האָט זיך ניט געקענט ווערן, ווייל ער האָט איהר פעסט געהאַלטען... איהר האָט זיך אָבער איינגעגעבען אוועקצודרעהען פון איהם איהר קאָפּ מיט'ן מויל... און אז איהר מויל איז שוין געווען פריי, האָט זי גענומען שרייען מיט אַן איינגעהאַלטענעם קול — מ'זאָל ניט דער-הערען אויף יענער זייט טיר — „לאָזט מיך אָפּ! אוועק פון מיר! איכ'ל נעהמען שרייען געוואַלד!"

ער האָט זיך דערשראָקען און איהר אָפּגעלאָזען.

זי האָט געוויינט. דעם ערשטען מאָל אין איהר לעבען טרעפט איהר אזא מיאוס'ע זאַך... אויפ'ן גאַס הערט זי זיך אָן אַלערליי רייד מיט אַלערליי אָנצוהערענישען... און איצט ביי איהר אין הויז... און ס'האָט איהר אָפּגעעקעלט פון זיין מיאוס'ע מויל מיט זיינע קושען, מיט די האָר פון זיין בערדעל, דערזעלביגער אויס-זעהן און קאָליר וואָס חזיר'שע האָר... אזא מיאוס'ען מאַנסביל, האָט זי אַלעמאָל געטראַכט, האָט זי נאָך קיינמאָל ניט געזעהן...

וואַקסמאַן איז געשטאַנען ווי אַן „אָפּגעשמיסענער", און ער האָט אויך רחמנות געהאַט אויף איהר... אז ער וואָלט געוואוסט, אַז זי איז אזאַ... ער האָט אָנגעטאָן די העט, געזוכט מיט די אויגען דעם שטעקען.

— איהר זייט גאָר א קינד — האָט ער געפּרואווט רעדען צו איהר ווייך — וואָס דאַרפט איהר וויינען? כ'האָב געמיינט, אַז איהר גלייכט מיר.

— געהט אַרויס פון מיין הויז! — האָט זי איהם געזאָגט דורך איהר וויינען.

און ער האָט א נעם געטאָן זיין שטעקען און אַרויסגעגאַנגען.

זי האָט נאָך א ווייליגקע געוויינט. דערנאָך האָט זי דערפּיהלט, אַז ביי איהר שטעכט און ברענט דער פּנים — פון זיין אָנפאַל

אויף איהר מיט די שטעכעדיגע האָר פון זיין געשוירענע בערדעל. פריהער, אין איהר שרעק און אויפרעגונג, האָט זי דאָס ניט גע-פיהלט. ס'איז שוין באַלד צייט פאַר איהר צו פאָהרען אין ניו יאָרק. זי מוז נאָך אראָפּלויפען איינקויפען און אָנגרייטען פאַר די קינדער. זי האָט ארומגעוואַשען איהר געזיכט, די פאַרוויינטע אויגען, געברואַכט אין אָרדנונג איהרע האָר, און ארויס פון הויז. זי האָט זיך ארומגעקוקט. אַלע טירען זיינען צוגעמאַכט... קיינער קומט ניט ארויס פרעגען... ס'איז גרינגער געוואָרען אויפ'ן הארצען...

פאַר'ן ארויסגעהן פון הויז צו פאָהרען אין ניו יאָרק, איז איהר ארויפגעקומען אויפ'ן זינען דער רעגען-מאַנטעל, וואָס וואַקסמאַן האָט איהר געגעבען. זי האָט אָן עפּעס געטאָן דער קליידער-אַלמער, ארויסגענומען דעם מאַנטעל און איהם צופּליקט אויף שטיקער. ס'האָט זיך גרינג געריסען, צוקראָכען אונטער די הענט. די צורי-סענע שטיקער האָט זי אריינגעוואָרפען אין די מ סט.

מעהר פון אַלץ האָט איהר געקרענקט וואָס זיין האַנט האָט באַריהרט איהר נאַקעטע לייב... אין איהר גאַנצען לעבען האָט אַ פרעמדער מאַן ניט אָנגעריהרט איהר נאַקעטע לייב... איצט האָט זי זיך געפיהלט אַ פאַרשוועכטע... ער האָט איהר אָפּגעטאָן עפּעס וואָס זי קען צוריק ניט כאַפּען...

איהר עלטערע מיידעל האָט שוין ניט געקראָגען דעם דזשאָב אין וואַקסמאַנ'ס שאָפּ. און וואַקסמאַן האָט זי מעהר ניט אָנגע-קוקט. ער איז מעהר צו איהר ניט צוגעקומען. ביידע האָבען גע-שוויגען, שאַ, שטיל, ווי גאָר קיין זאַך ניט געווען. ווי זיי האָבען זיך קיינמאָל ניט געקענט. וואַקסמאַן האָט קיין מורא ניט געהאַט, אַז זי וועט איהם מאַכען אַ שלעכטען נאָמען. האָבען זיי זיך אַמאָל געטראָפען אויף ברוקלין בריק, צי אויף פולטאָן סטריט טריין, האָט ער געפּרואווט אַ שמייכעל טאָן צו איהר, מיט די נאַרישע ציינדלעך און בלאַסע, גרויסע יאַסלעס — טאָמער וועט זי זיך לאָזען איבער-בעטען. נאָר זי האָט אַלע מאָל אָוועקגעקעהרט פון איהם איהר קאָפּ און אוועק אָן אַ זייט.

און בשעת ס'איז נאָך פריש געווען די פּאַסירונג מיט וואַקס-

מאנ'ען, האט פאסירט נאך עפעס, וואס האט איהר א סך געזונט געקאסט, פון וואס זי האט זיך איהר הארץ אויסגעגעסען.

אין דער נייער געביידע איז געווען א שאפ פון „ווייער פריימס" פאר פרויען־העטס. האט דארט געארבייט איינער א יאלדעוואטער בחור. מ'האט מיט איהם געמאכט אלערליי שפאסען, און וואס מ'האט איהם דערצעהלט, האט ער געגלויבט. האט איהם איינער שטילערהייט פארטרויט, אז די וויבעל, וואס שטעהט אונטען ביים סאלון מיט די צייטונגען, איז א „גוטע", „מ'קען ביי איהר קריגען". נאר קיינער טאר דערפון ניט וויסען. ביים בילדינג טאר מען מיט איהר פון קיין זאך ניט ריידען. אין אווענד, אז זי ווערט פארטיג מיט די צייטונגען און געהט אהיים, געהט מען צו איהר אונטער און ס'איז „אל רייט". זי נעהמט א טאלער מיט פינף און זיבעציג סענט — א טאלער פאר זיך און פינף און זיבעציג סענט פאר די רום — אויף יענער זייט ברוקלין בריק, אין א האטעל. אין דער היים ביי זיך קען זי ניט, ווייל די קינדער זיינען אין הויז. דער חברה־מאן האט דעם יאלד געגעבען פינקטליכע אינפארמאציע: פרייטאג ביינאכט און שבת ביינאכט געהט זי ניט, פאר קיין געלט ניט. ס'מוז זיין אין אן אווענד אין מיטען וואך. ער זאל איהר ניט זאגען, אז ער ארבייט אין בילדינג, ווייל זי וויל ניט האבען צו טאן מיט קיינעם פון בילדינג — מ'זאל זיך ווענען איהר ניט דערוויסען. ער זאל אונטערגעהן צו איהר אויף ברוקלין בריק און א זאג טאן: „העללאו, איהר ווילט געהן מיט מיר?" און איהר ד'ערלאנגען א טאלער פינף און זיבעציג. זי וועט זיך מאכען, אז זי וויים פון קיין זאך ניט, זי וועט זיך „קווייגקלען". זאל ער איהר זאגען: „דזשייק דער רומעגישער האט מיר געשיקט", וועט זי שוין וויסען, אז אלץ איז אלרייט און זי וועט מיט איהם געהן.

דער יאלד האט געגלויבט, און אויף מארגען פארנאכט האט ער איהר אפגעווארט ווען זי איז געגאנגען צום בריק און ער איז איהר נאכגעגאנגען. אויף די פלאטפארם צו די טריינס איז ער צו איהר צוגעקומען.

— האללא, כ'וויל אייך עפעס זאגען. איהר ווילט געהן מיט מיר אין רום? — און ער האט אויסגעשטרעקט צו איהר א האנט מיט געלט, א פאפירענעם דאלאר מיט קליינגעלט.

זי איז געבליבען שטעהן און איהם אנגעקוקט מיט אויפגעריסענע אויגען.

— ווער זייט איהר? וואס ווילט איהר?

— ס'איז אלרייט — זאגט דער יאלד — נעהמט די געלט און קומט מיט מיר אין רום. דזשייק דער רומענישער האט מיר געשיקט.

די פיס האבען זיך ביי איהר אונטערגעהאקט. זי האט דעם אטעם ניט געקענט דערכאפען. „וואקסמאן" איז דורכגעלאפען דורך איהר גערדאנק. זי האט געוואלט אויף גיך אוועקגעהן פונ'ם ארט... איהר האט זיך אבער אויך געוואלט מעהר וויסען.

— ווער האט אייך אויף מיר געזאגט? וואסער דזשייק? ווער איז ער?

— איהר דארפט פאר מיר קיין מורא ניט האבען. דזשייק דער רומענישער. איהר קענט געהן מיט מיר.

אויף די פלאטפארמעס האבען זיך מענשען געשטופט און געשטויסען, און מ'האט געקוקט צו זיי. מ'האט געזעהן, אז זי איז אויפגערעגט, זי שרייט. זי איז זיכער געווען, אז דאס שטאמט פון וואקסמאנ'ען... זי וועט זיך מיט איהם אפרעכענען... זי וועט שוין זעהן וואס זי וועט טאן... זי איז אוועק מיט'ן יאלד אביסעל אן א זייט.

— וואס האט ער אויף מיר געזאגט? ווער איז ער?

זי האט געוואלט הערען פון איהם דעםווארט „וואקסמאן". ער האט אבער אלץ געזאגט, אז דזשייק דער רומענישער האט איהם געשיקט. מעהר האט זי פון איהם ניט געקענט ארויסקריגען. דער יאלד האט שוין פארשטאנען, אז דא וועט גארנישט זיין, און ער האט אויך געזעהן, אז זי איז שטארק אין כעס, האט ער זיך געשראקען און איהם האט זיך זעהר געוואלט, אז זי זאל שוין זיין אוועק פון איהם און ער פון איהר.

אַ פּולטאָן סטריט טריין איז צוגעקומען. זי האָט מעהר ניט געוואָלט וואַרטען. ס'קען גדויערען אַ לאַנגע צייט ביז די נעקסטע טריין וועט קומען. זי איז אַריין אין טריין, און געהיט, אויב ער געהט איהר נאָך.

דער חברה-מאַן, וואָס האָט דעם יאָלד אָפּגענאַרט, האָט איהם די גאַנצע צייט נאָכגעשפּירט. ער האָט געהאַפּט, אַז דער יאָלד וועט כאַפּען אין באַק אריין. ער איז געווען ענטטוישט.

— נו, ווי האָסטו עפּעס אויסגעמאַכט? — האָט ער געלאַכט, ווען מיסעס פּישער איז שוין געווען אַוועקגעפאָהרען.

דער יאָלד האָט שוין פאַרשטאַנען, אַז מ'האָט איהם אָפּגע-נאַרט. ער איז געוואוינט געווען צו אַזעלכע זאַכען.

אין טריין איז מיסעס פּישער געזעסען מיט אַן אַראָפּגעלאָ-זענעם קאָפּ און אַ האַרץ פול מיט יסורים און שרעק... מ'האָט איהר געררופען אין אַ רום און אָנגעבאָטען געלט... דער גרעסטער אומגליק קען אויף איהר קומען... אויף איהר מיט די קינדער... וואַקסמאַן... קיין אַנדערער ווי ער איז אין דעם ניט שולדיג... מיט וועמען האָט זי געררעדט און מיט וועמען האָט זי ווען געהאַט צו טאָן?... ער האָט זיך אָנגעזעצט אויף איהר לעבען און ער וויל אומגליקליך מאַכען איהר מיט די קינדער... מ'וועט זיך דערוויסען און מ'וועט אויף איהר ריידען.. און וואָס קען זי וואַקסמאַנ'ען טאָן?... זי קען איהם גאַרנישט טאָן... און זי האָט וואַקסמאַנ'ען אָנגעוואונשען, ער זאָל געה'הרג'עט ווערען, פאַרברענט ווערען, ער זאָל מאָרגען ניט אויפשטעהן.

ווייטער איז געווען איינער, אַ שעהמעדיגער יונגערמאַנטשיק, אַ פּעטינקער, אַ בלאָנדער, מיט אַ קיילעכדיגען, אויסגעפּילטען גע-זיכט, מיט אַ גאָלדענעם אויבערשטען צאָן אין פראָנט, וואָס האָט איהם צוגעגעבען חן. ער האָט געוואוינט אין ברוקלין, איז איהם אויסגעקומען פאַרבייצוגעהן אַלע טאָג מיסעס פּישער מיט איהרע צייטונגען. אַזאַ שעהנינקע, חנ'עוודיגע ווייבעלע האָט ער נאָך קיינמאָל אין זיין לעבען ניט געזעהן — האָט ער געמיינט. צוגעהן נאָהענט צו איהר איז די גרינגסטע זאַך אין דער וועלט. ער האָט

אויפגעהערט קויפען זיין „דזשווירנאל" וואו ער האָט פריהער גע־קויפט און געקויפט ביי איהר. איהם ווילט זיך באַקענען מיט איהר, אויסריידען אַ וואָרט, נאָר ער שעהמט זיך. ער קען ניט; ס'איז ניט אין זיין נאַטור אָנקניפּען באַקאַנטשאַפט מיט פרעמדע פרויען. אָבער צוקומענדיג צו איהר אַלע טאָג, האָט ער מיט דער צייט שוין געזאָגט צו איהר „האַללאָו", און אפילו „ווי געהט די ביזנעס?" זי האָט איהם געענטפערט אַ וואָרט, צי צוויי. ס'איז כמעט ביי זיי אַלעמען געגאַנגען אויף איין גאַנג. אין די ערשטע צייטען פלעגט מען אָוועקלייגען די פּעני און אָוועקגעהן. דערנאָך האָט מען גענומען זאָגען „האַללאָו" — מ'קען זיך שוין, און דערנאָך נעהמען צו איהר ריידען. דעם שעהמענדיגען יונגענמאַנטשיק ווילט זיך, נעבעך, ריידען מיט איהר, נעהנטער באַקענען זיך. אָבער אויפ'ן גאַס, ביי די צייטונגען, קען מען זיך ניט אריינלאָזען אין געשפּרעכען. אַלע ווייַלע קומט אימיצער צו... אַז ער וואָלט זיך געקענט ערגעץ טרעפען מיט איהר... אָבער וואו? ווי אַזוי? ער שעהמט זיך גאָר ארויסצוריידען פאַר איהר אַזעלכע רייד... דערווייל האָט ער אויסגעפונען, ווען זי ווערט פאַרטיג מיט איהרע צייטונגען און ער האָט זיך דערוואוסט, אַז זי וואוינט אין איסט ניו יאָרק. האָט ער איהר עטליכע מאָל, ווען זי איז געפאָהרען אהיים, און כלומר'שט „פלוצלינג", געטראָפען זיך מיט איהר אויף די פּלאַט־פאָרמעס, צי אין טריין. ער האָט גאָר געדאַרפט פאָהרען מיט אַן אַנדער טריין. ער האָט אָבער אויפגעלייגט צייט און וועג און גע־פאָהרען מיט איהר, און דערווייל גערעדט, מעהר באַקענט געוואָרען. ער האָט זיך שטאַרק געהיט מיט זיינע רייד; געפרעגט איהר ווע־גען איהרע פאַרדיענסטען, אויב זי מאַכט אַ לעבען... אויף אַנדערע רייד פעהלט איהם אוים מוט, חוצפּה... מיסעס פישער האָט זיך גיך געכאַפּט, אַז צו־אָפט טרעפט ער זיך מיט איהר, און זי האָט פאַרשטאַנען... זי קען איהם אָבער ניט אָוועקטרייבען. ער רעדט צו איהר ניט גראָב, און זי זעהט אויף איהם, אַז ער איז איידעלער מענשעל. ס'איז איהר גאָר אָנגענעהם מיט איהם צו ריידען... מי־סעס פישער איז דאָך געווען אַ יונגע פרוי, מיט אַ האַרץ, מיט

בלוט — ווילט זיך אַמאָל פאַרברענגען, ריידען אַ ווײַלע מיט אַ מענשען... און דער דאָזיגער יונגער מאַן איז געווען דער ערשטער אין איהר אַלמנה׳שאַפט, וואָס האָט געהאַט אַביסעל איהר „סימ־פּאַטיע“... ער געהט איהר נאָך, פאָהרט איהר נאָך... האָט זי הנאה...

ער האַלט זיך איידעל און שעהמעדיג, און פרעגט זיך נאָך אויף איהר לעבען. דערווייל געפינט ער אויס, ווען זי געהט אַוועק פון איהר הויז צו די צייטונגען, אויב זי געהט אַמאָל, אויב זי פאָהרט ערגעץ... זי ענטפערט איהם ווי ס׳פּאַסט איהר, און זי איז ניט בייז אויף איהם פאַר די דאָזיגע פראַגען און פאַר דעם געדאַנק, וואָס ליגט הינטער די פראַגען... און זי איז גאָר צופריע־דען מיט דעם וואָס ער פאָהרט איהר נאָך... אין אַנדערע אָוונ־דען האָט זי אויפ׳ן בריק, ביים טריין, אין טריין ארומגעקוקט זיך, צי ער איז דאָ... און זי איז געווען אַביסעלע ענטטוישט, אַז ער האָט זיך ניט באַוויזען...

ביז ס׳איז געקומען די צייט, אַז דער שעהמעדיגער יונגער־מאַן האָט ביי זיך אָפּגעמאַכט צו ריידען מיט איהר עפּעס אָפענע רייד, זאָגען איהר, אַז ער האָט איהר ליעב. ער האָט איהר „פּלוצ־לינג“ געטראָפען אויף פולטאָן סטריט ליין און געפאָהרען מיט איהר נאָך איסט ניו יאָרק. און היינט, אַז ער האָט געדאַרפט ריי־דען מיט איהר „אָפענע רייד“, האָט איהם אינגאַנצען אויסגע־פעהלט לשון, און ער האָט גערעדט וועניגער ווי אַלעמאָל... גע־שעהמט און זיך געשראָקען... די טריין פאָהרט דערווייל נאָך איסט ניו יאָרק. ער איז שוין פאַרבייגעפאָהרען דעם סטיישאָן, וואו ער פלעגט אַלעמאָל אַראָפּגעהן. זי דערמאָנט איהם וועגען דעם. זאָגט ער איהר, אַז ער דאַרף היינט פאָהרען ווייטער אַרויף... ער האָט עפּעס צו „אַטענדען“. ער איז ניט צופרידען מיט זיין שעהמעדיג־קייט, מיט זיין שרעקען זיך... רעדט ער זיך איין, אַז ער זאָגט איהר גאָרנישט, ווייל די טריין איז פול מיט מענשען... אַז עס וואָלטען ניט געווען קיין מענשען אין טריין...

די טריין איז אָנגעקומען אויף איהר סטיישאָן. זי האָט זיך אויפגעשטעלט, געזאָגט איהם „גוד נייט“ און אַרויס.

ער איז איהר נאָכגעגאַנגען.

זי האָט זיך אויף עפּעס געריכט. אין איהר הארצען איז גע־ווען באהאַלטען א שטילע צופרידענקייט...

זי געהט צו די טרעפּ... ס'ווערט צו־שפּעט. ער נעמט ריידען:

— כ'וויל אייך עפּעס זאָגען... וואַרט א ווײַלע.

זי איז געבליבען שטעהן.

— קומט צו אויף יענער זייט.

ער איז מיט איהר צוגעקומען צום אַנדער ברעג פּלאַטפאָרם, וואו קיין מענשען האָבען ניט געזאָלט צוקומען.

— כ'האָב אייך געוואָלט זאָגען... — זיין פּנים האָט זיך שטארק גערויטעלט — אפשר דארף איך אייך ניט זאָגען... איהר געפעלט מיר... כ'האָב אייך ליעב...

זי האָט געשוויגען. עפּעס אזא מאָדנער, שעהמעדיגער... ס'קען נאָך אמאָל עפּעס ארויסקומען... זי וואָלט מיט איהם צופריעדען געווען...

זיין קול איז געווען ווייך און זיינע אויגען זיינען אויך געווען ווייך.

— כ'האָב אייך ליעב... כ'האָב אייך די גאַנצע צייט ניט גע־קענט זאָגען... אויב איהר ווילט מיט מיר געהן, אויספאָהרען...

איהר איז גוט צו הערען נאָך אמאָל, אז ער האָט איהר ליעב... וואַקסמאַן מיט זיין גראָבקייט... מיט זיינע גרויסע, ווייסע יאַס־לעס... אן איידעלער יונגערמאַן דער, א שעהנער... ס'קען אמאָל זיין א תכלית... א געדאַנק, וואָס זי האָט ביז איצט גאָרניט גע־טראַכט, איז ביי איהר ארויפגעקומען:

— איהר האָט דאָך מסתמא א ווייב...

זי האָט „פארשטאַנען", אז ער האָט א ווייב... עפּעס „צו גוט".

דער יונגערמאַנטשיק איז איצט רויט געוואָרען ווי אן אמת'ער בוריק.

— כ'וועל פאר אייך ניט לייקענען — האָט ער געזאָגט און אראָפּגעלאָזט די אויגען.

— כ'טהו ניט אזעלכע זאַכען, כ'בין א מאַמע פון קינדער.

געהט צו אייער פרוי. — זי האָט גערעדט מיט אַ שטילינקען וועהטאָג...

זי האָט זיך אװעקגעקעהרט פון איהם און אַוועק צו די טרעפּ.

דער יונגערמאַנטשיק איז געשטאַנען מיט אַן איינגעפאַלענע האַרץ. ער האָט איהר נאָכגעקוקט ביז זי איז צוגעקומען צו די טרעפּ. אָבער גוט וואָס זי אַוועקגעגאַנגען: ער וואָלט זיך געשעהמט איצט צו שטעהן לעבען איהר...

אויף איהר שטיקעל וועג צו איהר הויז און דעם גאַנצען אָװענד איז ביי מיסעם פישער שטאַרק אומעטיג געוועזן אויפ׳ן האַרצען... אפשר האָט זי ניט געדאַרפט אַזוי ענטפערען איהם... אָבער וואָס וואָלט שוין געוועזן? וואָס וואָלט אַרויסגעקומען?... דער שטילינקער וועהטאָג אין האַרצען לאָזט ניט אָפּ...

אויף מאָרגען האָט מיסעס פישער געוואַרט, ער זאָל צוקומען קויפען זיין „דזשוירנאַל“. ער איז אָבער ניט צוגעקומען. ער האָט זיך מעהר ניט געוויזען. זי זוכט איהם פאַרנאַכט אויף ברוקלין ברידזש... זי וואַרט אין פולטאָן סטריט טריין. ער איז ניטאָ. צו וואָס זוכט זי איהם? אויף וואָס דאַרף זי איהם? וואָס וועט שוין זיין, אַז זי וועט זיך מיט איהם טרעפען? זי ווייס, זי איז זיכער, אַז ס׳וועט גאָרנישט זיין, ס׳וועט דערפון גאָרנישט אַרויסקומען.

זי האָט איהם שוין מעהר קיינמאָל נישט געזעהן און זי האָט אָן איהם פאַרגעסען.

עס זיינען געוועזן נאָך און נאָך מענער, גראָבע־יונגען, און אביסעל איידעלערע, וואָס האָבען איהר באַליידיגט און געקרענקט מיט זייערע רייד און אָנצוהערענישען; אָנגעבאָטען איהר געלט און פרעזענטען, אויב זי וועט זיין „גוט“ צו זיי. זי האָט געפיהלט ווי דערלאַנגען יענעם אין באַק אַריין, צו אָנשפּייען איהם אין פּנים. זי האָט אָבער געמוזט שווייגען, פאַרבייסען די ציינער, צוזאַמענשליסען די ליפּען און שווייגען.

איינע פון די ערגסטע ערפאַהרונגען, וואָס מיסעס פישער האָט דורכגעמאַכט, אָנגעהערט זיך מיאוס׳ע רייד און באַליידיגונגען, איז געוועזן פון איינעם אַ מיסטער גראָס. און דעם מאָל איז שוין וואַקס־

מאַן שולדיג געווען, ווייל דורך איהם האָט זיך גראָס דערוואוסט, אז ס'איז פאַראַן ערגעץ אַ מיסעס פישער. זי האָט דאָ ניט געקענט פאַרדעכטיגען וואַקסמאַנ'ען, ווייל ער איז שוין לאַנג געווען אַרויס פון איהר זינען. ער איז שוין גאָר אין בילדינג ניט געווען. זיין שאַפּ האָט אָפּגעברענט און האָט זיך שוין צוריק ניט געעפענט.

וואַקסמאַן האָט באַלאַנגט צו אַ געוויסער סאָסייעטי אין איסט ניו יאָרק און ער האָט זיך דאָרט באַקענט מיט גראָס'ן און זיי זיינען געוואָרען גוטע ברידער. זיי האָבען זיך דערצעהלט זייערע סודות וועגען פרויען. גראָס איז געווען שוין ניט קיין יונגער, אין די ווייטע פערציגער און ער האָט געהאַט אַ פאַרהייראַטע טאָכ-טער. ער האָט געפיהרט אַ באַליבאַטישע הויז, געלעבט גאַנץ גוט מיט זיין פרוי. נאָר שטענדיג האָט ער געהאַט ערגעץ אַ באַהאַל-טענע נקבה, צי צוויי. ער איז געווען אַ מאַנופעקטשורער פון „טעדי בערס" און אַנדערע געשטאָפּטע חיה'לעך און מענשעלעך, שפּיעל-צייג פאַר קינדער. אַ דיקער, טונקעלער מאַן, מיט אַ דאָפּעלטע מאָרדע, גלאַט ראַזירט, אָהן אַ האַלז און מיט אַ נאָז ווי אַ גרויסע, לענגליכע בולבע.

וואַקסמאַן האָט איהם דערצעהלט פון זיין ערפאַהרונג מיט מיסעס פישער. גראָס האָט פון איהם געלאַכט, אז ער, וואַקסמאַן, איז ניט קיין בריה, ער טויג ניט, ער ווייס ניט ווי אָנצוגעהן. ער האָט ניט גוט געטאָן, ניט גוט אָנגעהויבען.

— איהר האָט איהר געזאָגט, וואָס זי קען ביי אייך האָבען סטעדי אַלע וואָך? — האָט גראָס געפרעגט וואַקסמאַנ'ען.

— כ'האָב איהר ניט געזאָגט. אַלע וואָך גאָר? צאָהלען איהר ווייִדזשעס?

— אז מ'וויל קריגען אַן אָנשטענדיגע פרוי, מוז מען אויף איהר ספּענדען געלט — האָט איהם גראָס ערקלערט. — קיין אַגרימענט מאַכט מען דאָך ניט מיט איהר. אז מ'וויל איהר מעהר ניט, הערט מען אויף. אז זי קען פון אייך קיין זאַך ניט האָבען, וואָס-זשע דאַרף זי אייך? מיט געלט קען מען קריגען.

וואַקסמאַן איז ניט געווען אינגאַנצען איבערצייגט, אז מ'קען

מיט געלט קריגען אַלע אָנשטענדיגע פרויען. ער האָט שטאַרק פאַר־ליובט מיסעס פישער, אַז זי איז אַ שעהנע, זעהר אַ חנ'עוודיגע, אַן עהרליכע, אַן אמת'ע צנועה. ער איז זיכער געווען, אַז איהר קען מען פאַר קיין געלט ניט קריגען.

גראָס האָט זיך פון איהם אויסגעלאַכט; דערצעהלט איהם עטליכע מעשות, וואָס מיט איהם אַליין האָט געטראָפען, און ער האָט אויסגעפיהרט, וואָס ער האָט געוואָלט. דעם „שווערסטען דזשאַב" האָט ער געהאַט מיט אַ באַרבער'ס ווייבעל אויף קאָרנער גלענמאָר עוועניו — ס'איז שוין עטליכע יאָהר אין דעם — ס'איז ביי זיי געווען אינגאַנצען עטליכע מאָנאַטען נאָך דער חתונה. געוואוינט האָט דער באַרבער עטליכע בלאָק פון זיין שאַפּ; און די הייזקע, וואו ער האָט געוואוינט, איז געווען זיינע, גראָס'עס. האָט ער זיך מיט איהר באַקענט און ער פלעגט אַרויפקומען אָפט מיט תירוצים — ער דאַרף באַקוקען די רומס, דעם דאַך, אפשר דאַרף מען עפּעס פיקסען. אין אָנהויב איז זי איהם גאָרניט אַזוי שטאַרק געפעלען געווען — אַ ווייבעל. האָט ער איהר אַמאָל אַ ריהר געטאָן, אַ גלעט געטאָן, האָט זי זיך ניט געלאָזען — ריהר מיר ניט אָן! איז שוין אַריין ביי איהם אין עקשנות — ער מוז איהר קריגען. האָט ער איהר געגעבען איין גוטען פּרעזענט און נאָך איינעם, אַ פּאָר דאָלאַר קעש. דער באַרבער אַזי געווען אַ קאַרגער חזיר. ער האָט איהר געזשאַלעוועט אַ סענט, און זי פלעגט מוזען פאַר אַ פולען באַרבער־שאַפּ מענשען אויסוויינען ביי איהם אַ קוואָרטער, אַז זי האָט געמוזט האָבען. ער, גראָס, איז אַמאָל אַליין געזעסען אין באַרבער־שאַפּ, ווען זי איז אַריינגעקומען בעטען געלט, און דער באַרבער האָט איהר פאַר אַלעמען אין די אויגען ניט געגעבען און איהר אַרויסגעטריבען. האָט ער איהר געגעבען איין פּרעזענט און נאָך אַ פּרעזענט און אַ פּאָר דאָלאַר קעש; און אַזוי האָט ער איהר געקראָגען. דערנאָך האָט ער איהר אַליין „אויפגעגעבען". זי איז איהם מיאוס געוואָרען, און דערצו נאָך האָט זי אַמאָל אַרויסגעהוסט אַ שטיק בלוט. ער האָט שפּעטער טאַקע געהערט אַז זי איז גע־שטאָרבען פון שווינדזוכט.

וואקסמאן האָט גאָר אויפמערקזאַם אויסגעהערט די אינטע־רעסאַנטע געשיכטע מיט'ן בארבער'ס ווייבעל, איבערגעריסען גראָס'עס דערצעהלען מיט פראַגען וועגען געוויסע איינצעלהייטען — ווי אַזוי עס איז צוגעגאַנגען, ווי ער פלעגט מיט איהר פאַר־ברענגען. און צום סוף איז וואקסמאַן אַלץ געבליבען ביי זיינס: מיסעס פישער וועט ער ניט קענען „קריגען" — ניט מיט פרע־זענטען און ניט מיט געלט.

— זי פאַרקויפט פייפערס, זאָגט איהר, זי האָט עטליכע קינדער צו סופּאָרטען און זי איז אַן אַלמנה.

— יאָ.

— וועט איהר שוין זעהן. וואו קען איך איהר זעהן און זיך מיט איהר באַקענען? איהר ווילט מיר באַקענען מיט איהר?

וואקסמאַן האָט איהם ערקלעהרט, אַז באַקענען איהם מיט איהר קען ער ניט. זי רעדט ניט מיט איהם. גראָס האָט געזאָגט, אַז דאָס איז גאָר ניט נויטיג. ער וועט זיך אַליין באַקענען מיט איהר. זאָל איהם נאָר וואקסמאַן אָנווייזען, וואו זי געפינט זיך, און ווי אַזוי ער קען איהר זעהן, אַז קיינער זאָל ניט זיין דערביי. פאַר איהם וועט שוין דאָס זיין געגוג. ער וועט שוין וויסען וואָס ער האָט צו טאָן. נאָר פריהער מוז ער איהר באַקוקען. אפשר וועט זי איהם גאָרנישט געפעלען זיין, איז פאַרשפּאָרט די גאַנצע טרחה. וואקסמאַן האָט אָנגעגעבען דעם פּלאַץ, וואו זי שטעהט מיט די צייטונגען, און אויך די צייט, ווען זי פאָהרט אהיים, און אויף וועלכען סטיישאָן זי געהט אראָפּ.

אין אַ פּאָר טעג ארום, פאַרנאַכט, האָט איהר גראָס גוט באַ־קוקט; פאַרבייגעגאַנגען אַ פּאָר מאָל הין און צוריק און איהר דורכגענומען מיט די אויגען.

זי איז איהם געפעלען געוואָרען. טאַקע ווי וואקסמאַן האָט געזאָגט: אַ שעהנע, אַ חנ'עוודיגע, אַ יונגע ווייבעלע. און גראָס האָט פיינט געהאַט צו וואַרטען, אַז ער האָט געדאַרפט עפּעס טאָן, און בפרט נאָך וואָס אָנגעהערט אַ פרוי — און נאָך אַזאַ שעהנע, יונגע ווייבעל, וואָס ער האָט נאָך מיט איהר קיינמאָל ניט פאַר־

בראַכט. אַרום אַ זייגער האַלב-נאָך-זעקס-זיבען פאָהרט זי אַהיים אין איסט ניו יאָרק. וועט ער ניט אָפּלייגען און טאַקע היינט מיט איהר זיך באַקענען און ריידען. איז ער געפאָהרען מיט איהר נאָך איסט ניו יאָרק אין זעלביגען טריין, די גאַנצע וועג פאַר איהר זיך ניט געוויזען. ווען זי איז אַראָפּ די טרעפּ פון איסטערן פאַרקוויי סטיישאָן, איז ער שוין לעבען איהר געווען און איהר געזאָגט: „גוד איווונינג“.

זי האָט איהם אָנגעקוקט: ווער איז ער? פאַרגעסען ענטפערען איהם אויף זיין „גוד איווונינג“. איהר איז ניט איינגעפאַלען, אַז ער איז איינער פון יענע לייט, וואָס טשעפּען זיך צו איהר — אַלע יענע קומען צו איהר דורך די צייטונגען. איהם קען זי ניט, זי האָט איהם קיינמאָל ניט געזעהן. זעהט אויס אַ רייכער מאַן.

— איהר האָט צייט אַ ווייל? — האָט גראָס געזאָגט, און ער האָט זיך אַוועקגעצויגען אונטער די טרעפּ, וואו מענשען וועלען זיי ניט הערען און זיי ניט איבערשלאָגען, וואו ס'איז שטילער און פינסטערער.

וואָס קען ער איהר דאַרפען?...

גראָס האָט באַלד אָנגעהויבען, אָהן איבעריגע צערעמאָניעס. און ער האָט איהר ניט „געבלאָפט“, געזאָגט איהר דעם אמת. גערעדט האָט ער מיט אַ סיגאַר אין ווינקעל מויל, ס'זאָל אויסזעהן שעהנער און ס'זאָל איהר בעסער נעהמען.

— איהר זייט מיסעס פישער, האַ?

— יאָ, איך הייס מיסעס פישער.

— איך ווייס, אַז איהר פאַרקויפט צייטונגען און איהר סופּאָרטעט עטליכע קינדער און איהר האָט ניט קיין מאַן.

— יאָ... — זי האָט זיך עפּעס פאַרגעשטעלט, אַז ער וויל טאָן טובות, איהר אַליין, צי די קינדער...

— איך בין אַ מאַנופעקטשורער — האָט גראָס גערעדט מיט'ן סיגאַר אין מויל — אַז אַלץ וועט זיין אָלרייט, וועל איך אייך געבען מיין קאַרד, וועט איהר וויסען ווער איך בין.

זי האָט געהאַלטען די אויגען אַראָפּגעלאָזען און זי האָט געזעהן

זיינע לאנגע, גרויסע געלע שיך. זי האט געשוויגען. א מאנופעק-טשורער... אפשר עפעס ווענען ארבייט. איהרע עלטערע מיידעל וועט באלד דארפען אנהויבען ארבייטען.

— איהר קענט זעהן, אז כ׳בין ניט קיין באטשיק, אדער עפעס א לויפער. כ׳האב א פיינע פאמיליע און קיין געלט פעהלט מיר אויך ניט. — ער האט ארויסגענומען פון בוזעם-קעשענע א טשעק-ביכעל איהר צו ווייזען, און ס׳האבען זיך נאכגעשלעפט צוויי געדרוקטע קארטען — טשעקס גיב איך אויך — איהר קענט זעהן. איהר זעהט, דאס איז טיקעטס צו געהן ראש השנה אין שול, קאסט מיך אויך געלט. מ׳איז א באלעבאס. אז ס׳וועט שוין זיין אלרייט, וועט איהר שוין וויסען ווער איך בין.

זי האט נאך אלץ געווארט און געשוויגען און אויף עפעס גע-האפט.

ער האט שטארק געקוקט אויף איהר, ווי זי וואלט דא געשטא-נען פאר איהם אויף עקזאמען.

— איך האב איצט איינע א פרוי, א קריסטליכע, אין גרינ-פאינט. זי קריגט ביי מיר א שעהנע פאר טאלער. איהר מאן פאהרט ארום אויף א שיף, ער איז ניטא אין דער היים. כ׳וועל איהר אויפ-געבען. כ׳האב איהר געטראפען שכור און א פרעמדער מאן איז געוועזן אין הויז מיט איהר. כ׳וויל מיט איהר ניט האבען קיין ביזנעס.

מאדנע רייד... וואס איז דאס פאר רייד!... ווער איז ער!... זי קען איהם דאך גארניט!... זי האט זיך געכאפט עפעס אנ-שטויסען... אבער עפעס ניט קלאר... פון וואנען וויים ער פון איהר?... זי וויל הערען און וויסען. זי קען איהם גארנישט ענט-פערען. ער האט איהר ניט געזאגט וואס ער וויל פון איהר האבען.

גראם רעדט ווייטער, מיט׳ן סיגאר אין ווינקעל מויל, די הענט אין די הויזען-קעשענעס, די פיס מיט די לאנגע, געלע שיך צו-שפרייט:

— איהר׳ט זיך מיט מיר באקענען, וועט איהר זיך ניט אפ-נארען. אלע מאנאט, דעם ערשטען, קריגט איהר ביי מיר פופצעהן

טאָלער, און אַמאָל אַ פּרעזענט אויך, עפּעס עקסטרע געלט, אַז ס'וועט זיך מאַכען איהר וועט זיין פּאַראיינגט.

זי האָט איהם איבערגעשלאָגען די רייד. זי האָט שוין מעהר ניט געדאַרפט הערען. ווי קומט ער צו איהר? פון וואַנען ווייס ער פון איהר?!...

— ווי קומט איהר צו מיר? ווער האָט אייך אויף מיר געזאָגט? איהרע אויגען האָבען זיך אָנגעצונדען און זי האָט געציטערט... זי האָט געוואָלט שרייען, אַרויסשרייען איהר אומגליק און גרויסען וועהטאָג — אַזעלכע רייד רעדט מען צו איהר!... נאָר ס'ווייזען זיך מענשען, מ'געהט אַרויף און אַראָפּ די טרעפּ. זי וואוינט ניט ווייט פון דאַנען, מענשען קענען איהר. זי וויל אַריינפאַלען מיטביידע הענט אין זיין פּנים אַריין, אין זיינע אויגען. נאָר זי מוז זיך האַלטען שטיל. זי קען איהם גאָרנישט טאָן. אָבער זי מוז וויסען, ווער עס האָט אויף איהר גערעדט, ווער עס האָט אויף איהר געזאָגט!... דאָס איז דאָך ניט פון די צייטונגען. לעבען איהר שטוב, לעבען איהר היים, וואו זי געפינט זיך מיט די קינדער... מ'רעדט און מ'זאָגט אויף איהר דאָ, אין איסט ניו יאָרק.

— ווי קומט איהר צו מיר? — האָט זי געזאָגט מיט אַ פולען הארצען און האַלז געוויין — ווער האָט אויף מיר דערצעהלט אַזעלכע זאַכען?!...

גראָס האָט געזעהן, אַז ער האָט היינטיגען מאָל ניט געטראָפען. זיינע פּרעזענטען מיט קעש געלט ווע‏לען איהם גאָרנישט אויפטאָן. איהם האָט זיך אויסגעוויזען, אַז זי האַלט ביי היסטעריקע; זי וועט דאָ אפשר גאָר אָוועקחלש'ען לעבען איהם... וואָלט ער זיך שוין אָפּגעטראָגען. האָט זיך איהם אָבער אויך אויסגעוויזען, ער האָט מורא געהאַט, אַז זי וועט איהם נאָכגעהן, נאָכלויפען. מ'קען איהם דאָ. איז די בעסטע זאַך איהר אביסעל בארוהיגען און דערנאָך אַוועקגעהן. איצט האָט ער שוין דעם סיגאַר ניט געדאַרפט, האָט ער איהם אַרויסגענומען פון ווינקעל מויל.

— איהר דאַרפט ניט זיין אַזוי עקסייטעד — האָט ער איהר

געזאָגט און געפּרואווט זיין מונטער, אַ לאַך טאָן, וואָס זאָל מיי-
נען, אַז ס'איז גאָרנישט מיט גאָרנישט — צום האַרצען דאַרף מען
זיך ניט נעהמען. זיינען מיר אוים מחותנים, דאַרף מען ניט. גע-
טאָן האָב איך דאָך אייך גאָרנישט.

איהר געוויין איז שוין געווען אביסעל אַרויסגעשפּאַרט דורך
איהר מויל, דורך איהרע אויגען, אביסעל איז אַראָפּ צוריק אין
איהר. זי איז געווען רוהיגער, און זי האָט אַלץ געוואָלט וויסען:

— ווי קומט איהר צו מיר? ווער האָט אויף מיר גערעדט?

— קיינער האָט מיר ניט געזאָגט.

— ווי קומט איהר צו מיר?

— כ'האָב אייך געזעהן.

— פון וואַנען ווייסט איהר ווי איך היים?

ער האָט ניט געהאַט אויף דער מינוט וואָס צו ענטפערען.

זי איז נאָך ביי זיך ניט זיכער געווען, צי זי זאָל אָנפאַלען
אויף איהם מיט זידלערייען, אויסרופען איהם אַלערליי נעמען.
ס'איז איהר שווער געווען, ס'איז ניט געווען אין איהר נאַטור צו
זידלען מיט מיאוס'ע נעמען. נאָר ער האָט גאָרנישט געוואַרט.
זעהענדיג, אַז זי איז אביסעל באַרוהיגט, האָט ער אַ זאָג געטאָן
„גוד נייט" און האַסטיג אַוועקגעשפּריזט מיט די לאַנגע געלע
שיך. ער האָט ביי זיך צוגעגעבען, אַז וואַקסמאַן איז געווען גע-
רעכט. ס'זיינען טאַקע פאַראַן אַזעלכע... ס'האָט זיך געקענט אויס-
לאָזען ערגער... אבי ער איז שוין ווייט פון איהר...

מיסעס פישער האָט זיך געלאָזט געהן אהיים, דעם קאָפּ אַראָפּ-
געזונקען, איינגעבויגען אין דרייען. זי איז שוין געווען אַ רעכט
ביסעל פאַרהאַרטעוועט פון דער הפקר'דיגער גאַס, און לעבען די
צייטונגען. דורך די צייטונגען וואָלט זי שוין אַראָפּגעשלונגען אַזעל-
כע רייד אויך... אָבער דאָ, לעבען איהר גאַס, איהר שטוב מיט די
קינדער!... ווי קומט דער מאַן צו איהר?... זי האָט איהם קיינ-
מאָל אין איהרע אויגען ניט אָנגעזעהן... מסתמא האָט ער דאָך
געהערט, מ'האָט אויף איהר אָנגערעדט... שכנים קענען זיך דער-
וויסען... די קינדער קענען דערהערען...

הײנטיגער אָװענד איז געװען דער ערגסטער פאַר איהר זײט זי שטעהט אויפ׳ן גאַס און מענער רײדען צו איהר אַלערלײ רײד.

זי האָט זיך אָנגעהערט געמײנע רײד מיט אָנצוהערענישען פון אַ סך אַנדערע. געװען אַזעלכע, שטענדיגע קאָסטאָמער איהרע, װאָס פלעגען איהר אָפּװאַרטען אויף ברוקלין בריק, װען זי איז געפאָהרען אין אָװענד אַהײם, װי יענער שעהמעדיגער בלאָנדער, פעטיגקער יונגערמאַנטשיק. זײ פלעגען כלומר׳שט אומפארהאָפט, פלוצלינג איהר באַגעגענען, און אַזוי װי מען קען זיך שוין אַביסעל, נעהמט מען רײדען, און מ׳פּרײנטעלט זיך און מ׳װאַרפט אַרײן װערטער און רײד. זי פאַרשטעהט װאָס זײער טרעפען זיך מיט איהר מײנט, און זי װײס, װאָס זײ זוכען מיט זײערע פרײנדליכע רײד... קרענקט דאָס איהר: פאַר װאָס זאָלען זײ מײנען, אַז מ׳קען מיט איהר פאַרפיהרען עסקים!... װי קומען זײ צו טראַכטען װעגען איהר אַזעלכע זאַכען!... און אַנדערע פון זײ, די, װעלכע רײדען שוין צו אָפען, װאָלט זי װעלען אָפּזידלען, דערלאַנגען זײ אפילו מיט איהרע הענט, נאָר זי מוז זיך באַנוגענען מיט׳ן פאַרבײסען פעסט מיט די צײן, פאַרשליסען די ליפּען און שװײגען. זי געפינט זיך אין טרײן, צװישען פרעמדע מענשען...

III

אַזױ האָט זיך געצױגען איהר לעבען. זי איז אַלע טאָג אויפגעשטאַנען גאַנץ פריה און געטאָן איהר הויז-אַרבײט, צוגעגרײט די קינדער פאַר׳ן סקול; אַ גאַנצען טאָג בײ די צײטונגען; אין אָװענד האָט זי װידער געמײנע אַרבײט אין הויז. שטענדיג פאַרטאָן און פאַרזאָרגט. זי װײס אָבער, אַז זי מאַכט אַ לעבען פאַר איהרע קינדער. און זי האָט פון זײ נחת. גוטע קינדער איהרע. זײ פאָלגען איהר, זײ פאַרשטעהען זײער לאַגע. טרערען שטעלען זיך איהר אין די אויגען, װען זי טראַכט װי גוט איהרע קינדער זײנען. זי װײס ניט װאָס דאָס איז אַזױנס אָנשלאָגען אַמאָל אַ קינד, װי אין אַנדערע הײזער. זײער מאַמע איז בײ די קינדער דער בעסטער מענש אין דער װעלט. זײ פאַרשטעהען װאָס זײער מאַמע טהוט

פאר זיי, דעם שווערען לעבען איהרען. דערהויפט האט זי נחת פון די מיידלעך. דער באי, דער אינגסטער, איז א שטיקעל לויפע-רעל, ווי א אינגעל, וואס האדעוועט זיך אהן א טאטען און די מאמע איז א גאנצען טאג ניטא אין דער היים. אז זי קומט אהיים פון די צייטונגען, איז ער ניטא אין הויז און זי מוז איהם אויפ-זוכען אויפ'ן גאס. און אפט קען זי איהם אזוי גרינג ניט געפינען. און ער צופליקט די זאכען אויף זיך. אלע וויילע מוז זי איהם קוי-פען נייע שיך. ער איז נאך אבער גאר א קינד. ער וועט עלטער ווערען, וועט ער מעהר פארשטעהן און וועט בעסער ווערען.

איין טאג האט זי פון איהר באי געהאט שווערע הארצוועה-טאג און שרעק. ארום א זייגער פינף פארנאכט איז צו איהר פלוצ-לינג צוגעקומען איהר „נעקסט-דאָריגע", מיסעס געוועגטער, א שטארק דערשראָקענע און צוקאָכטע. דערזעהענדיג מיסעס געווענ-טער, האט מיסעס פישער פארשטאנען, אז עפעס אויסערגעוועהנ-ליכעס האט געטראָפען: ווי קומט זי אין מיטען דערינגען אהער, פון איסט ניו יארק ? !

— דייווי איז ארעסטעט ! — האט מיסעס געווענטער אויס-געשריען.

— ווען ? פארוואס ? אוי, וועה ! אוי, וועה ! וואו איז ער ?

מיסעס געווענטער האט איהר איבערגעגעבען, אז א פאליס-מאן האט אנגעקלאפט אין איהר, מיסעס פישער'ס, טיר, און זי, מיסעס געווענטער, האט געהערט, אז מ'קלאפט, האט זי געעפענט איהר טיר און זיך איינגעקוקט, ווער עס קלאפט, האט דער פאליס-מאן איהר געזאגט, אז א באי מיט'ן נאמען דייוויד פישער, וואס וואוינט דא, איז ארעסטעט און ער געפינט זיך אין סטיישאן-הויז.

מיסעס פישער האט זיך צוואויינט, ניט געוואוסט וואס צו טאן, וואוהין צו לויפען אין איהר שרעק. אין דער ווייל איז צו איהרע צייטונגען צוגעקומען מיסטער האלענבעק, דער אייגענטימער פון א גרויסער דרוקעריי אויפ'ן קארנער. ער פלעגט קויפען ביי איהר אלע ענגלישע אָווענד-צייטונגען. דערזעהענדיג מיסעס פי-שער אין טרערען, האט ער איהר געפרעגט וואס עס האט פאסירט.

זי האָט איהם איבערגעגעבען די נייעס, וואָס מיסעס געווענ־טער האָט איהר געבראַכט.

מר. האַלענבעק האָט זיך נאָכגעפרעגט, וואו זי וואוינט און וואו דער סטיישאָן־הויז געפינט זיך. ער האָט מיסעס פּישער געזאָגט, זי זאָל ארויפקומען צו איהם אין אָפיס. ער איז שוין געגאַנגען צו ברוקלין בריק צו פאָהרען אהיים — ער איז אויך געווען א ברוק־לינער — ער האָט זיך אָבער אומגעקעהרט צוריק, צו טאָן איהר א טובה. מר. האַלענבעק איז געווען אויסגעמישט אין ברוקלינער פּאָליטיקס. געווען גוט באַקאַנט מיט פּאָלים קעפּטענס און פּאָלים דזשאַדזשעס.

אין זיין אָפיס האָט ער דורכ׳ן טעלעפאָן אָפּגערופען געוויסע פּלעצער און געזאָגט, וואָס ער האָט געדאַרפט און געקראָגען די פאַרזיכערונג, אז ס׳וועט זיין „אָלרייט״. ער האָט געהייסען מיסעס פּישער געהן אהיים און זיך ניט זאָרגען. ס׳וועט איהר באַי גאָר־נישט געשעהן.

זי האָט איבערגעלאָזען מיסעס געווענטער ביי די צייטונגען און אוועק אהיים, אוועקגעלאָפען אין סטיישאָן־הויז.

איהר באַי, דייווי, מיט נאָך צוויי איטאַליענער באָיס, האָבען געדאַרפט נויטיג האָבען עטליכע הילצערנע קעסטלעך אויפצובויען עפּעס אויף די „לאָטס״. איז איינער פון די איטאַליענער באָיס געפאַלען אויף א פּלאַן, ווי אזוי צו קריגען קעסטלעך. זיי זיינען אוועק אין אַטלאַנטיק עוועניו און זיך אריינגעגנב׳עט אין קעלער פון אַן „איי ענד פּי״ גראָסערי־סטאָר, וואו ס׳איז דאָ קעסטלעך לרוב, געפּאַקטע און ליידיגע, און אז זיי זיינען שוין געקראָכען צוריק, יעדערער פון זיי מיט א ליידיגען קעסטעל אויפ׳ן פּלייצע, האָט זיי אומיצער פון סטאָר געפּאַקט אויף די טרעפּ און זיי פאַר־האַלטען. צוויי פּאָליסלייט זיינען באַלד געקומען צולויפען און מ׳האָט די גנבים געפיהרט אין סטיישאָן־הויז. די דריי חברה־לייט האָבען נאָך אליין געמוזט טראָגען די קעסטלעך אויף די פּלייצעס — די „עווידענס״ געגען זיך אליין, און הינטער זיי איז נאָכגע־גאַנגען א מחנה גרעסערע און קלענערע באָיס.

נאָר קיין גרויסער אומגליק איז דערפון ניט אַרויסגעקומען. אָפּגעקומען מיט שרעק. מר. האַלענבעקס איינפלוס האָט די קליינע גנבים׳לעך אַרויסגעראַטעוועט. אַז ס׳איז געקומען צום פאַרהער, איז די „עווידענס“ געווען שוואַך. איינער פון דער „איי ענד פּי“ גראָסערי האָט געזאָגט דעם דזשאַדזש, אַז אימיצער פון סטאָר האָט ערלויבט אַ באַי אַראָפּצוגעהן אין קעלער נעהמען אַ קעסטעל. נאָר יענער, דער ערלויבער, איז ניט געווען אין סטאָר בשעת מ׳האָט די באָים געכאַפּט.

דער טאָג ביזנעס איז שוין געווען אַ צו׳הרג׳עטער פאַר מיסעס פישער. צוריק צו די צייטונגען האָט זי שוין ניט געקענט געהן, און מיסעס געוועגטער האָט פאַרענדיגט דעם טאָג ביזנעס. האָט זי פאַרקויפט אַ סך וועניגער צייטונגען. מ׳האָט דערזעהן אַ נייעם מענשען ביי די צייטונגען, האָט מען ביי איהר ניט געקויפט. נאָר מיסעס פישער האָט זיך סיי־ווי־סיי געפרעהט: אַבי ס׳איז כאָטש אויסגעגאַנגען צו שרעק מיט אַ ביסעל געלט.

מיסעס געוועגטער, די „נעקסט־דאָריגע“, איז געווען אַן איבער־געבענער פריינט צו מיסעס פישער. זי האָט געוואוינט אינ׳ם הויז, ווען מיסעס פישער האָט געטראָפען דער אומגליק: זי איז געבליבען אַ הילפלאָזע אַלמנה מיט קליינע קינדער, און זי האָט גענומען אַן אינטערעס אין מיסעס פישערס לעבען. מיסעס געוועגטער איז געווען אַ פרוי שוין באַלד פופציג. אַ גוט־הערציגע. קיין אייגענע קינדער האָט זי אין הויז ניט געהאַט. איהרע צוויי קינדער זיינען שוין געווען אויסגעגעבען. זי איז געווען אַ הויכע, דיקע פרוי; איהר קאָפּ האָר איז געווען אַ געמישעכטס פון בלאָנד און גרוי, און זי האָט געהאַט אַ גרויסען מויל מיט אַ סך גאָלדענע ציין. איהר חסרון איז געווען, וואָס זי האָט געהאַט אַ נאַטור צו ריידען ניט־איידעלע רייד. זי האָט ניט אויפגעהערט ריידען און זאָגען אַלערליי וויצען וועגען דער שייכות פון מענער און פרויען, מאַן־און־ווייב. אין דער פריה, אין בוטשער־סטאָר, פלעגט זי שטעהן צווישען די ווייבער, און שיטען מיט ווערטלעך; מקבל־פנים זיין יעדע איינע, וואָס איז אַריינגעקומען, מיט אַ גוט־מאָרגען, און

מיט עפּעס אַ וויץ און אַ ווערטעל, וואָס ס'איז פאָרגעקומען דורך דער נאַכט. שעהמען זיך איז דאָרט ניט געווען פאַר וועמען. אַלע באַקאַנטע ווייבער. און קיין פרעמדע מאַנסבילען זיינען אין בו-טשער-סטאָר ניט געווען, אַ חוץ'ן בוטשער. נאָר ער האָט זיך ניט גערעכענט; ער פלעגט נאָך אונטערהעלפען מיסעס געוועגטער אין די ניט-זויבערע וויצען און מעשות. האָט מען זיך גוט אָנגעלאַכט אין בוטשער-סטאָר, ווען מיסעס געוועגטער האָט זיך דאָרט גע-פונען. געווען דאָרט ווייבער אַזעלכע, וואָס האָבען איהר געוואָלט נאָכטאָן, און ריידען אַזעלכע רייד, ווי זי. נאָר פאַר זיי האָט דאָס ניט געפּאַסט. זיי זיינען אַליין געוואָרען רויטליך פון די אייגענע רייד, און די אַרומיגע האָבען ניט געלאַכט. פון מיסעס געוועגטער'ס זיינען די רייד אַרוים ווי אָפּגעמאָסטען און אָפּגעטאַקט און ס'האָט זיך ריכטיג אַריינגעפּאַסט. אָבער אַ גוט-הערציגע געווען. זי האָט שטאַרק הנאה געהאַט פון טאָן אימיצען אַ טובה. און צו מיסעס פישער מיט איהרע קינדער איז זי גאָר גוט געווען. קאָכען די טעפּלעך פאַר זיי; אַריינקומען אַלע ווײַלע אַ קוק טאָן, וואָס די קינדער טוען; פרייטאָג צו נאַכט אַריינטראָגען אַ פּאָר שטיקלעך פיש און אַן אָפּגעשניטענע שטיק קייק פון'ם גרויסען קייק, וואָס זי האָט אויסגעבאַקען פאַר זיך אויף שבת.

אַז ס'איז געקומען די צייט ווען מיסעס געוועגטער האָט זיך אַרויסגעצויגען פון'ם הויז און זיך פאַרקליבען אין אַן אַנדער עק שטאָדט, האָבען די ביידע פרויען זיך געקושט און מיסעס פישער האָט געוויינט.

— מיינע קינדער האָבען ביז איצט געהאַט צוויי מאַמעס.

IV

עס האָט זיך געמאַכט אַ געוויסע צייט, ווען זי האָט געהאַט אַ רעכט ביסעל גוטע ווײַלעס, מיט אמת'ע פריינדשאַפט און ליעבע. די דאָזיגע גוטע ווײַלעס איהרע זיינען אויך געווען מיט האַרצ-וועהטאָג, מיט אָפטען וויינען. אָבער אַ גאַנץ אַנדער האַרצוועהטאָג, גאַנץ אַנדערע טרערען זיינען דאָס געווען.

עטליכע מאָנאטען, א גאַנצען יאָהר כמעט, האָט זיך געצווינגען איהר ליעבע מיט דעם יונגען מאַן, ראַסקין. ווי אַזוי דאָס האָט פּאַסירט, אַז זי האָט גאָר אַזאַ זאַך צוגעלאָזען? ס'האָט זיך שוין אַזוי געמאַכט. געזוכט האָט זי דאָס ניט. ס'איז געקומען פון זיך אַליין. ראַסקין האָט אַ קורצע צייט געוואוינט מיט איהר אין איין הויז. האָבען זיי זיך דערזעהן. זיי האָבען זיך געטראָפען אויפ'ן טרעפּ. זיי האָבען זיך געטראָפען געהענדיג פון און צום סטיישאָן.

ראַסקין האָט געהאַט אַ ווייב מיט דריי קליינע קינדער. ער איז געווען אַ שעהנער יונגערמאַנטשיק, מיט אַ בלאַסען געזיכט, מיט שווארצע וואַנצקעלעך און שווארצע, גלאַנציגע האָר, וואָס איז אַלע מאָל געווען גלאַט פּארקעמט מיט אַ שארפען שרונט אָן אַ זייט, און אַ ווייסען, הויכען שטערען. ער איז אַמאָל געווען אַ ציגאַרען-מאכער, נאָר די טאַבאַק האָט פארשאַדט זיין הארץ, צי זיינע לונגען, האָט ער געמוזט אַוועקוואַרפען די ציגאַרען, און ער איז געוואָרען אַן אינשורענס אַגענט. ער האָט געמאַכט אַ זעהר אָרימען לעבען ביי דער מעטראָפּאָליטען אינשורענס קאָמפּאַני.

ס'איז געוואָרען ביי זיי אַ הייסע פריינדשאַפט און ליעבע. ער האָט זיך אינטערעסירט מיט איהר לעבען, מיט איהרע קינדער, שטארק ליעב געקראָגען איהרע קינדער. ראַסקין איז געווען ניט קיין אויסגערעכענטער, אַ היציגער מענשעל, אַ שטיקעל פלוט, און אין אָנפאַנג פון זיין הייסער ליעבע צו מיסעס פישער, האָט ער באַלד געוואָלט צוזאַמענקומען זיך מיט איהר, זיי זאָלען ערגעץ אַוועקפאָהרען, אַנטלויפען, אויף קיין זאַך ניט קוקען... אַנדערש קען גאָר ניט זיין... נאָר זי האָט די דאָזיגע רייד פון איהם ניט געוואָלט הערען. געזאָגט איהם, אַז ער רעדט די גרעסטע נאַריש־קייטען, וואָס מ'טאָר דאָס אפילו פון מויל ניט אַרויסברענגען. זי האָט ניט געוואָלט רעדען, אָדער הערען, אָדער וויסען, וואָס פון זייער ליעבע וועט זיין, וואָס עס וועט אַרויסקומען... זי האָט געוואוסט, אַז עס וועט גאָר נישט זיין, עס קען גאָר נישט זיין... נאָר דערווייל איז איהר גוט צו זיין לעבען איהם, האָבען איהם לעבען זיך.

עס האָט זיך אַזוי געמאַכט, אַז באַלד ווי זיי האָבען זיך באַ-קענט און פאַרליעבט, האָט זיך ראַסקין אַרויסגעקליבען פונ׳ם הויז, עטליכע בלאָק ווייטער אַרויף. ראַסקינ׳ס ווייב האָט געהאַט אַ גרויסען מויל און האָט פאַר עפּעס שטאַרק אויסגעזידעלט דעם לענדלאָרד, האָט ער איהר געהייסען געהן פון זיין הויז.

די געליעבטע פלעגען זיך טרעפען אַ צוויי-דריי אָווענדען דורך דער וואָך, ווייט אַרויף אין איסט ניו יאָרק, וואו עס ענדיגט זיך די סיטי ליין טריין. ער האָט אויך געהאַט געגוג צייט בייטאָג, פלעגט ער צוקומען צו איהר ביי די צייטונגען, אויסרעדען מיט איהר עטליכע ווערטער, קוקען אויף איהר. זיי פלעגען אָפט פאָהרען צוזאַמען נאָך איסט ניו יאָרק.

אין יענע צייטען איז ווייט אַרויף אין איסט ניו יאָרק ניט געווען אין גאַנצען פאַרבויט, געווען געגוג „ליידיגע לאָטס“ מיט גרויסע שטיינער. ס׳איז דאָרט געווען פינסטער און ווייניג מענשען האָבען זיך אין די אָווענדען געוויזען. פלעגען זיי זיך דאָרטען טרעפען און אַרומגעהן, אַוועקזעצען זיך אויף אַ שטיין און ריידען. ער איז אויך עטליכע מאָל אַרויפגעקומען צו איהר אין הויז אין אַ פריהמאָרגען. נאָר באַקאַנטע שכנים האָבען איהם געזעהן, און מ׳האָט איהם געפרעגט וואָס ער טהוט דאָ, צו וועמען ער קומט. האָבען זיי אָפּגערעדט, עס הייסט, זי האָט איהם אָנגעזאָגט, אַז צו איהר אין הויז זאָל ער ניט קומען.

איהר ליעבע האָט איהר שטאַרק וועה געטאָן. זי וואָלט גאָר קיינמאָל ניט געגלויבט אויף זיך אַזאַ זאַך... ליעב האָבען און טרע-פען זיך אין געהיים מיט איינעם, וואָס האָט אַ ווייב מיט קינדער... און דוקא אין די בעסטע מינוטען איהרע, ווען זיי זיינען צוזאַמען געגאַנגען אָדער געזעסען, האָט זי זיך אַליין פאַרשטערט איהר פרייד. דעם גאַנצען טאָג, טראַכטענדיג פון איהר געליעבטען, האָט זי גאָר ניט געוואוסט, ניט געפיהלט גאָר, אַז ער האָט אַ ווייב מיט קינדער. זי האָט נאָך איהם געבענקט און געוואַרט אויפ׳ן אָוועגד. אָבער ווי נאָר זיי פלעגען זיך צוזאַמענקומען, און ער האָט גערעדט פון זיין ליעבע צו איהר, און גענומען קושען איהרע

הענט און איהר מויל און גענומען דריקען איהר צו זיך, האָט זי דערפיהלט די עברה, די ניט-עהרליכקייט איהרע... וואָס איז פּאַרט מיט איהר? וואָס טהוט זי?...

— מיר דאַרפען זיך מעהר ניט זעהן... לאָמיר זיך מעהר ניט טרעפען... קום ניט צו מיר אין ניו יאָרק...

פלעגט ער איהר נאָך שטאַרקער קושען, מעהר דריקען איהר צו זיך... אַרויסטרייבען מיט זיינע צערטליכקייטען איהרע שלעכטע געדאַנקען, די שלעכטע רייד. זי פלעגט זיך אַוועקציהען.

— מ'דאַרף ניט, מ'טאָר ניט.

זי איז אַ מאַמע פון קינדער, און זי זינדיגט געגען איהרע קינדער מיט איהר ליעבע... נאָר אָט די געדאַנקען איהרע האָט זי ניט אַרויסגעזאָגט. אפילו פאַר איהם, איהר געליעבטען, האָט זי זיך געשעהמט אַרויסצורייידען איהרע זינד געגען איהרע קינדער.

זיי פלעגען זיך זאָגען, אַז זיי וואָלטען זיך באַקענט לאַנג צוריק... פאַרוואָס האָט זיך גראָד געמאַכט אַזוי?...

— מ'דאַרף ניט, מ'טאָר ניט...

אָבער דורכ'ן טאָג, ווען זי האָט פון איהם געטראַכט און גע-בענקט, האָט זי פון איהרע עברות ניט געקלערט.

ראַסקין, ניט אַזוי אויסגערעכענט, ווי זי, אַ שטיקעל היץ-קאָפּ, האָט נאָך אַלץ געמיינט ביי זיך און געהאָפט, אַז ער וועט זיך צוזאַמענקומען מיט זיין געליעבטע אויף אַלע מאָל. ער וועט פאַר-לאָזען זיין ווייב און אַוועקגעהן מיט זיין געליעבטע. נאָר פאַר איהר, האָט ער געוואוסט, טאָר ער דאָס ניט אַרויסריידען. אַלע מאָל גע-ווען צרות ביי איהם מיט זיין ווייב, אַלע טאָג קריגערייען. און צוזאַמענקומענדיג זיך מיט זיין געליעבטע אין אָוונד, האָט ער געוואָלט אביסעל אויסריידען זיך פאַר איהר זיין האַרץ, באַריידען זיין ווייב... נאָר די געליעבטע האָט איהם קיינמאָל ניט געלאָזען ווייט פאַרגעהן מיט די דאָזיגע רייד זיינע. אַז ער פלעגט נאָר דערמאָנען זיין היים, זיין ווייב, האָט די געליעבטע באַלד דער-פיהלט איהרע עברות... האָט זי איהם איבערגעשלאָגען מיט אַנ-דערע רייד...

ראַסקין איז ניט געווען קיין צדיק. אין זיין באַשעפטיגונג אַלס אינשורענס אַגענט איז ער יעדע וואָך דורכגעגאַנגען צעהנדליגע און צעהנדליגע הייזער, דאָס רוב גאַנץ אָרימע גוי'שע הייזער, וואו ער האָט קאָלעקטירט קוואָרטערס און צעהן סענטיגע. האָט ער געהאַט געַנוּג באַקאַנטשאַפטען און צוטשעפּענישען, און געהאַט אַלע ווײַלע עפּעס אַ נייע פרוי. ער איז געווען אַ שעהנער יונג און מ'האָט איהם געקאָנט ליעב האָבען. האָט איהם קיין ווייבער ניט אויסגעפעהלט. אָבער זיין הארץ איז קיינמאָל ניט געריהרט געוואָרען, און ביז מיסעס פישער איז ער קיינמאָל פאַרליעבט ניט געווען, ניט געוואוסט וואָס ליעבע איז. מיט זיין ווייב איז ער געצוואונגען געווען חתונה צו האָבען צוליעב אַ געוויסער פּאַסירונג, טאַקע דערפאַר, ווייל ער האָט קיינמאָל ניט אויסגערעכענט, אַ היץ-קאָפּ. אָבער פאַרליעבט איז פאַר דער חתונה ניט געווען און נאָך דער חתונה געווים ניט. זיין ליעבע פאַר מיסעס פישער איז געווען פאַר איהם אַ גאַנץ נייע זאַך, אַ טיעפע הארץ-זאַך. אין זיין גאַנץ לעבען פריהער האָט ער גאָר פון אַזאַ זאַך ניט געוואוסט. טרעפענדיג זיך מיט איהר אין אָווענד און זייענדיג לעבען איהר, האָט ער פאַרגעסען אָן די צרות פון זיין אַגענטסטווע און פון זיין היים. אין די ביידע זאַכען איז איהם ניט גוט געגאַנגען. ער איז געווען אַ שוואַכער אינשורענס אַגענט און דערצו נאָך אַ פוילער אויך. ער איז געווען דער ערגסטער אַגענט אין זיין אָפיס און איז שטענדיג געווען אין סכנה מיט זיין „דעביט“ און אַלע ווײַלע אויסגעהערט לעקטשורס און מוסר פון זיין „אַסיסטענט“. ער האָט ווייניג פאַרדיענט און דאָס האָט שוין געבראַכט צו רייסערייען און קריגערייען מיט זיין ווייב. איז איהם שטענדיג ניט גוט געווען אויפ'ן האַרצען, שטענדיג געווען פאַרביטערט. לעבען איהר, זיין געליעבטע, האָט ער געהאַט אַ ווײַלע אָפּרוה, אויף אַ ווײַלע באַפרייאונג, דערלייזונג. אוּדאַי האָט ער געהאַט די געפיהלען און פאַרלאַנגען פון אַ יונגען מאַן צו אַ יונגער פרוי, וועלכער מ'האָט שטאַרק ליעב... נאָר ער האָט געוואוסט ווער זי איז... ווייטער ווי קושען און דריקען איהר צו זיך איז ביי זיי ניט געקומען. און אויך דאָס האָט זי זיך

ניט פארגונען... „וואס איז דא פארט מיט מיר?" „וואס טהו איך?"... אבער דער קושען און צודריקען איהר קערפער צו זיינעם האט שוין פאסירט, ווי גאר אהן איהר וויסען, ס'איז געווען אום-געריכט און אומגערעכענט... ס'האט פאסירט און ס'איז שוין פאר-פאלען... איהר געליעבטער האט געקענט באריהרען בלויז די טיילען פון איהר קערפער, וואס זיינען ניט פארדעקט, ניט באהאלטען... איהרע באקען, איהר האלז, איהר מויל, איהרע הענט. אבער קיינ-מאל ניט מעהר און ניט ווייטער.

זי האט פון איהר געליעבטען גארנישט פארלאנגט. א פאר מאל, ווען זיי זיינען געווען צוזאמען אין אווענד, און ער איז גע-ווען צוקאכט אין זיין ליעבע פאר איהר און געוואלט טאן איהר עפעס גוטס, האט ער ארויסגענומען געלט פון זיין קעשענע — דער אינשורענס קאמפאניע'ס געלט — און איהר אנגעבאטען, זי זאל קויפען עפעס פאר זיך. נאר זי האט די געלט ניט גענומען, אוועק-געשטופט זיין אויסגעשטרעקטע האנט מיט'ן געלט.

— ב'דארף ניט, גיב מיר ניט קיין געלט. כ'מאך א לעבען, ס'וועט דיר צוניץ קומען פאר זיך. (זי האט געמיינט: פאר זיין פאמיליע, פאר זיינע קינדער; זי האט דאס אבער ניט ארויסגע-זאגט — ניט ברענגען פאר איהרע ליפען די עברות...)

אמאל האט ער איהר געבראכט א מתנה א שווארצען זייגערעל מיט א שנירעל, וואס ער האט געקויפט אין „אוקשען" פאר דריי דאלאר. דעם זייגערעל האט זי שוין געמוזט נעהמען — ער האט עס פאר איהר געקויפט. זי האט זיך ניט געקענט אפזאגען. זי האט געזעהן, אז ער איז שטארק געריהרט, איהם וועט וועה טאן, אז זי וועט פון איהם דעם זייגערעל ניט נעהמען... און נאך אמאל האט ער איהר צוגעטראגען צוי די צייטונגען א פארבונדענעם פעקעל און אוועקגעלעגט לעבען דעם איבערגעקעהרטען קעסטעל מיט די צייטונגען. אין פעקעל איז געווען א פאר ווינטערדיגע שיך, הויכע, באשלאגען מיט געוואנט, ווארעמע שיך, צו באשיצען פון רעגען און שניי. אויפ'ן גאס האט זי זיך מיט איהם ניט געקענט דינגען, און ער איז שוין גאר דערביי ניט געווען, ווען זי האט

דעם פּעקעל געעפענט. אָבערביים טרעפען זיך מיט איהם, האָט זי איהם אויסגערעדט. זי דאַרף ניט, ס'איז ניט נויטיג געווען, און זי האָט געוואָלט צוריקקעהרען איהם וואָס ער האָט פאַר די שיך באַצאָהלט.

צו איהר אין הויז איז ער ניט אַרויפגעקומען. נאָר אַ פּאָר מאָל האָט געטראָפען שפּעט אין אָוועגד, ווען זיי האָבען זיך גע־דאַרפט צושיידען, איז ער צו איהר צוגעשטאַנען, געבעטען זיך ביי איהר, זי זאָל איהם לאָזען אַרויפקומען אויף אַ ווײַלע אין איהר הויז. ער וויל זעהן די קינדער. ער האָט ליעב איהרע קינדער, ווי איהר אַליין, האָט ער זיך ביי איהר געבעטען... און ס'איז טאַקע געווען אַביסעל אמת אין זיין געבעט... ער וויל זיי כאָטש אַ ווײַלינקע אָנקוקען אין זייער שלאָף. האָט זי קיין האַרץ ניט געהאַט איהם אָפּצוזאָגען. זי איז פריהער אַליין אַרויף אין הויז, און דער־נאָך איז ער אונטערגעקומען. ער האָט שטיל און צאַרט געקושט די שלאָפענדיגע קינדער, אויסגעהיט זיך פון שטערען זייער שלאָף. און זי איז געשטאַנען און צוגעקוקט. און איהר האַרץ איז געווען געריהרט... ער האָט געקושט די קינדער און דערנאָך שטאַרק גע־קושט איהר אַליין, איהר מויל און איהר האַלז און איהרע אויגען, און איהר געדריקט צו זיך... ער האָט גערעדט צערטליכע רייד וועגן איהר און איהרע קינדער... די שעהנסטע, טייערסטע מאַמע און די שעהנסטע טייערסטע קינדער... ער וואָלט אַנטלאָפען מיט זיי אין עק וועלט... זיין לעצטען טראָפּען בלוט וואָלט ער פאַר זיי אַוועקגעגעבען, פאַר איהר מיט די קינדער... און זיינע אויגען זיינען געווען גלאַנציג און פייכט, און ס'האָט אויסגעזעהן, אַז ער האַלט ביים וויינען... זי האָט געהיט זיין מויל, זיינע ליפּען, ער זאָל זיך ניט צורייַדען צו הויך, שפּעט אין דער נאַכט... און ער האָט פון איהר הויז ניט געקאָנט אַרויסגעהן... עס איז שפּעט... זי הייסט איהם געהן אַהיים, זי דאַרף נאָך היינט טאָן עפּעס אַר־בייט... נאָך אַ קוש, נאָך אַ דריק צו זיך, נאָך אַ קוק אויף די קינדער... ער מוז געהן. בעט ער איהר, זי זאָל שטעהן ביים פענס־טער, און אַז ער וועט שוין זיין דרויסען, וועט ער נאָך אַמאָל

אַ קוק טאָן אויף איהר. זי רופט איהם אָן „משוגענער“ און זי טהוט זיין פארלאנג.

ראסקין האָט זיין געליעבטע גענוג צרות פארשאפט מיט זיין אייפערזוכט. אין זיין גאנצען לעבען ביז איהר האָט ער ניט גע־וואוסט פון אייפערזוכט. ער איז קיינמאָל ניט אייפערזיכטיג גע־ווען אויף זיין ווייב און אויף קיין אַנדערע אויך ניט. אין זיין ליעבע צו מיסעס פישער, וואָס דאָס איז אייגענטליך געווען זיין ערשטע ליעבע, האָט ער דערפיהלט דעם טעם פון אייפערזוכט. ער האָט איהר גוט געקענט; ער וואָלט פאר איהר געשוואָרען מיט זיין לעבען, אַז זי איז אומשולדיג, זי גיט זיך מיט קיינעם ניט אָפּ. זי זעהט זיך מיט קיינעם ניט, טרעפט זיך ניט מיט קיינעם, אויסער איהם. ער האָט אָבער ניט געקאָנט רוהיג זיין. איהם האָט זיך אויסגעוויזען, אַז זי איז צו פריינדליך צו מענער, וואָס קויפען ביי איהר צייטונגען. זי שמייכעלט צופיעל צו דעם, אָדער יענעם. און ווען ער האָט נאָר צייט געהאַט, איז ער געקומען צום פּלאַץ, וואו זי איז געשטאַנען, פארשטעקט זיך ערגעץ אָן אַ זייט, זי זאָל איהם ניט זעהן, און איהר געהיט. עטליכע מאָל האָט זי פּלוצלינג דערפיהלט און דערזעהן אויף זיך זיינע אויסגעשפּיצטע אויגען פון ערגעץ אָן אַ זייט, און זי האָט געוואוסט, וואָס דאָס מיינט... און דאָס איז אויך דורך זיין ליעבע פאר איהר... אָבער פאר וואָס זאָל ער איהר חושד זיין און איהר היטען, גאָר טראַכטען אַזוי וועגען איהר!...

אַמאָל פלעגט ער ארויסקומען פון זיין באַהעלטעניש, צוקומען צו איהר אַ פארכמורעטער, אַן אָנגעבלאָזענער. ער נעמט צו איהר רעדען און זי ענטפערט. זי ווייס, אַז עפּעס טהוט איהם וועה, סימ־פּאַטיזירט זי מיט איהם.

— ווער איז געווען דער מאַן?

— אַ מאַן, אַ קאָסטאָמער.

— וואָס האָט ער געוואָלט?

— ער האָט געקויפט פּייפּערס.

— פאר וואָס איז ער אַזוי לאַנג געשטאַנען?

— ער איז גאָר ניט אַזוי לאַנג געשטאַנען.
— פאַר וואָס האָט ער געקויפט אַזוי פיעל פּייפּערס?
— ער נעמט אַלע טאָג דריי פּייפּערס.
— צו וואָס דריי?
— מסתמא דאַרף ער דאָך דריי — שמייכעלט זי שוין.

ס'איז דאָך אויפ'ן גאַס. מענשען געהן פאַרביי, מ'קומט צו קויפען צייטונגען, קען ראַסקין פיעל ניט ריידען און לאַנג ניט פאַרבלייבען. ער האָט נאָך אָבער ניט גענוג, נאָך ניט אַלץ אראָפּ־געראַדט פון זיין אייפערזיכטיגער האַרץ. קען ער זיך שוין ניט דער־וואַרטען אויפ'ן אָוועַנד, ווען ער וועט זיך מיט איהר טרעפען. ביים באַגעגענען זיך מיט איהר, הויבט ער ווידער אָן:

— ווער איז געווען דער דיקער מאַן מיט די גרויסע פּאַנאַמאַ העט? איך האָב איהם עטליכע מאָל געזעהן לעבען דיר.

זי טהוט אַ טראַכט.

— אַ נידעריגער, אַ דיקער?
— יאָ, מיט גרויליכע מאָסטעש.
— דו מוזט מיינען מיסטער האַלענבעק. הלואי פאַרמאָגען מירביידע אַ העלפט וואָס ער פאַרמאָגט. ער האַלט דעם פּרינטינג אויפ'ן קאָרנער. האָסט ניט געזעהן דעם גרויסען סיין? ס'פאַר־נעהמט די גאַנצע בילדינג.

וואו זעהט ראַסקין פּרינטינגס מיט סיינס!... ער זעהט קיין זאַך ניט אַרום זיך. ער זעהט נאָר א י ה ר, און ער היט איהר.

— וואָס דאַרף ער לעבען דיר?
— ער איז אַ גוטער קאָסטאָמער. ער קויפט אַלע פּייפּערס.
— אַז ער קומט צו לעבען דיר, בלייבט ער שטעהן אַזוי לאַנג!...
— מסתמא האָט זיך דיר דאָס אָפּגעדוכט.

זי לאַכט גוטמוטיג פון איהם. זי וויים, אַז עס טהוט איהם וועה. זי האָט אויף איהם רחמנות. זי רופט איהם „נאַר"... די פאַרכמורעטקייט פאַרלאָזט איהם. ער ווערט ווייך, ווייכער, צערט־ליך, און ער צורעדט זיך פון זיין ליעבע פאַר איהר, און ער זאָגט איהר, אַז ער קען ניט צוזעהן, ווי אַנדערע ריידען צו איהר, און זי

רעדט צו זיי... זי איז אזא טייערע, אזא עהרליכע, די שעהנסטע, בעסטע אין דער וועלט... ער ווייס, אז זי טראכט ניט פון קיין אנ-דערען... נאר ער קען זיך ניט העלפען... אז ער וואלט געקענט אוועקנעהמען איהר פון גאס, וואו אנדערע זעהען איהר, און זי מוז צו זיי ריידען!... אז עס וואלט געווען אין זיינע כוחות, וואלט ער איהר צוגענומען מיט איהרע קינדער, און מיט זיי אוועק פון דאנען... און ער נעהמט איהר קושען און דריקען צו זיך.

אמת, אלץ אמת געווען, וואס ראסקין האט געזאגט זיין גע-ליעבטע פון זיין ליעבע צו איהר און צו איהרע קינדער. ער האט איהר ניט גענארט, און ער האט טאקע בשעת'ן זאגען איהר וועגען זיין „לעצטען טראפען בלוט", זיין לעבען אוועקגעבען פאר איהר מיט די קינדער, אליין געגלויבט אין זיינע רייד, און געזאגט איהר, ווי ער האט געפיהלט. ער האט גאר ניט געהאט געגוג רייד אלץ ארויסצוזאגען... און עס איז אמת געווען, ווען ער האט איהר גע-זאגט, אז ער קען ניט זעהן, אז אנדערע קומען צו איהר צו און זי רעדט צו זיי. עס שניידט אין זיין הארצען ווי מיט מעסערס... און ער וואלט געוואלט נעהמען איהר מיט איהרע קינדער און אוועק מיט זיי ערגעץ אין עק וועלט, באהאלטען זיי פון אלעמען... די אלע דאזיגע רייד זיינע זיינען געווען אמת און עהרליך. אבער זיין געוואלדיגע ליעבע פאר איהר, פאר איהרע קינדער, האט איהם ניט געשטערט פון אפגעבען זיך מיט געגוג אנדערע פרויען אויף זיין אינשורענס גאנג; און זיין ווייב האט דורך דער צייט פון זיין ליעבע מיט מיסעס פישער געהאט נאך א קינד. פון דעם נייעם נחת זיינעם האט די געליעבטע ניט געוואוסט. ער האט זיך געשעהמט דערצעהלען איהר.

דער סוף צו זייער ליעבע האט געמוזט קומען. אין די בעסטע מינוטען איהרע, ווען זיי זיינען צוזאמען געווען, האט זי געטראכט מעהר פון סוף ווי פון איהר ליעבע... לאנג וועט זי אזוי ניט אנ-געהן... זי וועט מוזען אויפהערען טרעפען זיך מיט איהם. דורכ'ן טאג, בענקענדיג נאך איהם און ווארטענדיג אויפ'ן אווענד, מיט איהם זיך צו טרעפען, האט זי ניט געוואוסט פון סוף. זי איז פאר-

נומען געווען מיט איהר בענקען און ווארטען. נאָר ווען זי האָט זיך שוין דערוואוסט און זי האָט איהם לעבען זיך געהאַט, האָט דער „סוף" פאַרשטערט איהר פרייד.

ראַסקין אליין האָט דעם סוף געבראַכט פריהער ווי ער וואָלט פון זיך אליין געקומען. וואָרים אין איהר שטענדיגען טראַכטען וועגען סוף, האָט זי פאָרט ניט געמיינט און ניט געקאָנט זאָגען איהם, אז ביי זיי מוז ווערען אוים ליעבע. זי האָט נאָר געפיהלט, אז עס געהט אָן ניט קיין שעהנע, ניט קיין גוטע זאַך, און זי דאַרף ניט, זי טאָר דאָס ניט טאָן, און עס וועט ניט אַלע מאָל זיין אזוי... אָבער ווען עס וועט מוזען אויפהערען, ווי אזוי עס וועט אויפהערען, האָט זי זיך ניט אריינגעלאָזען אין קלערען... איז געקומען ראַסקין אליין און געבראַכט דעם סוף. געמיינט האָט ער גאָר צו פאַרשטאַרקען זייער ליעבע, אָבער אויסגעלאָזען האָט זיך אנדערש.

ראַסקינ'ס ווייב האָט שוין פון לאַנג ביי איהם געהאַט אויסגעפיהרט, אז זונטאָג זאָל ער פון הויז ניט אוועקגעהן. און אויב געהן, זאָל דאָס זיין מיט איהר און מיט די קינדער. זיין שפּעט קומען אהיים אין מיטען וואָך און נאָכ'ן עסען ווידער אוועקגעהן, איז שוין געווען אַ פאַרפאַלענע זאַך. ער האָט אויף דעם געהאַט אַ גוטען תירוץ — ביזנעס: ער מוז זעהן מענשען, מאַכען „קאָלס". און אז זי האָט אפילו געוואוסט, אז ער „בלאָפט", איז אויך געווען פאַרפאַלען. אָבער די זונטאָגס איז שוין געווען אַן אויסגעקעמפטע זאַך, וואָס ער האָט שוין גאָר ניט פּרובירט צוריק געווינען פאַר זיך. אָבער אין זיין ליעבע צו מיסעס פישער, האָט זיך איהם גע-וואָלט זיין מיט איהר מעהר צייט, זיי זיינען אזוי וועניג צוזאַמען געווען, האָט ער זיך ביי זיין געליעבטער געבעטען, אז זי זאָל מיט איהם פאָהרען ערגעץ אין אַ זונטאָג, און זיי וועלען פאַרברענגען צוזאַמען אַ גאַנצען טאָג. ער האָט געוואוסט, אז די ווייב וועט מאַכען אַ געשריי, אַ געוואַלד, ס'וועט זיין אַ מלחמה — ער וועט אָבער געהן, און וואָס עס וועט זיין, וועט זיין. נאָר זיין געליעבטע האָט איהם ניט געקענט אוועקגעבען אַ גאַנצען זונטאָג. זי האָט געהאַט אַ סך ארבייט צו טאָן. אַ הויז מיט דריי קינדער, און אַלע

ארבייטען האָט זי געמוזט טאָן אַליין. זי האָט גענוג צו טאָן אין דער פריה, איידער זי געהט אוועק צו די צייטונגען, אין אָווענד, און דעם גאַנצען טאָג זונטאָג. אין די אָווענדען, ווען זי פלעגט זיך מיט איהם טרעפען, איז זי צו-קורץ געקומען אין צייט, און זי האָט געמוזט טאָן איהר ארבייט ביז שפּעט אין דער נאַכט אריין, אָדער אויף מאָרגען אויפשטעהן פריהער ווי געוועהנליך. און אז איהר וועט אויספּעהלען אַ גאַנצער זונטאָג, וועט זי ניט קענען דער-כאַפּען די צייט, ס׳וועט איהר בלייבען די גאַנצע וועש פון דער וואָך. און, ווידער, זונטאָג איז דער איינציגער טאָג, ווען זי קען זיין צוזאַמען מיט די קינדער. און אַז זי איז אַביסעל ארומגעטאָן מיט איהר אַרבייט, זונטאָג שפּעט נאָך האַלבען טאָג, געהט זי אַביסעל מיט די קינדער. קען זי איהם ניט אוועקגעבען אַ גאַנצען טאָג זונטאָג, ווי דאָס זאָל זיך איהר ניט וועלען טאָן פאַר זיך אַליין און פאַר איהם... ראַסקין איז דאָך אָבער ראַסקין, האָט ער איהר ניט אָפּגעלאָזען, געבעטען זיך ביי איהר: איינמאָל, איין זונטאָג זאָל זי מיט איהם געהן, וועט ער מעהר פון איהר ניט פאַרלאַנגען, געשוואָרען זיך, אַז ער וועט מעהר ביי איהר ניט בעטען קיין זונ-טאָגס. און זי האָט איהם געמוזט נאָכגעבען. זי האָט אָנגעהויבען טאָן איהר זונטאָגדיגע ארבייט פרייטאָג ביינאַכט, און שבת נאַכט האָט זי געאַרבייט ביז שפּעט און זונטאָג פריה איז זי אויפגע-שטאַנען פריהער ווי אַלע זונטאָג — צו דעריאָגען די צייט. זיי האָבען זיך געטראָפען אויף ברוקלין בריק און זיינען אוועקגעפאָה-רען אין בראָנקס פּאַרק — מיילען ווייט אוועק פון איסט ניו יאָרק.

ביי ראַסקינ׳ען אין הויז האָט זיך יענעם טאָג גענוג געטאָן — פאַר זיין אוועקגעהן און ביי זיין קומען. ער האָט געזאָגט זיין ווייב, אַז ער מוז היינט אוועקגעהן וועגען ביזנעס — ער מוז זיך טרעפען מיט אַ מאַן, וועמען ער קען אַ גאַנצע וואָך ניט כאַפּען, ווייל ער קומט אַהיים שבת שפּעט ביינאַכט, און מאָנטאַג איז ער שוין ניטאָ. דער מאַן איז איהם שולדיג אַ סך געלט, און אויב ער וועט ביי איהם ניט איינמאָהנען, וועט ער אַליין מוזען פאַר איהם באַ-צאָהלען און נאָך פאַרלירען זיין „דעביט" אויך. די ווייב האָט

ראַסקינ׳ען ניט געגלויבט, ניט געוואָלט ארויסלאָזען איהם פון הויז. זי האָט ניט געוואָלט ווייזען איהם אַ וועג, אַז ער קען זונ-טאָג אוועקגעהן אליין פון הויז. ער איז אָבער אוועק, מיט איהרע געשרייען אויף זיין רוקען. זי האָט געמיינט, אַז ער וועט אויף גיך אָפּ׳פּטר׳ן זיין ארבייט און קומען אהיים. זי האָט אפילו גע-וואָרט אויף איהם מיט׳ן מיטאָג — אין איהרע געשרייען האָט זי ניט געפרעגט ביי איהם, ווען ער וועט צוריקקומען. עס דארף דאָך אָבער לאַנג ניט נעהמען צו זעהן זיך מיט אַ מאַן און קומען אהיים. האָט זי אויף איהם געוואַרט. געקומען אהיים איז ער שפּעט אין דער נאַכט. און זי האָט זיך שוין אויף איהם קוים דערוואַרט. זי האָט דאָך שוין פארשטאַנען, אַז ער איז ניט געגאַנגען טרעפען זיך מיט אימיצען וועגען ביזנעס. זידלען און שילטען האָט זי גוט געקענט, און איצט האָט זי זיך נאָך אָנגעשטרענגט איבער איהרע כוחות — ארייניאָגען אין איהם אַ שרעק, אַ מורא פאַר די ווייטערדיגע זונטאָגס — ער זאָל ניט מיינען, אַז ער קען שוין טאָן זונטאָג וואָס ער וויל. ביז אַ שטיק אין דער נאַכט האָט זי איהם ניט אָפּגעלאָזען; געשאָטען אויף איהם די געוויסע רייד, וואָס זי האָט געוואוסט, אַז עס קרענקט איהם שטאַרק: גערופען איהם „פּייליור“ — דורכפאַל, טויגעניכטס (זי איז אמאָל געווען אַן „אמעריקאַנער“ מיידעל) — אויפגעוואָרפען איהם, אַז ער טויג אויף כפּרות, ער איז אַ קבצן, אַ שלעפּער, ער קען קיין לעבען ניט מאַכען... זיין פאַמיליע האָט קיין זאַך ניט, זיין ווייב און קינדער געהען ביי איהם נאַקעט און באָרוועס. אַלע זידלערייען איהרע, אפילו מיאוס׳ע קללות, האָט ער געקענט אויסשטעהן, איינהאַלטען זיך און ניט ענטפערען. נאָר אַז ס׳איז געקומען צו „פּייליור“, צו זיין אָרעמקייט, „נאַקעט און באָרוועס“, פלעגט ער ווערען אַן אָנ-געצונדענער; זיין בלוט פלעגט אין איהם אויפקאָכען מיט צאָרן... האָט זי איהם דעם זונטאָג ביינאַכט ריכטיג דערלאַנגט. אָפּגע-רוהט זיך אַ ווייל און ווידער אָנגעהויבען... גערעדט כלומר׳שט צו זיך אליין — ער זאָל הערען — גערעדט פון איהר אומגליקליכען לעבען, וואָס זי פיהרט פאַר איהם. אַ גאַנצען לעבען געהט זי מיט

די קינדער ארום נאַקעט און באָרוועס, קיין גאַנצען פּאָדעם האָבען זיי ניט אויף זיך... די הויז איהרע זעהט אויס, אַז ס'איז איהר אַ בזיון פאַר מענשען... זי שעהמט זיך צו בעטען אימיצען קומען צו איהר אין הויז... וואָלט זי קיין מאַן ניט געהאַט, וואָלט זי געווען אַן אַלמנה, אָדער ער וואָלט געלעגען אין האָספּיטאַל, וואָלט זי גע-וואוסט, אַז זי דאַרף מאַכען אַ לעבען פאַר זיך אַליין מיט די קינ-דער... זי האָט ניט אויף ווּעמען צו פאַרלאָזען זיך... איצט איז איהר נאָך ערגער ווי אַן אַלמנה... זי האָט דאָך אַ מאַן, די קינדער האָבען דאָך אַ טאַטען... און וואָס האָט זי פון איהר מאַן, און וואָס האָבען די קינדער פון זייער טאַטען!...

ראַסקין איז געזעסען אין קיך ביים טיש. זי האָט איצט אין קיך ניט געהאַט וואָס צו טאָן. האָט זי זיך געשאַפען אַרבייט, איבערגעשטעלט זאַכען, איבערגעהויבען. זי האָט געמוזט עפּעס טאָן, וואָרים אַז זי וואָלט גלאַט אַזוי געזעסען לעבען איהם און גערעדט, וואָלט דאָך דאָס געמיינט, אַז זי רעדט צו איהם... און גע-וואָלט האָט זי ריידען צו זיך, ריידען פון איהר גרויסען אומגליק... די צרות, הייסט עס, ריידען ארוים פון איהר... זאָל ער זעהן און וויסען ווי אומגליקליך זי איז... האָט זי גערעדט און גערעדט צו זיך און געהאַפט, אַז יעדער וואָרט איהרער גרייכט איהם ריכטיג, ברענט איהם דורך... אין די איבעריגע צימערען שלאָפען די קינ-דער, וויל ניט ראַסקין געהן דאָרטען — זי וועט איהם נאָכגעהן, די קינדער וועלען זיך אויפכאַפּען און זיך דערשרעקען... און זי לאָזט ניט אָפּ און רעדט. די גאַנצע וואָך איז איהם ווּעניג פאַר די גרויסע פאַרדינסטען, מוז ער נאָך האָבען די זונטאָגס אויך... ס'איז איהם קנאַפּ די גאַנצע וואָך צו ברענגען אהיים זיינע גרויסע פאַר-דינסטען...

ער קען אַנטלויפען פון קיך — אין בעט אריין. וועט ער זיך אָבער מיט דעם ערגער מאַכען: זי וועט נאָך זיין נעהענטער צו איהם מיט איהרע רייד... אין איהם קאָכט און זידט. ער ווינשט איהר אין זיין הארצען, אַז זי זאָל פאַרשטומט ווערען אויף אַלע מאָל, זי זאָל שוין קיינמאָל מעהר די מויל ניט קענען עפענען... זי

זאָל זיך לייגען און מאָרגען ניט אויפשטעהן... ראסקין איז געווען א היציגער מענשעל, נאָר אין אַזעלכע פאַלען, מיט זיין ווייב, האָט ער זיך איינגעהאַלטען און וואָס וועניגער איהר געענטפערט — פון זיין אייגענער טובה וועגען. מיט ענטפערען איהר מאַכט ער זיך נאָך ערגער. און ער האָט זיך שוין אויסגעלערענט און ער ווייס, אז מיט איהר ריידען צו זיך אַליין ענדיגט זיך די קריגעריי. עס געדויערט נאָך א ווײַלע, אָבער עס ענדיגט זיך. און זאָל ער איהר ענטפערען, וועט אפשר קיינמאָל קיין סוף ניט נעהמען. האָט ער זיך אויסגעלערענט צו שווייגען און וואַרטען, ביז ס'ווערט איהר מיאוס רעדען צו זיך, אָדער זי האָט שוין מעהר קיין כוח ניט, און זי הערט אויף.

ווי אין אַלע טעג און נעכט אַזעלכע, האָט ראסקין ניט גע־וואָלט געהן שלאָפען אין בעט, נאָר ס'איז ניטאָ אין הויז פאַר איהם קיין אַנדער אָרט, וואו צו שלאָפען... זיצט ער א פּאָר שעה אין קיך. אז זי שלאָפט איין, איז ער שוין מיט איהר זיכער, אז זי וועט איהם צורוה לאָזען. זי שלאָפט מיט א האַרטען שלאָף — אָנגעהאָרעוועט פון איהר טאָג ארבייט און אויסגעמאַטערט פון די סך רייד. כאַפּט זי זיך שוין ניט אויף ביז אין דער פריה. זי הערט גאָר ניט ווי ער קריכט אריין אין בעט. זי ליגט און וואַרט אויף איהם... שטרענגט זיך אָן ניט איינצושלאָפען... זי שלאָפט אָבער פאָרט איין. ראסקין קומט אריין, שטעהט ער א ווײַלינקע, און אז ער הערט גאָרנישט פון איהר, איז דאָס א סימן, אז זי שלאָפט שוין. וואָרים אז זי וואָלט וואַך געווען, וואָלט זי איהם גלייך מקבל־פּנים געווען, אפילו ניט געוואַרט ביז ער וועט זיך לייגען אין בעט אריין.

אז עס געהט, געהט שוין, קומט אַלץ מיט אַמאָל. אויף איבער־מאָרגען, דינסטאָג פאַרנאַכט, אז ראסקין איז אהיים געקומען, האָט די ווייב שוין אויף איהם געוואַרט און איז איהם אַנטקעגען געקו־מען מיט א נייע געשיכטע. ס'איז נאָך אין הויז שווער געהאַנגע די זונטאָגדיגע מלחמה, און ס'איז שוין דאָ עפּעס נייעס. מ'האָט איהר דערצעהלט, אז מ'האָט איהם געזעהן יענע וואָך מיט א פרוי אויף די „ליידיגע לאָטס"... און זי האָט גענומען אָפּפרישען די

זונטאָגדיגע מלחמה מיט נייע קוילען און פּולווער... און ווי די הארץ האָט איהר ריכטיג געזאָגט — זי האָט צונויפגעפּאָרט זיין אוועקגעהן פון הויז זונטאָג מיט די „ליידיגע לאָטס“...

ראַסקין האָט זיך שטאַרק דערשראָקען פון דער בשורה... מ'האָט זיך דערוואוסט פון זיין ליעבע מיט מיסעס פישער... און מ'ווייס, וואו זיי טרעפען זיך... ער מוז אויף גיך עפּעס טאָן... היינט דאַרפען זיי זיך טרעפען אויף די לאָטס... ער האָט אויף גיך א כאַפּ געטאָן זיין רעקעל און העט און ארויס פון הויז...

ער איז געלאָפען צום סטיישאָן, וואו זיין געליעבטע דאַרף אָנקומען פון ניו יאָרק. עס איז שוין געווען אריבער די צייט, ווען זי קומט געוועהנליך אָן. אָבער אפשר וועט ער איהר פּאָרט דערכאַפּען. ער האָט אָפּגעוואַרט איין טריין, נאָך א טריין — זי איז ניטאָ. האָט ער שוין פאַרשטאַנען, אז זי איז אין דער היים. צו איהר אין הויז דאַרף ער ניט ארויפקומען, און ביז זיי וועלען זיך טרעפען איז נאָך דאָ א פּאָר שטונדען צייט... איז ער ארומגעגאַנגען איבער די גאַסען. ער איז אריין אין א וואורשט-סטאָר און געהייסען זיך געבען א „סענדוויטש“. ער האָט אָבער ניט געקענט עסען; א ווייזלע געזעסען און ארויס. ער איז אוועק צו דער ריכטונג פון זיין געליעבטער'ס הויז. ער מוז איהר דערכאַפּען אויפ'ן וועג, און צו די לאָטס וועלען זיי היינט ניט געהן... מ'ווייס, מ'האָט זיך דעוואוסט. זיי טאָרען זיך אויף די לאָטס מעהר ניט טרעפען... ראַסקין האָט גוט געקענט זיין ווייב, געוואוסט אלע איהרע חסרונות און ער האָט געוואוסט, אז נאָכלויפען איהם, נאָכשפּיאָנירען — דאָס וועט זי ניט טאָן. אָבער אין זיין שרעק, וואָס מ'האָט זיך דערוואוסט, און אין זיין כעס און צאָרן אויף זיין ווייב, וואָס איז נאָך אין איהם געווען פון זונטאָג, וואָלט ער אין זיין הארצען איצט אויסגעטראַכט אויף איהר די ערגסטע בלבולים... זי וועט איהם נאָכיאָגען, נאָכלויפען איהם, זי וועט קומען אויף די לאָטס... ער מוז איבערנעהמען זיין געליעבטע אויפ'ן וועג און זאָגען איהר, אז זיי וועלען זיך היינט טרעפען אויף אן אנדער אָרט. און געהענדיג איבער די גאַסען, האָט ער זיך געפיהלט ניט זיכער, און זיך

אַלץ ארומגעקוקט, צי מ׳היט איהם ניט, מ׳געהט איהם ניט נאָך.. פון אַ זייטיגען ווינקעל האָט ער געהיט די טיר, פון וואַנען זיין געליעבטע דאַרף ארויסקומען. זי האָט זיך באַוויזען. ער האָט איהר געלאָזט אָפּגעהן אַ שטיקעל וועג, ביז זי האָט זיך פאַרקי־רעוועט אין גאַס אריין, וואָס פיהרט צו די לאַטס. דערנאָך איז ער אונטערגעקומען און איהר געזאָגט, אַז זיי קענען היינט אויף די לאַטס ניט געהן. זי זאָל נעהמען די קאַר און פאָהרען אין פראָספּעקט פּאַרק, און אויף איהם וואַרטען, וואו עס הויבט זיך אָן דער פּאַרק. ער וועט אונטערקומען מיט די נעקסטע קאַר. ער האָט גערעדט האַסטיג, כאַפּענדיג, ווי איינער, וואָס מוז אויף גיך אָפּזאָגען און אַנטלויפען. און ער איז געווען דערשראָקען און פאַר־שוויצט.

זי האָט פאַרשטאַנען, אַז עפּעס האָט פּאַסירט, וויכטיגעס, און זי האָט געוואָלט וויסען וואָס.

— דאָ קען איך דיר ניט זאָגען, מ׳קען אונז נאָך דערזעהען. וועסט וויסען אין פראָספּעקט פּאַרק.

— אין פראָספּעקט פּאַרק? כ׳וועל מוזען געהן צוריק אַנטאָז אַ העט.

— פאָהר אָהן אַ העט.

צו די צייטונגען פאָהרט זי אַלע מאָל אָהן אַ העט; נאָר אַז זי דאַרף אמאָל פאָהרען אויפ׳ן טריין, צי אויפ׳ן קאַר ניט וועגען איה־רע צייטונגען, מוז זי האָבען אַ העט, פאָהרט קיינמאָל ניט אָהן אַ העט. נאָר איצט געהן צוריק און אַנטאָן אַ העט טויג אויך ניט. מ׳וועט איהר דערזעהן, אַז זי איז געקומען צוריק, אָנגעטאָן די העט און ווידער אוועק... מ׳קוקט נאָך און מ׳זעהט אַלצדינג... האָט זי געמוזט איינשטימען צו פאָהרען אין פראָספּעקט פּאַרק אָהן אַ העט. זומער פאָהרען אַ סך לײדיעס אין קאַר אָהן אַ העט, אפילו רייכע לײדיעס.

אין פינסטערען פּאַרק האָט ער גענומען ריידען צו איהר פון זיינע צרות אין דער היים: וועגען דעם וואָס עס איז פאָרגעקומען זונטאָג, און מ׳האָט זיי געזעהן צוזאַמען אויף די לאַטס און מ׳האָט

אָפּדערצעהלט זיין ווייב... ער האָט געמיינט אראָפּצוריידען זיך פון הארצען פאר זיין געליעבטע, און אויך קריגען סימפּאַטיע... ווייזען איהר, אז ער האָט גרויסע צרות דורך זיין ליעבע צו איהר... און זייער ליעבע דארף ווערען מעהר באהאלטען, זיי מוזען זיך מעהר היטען.

זיין געליעבטע האָט איהם קיינמאָל ניט געלאָזען פונאנדערריידען זיך וועגען זיין היים. איהר איז געווען ניט גוט צו הערען, און זי האָט איהם אראָפּגעפיהרט פון וועג און גענומען ריידען וועגען אנדערע זאכען... זיין היים האָט איהר דערצעהלט פון איהר ניט-כשר'ער ליעבע... אָבער די איצטיגע רייד זיינע וועגען זיין היים זיינען געווען שוין גאָר אנדערע רייד... זי האָט געמוזט הערען און געלאָזט איהם אויסריידען... און זיינע רייד האָבען געארבייט גאנץ אנדערש, ווי ער האָט געמיינט... זי האָט מיט אמאָל דערפיהלט זיך אין דער אמת'ער לאגע... זי האָט זיך קלאָר דערזעהן... און ס'איז געקומען דער סוף. אלע מאָל פריהער האָט זי נאָר געוואוסט, אז זי טהוט ניט ריכטיג, ניט גוט, זי פיהרט א ליעבע מיט א פארהייראטהעטען מאַן, און אליין איז זי א מאמע פון קינדער... האָט זי געוואוסט, אז עס איז ניט שעהן, ניט עהרליך... אָבער איצט איז מיט אמאָל צוגעקומען אויך א מורא... זיין ווייב האָט זיך דערוואוסט און זי וועט מסתמא ניט שווייגען... זי וועט קריגען א שלעכטען נאָמען, אומגליקליך מאכען זיך אליין און די קינדער... און ווער וויים, וואָס זיין ווייב וועט איהר נאָך טאָן!... וואו איז פריהער געווען איהר קאָפּ, איהר שכל!... און עפּעס האָט זי פון איהר געליעבטען אליין גאָר פארגעסען טראכטען, אזוי ווי ער וואָלט דאָ גאָר ניט געווען פארמישט... זי אליין, זי מיט איהרע קינדער...

מיסעס פישער איז געווען א גוט-הערציגע, א ווייכע, אָבער אויך אַן אויסגערעכענטע. איצט איז ביי איהר אויף גיך פארטיג געוואָרען א באשלוס, וואָס מוז אויסגעפיהרט ווערען.

— מיר קענען זיך מעהר ניט טרעפען — האָט זי איהם קורץ געזאָגט.

ער האָט זיך דערשראָקען.

— וואָס? וואָס זאָגסטו?

— ס׳פאַרדריסט מיר אויף אַלץ, וואָס איז ביז איצט געווען — האָט זי איהם געזאָגט, ווי זי האָט איצט געפיהלט — כ׳קען האָבען די גרעסטע צרות, און איך בין אַליין די שולדיגע. כ׳האָב ניט גע-טאָרט דערלאָזען.

ראַסקין האָט אָנגעשמעקט, אַז ס׳איז שלעכט. וואָס איז מיט איהר געוואָרען? וואָס רעדט זי פאַר אַ רייד? ער קען ניט הערען... פיהלענדיג אַז זי מיינט אַלץ, וואָס זי זאָגט, האָט ער פונדעסט-וועגען געוואָלט זאָגען זיך אַליין, און אויך איהר, אַז ס׳איז גאָר-נישט, גלאַט רייד...

זי האָט איהם גאָרניט געהערט, אַזוי ווי ער וואָלט דאָ גאָר ניט געווען... זי איז פאַרנומען געווען מיט פאַרדרוס און חרטה... וואו איז ביז איצט געווען איהר קאָפּ און איהר שכל?... פאַר וואָס האָט זי זיך ניט ארומגעזעהן, וואָס זי קען אָנמאַכען פאַר זיך מיט די קינדער?... אָבער נאָך גוט וואָס ס׳איז נאָך ניט צו-שפּעט, וואָס זי האָט זיך געכאַפּט אין צייט...

זי האָט איהר געליעבטען שוין געקענט וואָס פאַר אַ מענש ער איז — ניט קיין שטאַרק „געזעצטער", אַ היציגער, אַ שטיקעל „פּלוט", האָט זי זיך ניט געשראָקען פאַר זיינע רייד, אַז ער וועט אָהן איהר ניט קענען לעבען, ער וועט זיך דאָס לעבען נעהמען, אַז זי וועט זיך פון איהם אָפּזאָגען... ער האָט גערעדט אַלערליי רייד. פאַר וואָס האָט זי איהם פריהער ניט געזאָגט, אַז ס׳וועט זיך אַזוי אויסלאָזען, אַז זי וועט איהם מעהר ניט וועלען זעהן?... זי האָט איהם גערופט זאָגען פריהער, וואָלט אַנדעריש געווען...

זי האָט גערעדט געלאַסען; אייגענטליך אַ צופרידענע, צו-פרידען מיט דעם, וואָס די זאַך האָט זיך אויסגעלאָזען אָהן צרות און בזיונות, פאַר איהר מיט די קינדער... און דער וועהטאָג, וואָס איז געווייס געווען אין איהר, דערפאַר וואָס עס איז געקומען אַ סוף צו איהר ליעבע, איז פאַרדעקט געוואָרען מיט איהר צופרי-דענהייט וואָס זי קריכט אַרויס פון אומגליק און מיט איהר זיכער-

קייט, אז מיט איהר וועט שוין מעהר אזא זאך ניט פּאסירען...
זי וועט שוין קיינמאָל ניט דארפען מורא האָבען... זי האָט גע-
רעדט און געזאָגט איהם, אז זיי וועלען זיך מעהר ניט טרעפען,
מעהר ניט זעהן. זיי טאָרען ניט. ער איז אַ פארהייראטער מאַן,
אַ פאָטער פון קינדער, און זי איז אַ מאמע פון קינדער... ער דארף
האָבען שכל, און דאָס אליין איינזעהן. זי גלויבט איהם, אז ער האָט
איהר ליעב, אָבער מ׳דארף ניט און מ׳טאָר ניט.

זיין בעטען זיך האָט ניט געהאָלפען. האָט ער גענומען אויפ-
ווארפען איהר, אויסטראכטען בלבולים, אז זי האָט איהם די גאנ-
צע צייט גענארט, עס הייסט, אז זי האָט איהם קיינמאָל ניט ליעב
געהאט, געמאכט אים צום נאר... און ער האָט איהר נאָך געזאָגט,
אז זי האָט אַן אנדער געליעבטען... אויף די דאָזיגע רייד זיינע
האָט זי ניט געהאט וואָס איהם צו ענטפערען, און ניט געענט-
פערט... ער רעדט... אַ ביסעל האָט זי געגלויבט, אז ער מיינט
דאָס טאקע... זי האָט דאָך איהם געקענט, און זי האָט געוואוסט,
אז ער רעדט אָפט אזעלכע רייד, אז ס׳איז ניטאָ וואָס צו הערען.
ער האָט גערעדט און געסטראשעט, אז ער וועט איהר ניט שוויי-
גען... פאר וואָס האָט זי איהם גענארט און פארפיהרט ביז איצט!...

דערנאָך האָט ער גענומען זאָגען איהר, אז ער וועט פון איהר
ניט אוועקגעהן. ער וועט קומען צו איהר אין ניו יאָרק, ביי די
צייטונגען; ער וועט איהר אָפּוואַרטען אויפ׳ן טריין, און אפילו
צו איהר אין הויז וועט ער ארויפקומען... זאָל זי איהם טרייבען,
זאָל זי איהם יאָגען. ער וועט פון איהר ניט אוועקגעהן.

זי האָט איהם געלאָזט ריידען. זי האָט ניט געוואָלט ענטפערען.
ס׳איז געווען ביי איהר פעסט אָפּגעמאכט און באשלאָסען.

ער האָט גערעדט און איז ארויפגעקומען אויף
נייע סטראשונקעס: ער וועט זיך מיט איהר אָפּרעכענען... ער
וועט אויף איהר אויסזאָגען, אויב זי וועט זיך מעהר מיט איהם
ניט טרעפען... ער וועט אלעמען דערצעהלען, אז זי האָט מיט איהם
געפיהרט אַ ליעבע... זי האָט איהם פארשטאַנען און אויף איהם
רחמנות געהאט. וואָס אַ מענש קען זיך אָפּריידען!... און בשעת

ער האָט איהר אַזוי געסטראַשעט, האָט ער געקושט איהרע הענט און איהרע אויגען... און טרערען האָבען זיך פון זיינע אויגען געגאָסען...

זי האָט געהאַט איין טענה: מ׳דאַרף ניט און מ׳טאָר ניט, און גוט נאָך וואָס עס האָט זיך אַזוי אויסגעלאָזען, ס׳האָט גע-קאָנט זיין טויזענד מאָל ערגער...

זי האָט זיך אויפגעשטעלט צו פאָהרען אהיים. זי האָט פאַר-שטאַנען, אַז דאָ וועט מיט איהם קיין סוף ניט נעהמען, זי וועט מיט איהם ניט פאַרטיג ווערען אפילו ביז אין דער פריה... ער האָט דערזעהן דעם סוף פאַר די אויגען, און ער האָט איהר פאַר-שטעלט דעם וועג... ער האָט איהר לייכט אָנגענומען ביי די אַקסלען און איהר צוריק אַוועקגעזעצט. זי איז געוואָרען בייזליך:

— לאָז מיר געהן אהיים!

ער האָט איהר קיינמאָל ניט געזעהן אַ בייזע. האָט ער זיך אַביסעל דערשראָקען. אַ טראָפּעלע שכל האָט זיך צו איהם צוריק-געקעהרט, און ער האָט זיך דערוואוסט, אַז ער האָט גערעדט זעהר נאַרישע רייד; און ער האָט גענומען ריידען גאָר אַנדערע רייד, „ווי אַ מאַן". אויב זי וויל זיך מיט איהם מעהר ניט טרעפען, איז פאַרפאַלען, וועט מוזען זיין ווי זי זאָגט... וועט ער ליידען... ער קען איהר ניט צווינגען... נאָר ער בעט איהר, אַז דאָס זאָל ניט זיין אַזוי גיך, אַביסעל שפּעטער, זאָל זי נאָך וואַרטען... ער קען ניט מיט אַמאָל אַוועקרייסען זיך פון איהר... ער האָט איהר אַזוי ליעב, און ער איז צו איהר אַזוי צוגעוואוינט... ער וועט ניט קענען אויס-האַלטען...

זי האָט זיך געכאַפּט, אַז זי הערט זיך צו צו זיינע רייד... און דאָס טויג ניט פאַר איהר... זי האָט זיך געכאַפּט, אַז זי האַלט ביים נאָכגעבען איהם עפּעס... זי האָט דערפיהלט דעם אומעט, דעם שטילען וועהטאָג פון איהר איבערגעריסענע ליעבע... ראַסקינ׳ס רייד, אַז ער גיט איהר נאָך און עס ווערט אויס... זי טאָר ניט... ניין און ניין... היינט איז דער סוף... שוין...

געענדיגט האָט זיך דער אָווענד דער מיט, וואָס ער האָט ביי

איהר אויסגעפיהרט, אז זי וועט זיך טרעפען מיט איהם נאָך איין מאָל. נאָך איין מאָל איז ניט קיין גרויסער אומגליק... און זי האָט געזעהן, אז עס וועט דאָ היינט מיט איהם קיין סוף ניט נעהמען, און עס איז שוין געווען שפּעט... און זי האָט אויף איהם רחמנות געהאַט, און אויף זיך אַליין האָט זי אויך רחמנות געהאַט...

די שטיקעל צייט ביז איבערמאָרגען, אויף ווען זי האָט איהם צוגעזאָגט מיט איהם זיך צו טרעפען, האָט ראַסקין נאָך אַלץ גע־מיינט, געהאָפט, אז ער האָט נאָך זיין געליעבטע ניט פאַרלאָרען. ער וועט זיך מיט איהר טרעפען, און זי וועט זיך לאָזען איבער־ריידען. אָבער ביי איהר איז די זאַך שוין געווען געענדיגט אויף אַלע מאָל. באַוויינט און אָפּגעוויינט און עס וועט שוין מעהר ניט צוריקקומען. איהר האָט שוין אויך פאַרדראָסען אויף איהר צו־זאָג צו טרעפען זיך מיט איהם נאָך אמאָל... זי קען שוין אָבער אַנ־דערש ניט האַנדלען...

ביים טרעפען זיך מיט איהם צום לעצטען מאָל איז זי געווען א קאַלטע. ראַסקין האָט געפּרואווט ריידען זיינע רייד, געלאַסענער און קיהלער ווי דעם אָווענד פריהער. זי האָט זיך אָבער געאיילט געהן אַהיים. ער האָט ביי איהר אויך ניט אויסגעפיהרט דעם לעצטען געבעט זיינעם, ארויפצוגעהן אויף א ווייל אין הויז, זעהן איהרע קינדער... ער וויל זיי אָנקוקען און קושען צום לעצטען מאָל... זי האָט געפיהלט טרערען אין איהר האַרצען. זי האָט איהם ניט געלאָזט ארויפקומען.

אין עטליכע טעג ארום איז ער געקומען צו איהר אין ניו יאָרק ביי די צייטונגען. זי האָט אראָפּגעלאָזען די אויגען, געשוויגען, איהרע ציינער און ליפּען האָבען זיך צוגעשלאָסען, און אויף די ריהרענדע קינבאַקען איהרע האָט מען געקענט זעהן, ווי זי פאַר־קוועטשט שטאַרק איהרע ציינער, ווי ס׳איז שטענדיג מיט איהר, ווען זי איז אין א האַרצוועהטאָג און זי מוז שווייגען. זי איז אויף איהם בייז געווען: זיי האָבען אָפּגערעדט, ער האָט איהר צוגע־זאָגט ניט צוצוקומען צו איהר... זי האָט מיט איהם ניט גערעדט און אויף איהם ניט געקוקט. ער איז אַוועקגעגאַנגען.

א פּאָר מאָל, געהענדיג פון איהר הויז צום סטיישאָן, האָט זי איהם פון וויַיטען דערזעהן שטעהענדיג אויפ'ן נעקסטען בלאָק. זי האָט פארשטאַנען, אז ער וועט אויף איהר ווארטען אין דער הויך אויפ'ן סטיישאָן. האָט זי אויפגעלעגט וועג און געפאָהרען מיט'ן קאַר.

מאָנאַטען זיינען פאָריבער, א יאָהר איז אוועק. אין איהר הארצען איז וועניג וואָס פארבליבען פון איהר ליעבע, אָבער אין גאַנצען איז די ליעבע איהרע נאָך פאָרט ניט אויסגעוועפּט געוואָרען. אמאָל פלעגט טרעפען, אין אָן אָוונד, איז הויז איז שטיל געוועזן, פלעגט זי זיך פארטראַכטען וועגען איהר ליעבע מיט ראַסקינ'ען... טראַכטען און בענקען נאָך יענע צייטען... וואו איז ער? וואָס איז מיט איהם געוואָרען? ער האָט איהר אַזוי ליעב געהאַט... אין אַנדערע צייטען האָט ער זיך באַנומען ווי א נארישער אינגעל... זי האָט איהם ליעב געהאַט... און עס בענקט זיך און עס טהוט וועה... אָבער גוט וואָס עס האָט זיך בעסער אַזוי אויסגעלאָזען... ס'האָט נאָך געקענט זיין א סך ערגער...

אין א שטיקעל צייט ארום האָט זי עפּעס געהערט וועגען איהר אמאָליגען געליעבטען. ראַסקין האָט דאָך אמאָל געוואוינט אינ'ם זעלבען הויז, און אין הויז זיינען געווען שכנים, וואָס האָבען זיך מיט דער פאַמיליע געטראָפען, האָט מען זיך דערוואוסט און ס'איז אויך דערגאַנגען צו איהר די נייעס, אז ראַסקין איז אַנטלאָפען מיט א מיידעל. די דאָזיגע נייעס האָט איהר א שטאָך געטאָן אין הארצען... זי האָט זיך געפיהלט באַליידיגט, גע'עולה'ט...

איהר האָט זיך געוואָלט וויסען עפּעס מעהר וואָס עס איז פאָרגעקומען... איהר האָט זיך געוואָלט ס'זאָל ניט זיין אמת... האָט זי זיך נאָכגעפרעגט, וואו זי האָט געקאָנט און זי איז דערגאַנגען דעם גאַנצען אמת. אַנטלאָפען פון דער ווייב איז ער טאַקע, אָבער ניט מיט א מיידעל, נאָר מיט א שיקסע, אַן איירישע שיקסע, וואָס האָט געאַרבייט אין זיין אָפיס. זי האָט זיך אין איהם שטארק פאַרליעבט. די שיקסע האָט געהאַט עטליכע הונדערט דאָלאַר. האָבען זיי איבערגעלאָזען ראַסיקנ'ס ווייב צוויי הונדערט דאָלאַר פאַר איהר

מיט די קינדער. אָבער אין עטליכע וואָכען ארום איז ראַסקין צוריק געקומען אַהיים צו זיין ווייב. איצט געהט ער ארום לעבעדיג און זיי שטאַרבען פון הונגער.

דער סוף פון די נייעס, אז ער געהט ארום לעבעדיג און זיי שטאַרבען פון הונגער, האָט א ביסעל בארוהיגט און אָפּגעצאָהלט איהר פאַר איהר פאַרדרוס, וואָס ער איז אַנטלאָפען מיט א גע-ליעבטע... די עולה געגען איהר...

ראַסקין איז אין גאַנצען אויסגעמעקט געוואָרען פון איהר האַרצען. און האָט זי זיך אַמאָל דערמאָנט אָן איהר ליעבע, האָט זי דערפון געטראַכט ווי פון א גאַנץ וואָכעדיגער פּאַסירונג... גאַר-נישט...

V

מעהר האָט מיסעס פישער אין איהר גאַנצען לעבען קיין ליעבעס ניט געהאַט. קיינמאָל ניט צוזאַמענגעקומען זיך נאָהענט מיט א מאַן. און נאָר איינמאָל האָט זיך געמאַכט, אז זי האָט שוין געהאַלטען נאָהענט ביי טאָן א שידוך.

די שדכנ'טע איז געווען איהרע א געוועזענע שכנה, וועלכע האָט איצט געוואוינט א פּאָר הייזער אוועק פון איהר. זיי זיינען זיך געווען זעהר גוטע פריינד. די דאָזיגע שכנה האָט אַמאָל גע-וואוינט אויף איין פלאָר מיט מיסעס פישער.

מיסעס פישער האָט ניט געוואָלט לאָזען רעדען דעם שידוך. זי וויל ניט און זי דאַרף ניט. זי וועט זיך ניט אריינלאָזען אין שידוכים. די אַלטע, אייביגע טענה: זאָלען פריהער איהרע קינ-דער קענען שטעהן אויף די אייגענע פיס... זי וועט גאָר געהן ווע-רען מיט אַמאָל א כלה-מיידעל!...

די געוועזענע שכנה, מיסעס פרידמאַן, האָט איהר ניט אָפּ-געלאָזען, און איהר צוזאַמענגעבראַכט מיט'ן חתן.

דער חתן איז געווען מיסעס פרידמאַנ'ס א לאַנדסמאַן. אַן אַלמן איז ער געווען, א רעכט ביסעל עלטער פון מיסעס פישער, מיט צוויי גרויסע קינדער, וואָס האָבען שוין געאַרבייט. א וואוילער

איד, מיט א געשאָרענע בערדעל, א קאָסטאָמער פעדלער, און מ'האָט אויף איהם געזאָגט, אַז ער פארמאָגט א שעהנע פּאָר דאָ־לאר. ער איז אָבער געווען א קארגער. ער האָט גערעדט די פריינד־ליכסטע רייד, און געזאָגט וויצען, זיך באַנומען פיין צו מענשען, אָבער אַלץ ביז'ן קעשענע. די שדכנ'טע האָט געוואוסט פון דעם דאָזיגען חסרון זיינעם, אָבער זי האָט וועגען דעם פארשוויגען — איהר האָט זיך שטארק געוואָלט חתונה מאַכען מיסעס פישער — זאָל זיין מיט א שטיקעל חסרון. אַן אָרענטליכער מענש איז ער דאָך און א לעבען מאַכט ער אויך, און וויפיעל מיסעס פישער האָט איצט, וועט זי ביי איהם אויך האָבען — ווייניגער געווים ניט. נאָר מיסעס פישער האָט ניט געוואָלט „ארייננלאָזען זיך אין שידוכים".

— וואָס אַרט אייך, אַז איהר'ט זיך מיט איהם טרעפען? איהר'ט זעהן, א פיינער מאַן.

— איך האַלט איצט ניט דערביי. כ'האָב בילכערע זאַכען פון וואָס צו זאָרגען.

מיסעס פרידמאַן ווייס, אַז זי מיינט די קינדער. זי ווייס אָבער אויך, אַז א מענש וויל ניט אָפּלעבען דעם גאַנצען לעבען אַליין. זאָגט זי:

— קינדער זיינען זיך קינדער, זאָלען זיי לעבען און זיין געזונט. אָבער אַליין איז מען אויך א מענש. איהר האָט זיך שוין גענוג אָנגעשטאַנען מיט די פּייפערס. איינער אַליין איז גאָר קיין לעבען נישט.

— איך בין ניט אַליין. איך בין ניט קיין עלענדע.

— אָבער ווי לאַנג איז דער שיעור צו שטעהן אויפ'ן סטריט מיט די פּייפּערס?

מ'האָט גערעדט. מיסעס פרידמאַן האָט איהר צוגערעדט, איינ־גערעדט, און מיסעס פישער האָט געענטפערט — ניט פעסט־ענט־שלאָסען, און איהרע ענטפערס האָבען ניט געמיינט, אַז אַזוי מוז דאָס זיין, און ניט אַנדערש. דער טאָן פון איהרע ענטפערס האָט אויך געלאָזט מיינען, אַז זי וועט זיך „לאָזען דיענען". זי איז ניט

שטאַרק איינגעשפּאַרט. נאָר דער אַלטער ענטפער זאָגט זיך שוין אָליין אַרויס.

די שדכנ'טע האָט זיי אין אַן אָוונט צוזאַמענגעפיהרט ביי זיך אין הויז. דער אַלמן האָט געוואוסט, צו וואָס ער איז געקומען, נאָר מיסעס פישער האָט ניט געוואוסט. מיסעס פרידמאַן האָט געשיקט אַ קינד אַריינרופען מיסעס פישער צו זיך אין הויז מיט עפּעס אַ תירוץ, און האָט זיי באַקענט. מיסעס פישער האָט דער-זעהן אַ גאַנץ פיינעם אידען, באַליבאַטיש אָנגעטאָן, אַ שמייכעל-דיגען, און מ'האָט גרינג געקענט זעהן, אַז ער איז אַ גוטער מענש — די פאַרשלאָסענע קעשענע האָט זיך דאָך אויף איהם ניט אָנ-געזעהן. זי האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז ע ר. זי איז אַ ווייל'ע געזעסען, מ'האָט גערעדט, און זי איז אַוועק צו זיך אין הויז.

דער אַלמן איז געבליבען זיצען אומעטיגלעך, אַז מיסעס פישער איז אַרויסגעגאַנגען. אַ שהענע פרוי, אַ שטאַרק חנ'עוודיגע. ער וואָלט זעהר געוואָלט האָבען איהר פאַר זיין ווייב. נאָר ער ווייס, די „האַרץ זאָגט איהם", אַז עס וועט קיין שידוך ניט זיין. וואָרים באַלד ווי מיסעס פרידמאַן האָט גענומען רעדען איהם דעם שידוך, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז עס איז אַ „שוואַכע זאַך" — אַ פרוי מיט ד ר י י ק י נ ד ע ר — אַ זאַך, וואָס ער קען אויף זיך ניט נעהמען. נאָר מיסעס פרידמאַן האָט אַזוי שטאַרק פאַרלויבט מיסעס פישער, אַזאַ שעהנע ווייבעל, און קאָסטען דאַרף דאָך איהם גאָר נישט דער אָנקוקען, האָט ער איהר אָנגעקוקט. די שדכנ'טע האָט געהאָפט, אַז ווען ער וועט יענער דערזעהן, אַזאַ שעהנע, אַ יונגע, וועט ער ניט קענען ביישטעהן דעם נסיון, און די קינדער וועלען ניט זיין קיין שטער. איז ער געגאַנגען אָנקוקען — איבער געוואַלד וועט מען איהם דאָך צו דער חופּה ניט שלעפּען.

אַז מיסעס פישער איז אַרויס פון הויז, האָט די שדכנ'טע גע-נומען שטאַרק פאַרלויבען איהר און איהרע קינדער — שטאַרק גע-לויבט די קינדער. אַזעלכע קינדער טרעפט מען גאָר ניט, גוטינקע, שטילינקע, מ'ווייס גאָר ניט, אַז זיי געפינען זיך אין אַ הויז, אַ „פּיפּס" הערט מען פון זיי קיינמאָל ניט. נאָר דער אַלמן איז גע-

זעסען שטיל, אומעטיגליך. ער האָט ניט געהאַט וואָס צו זאָגען געגען מיסעס פישערס קינדער. וואָס האָט ער געקענט צו זיי האָבען? מעהר ניט ווי דאָס, וואָס זיי געפינען זיך אויף דער וועלט... א געשמאַקער ביסען אַזאַ פרוי, נאָר אַ צו טייערער פאַר איהם... ער קען זיך דאָס ניט פאַרגינען.

— אַ שעהנע פרוי, הא? — האָט די שדכנ׳טע צו איהם גע-זאָגט.

— יאָ, מ׳קען ניט זאָגען. אַ גאַנץ שעהנע.

— איהר מיינט, אַז זי קען ניט חתונה האָבען מיט אַ באַי, אז זי זאָל װעלען?

— ס׳קען זיין.

— איך ווייס אַליין פון געגנוג באַיעס, וואָס וואָלטען מיט איהר חתונה געהאַט. זיי בעטען זיך ביי איהר — האָט די שדכנ׳טע גע-זאָגט אַ שטיקעל ליגען.

פאַר זיין אוועקגעהן, האָט זי איהם געפרעגט וואָס ער דענקט, און ער האָט געענטפערט, אַז ער וועט לאָזען וויסען. ער האָט ביי זיך געוואוסט, אַז ער האָט ניט וואָס צו לאָזען וויסען. נאָר מיט אַמאָל אָפּזאָגען זיך, איז איהם געווען שווערליך.

די שדכנ׳טע איז אַריין צו מיסעס פישער.

— נו, וואָס זאָגט איהר, כ׳האָב אייך ניט גענאַרט, הא? איהר האָט געזעהן, אַ שעהנער מאַן, אַ קלוגער.

— אַז איך האַלט איצט ניט ביי אַזעלכע זאַכען — האָט מי-סעס פישער געזאָגט מיט אַ שאָקעלדיגען, פאַרטראַכטען קול.

— אָבער ער געפעהלט אייך?

— וואָס קען מען זאָגען, אַז מ׳זעהט אַ מענשען דעם ערשטען מאָל?

— איך ווייס דאָך ווער ער איז. איך קען די גאַנצע פאַמיליע זיינע פון דער היים. — און די שדכנ׳טע האָט פאַרלויבט איהם מיט זיין פאַמיליע.

דער אַלמן איז געקומען נאָך אַמאָל צו דער שדכנ׳טע אין הויז. דער שידוך איז טאַקע אַ „שוואַכע זאַך“ און ס׳איז דערפון

כמעט ניטאָ וואָס צו ריידען. נאָר ס׳ווילט זיך איהם אָנקוקען איהר נאָך אמאָל. ער וועט ניט זאָגען ניט יאָ און ניט ניין.

די שדכנ׳טע האָט אריינגעבראַכט מיסעס פישער, און זי האָט אויך געמאַכט, אַז די קינדער זאָלען אויך אריינקומען אין הויז. דער אַלמן האָט זיי געגעבען צו ניקעל און זיי געגלעט איבער די בעקלעך. טאַקע פיינע קינדער... אָבער ער וועט זיי אויף זיך ניט ארויפנעהמען... איין קינד, אפשר, אַז זי וואָלט געהאַט... אָבער ניט גאַנצע דריי...

און אין עטליכע טעג ארום איז די שדכנ׳טע אריינגעקומען מיט׳ן אַלמן צו מיסעס פישער אין הויז, און זאָל ער זעהן, ווי ריין און ציכטיג ס׳איז ביי איהר, וואָס פאַר אַ באַליבאָסטע זי איז... ער קומט צו דער שדכנ׳טע אין הויז. ער זאָגט איהר אָבער גאָר־נישט וואָס ער האָט אין זינען. זי פאַרליובט שטאַרק מיסעס פישער, און ער אַליין ליובט איהר אויך, נאָר קיין קלאָרע דבורים רעדט ער ניט.

אַז זי וואָלט ניט געהאַט די קינדער, אַ מינוט אפילו וואָלט ער ניט איבערגעקלערט... וואָס דאָס וועט איהם דאַרפען אָפּקאָס־טען... און ער ווייס שוין פון דער שדכנ׳טע, ווי טייער די קינדער זיינען ביי מיסעס פישער. די שדכנ׳טע האָט געוואוסט מיסעס פישער׳ס גאַנצע געשיכטע, און זי האָט איהם אַלץ איבערגעגעבען. ווייס ער, אַז די קינדער מוזען זיין מיט איהר, זי וועט זיי פון זיך ניט אָפּלאָזען... אָבער אָפּזאָגען זיך פון איהר קען ער אויך ניט. ער האָט איהר אמת ליעב געקראָגען. ער קומט שוין אַליין ארויף צו איהר אין הויז אין אָן אָוועגד, און איהם איז שווער פון הויז אוועקצוגעהן. און אַלץ אויף דעם שעהנסטען, איידעלסטען אופן. קיין זייטיגען וואָרט קיינמאָל צו איהר ניט ארויסגערעדט. ער איז שוין אפילו צוגעקומען צו איהר אין מיטען טאָג ביי די צייטונגען. זי האָט זיך פאַרשעהמט. ער האָט דאָך פריהער געוואוסט, אַז זי פאַרקויפט צייטונגען אויפ׳ן גאַס. זי האָט דאָך איהם אַליין געזאָגט דעם אָרט, וואו זי שטעהט, און זיי האָבען גערעדט פון איהרע ביזנעס. נאָר אַז זי האָט איהם דערזעהן לעבען זיך, אויפ׳ן

גאַס, ביי די צייטונגען, האָט זי זיך פאַרשעהמט און געררויטעלט, ווי ער וואָלט איהר פּלוצלינג געכאַפּט ביי עפּעס אַ ניט-שעהנע זאַך...

מיסעס פישער האָט זיך אין דעם אַלמן ניט פאַרליעבט. אָבער ער איז איהר געפעלען געווען. אַן איידעלער מענש, און ווי מ׳קען זעהן, אַ גוטער, און ריין און ציכטיג אָנגעטאָן. און מיסעס פריד-מאַן קען איהם מיט זיין גאַנצער משפחה... אַז ער וואָלט איהר געזאָגט, אַז ער וויל איהר נעהמען מיט די קינדער און זיי פאַר-זאָרגען, און דערהויפּט, זי זאָל וויסען, אַז ער וועט זיין גוט צו די קינדער, וואָלט זי איהם ניט צוריקגעוויזען... זי איז זיכער, ווייזט זיך איהר אויס, אַז ער וועט צו די קינדער זיין ניט שלעכט... מ׳קען ניט זעהן אין איהם דעם באַוואוסטען שטיפטאַטען, וואָס שרעקט אַזוי אָפּ אַ צערטליכער מאַמע... נאָר ער זאָגט איהר גאָר נישט, און זי ביי איהם וועט זיך דאָך ניט בעטען!... זאָגט זי זיך, אַז שטאַרק אָפּעסען זיך ס׳האַרץ וועט זי ניט, אויב ס׳וועט זיך גאָרנישט אויסלאָזען...

קיין שידוך קען מען דאָס דערווייל ניט אָנרופען. נאָר די שדכנ׳טע זעהט, אַז ס׳געהט אויף אַ דרך. מיסעס פישער זאָגט זיך ניט אָפּ. זי איז מיט׳ן אַלמן גאַנץ גוט באַפריינדט געוואָרען. זי זאָגט נאָך אַלץ צו דער שדכנ׳טע, אַז זי „וועט זעהן". אַז עס וועט קומען דערצו, וועט זי דאַמאָלסט זעהן. אַז די שדכנ׳טע וואָלט צו איהר געזאָגט: „ער וויל אייך נעהמען מיט די קינדער, גיט מיר אייער ענטפער", וואָלט דער ענטפער געווען „יאָ". נאָר די שדכנ׳טע קען דאָס איהר ניט זאָגען, ווייל דער חתן שווייגט. ער האָט גראָד יאָ וואָס צו זאָגען, נאָר ער קען ניט ארויסזאָגען. ער האָט זיך צו עפּעס דערטראַכט. ער האָט ליעב מיסעס פישער און די קינדערלעך איהרע ווינשט ער אויך, חס ושלום, קיין שלעכטס ניט. דער חסרון איז, וואָס זיי זיינען דאָ. זיי וועלען איהם מוזען אָפּקאָסטען אַזוי פיעל געלט... וואָלט גוט געווען, אַז פאַר די קינ-דער זאָל זי אַליין פאַרדיענען, ווי זי פאַרדיענט איצט, איהרע קנאַפּע צוועלף דאָלאַר אַ וואָך (ער האָט שוין אויסגעפונען, וויפיעל

די צייטונגען ברענגען איהר אריין). פאר איהר אליין וואלט ער שוין נישט געקארגט. זי וועט זיך ביי איהם האבען פון די שעהנ-סטע און בעסטע. נאר פאר די קינדער זאל זי פארדיענען. מיסעס פישער אליין קען ער דאס ניט זאגען. ער שעהמט זיך, אן איידע-לער מענש... און ס׳קען נאך מיט איין קלאפ ווערען אינגאנצען אויס. האט ער גערעדט פאר דער שדכנ׳טע, ווען זי איז אמאל צו איהם צוגעשטאנען, ער זאל איהר זאגען וואו ס׳האלט. ער האט איהר ארויסגעזאגט אלץ, וואס עס טהוט זיך ביי איהם אויפ׳ן הארצען. אויב מיסעס פישער וועט אויף דעם איינשטימען, קען מען אפילו באלד שטעלען א חופה. ער האט געוואוסט, אז זיין פלאן איז ניט קיין איבעריגס גוטער, האט ער זיך גערדעהט מיט א תירוץ, ס׳איז איצט „שוואך די צייט"... איהר אליין וועט ביי איהם ניט פעהלען פון פויגעל-מילך... ער וויל ניט קיין איין סענט פון איהרע פארדיענסטען... מ׳וועט אויסרעכענען, וואס די קינדער קאסטען אפ, וועט זי די איבעריגע געלט לייגען אין די ביינק אויפ׳ן נאמען פון די קינדער... אפילו א פאדעם וועט ער ניט לאזען קויפען פאר איהר אליין פון איהרע פארדיענסטען...

די שדכנ׳טע האט געוואוסט פון זיין קארגקייט, אבער אויף אזא מין פלאן האט זי זיך ניט געריכט. און זי האט איהם אויפ׳ן שטעל געזאגט, אז ס׳איז זעהר א שלעכטער פלאן, און ס׳וועט זיך פון שידוך גארנישט אויסלאזען... אז א פרוי האט חתונה מיט א מאן, וויל זי זיין א באליבאסטע ביי זיך אין הויז, און ניט געהן פארדיענען. זי איז זיך שוין גענוג אנגעשטאנען אויפ׳ן גאס מיט צייטונגען. און די שדכנ׳טע האט געזוכט צו באווייזען איהם, אז פאר איהם אליין וועט זיך דאס אויך ניט לוינען. מיסעס פישער איז א גרויסע בריה, אן איינשפארערקע. זי וועט איהם איינשפארען א סך געלט, אז ער וועט איהר האבען ביי זיך אין הויז, אפשר מעהר ווי די צייטונגען ברענגען איין. און ווי וועט זי קענען גוט אכטונג געבען אויף זיין הויז און צוגרייטען און קאכען מאלצייטען, אז זי וועט זיין פארנומען מיט די צייטונגען? ס׳וועט איהם נאך קאסטען טייערער...

דער אַלמן האָט זיך גוט צוגעהערט צו איהרע רייד, און ער האָט ניט געקענט איינזעהן, ווי אַזוי איהם וועט אויסקומען ביליגער אָהן איהרע קנאַפּע צוועלף דאָלאַר אַ וואָך פון די צייטונגען... און וועגען אַכטונג געבען אין הויז — דאָס איז אַ קלייניגקייט. ער אַליין האָט גענוג צייט דורכ'ן טאָג צו טאָן אַ סך זאַכען אין הויז. ער טהוט איצט אויך. ער וועט איהר העלפען מיט אַרבייטען, אָדער זי וועט גאָר א י ה ם העלפען.

די שדכנ'טע האָט שוין איינגעזעהן, אַז דער שידוך צוקריכט זיך. מיסעס פישער וועט אוּדאי ניט איינגעהן אויף זיין פּלאַן. נאָר זי האָט געהאָפט, אַז יענע וועט זיך אפשר לאָזען איינרעדען. אַלץ בעסער ווי אָפּלעבען דעם גאַנצען לעבען גאָר אַליין. איהר האָט זיך זעהר שטאַרק געוואָלט חתונה מאַכען מיסעס פישער.

זי האָט נאָך געפּרואווט ריידען צום אַלמן. אפשר וועט זי קענען איהם איבעררעדען. די עלטערע מיידעל מיסעס פישער'ס איז שוין באַלד אַ גרויסע מיידעל, זי וועט גיך קענען אוועקגעהן אַרבייטען. די צווייטע מיידעל וואַקסט אויך אונטער, בלייבט איבער דער באָי, וועלען די צוויי מיידלעך שוין פאַרדיענען פאַר איהם אויך. די שדכנ'טע האָט גערעדט, און דער חתן האָט זיך געטראַכט, אַז איהר איז גרינג צו ריידען: זי וועט דאָך די קינדער אויף זיך ניט נעהמען און ניט דאַרפען זיי אויסהאַלטען... און ס'רעדט זיך נאָר אַזוי, אַז די עלטערע מיידעל געהט באַלד אַרבייטען און די אינגערע אויך, און זיי וועלען אויסהאַלטען דעם באָי... ער ווייס ווי אַלט זיי זיינען און ווי לאַנג ס'וועט נאָך געדויערען, און וואָס ער וועט דאַרפען אויף זיך טראָגען...

צום סוף האָט די שדכנ'טע איהם געזאָגט, אַז איהם וועט פאַרדריסען, וואָרים אַזאַ פרוי ווי מיסעס פישער וועט ער קיינמאָל ניט קריגען. און דאָס איז טאַקע געווען אמת, און ס'האָט איהם גוט פאַרדראָסען. ער האָט געזעהן וואָס פאַר אַ פרוי מיסעס פישער איז.

די שדכנ'טע האָט איבערגעגעבען דעם אַלמנ'ס פּלאַן צו מיסעס פישער.

מיסעס פישער האָט געוואָלט ווערען אין כעס, אויסהערענדיג די דאָזיגע רייד, נאָר זי האָט זיך אביסעלע אָנגעשטרענגט און זיך צולאַכט, מיט אַ געמאַכטען, געמאַטערטען געלעכטער.

— מעהר ווי דאָס וויל ער ניט? אַ טייערער שידוך פאַר מיר! איהר זאָגט דאָך אַז ער מאַכט אַ פיינעם לעבען.

— ער מאַכט טאַקע אַ פיינעם לעבען. ער האָט געזאָגט, אַז די ערשטע צייט וועט איהר זיך קענען פאַרדיענען, ווי איצט („די ערשטע צייט" האָט זי צוגעלייגט אייגענע, צו מאַכען אַ ביסעל גרינגער די לאַגע).

— די ערשטע צייט! — האָט מיסעס פישער געלאַכט פון איהם — זאָל זיך איהם דוכטען, אַז ס'איז שוין אַוועק די ערשטע צייט. וואָס וועל איך דאָ אויסבייטען? שטעהן מיט די פייפּערס אויפ'ן סטריט, ווי איצט, און נאָך נעהמען נייע צרות אויף זיך?

— וואָס דאַרפט איהר זאָגען „נייע צרות"? ס'וועט ניט זיין קיין צרות.

די שדכנ'טע האָט געוואָלט איבערגעבען מיסעס פישער זיינע רייד, אַז איהר אַליין וועט ביי איהם ניט פעהלען פון פויגעל־מילך. נאָר די קינדער קען ער אויף זיך ניט נעהמען. האָט זי דאָס בעסער ניט געזאָגט: זי האָט ניט געוואָלט ווערען טאָן איהר ווענען די קינדער. זי האָט געוואָלט אויסברענגען אַזוי, אַז מיסעס פישער זאָל אַליין פאַרשטעהן.

מיסעס פישער האָט זיך געדונגען מיט דער שדכנ'טע ניט דער־פאַר, ווייל זי האָט זיך געוואָלט אויסדינגען בעסערע קאָנדיציאָנען. זי האָט געוואוסט ביי זיך אַז ס'וועט שוין קיין שידוך ניט זיין. נאָר איהר האָט פאַרדראָסען, ס'האָט איהר געקרענקט, וואָס יענער האָט געהאַט די חוצפה צו מאַכען איהר אַזאַ אָנבאָט.

— זאָל ער זיך זוכען אַנדערע. איך בין פאַר איהם ניט קיין שידוך!

די שדכנ'טע האָט נאָך אַלץ געהאָפט.

— ער האָט געזאָגט, אַז ס'איז שוואַך די צייט, ס'וועט זיך פאַרבעסערען, וועט איהר ניט דאַרפען פאַרקויפען קיין פייפּערס. (ער האָט דאָס גאָר ניט געזאָגט.)

— און אַז די צייט וועט צוריק ווערען שוואַך, וועל איך זיך ווידער מוזען אַוועקשטעלען מיט פּייפּערס? כ'דאַרף איהם ניט!

זי האָט שוואַך געלאַכט. זי איז געווען בייז, אין כעס, און אין דער זעלביגער צייט האָט זי געוואָלט אויסלאַכען זיך פון איהם... איז איהר אָנגעקומען שווער, אי זיין אין כעס, אי לאַכען.

— ס'אַ געלעכטער, חתונה האָבען מיט אַ מאַן און שטעהן אויפ'ן סטריט מיט פּייפּערס... אַז כ'וואָלט געווען פאַרליעבט אין אַ מאַן צום שטאַרבען, וואָלט איך דאָס אפשר געטאָן... ווייס איך אויך ניט, אויב איך וואָלט דאָס געטאָן.

די שדכנ'טע האָט געפּרואווט ווייטער ריידען. געזאָגט מיסעס פישער, אַז זי וועט לאַנג מיט די פּייפּערס ניט דאַרפען שטעהן. אַז מ'האָט האָלט אַ ווייב, פיהרט זי שוין אַלצדינג אויס.

— זאָלען שוין אַנדערע ביי איהם אויספיהרען.

די שדכנ'טע האָט נאָך אַלץ ניט געקאָנט לאָזען פאַלען דעם שידוך; האָט זי איהר געזאָגט, אַז עס וועט זיין גוט פאַר די קינ־דער. זי וועט ניט דאַרפען אַוועקגעבען אַלע איהרע פאַרדינסטען אין הויז אריין... ס'וועט איהר איבערבלייבען פון די געלט, וואָס ער וועט איהר געבען, וועט זי לייגען אין באַנק אויף די קינדער'ס נעמען. איהר אַליין וועט ער דאָך „סופּאָרטען"... אַ פרעמדער איז ניט קיין אייגענער. די קינדער זיינען דאָך מיט איהם פרעמדע...

— אָבער מ י ר זיינען זיי ניט קיין פרעמדע...

איצט האָט זיך שוין אין מיסעס פישער געכומען שאַפען אַ געוויין. נאָר זי האָט זיך געשטאַרקט.

— פאַר מיינע קינדער וועל איך שוין אַליין זאָרגען, און אַז זיי וועלען דאַרפען האָבען געלט אין באַנק, וועלען זיי האָבען אָהן איהם אויך... ס'וועט זיך איהם נאָך אָפּדוכטען, אַז זיי עסען אויף זיינעם אַ ביסען.

— אַזאַ מענש איז ער ניט.

— כ'זעה שוין וואָס פאַר אַ מענש ער איז און ווי איך מיט די קינדער וואָלטען זיך פאַר איהם געהאַט. אַלעמען זיינען די קינדער מיינע גרוים אין די אויגען.

זי האָט זיך איינגעהאַלטען פון אַ קללה. ס׳איז קיינמאָל ניט געווען אין איהר נאַטור ווערען צוקאָכט, שטאַרק אויפגערעגט, און זי האָט ניט געוואוסט פון קללות. נאָר איצט איז זי געווען שטאַרק אויפגעבראַכט אויפ׳ן אַלמן פאַר זיין חוצפּה, פאַר זיין וועלען אַראָפּוואַרפען איהר אַזוי... און איהר האָט זיך געוואָלט איהם שילטען... זי האָט געווישט די אויגען. לאָכען האָט זי שוין ניט געקענט.

— נו, גוט, אָלרייט — האָט די שדכנ׳טע געזאָגט — וועל איך איהם זאָגען, אַז אייך געפעהלט ניט. קיין פּייפּערס ווילט איהר מעהר ניט פאַרקויפען... (דאָס האָט געזאָלט הייסען, אַז ס׳ציהט זיך נאָך דער שידוך).

— איהר דאַרפט איהם פון מיר קיין זאַך ניט זאָגען, זאָגט איהם גאָרנישט; — האָט מיסעס פישער איהר פאַרבאָטען — איך וויל איהם ניט און איך דאַרף איהם ניט; איך וויל איהם מעהר אין מיינע אויגען ניט אָנזעהן. זאָל ער זיך זוכען אַ שעהנערע און אַ אינגערע. (די לעצטע רייד איהרע איז געווען אַ שטאָך און אַ נקמה: ער וועט איהר ניט קריגען... זי איז דאָך אַ סך אינגער פון איהם, און זי איז אַ שעהנע).

איז פון שידוך גאָרנישט געוואָרען. מיסעס פישער האָט דעם אַלמן מעהר ניט אָנגעקוקט און זי האָט זיך מעהר קיין שידוכים ניט געזוכט און עס האָט זיך ניט געמאַכט.

VI

די יאָהרען זיינען געגאַנגען. מיסעס פישער האָט פאַרקויפט צייטונגען און געהאָדעוועט איהרע קינדער, און זי איז געווען ווי-ניט-איז צופריעדען מיט איהר לעבען. נאָר די לעצטע צייטען האָט זי אָנגעהויבען אַרויפנעהמען אויף זיך עלטער. און איהר שעהנקייט, איהר חן האָט זיך גענומען אָפּטאָן פון איהר. אַז זי איז געקומען צו פערציג, איז זי שוין שטאַרק פאַרעלטערט געווען און זי האָט גע-קראָגען גאָר אַן אַנדער אויסזעהן ווי זי האָט געהאַט, דאַכט זיך, גאָר ניט לאַנג צוריק, און ס׳איז שוין באַלד קיין סימן ניט געווען

פון יענער מיסעס פישער, וואָס האָט זיך אַמאָל אַוועקגעשטעלט אויפ׳ן גאַס פאַרקויפען צייטונגען. זי האָט פאַרלאָרען ציינער, איהר מויל איז איינגעפאַלען געוואָרען און דער פנים צוקנייטשט. די שטויב פון גאַס, די היצען, די פרעסט, די רעגענס, שנייען און זאַווערוכעס דורך די אַלע יאָהרען האָבען זיך אַריינגעזעצט, אַריינגעשניטען אין די קנייטשען אויף איהר געזיכט און דאָרט איבערגעלאָזען זייערע סמנים. און איצט, נאָך פערציג, האָבען זיי זיך גענומען אַרויסווייזען. אַז זי איז אַלט געווען דרייסיג יאָהר, האָט זי אויסגעזעהן ווי צוויי און צוואַנציג, מיט אַ דינעם, צאַרטען קערפּער, ווי אַ יונגע מיידעל, ניט ווי אַ מאַמע פון דריי קינדער, און אַ חנ׳עוודיגע, איידעלע געזיכט. און צו פערציג האָט זי אויסגעזעהן ווי פופציג, און נאָך עלטער. אַ צוגאָסענע, שוואַרצע אידענע, מיט אַן איינגעפאַלענעם מויל און אַ סך קנייטשען אויפ׳ן פנים.

נאָר זי קוקט גאָר ווייניג וואָס אַרום זיך, און נעהמט זיך ניט צום הארצען. איהר איז גאָר איצט בעסער, מיינט זי, ווי איהר איז געווען דאַמאָלסט, ווען זי איז געווען יונג און שעהן. דאַמאָלסט האָט זי זיך געשראָקען, געלעבט אין מורא: קליינע קינדער, און צי וועט דאָס זיין פאַר איהרע כחות זיי אויפהאָדעווען און שטעלען זיי אויף די פיס... איצט איז שוין די מורא ניטאָ. די קינדער זיינען שוין אויסגעוואַקסען. אין יענע יאָהרען פלעגט זי טראַכטען און זיך זאָגען, אַז ווען די קינדער וועלען שוין קענען שטעהן אויף די אייגענע פיס, וועט זי אפשר נעהמען קלערען וועגען זיך אַליין. און ס׳איז אויסגעקומען, אַז בשעת די קינדער קענען שוין שטעהן אויף זייערע אייגענע פיס, קען זי שוין כמעט ניט שטעהן אויף איהרע אייגענע פיס. די טעג און יאָהרען שלעכטע וועטערען אויפ׳ן גאַס האָבען איבערגעלאָזען אין איהר רומאַטיזם, מיט וועהטאָגען, מיט ברעכענישען אין די פיס. ס׳איז איהר שווער צו שטעהן. אין אַ פייכטען טאָג איז זי גאָר אינגאַנצען קיין מענש ניט, ווי זי זאָגט אַליין. וואו זי טהוט זיך נאָר אַ ריהר אָן, דערטאַפּט זי אַ וועהטאָג.

זי האָט אָבער אַזעלכע טייערע קינדער. די מאַמע איז ביי זיי מי יודע וואָס. דערהויפּט די מיידלעך. אַזעלכע פיינע, שטילע מיידלעך. ניט קיין ארומלויפערקעס מיט באָיס, ווי אַנדערע מייד-לעך.ביידע מיידלעך האָבען געענדיגט פּאַבליק סקול און אוועק ארבייטען אין שאָפּ.

פון איהר באָי, דעם אינגסטען קינד, האָט זי נאָך דערווייל ניט אַזאַ נחת ווי פון די מיידלעך. ער האָט אפילו ניט געוואָלט ענדיגען סקול, און ער האָט זיך אויסגעזוכט אַלערליי ארבייטען צו פאַרדיענען געלט. די מאַמע און די שוועסטער האָבען געוואָלט, ער זאָל ענדיגען סקול און געהן אין האַי-סקול, אפילו פון קאַלעדזש האָט מען געטראַכט — מ'האָט געוואָלט מאַכען פון איהם אַ לייט. ער האָט זיך אָבער ניט געלאָזען. ער האָט געוואָלט פאַרדינען און האָבען געלט.

אַז די מיידלעך זיינען עלטער געוואָרען און פאַרדיענט גוטע וויידזשעס, האָט מען זיך אריינגעקליבען אין אַ לייטישערע דירה, אין אַ ביסעל אַ בעסערען געגענד. זיי האָבען אָנגעהויבען אריינ-טענה'ן מיט דער מאַמען, אַז זי זאָל אויפהערען פאַרקויפען ציי-טונגען. זיי מאַכען אַ לעבען, און ס'איז שוין גענוג פאַר איהר צו שטעהן ביי די צייטונגען. זיי האָט ניט געפּאַסט, אַז זייער מאַמע זאָל פאַרקויפען צייטונגען אויפ'ן גאַס.

די מאַמע האָט אפילו ניט געוואָלט צוהערען זיך צו זייערע רייד. וואָס איז דאָס? זי וועט לאָזען די קינדער האָרעווען פאַר איהר אין שאָפּ? אָנלייגען זיך אויף שוואַכע קינדער? לעבען פון איהרע קינדער?... אַזאַ זאַך וועט זי ניט טאָן כל זמן זי וועט נאָך קענען שטעהן אויף איהרע פיס. אַז זי וואָלט חס ושלום געוועזען אַ קראַנקע, צי אַ קאַליקע, איז שוין פאַרפאַלען, מוז מען לעבען פון קינדער... אָבער איצט? הלואי האָט זי נאָר אַזוי פיעל, וויפיעל זי וואָלט ז י י געגעבען... מיידלעך דאַרפען אַ סך האָבען... זי וואָלט זיי גאָרניט געלאָזען געהן אין שאָפּ ארבייטען, אַז זי וואָלט געקענט.

אָבער די מיידלעך האָבען זייער מאַמען ניט אָפּגעלאָזען. זיי

האָבען געוויינט, געסטראַשעט איהר, אַז זיי וועלען ארויסמופען פון הויז. זיי האָבען זייער מאַמען ליעב געהאַט און זיי האָבען גע־וואָלט, אַז זי זאָל זיך שוין אַביסעל אָפּרוהען, און ס'איז פאַר זיי ניט שעהן... די מאַמע זאָגט טאַקע, אַז זי פיהלט זיך זעהר גוט, זי האָט נאָך גענוג כוח צו שטעהן צו שטעהן ביי די צייטונגען. דאָס איז אָבער ניט געווען אין גאַנצען אמת. אין פייכטע וועטערען „ציהט" איהר שטאַרק אַ פוס און זי האָט געקראָגען אויפ'ן פוס גראָבע, בלויע אָדערען, און אַ סך נעכט לייגט זי זיך אין בעט מיט צוויי „האַט וואָטער בעגס".

און ס'איז ניט קיין גרויסער כבוד, אַז אַ מאַמע שטעהט לעבען אַ סאַלון מיט צייטונגען.

די מאַמע האָט געגען איהרע טעכטער געקעמפט. פון זייער „ארויסמופען" לאַכט זי זיך אויס. זי ענטפערט זיי גאָר ניט אויף דעם. זי זאָגט זיי:

— איהר ווילט שוין, קינדערלעך, מאַכען פון מיר אַ גאַנצע לייט, אַן אַלטע אידענע, וואָס טויג שוין צו קיין זאַך ניט, מ'דאַרף מיר שוין דערלאַנגען פון אַלעם פאַרטיגען... איהר וועט לויפען אין שאַפּ ארבייטען און מיר אַלץ דערלאַנגען...

— מ'וועט דיר ניט דערלאַנגען און דו וועסט ניט לעבען אויף אַלעם פאַרטיגען. וועסט האָבען גענוג צו טאָן אין הויז. מיר קענען דיר אין הויז ניט העלפען. מיר ארבייטען אַ גאַנצען טאָג אין שאַפּ.

— אַ גרויסע ווערדע האָט טאַקע ביי מיר די ארבייט אין הויז! כ'קום אהיים, טהו איך אַלץ, וואָס איך האָב צו טאָן.

— מיר ווילען געפינען פאַרטיג סאַפּער, אַז מיר קומען אהיים. איצט דאַרפען מיר זיך שטעלען קאָכען. דו קומסט אַן אָנגעהאָרע־וועטע פון אַ גאַנצען טאָג.

די סאַפּערס אַרט זיי ניט אַזוי שטאַרק; זיי ווילען מיט דעם איינגעהמען זייער מאַמען.

— איך האָרעווע זיך טאַקע איבער! וואָס טהו איך אַ גאַנצען טאָג? כ'ארבייט אַזוי ווי איהר אין שאַפּ?

אויף דער טענה וועגען די סאַפּערס, האָט די מאַמע ניט אַקו-ראַט וואָס צו ענטפערען. די טענה איז אַ גערעכטע, מאַכט זי זיך ניט וויסענדיג און שווייגט וועגען דעם.

— און דיינע פּיס האָסטו פאַרגעסען? קענסט שטעהן אין די רעגענס?

— אַלע טאָג רעגענט דאָך ניט.

— און אַז ס'רעגענט ניט? אַז ס'איז אַזוי אַ פייכטער טאָג, האָסטו ווייניג צרות מיט די פיס?

— קיין קריפּעל בין איך, גאָט צו דאַנקען, ניט. ס'גיט אַמאָל אַ ציה אַ פוס.

— אַ ציה אַ פוס! מיינסט, מיר הערען ניט, ווי דו קרעכצעסט ביינאַכט?

אָט די אַלע טענות האָבען דער מאַמען ניט שטאַרק גערירט. וועגען די סאַפּערס איז טאַקע ניט גוט. אַז די מיידלעך קומען אַהיים פון שאַפּ, דאַרפען זיי געפינען פאַרטיג סאַפּער, ניט שטעלען זיך אַליין קאָכען. אָבער דאָס איז נאָך ניט גענוג, אַז זי זאָל צוליעב דעם אַוועקוואַרפען איהרע פאַרדיענסטען און זיך אַוועקזעצען אין הויז. אַ רחמנות אויף די קינדער. מיידלעך דאַרפען גע-נוג געלט. און דערצו נאָך ווייל אַ מענש ניט ווייזען אַנדערע און זיך אַליין, אַז מ'טויג שוין ניט, און מ'מוז אָנקומען צו אַנדערע, זאָל דאָס אפילו זיין אייגענע קינדער, די בעסטע קינדער... אַזוי פיעל יאָהרען פאַרדיענט, געהאַט אייגענע געלט...

וואָלטען אפשר די מיידלעך ביי איהר ניט אויסגעפיהרט. אָבער זייערע אַנדערע טענות האָבען געווירקט.

— מיינסט, מ'וועט אויף אונז ניט ריידען? מ'רעדט ניט, מיינסטו? מיר פאַרדיענען און מיר מאַכען אַ לעבען, און די מאַמען לאָזען מיר שטעהן אויפ'ן סטריט מיט פּייפּערס און אונז אַרט ניט...

דאָס איז פאַר דער מאַמען שוין גאָר אַנדערע רייד... מיידלעך... זיי קענען דורך איהר ליידען. ניט קיין כבוד פאַר מיידלעך, אַז די מאַמע שטעהט אויפ'ן סטריט מיט פּייפּערס... ס'קען שאַדען די

מיידלעך, און דאָס האָט איהר געשראָקען. גרויסע מיידלעך, אַ שידוך... שידוכים... האָט זי זיך שוין אַזוי גוט ווי אונטערגעגעבען, אָבער נאָך ניט אַזוי גיך... מ'קען ניט כאַפּען אויף גיך און אוועק-וואַרפען אַ פּרנסה... ס'געהט צו די ימים טובים, ס'וועט זיין ווינ-טער. זי וועט דאַרפען קויפען פאַר זיך זאַכען... זאָל דאָס נאָך זיין פון איהרע אייגענע פאַרדיענטע געלט. זי וועט נאָך גענוג צייט האָבען צו נעהמען ביי די קינדער.

האָט מען נאָך גענוג גערעדט און גערעדט, און זי האָט ביי די קינדער זיך אָפּגעבעטען ביז סוף זומער, ווען ס'וועלן זיך אָנהוי-בען די פייכטע וועטערען.

די ערשטע צייטען איז איהר געווען שווער דער זיצען אין הויז, דער ניט-פאָהרען אין ניו יאָרק אַלע טאָג. אַזוי פיעל יאָהרען איינגעוואוינט געווען. ס'איז איהר געווען אומעטיג. ס'האָט איהר אויסגעפעהלט די גאַס, די קאָכעדיגע קאָרנערס. דעם ערשטען טאָג, אַז זי איז פאַרבליבען אין הויז, האָט זי אפילו געוויינט, און זי האָט אַליין ניט געוואוסט פאַר וואָס זי וויינט, צי פון נחת, צי פון עפּעס אַנדערש... אַלע יאָהרען איהרע אויפ'ן גאַס זיינען פאַר איהר דורכגעגאַנגען... זי האָט זיך אָן אַ סך זאַכען דערמאָנט... און זי איז געווען איבערפילט מיט הייסע ליעבע פאַר איהרע קינדער. אַזעלכע קינדער... זיי לאָזען איהר ניט מעהר שטעהן אויפ'ן גאַס מיט צייטונגען... אין דער אמת'ען, האָט זי דאָס גאַר געטאָן פאַר די קינדער... נאָר ס'איז בעסער צו טראַכטען, אַז די קינדער לאָזען איהר ניט... זיי ווילען איהר פאַרהיטען...

אַביסעל געשטילט איהר האַרץ האָט זי מיט דעם, וואָס זי האָט אַריינגענומען אַ פרעמדע מיידעל אין הויז, אַ „באָרדערקע".

איצט, אַז זי איז אין הויז און קאָכט עסען אין צייט, קען אין הויז זיין אַ פרעמדע מיידעל. ס'וועט צוקומען עפּעס געלט, וועט כאָטש וויפיעל ניט איז זיין גרינגער פאַר די קינדער, ס'וועט זיין צו-שטייער אויף רענט. צו דער מיידעל'ס עסען דערלייגט זי אויך ניט... וועט איהר זיין אַ ביסעל גרינגער דער „זיצען אויף אַלעם פאַרטיגען"...

די מאמע איז געפאלען אויף א נייעם פּלאַן — איהר קאָפּ האָט אלץ געזוכט פּלענער צו פאַרדיענען עפּעס אייגענע געלט — פאַרט איינגעוואוינט געווען אזוי פיעל יאָהרען צו זעהן זיך אלע טאָג מיט אַן אייגענעם פאַרדיענטען סענט — זי וועט אריינגעה-מען עפּעס ארבייט אין הויז. זי האָט גענוג צייט. זי זיצט סיי-ווי-סיי ליידיג גאַנצענע טעג. זי קען נאָך משוגע ווערען פון זיצען ליידיג. א סך פרויען נעהמען אריין אין הויז „אויסצופינישען" הויזען, צי קורצע הייזקעס.

די מיידלעך זיינען געוואָרען בייז. זיי ווען דאָ ניט לאָזען מאַכען קיין שניידער־שאָפּ. איינע רעדט, די אַנדערע העלפט אונ-טער.

— פאַר מיר איז גענוג, אַז איך זיץ אין שאָפּ א גאַנצען טאָג, דאַרף איך נאָך א שאָפּ אין הויז אויך!

— ווילסט ווערען אַן איטאַליענערקע! טראָגען קלאָטהינג אויפ'ן קאָפּ איבער די גאַסען!

— וועסט שוין פאַר איין גאַנג צוזאַמענקלייבען שטיקער האָלץ און ברענגען צוטראָגען אויפ'ן קאָפּ!

— מאַמע, הער אויף און לאָז צורוה!

אָפּגעבעטען, אָפּגעשריען די הויזען מיט די הייזקעס. די מאַ-מע האָט איינגענטליך אזוי גוט ווי געוואוסט, אַז די מיידלעך וועלען איהר ניט לאָזען אריינגעהמען שניידער-ארבייט אין הויז. אָבער זייער ניט-לאָזען איז דאָך אויך עפּעס א נחת... זי וועט זיך א ביסעל „אָנשפּילען" מיט די מיידלעך...

איהר פּלאַן מיט די הויזען און הייזקעס איז טאַקע געווען ניט מעהר ווי א „בלאָף". זי האָט אָבער געהאַט נאָך א פּלאַן, וואָס די מיידלעך האָבען פון איהם ניט געוואוסט, און זי האָט דעם פּלאַן אויסגעפיהרט.

אינ'ם זעלבען הויז האָט געוואוינט א יונגע אלמנה מיט צוויי קליינע קינדער, וואָס האָט געלעבט פון די „טשאַריטיס", און זיי האָבען פאַר איהר געקראָגען עפּעס א גרינגע ארבייט, וואָס האָט איהר איינגעבראַכט א פּאָר דאָלאַר א וואָך. די ארבייט איהרע

איז געווען מאכען די בענדעלעך מיט רינגעלעך און אויף די בענ-
דעלעך קנעפעלעך, וואס ווערען צוגעשטעפעט צו „אמברעלאס“.
געצאהלט פאר אט דער ארבייט האט מען צוויי סענט א טוצען.
האט די מאמע אויך גענומען זיך צו אט דער ארבייט. און אזוי
ווי איהרע פינגער זיינען געווען שטייף און פארהארטעוועט און
זיי האבען זיך ניט געטויגט פאר אזא מין מלאכה, האט זי אין
עטליכע שעה ארבייט פארדיענט קנאפע צוואנציג סענט, איז סך
הכל ארום א טאלער א וואך. ביי יעדען חשבון איז אויסגעקומען
א דריטעל, צי צוויי דריטעל פון א סענט, וואס מ'האט ביי איהר
אראפגעהמען — ווי קען מען איהר באצאהלען א דריטעל, צי צוויי
דריטעל פון א סענט? די יונגע אלמנה האט איהר געטרייסט, אז
מיט איהר טהוען זיי אויך אזוי אין „אמברעלא“ שאפ. די מאמע
און די יונגע אלמנה זיינען געווען אין א קאנספיראציע וועגען איהר
ארבייט, און בלויז זיי ביידע האבען דערפון געוואוסט.

די מאמע קוועלט אן פון איהרע טעכטער, טייערע קינדער.
דערפאר אבער ווייניג נחת פון זוהן. די לעצטע צייטען איז ער
גאר ניטא אין דער היים. אז ער איז געווען אין הויז, האט מען אויך
ווייניג וואס פון איהם געהאט. ער האט ווייניג פארדיענט און
ער האט געדארפט די געלט פאר זיך. ער האט ניט געהאט קיין
מלאכה אין האנט און ניט געוואלט אויסלערנען זיך עפעס אן
ארבייט. ער האט ניט געקענט איינזיצען אויף אן ארט. איהם
האט אלץ געצויגען ארומצופאהרען, פיהלען רעדער אונטער זיך.
איז ער ארומגעפאהרען אויף א וואגען, וואס פיהרט אוים האנט-
טיכער צו שפער און אפיסעס; געפאהרען אויף א וואגען פון א
דעפארטמענט-סטאר; אויף א סעלצער-וואגען און ער איז שוין
אפילו געווען א העלפער אויף אן אייז-וואגען. אז ער האט ניט גע-
האט קיין וואגען, האט ער געפיהרט אן עלעווייטאר אין א גרוי-
סען בילדינג — אבי ארומפאהרען, ניט זיצען אויף אן ארט. די
מאמע און די שוועסטער האבען געוואלט, ער זאל ווערען א שטי-
קעל מענש, מ'האט איינגעצאהלט פאר איהם פינף און צוואנציג
דאלאר אויסצולערנען איהם פאר א „קאטער“. איז ער אפגעווען

אין פּלאַץ עטליכע טעג און אַנטלאָפֿען. מ'האָט קוים אַרויסגע-קראָגען צוריק אַ העלפֿט פֿון די איינגעצאַהלטע געלט. אַז ער איז עלטער געוואָרען, האָט ער גענומען אַרומפֿאָהרען אויף טריינס, פֿאַרפֿאַלען ווערען פֿון דער היים אויף גאַנצע וואָכען; צוזאַמענגע-אַרבייט עטליכע דאָלאַר אויף עפּעס אַ וואָגען און אַוועקגעפֿאָהרען. דערנאָך געקומען צוריק. די ערשטע צייטען איז מען אין הויז אומ-רוהיג געווען, ווען ער פֿלעגט פֿאַרפֿאַלען ווערען. די מאַמע האָט אַ סך מאָל, ביינאַכט, געוויינט: ווער וויים, אויב דייווי האָט היינט געהאַט וואָס צו עסען און אויב ער האָט וואו צו שלאָפֿען... די שוועסטער האָבען אויך געוואָלט וויינען, נאָר זיי האָבען זיך איינגעהאַלטען און געטרייסט דער מאַמען: ער האָט. פֿאַר וואָס זאָל ער נישט האָבען? ער קען נישט אַרבייטען? דער מאַמע'ס האַרץ האָט אָבער ניט אומזיסט וועה געטאָן: אַ סך מאָל האָט דייווי טאַקע ניט געהאַט וואָס צו עסען און וואו צו שלאָפֿען, און איינמאָל האָט מען איהם געמוזט שיקען געלט אין אַ שטאָדט אין אָהייאָ צו קומען צוריק אַהיים.

אין הויז איז מען אויסגעקומען, געמאַכט אַ לעבען אָהן איהם; אָבער מ'האָט וועגען איהם געהאַט האַרצוועהטאָג — פֿאַר וואָס זאָל ער ניט זיין אַ מענש, ווי אַנדערע, באַים?

אין הויז האָט אַלע מאָל געוואוינט אַ פֿרעמדע מיידעל, איז געווען אַ ביסעל גרינגער מיט די רענט, און זי האָט ניט שלעכט געצאָהלט פֿאַר'ן עסען. די מאַמע האָט אַפֿילו געוואָלט אַריינגעה-מען נאָך אַ מיידעל, אָבער זי האָט דאָס ביי די טעכטער ניט גע-קענט אויספֿהירען: ס'איז שוין גענוג ענג אין הויז.

VII

אויסגעוואַקסען גאָר ניט קיין שעהנע מיידלעך, מיסעם פּי-שער'ס צוויי טעכטער. קיינע פֿון זיי איז אין איהר אויסזעהן ניט געווען געראָטען אין דער מאַמען;ביידע איינגעגעבען זיך אין זייער טאַטען, וועלכער האָט אויסגעזעהן מעהר ווי אַ יאַפּאַנעזער איידער אַ איד. ביידע מיידלעך זיינען געווען קליין, מאָגער, איינ-

גערארט; ניט בלאָנד און ניט ברונעט. פארגעלטע פּנים׳ער. און אַז זיי האָבען געוואָלט אביסעל זיך שעהנער מאכען, האָבען זיי זיך נאָך ערגער, נאָך מיאוס׳ער געמאכט. די רויטע פארב האָט זיך ניט צולייגט אויף זייערע פּנים׳ער, ווי אויף אַנדערע מיידלעך מיט מעהר מזל. די רויטע פארב האָט זייערע פּנים׳ער געגעבען דעם קאָליר פון ציגעל; און די פארב איז באלד צוקראָכען געוואָרען און ס׳האָבען זיך נאָר אָפּגעשטעלט ציגעל-רויטע פלעקען אויף די שפּיץ באקען-ביינער. אָבער דערפאר האָבען זיי געהאַט זייער מא-מע׳ס איידעלקייט און פיינקייט.

אמאָל, ווען זיי זיינען נאָך גאָר יונגע מיידלעך געווען, איז די מאמע שטארק צופריעדען געווען און זיך באריהמט מיט זייער פיינקייט און שטילקייט, וואָס זיי זיינען ניט ווי אַנדערע מיידלעך, ארומלויפערקעס מיט באָים, רייסען אויף א וועלט די אויגען, מ׳האָט פון זיי גרויסע צרות. איהרע מיידלעך האָבען פון אזעלכע זאכען ניט געוואוסט. זיי זיינען געזעסען אין שטוב. אָבער שפּעטער, אַז זיי זיינען עלטער געוואָרען און קיין שידוכים האָט זיך ניט גע-מאכט, האָט די מאמע זיך געכאפּט, אַז ס׳איז אפשר גאָר ניט אזא מעלה פאר מיידלעך, אַז זיי זיינען צו-שטיל און זיצען אלע מאָל אין הויז. זי זעהט דאָך... ביי א מאמען זיינען ניטאָ קיין מיאוס׳ע קינדער, און איהרע טעכטער זיינען געווים ניט ערגער פון אַנ-דערע, פארוואָס מאכט זיך זיי ניט קיין פיינע שידוכים און זיי האָבען ניט חתונה? געווים, זיי פלעגען אמאָל געהן מיט א יונגען מאַן, ער פלעגט ארויפקומען אין הויז. אָבער אלץ אויף א ווײלע, אָהן א תכלית. דער יונגערמאַן האָט אויפגעהערט קומען. קיינע פון איהרע טעכטער האָט נאָך ניט געהאַט א יונגענמאַן, וואָס זאָל זיין „איהרער“.

די מאמע וואונדערט זיך: פאר וואָס? און זי שרעקט זיך. ביי איהר אין הויז האָבען שוין איבערגעוואוינט א סך מיידלעך, „באָרדערקעס“, און אלע האָבען זיי חתונה געהאַט. די מיידלעך זיינען געווען אלערליי, שעהנערע און מיאוס׳ערע, קליגערע און נארישע. אָבער יעדע איינע פון זיי האָט זיך מיט דער צייט אויס-

געזוכט א יונגעגמאן און חתונה געהאט. זיי האבען שוין געקראָ־גען. א באַי פלעגט אָנהויבען קומען פארברעגגען מיט איהר, נעה־מען אויף א שפאציר, אין טעאטער, אין אנדערע פלעצער; אָפּ־זיצען מיט איהר ביז שפעט אין דער נאכט, און דער סוף איז גע־ווען — א חתונה. די חתנים זיינען אויך געווען אלערליי, שעהנערע און מיאוס׳ערע, קליגערע און נארישע. די מיידלעך האבען געהאט אזעלכע חתנים, וואס די מאמע האט זיך אין איהר הארצען גע־וואונשען: הלואי אויף איהרע טעכטער געזאגט געוואָרען; און אויך אזעלכע, וואס די מאמע וואָלט זיי פאר איהרע טעכטער ניט געוואָלט האבען, ווען זיי, די חתנים, פארמאָגען אפילו זייע־רע טויזענדער. און אלע מאָל איז די פרעמדע מיידעל געווען אין הויז כמעט ווי אן אייגענע, און מיסעס פישער האט זיך אינטע־רעסירט מיט איהר לעבען. דאס רוב זיינען די מיידלעך געווען דאָ עלענדע; טאטע-מאמע געווען אין דער אלטער היים, אָדער האבען גאָרניט געהאט קיין טאטען, אָדער קיין מאמען. האט דאס מיסעס פישער אלע מאָל אויסגערעכענט. פון אנדערע מיידלעך האט זי אויך געהאט הארצוועהטאָג: זי האט געמיינט, אז זיי פיהרען זיך ניט אויף ווי מ׳דאַרף, ווי ס׳פּאסט פאר א מיידעל. האט זי גע־פּרואווט מיט זיי ריידען, באוויזען, א ביסעל אוים׳מוסר׳ן, און מ׳האט איהר ניט געוואָלט הערען און מ׳איז געוואָרען ברוגז.

מיסעס פישער האט טאקע פארגונען דער פרעמדער מיידעל, אז ס׳איז אריינגעקומען צו איהר עפּעס א רעכטער יונגערמאן און מיט איהר געגאנגען און געווען גוט צו איהר און איהר געגעבען פּרעזענטען. זי האט דער מיידעל טאקע אָנגעוואונשען אלע גליקען אין דער וועלט; אָבער דאָך איז א מאמע ניט מעהר ווי א מענש, א מאמע פון דערוואקסענע טעכטער — איז געווען אין איהר האר־צען קנאה — פאר וואס „אנדערע״ יאָ, און איהרע טעכטער ניט? ס׳האָבען געוואוינט ביי איהר אין הויז מיידלעך גאָר מיאוס׳ע. יעדערער וואָלט געזאָגט, אז איהרע טעכטער זיינען טויזענד מאָל שעהנער פון זיי, און דוקא זיי, די מיאוס׳ע האבען געקראָגען גאָר וואוילע יונגעלייט. דורך די אלע יאָהרען האט מיסעס פישער

קיינמאָל אפילו אין איהר געדאנק ניט געהאט „אוועקצונעהמען", „אפריידען" א מיידעלים א יונגענמאן פאר איהרער א טאָכטער... אָבער פארדראָסען האָט דאָס איהר און זי האָט זיך א רעכט ביסעל גענומען צום הארצען... פאר וואָס איז דאָס אזוי? אז איהרע א טאָכטער באַקענט זיך מיט א יונגענמאן, קומט דערפון גאָרנישט ארויס? ער קומט א פּאָר מאָל און הערט אויף קומען! פאר וואָס קריגען „אנדערע"?...

און ניט אלע פרעמדע מיידלעך, וואָס זיינען אין הויז געווען, איז אָנגעקומען אזוי גרינג, איז אָפּגעגאנגען אזוי גלאַט זייער ליבע און זייער שידוך. ס'איז אויך געווען געגוג הארץ-עסעניש און גע-וויין. אָט איז געווען א געוואַלדיגע ליבע, און אָט איז שוין אויס ליבע; אָט איז א שידוך, אָט איז שוין אויס שידוך. קריגערייען, אויפוואָרפעניש, ארומרייסעניש; ווידער צוזאמענגעקומען זיך און ווידער פונאנדערגעגאנגען... און מיסעס פישער האָט אויסגעהאָל-פען מיט וואָס זי האָט געקאָנט, שלום געמאכט, צוזאמענגעפיהרט, אויסגע'מוסר'ט ביידע צדדים. באנומען זיך כמעט ווי אַן אמת'ע מאמע, וואָס מעג ביידען זאָגען, וואָס זי וויל...

די טעכטער זיינען מיט זייער כאראקטער געווען געראָטען אין דער מאמען. זיי האָבען זיך ניט „געוואָרפען אין די אויגען", ניט געפּרובירט חנ'דלען זיך פאר די יונגע לייט, וואָס זיינען צו די פרעמדע מיידלעך אריינגעקומען. אודאי זיינען זיי אויך געווען ניט מעהר ווי בלוט און פלייש, און זיי האָבען געהאט הערצער, און זיי האָבען זיך געהאט זייערע געפיהלען און פארלאנגען, ווי אלע לעבעדיגע מענשען. אָבער מ'האָט ניט ארויסגעוויזען, ניט גע-וואונשען, חס ושלום, קיין שלעכטס יענער... די מאמע און די טעכטער האָבען נאָך איבערגעטראָגען א רעכט ביסעל אומבא-קוועמליכקייטען פון די פרעמדע מיידלעך מיט זייערע חתנים, און מ'האָט געשוויגען. מ'האָט אלע מאָל געשלאָפען צו צוויי אין א בעט — די מאמע מיט דער עלטערער טאָכטער אין איין בעט, און די אינגערע טאָכטער מיט דער פרעמדער מיידעל אין נאָך א בעט. אזוי האָט זיך דאָס אָנגעהויבען און אזוי זיינען די פּאָרלעך פאר-

בליבען. ווי געוועהנליך, חתן-כלה, יונגע מענשען, וואָס האָבען זיך ליעב, ווילען זיי האָבען אביסעל אָפגעזונדערטקייט, מ׳זאָל זיי ניט אָנזעהן און זיי זאָלען קיינעם ניט אָנזעהן. און פאַראַן אַזעלכע, וואָס רעכענען ניט אויס „יענעם״, מ׳פאַרגעסט זיך, אַז ס׳זיינען דאָ אַנדערע אויך אויף דער וועלט. איז מען אָפגעזעסען אין רום שעה׳ן נאָכאַנאַנד, און מ׳האָט ניט געוואָלט וויסען, זיך פאַרגעסען, אַז מענשען ווילען געהן שלאָפען, מ׳דאַרף מאָרגען פריה אויפשטעהן צו דער ארבייט. פלעגט די אינגערע טאָכטער, מיט וועמען די פרעמדע מיידעל איז געשלאָפען אין איין בעט, זיצען אין קיך, און די געליעבטע האָבען געהאַט פאַר זיך די רום, צו ריידען, קושען זיך און שפּיעלען, קריגען זיך און זיך איבערבעטען.

די מאַמע און די עלטערע טאָכטער פלעגען שוין האָבען איינגעשלאָפען. אין הויז איז שטיל, און די אינגערע טאָכטער זיצט אין קיך איבער אַ צייטונג, צי איבער אַ ביכעל, צי איבער גאָרנישט. די טיר פון רום איז פאַרמאַכט. וואָס דאָרטען אין רום קומט פאָר איז ניט איהר עסק, זי דאַרף זיך ניט מישען און דאַרף דערפון ניט טראַכטען... נאָר ס׳טראַכט זיך פאָרט. זי שטעלט זיך עפּעס פאָר... זי ריהרט זיך אָרום אויף איהר שטול... דאָס אַלץ אין צייטען, ווען דער יונגערמאַן דאָרטען אין רום איז געווען אַ שעהנער, וואָס זי אַליין, די אינגערע טאָכטער, וואָלט מיט איהם ניט בראָקירט, וואָלט איהם צוגעכאַפּט מיט ביידע הענט. אַז דער יונגערמאַן איז געווען איהר ניט צום האַרצען, האָט איהר געוואונדערט אויף יענער, אויף דער פרעמדער מיידעל, ווי אַזוי קען זי דאָס זיין מיט איהם אַזוי לאַנג אין רום... ס׳ווערט דאָך ניט גוט פון איהם...

די דריי מיידלעך אין הויז זיינען גאַנץ גוט דורכגעקומען. מ׳איז ווען-ניט-ווען אַ ביסעל ברוגז געוואָרען אויף אַ ווײַלע. אָבער קיין וויכטיגע רייסערייען זיינען ניט פאָרגעקומען. און אַלץ צוליעב דער פיינקייט און איידעלקייט פון די צוויי שוועסטער. וואָרים אין הויז זיינען אויך געווען אַזעלכע מיידלעך, וואָס האָבען זיך אָפּט פאַרדיענט, אַז מ׳זאָל זיי גוט „דערלאַנגען״.

איינמאָל בלויז דורך דער גאַנצער צייט איז ארויסגעקומען אַ קריגעריי, אַן אמת'ער סקאַנדאַל אין מיטען נאַכט. די מיידעל און איהר חתן האָבען זיך פאַרהאַקט אין רום, און ניט ארויסגעקומען. די אינגערע טאָכטער איז געזעסען אין קיך. ס'איז געוואָרען גאָר שפּעט, און מ'הערט פון זיי גאָרנישט. דער זייגער האָט שוין אָפּגעשלאָגען איינס אין דער נאַכט. דער פייער אין אויווען איז אויסגעגאַנגען. ס'איז געוואָרען קאַלט. זי האָט געמוזט אָנטאָן אַ דזשעקעט. האָט זי גענומען ווערען בייז: אַ חוצפּה פון מענשען! שוין נאָך איינס אַ זייגער, מ'דאַרף שוין באַלד אויפשטעהן... זי האָט שוין ניט געקענט איינזיצען אויף איהר אָרט. זי קען אָבער גאָרנישט טאָן. זי וועט דאָך ניט געהן צו זיי אין רום זאָגען זיי עפּעס. האָט זי געוואַרט און אין הארצען ביי איהר האָט שוין געקאָכט. דערנאָך האָט זי זיך דערשראָקען: אפשר האָט דאָרטען עפּעס געטראָפען... חתן-כלה האָבען זיך שטענדיג מעהר ארומגע־ריסען איידער געליעבט. די כלה פלעגט אָפט וויינען און סטראַשען, אַז זי וועט מאַכען דעם טויט זיך און איהר געליעבטען... אפשר האָבען זיי דאָרט אין רום איינגענומען גאַז... זי האָט שוין גע־וואָלט אויפוועקען איהר מאַמען, און מ'זאָל זעהן וואָס אין רום טהוט זיך... ערשט, אַז דער זייגער האָט אָפּגעשלאָגען צוויי, און ס'איז אַוועק נאָך אַ שטיקעל צייט, האָט זיך דערהערט ווי די טיר פון רום עפענט זיך; דער חתן איז פאַרביינעגאַנגען די קיך־טיר און אַרויס פון הויז אָהן אַ „גוט-נאַכט", אָדער „גוטען טאָג" צו איהר—אפילו ניט אַ קוק געטאָן צו איהר—געשעהמט זיך, צי וואָס...

די אינגערע טאָכטער האָט זיך שוין ניט געקענט איינהאַלטען און אויפגעוואָרפען דער מיידעל, פאַר וואָס ס'האָט זיך היינט אַזוי שפּעט פאַרצויגען! אַנדערע זיינען ביי איהר קיין מענשען ניט! ווי נעמט מען זיך דאָס אַזוי פיעל רעכט אין אַ פרעמדער הויז! אַז ס'וועט זיך טרעפען נאָך אַמאָל, וועט זי עפענען די טיר פון רום און איהם הייסען געהן פון דאַנען. זי האָט ניט געמיינט אַקוראַט, וואָס זי האָט געזאָגט. זי האָט אָבער געוואָלט זיין שלעכט. שטרענג.

ביי דער כלה איז איצט גראָד געווען ניט פרעהליך אויפ'ן הארצען. זי האָט געהאַט מעהר צרות איידער נחת דורך דער צייט מיט איהר געליעבטען אין רום, און אוועקגעגאַנגען איז ער אַ בייזער — האָט זי געענטפערט צוריק, אַז זי איז ביי קיינעם ניט פארקויפט; זי צאָהלט דאָ גוטע געלט, האָט זי אַ דעה אויפ'ן רום און זי וועט טאָן, וואָס זי וועט וועלען, זי וועט זיך ביי קיינעם ניט אָנפרעגען. האָט די אַנדערע געענטפערט, אַז מ'ווערט דאָ פון איהר ניט גליקליך, און אויב זי מיינט, אַז מ'קען דאָ אָהן איהר ניט אויסקומען, קען זי ארויסמופען כאָטש מאָרגען. מ'האָט דאָ געמאַכט אַ לעבען אָהן איהר אויך און מ'וועט ווייטער מאַכען אַ לעבען. און אַז דער געשפּרעך איז געוואָרען היציגער, האָט די פרעמדע מיידעל געזאָגט איהר מיטשלאָפּערקע, אַז זי פארגינט איהר ניט איהר חתן. זי איז „דזשעלאָס", פאַר וואָס זי אַליין האָט ניט. דאָס האָט דער אינגערער טאָכטער געטראָפען אין סאַמע הארצען אריין — ס'איז טאַקע געווען „אַ ביסעל" אמת — איז זי געוואָרען שטארק אויפגעבראַכט, ניט געהאַט שוין קיין גענוג שטאַרקע רייד צו ענטפערען און זידלען... אָבער שווייגען האָט זי דאָך ניט געקענט, האָט זי סיי-ווי-סיי עפּעס געזאָגט און נע־שריען.ביידע האָבען שוין געשריען וויינענדיג.

די מאַמע איז ארויסגעשפּרונגען פון בעט. וואָס איז דאָס? זי האָט קיינמאָל ניט געהערט אַזעלכע קולות אין איהר הויז, און דערצו נאָך אין מיטען נאַכט. ביידע מיידלעך האָבען גענומען איבערגעבען זייער טענות. זיי האָבען זיך אריבערגעשריען איינע די אַנדערע. און ביידע האָבען געוויינט — זיי האָבען גענוג געהאַט אויף זייערע הערצער אויסצוואַוויינען זיך אַ ביסעל. נאָר די מאַמע האָט גאָר ניט געוואָלט הערען און וויסען ווער ס'איז גערעכט און ווער אומגערעכט. זי האָט נאָר געוואָלט ס'זאָל ווערען שטיל און מ'זאָל זיך לייגען שלאָפען. זי האָט זיך אוועקגעשטעלט צווי־שען זיי ביידען, און „שאַ !" מיט ביידע אויסגעשטרעקטע הענט צו דער, צו יענער. זי וויל ניט הערען, זי האָט מיט די פינגער פארשטאָפּט די אויערען, זי זאָל ניט הערען, וואָס זיי מסר'ען

איינע אויף דער אַנדערער. אַזוי האָט זי געמוזט טאָן. וואָרים, אַז זי וועט גוט אויסהערען, וועט זי דאָך דאַרפען געבען איינער פון זיי גערעכט. געבען גערעכט איהר טאָכטער, קען זי ניט... געבען גערעכט דער פרעמדער מיידעל אַנטקעגען דער אייגענער טאָכטער, קען זי אויך ניט. איז בעסער, אַז זי וויים גאָר נישט, וואָס דאָ איז פאָרגעקומען, זי הערט נישט, און זי דאַרף נישט פּסק'ענען. זי האָט זיך אָבער דוקא יאָ צוגעהערט צו זייערע געשרייען און טענות — דורך די פאַרשטאָפּטע אויערען — דערכאַפּט אַלץ, וואָס ביידע האָבען געזאָגט און געשריען און געוויינט. און זי האָט שוין געוואוסט אַקוראַט, וואָס דאָ איז געווען. ביי זיך אין הארצען האָט זי געגעבען גערעכט איהר טאָכטער.

אויף מאָרגען האָט מיסעס פּישער אויסגערעדט דער פרעמדער מיידעל, מוטערליך אויסגע'מוסר'ט איהר, אַז זי האָט ניט געדאַרפט זאָגען איהר טאָכטער, וואָס זי האָט איהר געזאָגט... און ביז נאָך צוויי אַזייגער איז צו שפּעט צו זיצען אין רום, ס'איז ניט געזונט, אויף מאָרגען זיצט מען ביי דער אַרבייט אַ ניט-אויסגעשלאָפענע, אַ צובראָכענע, און צו פאַרגלעטען איהרע רייד און מוסר, האָט זי דער פרעמדער מיידעל געטרייסט, אַז איהר טאָכטער האָט זי אויך געזאָגט, אַז זי האָט דאָס ניט געדאַרפט טאָן, זי האָט זיך ניט געדאַרפט אַריינמישען...

די צוויי מיידלעך האָבען עטליכע טעג ניט גערעדט צווישען זיך; עטליכע נעכט געשלאָפען אין בעט ברוגז'ע, אומגעקעהרטע מיט די רוקענס, אויסגעהיט זיך ניט אָנצוריהרען איינע די אַנדערע... דערנאָך האָט מען געמוזט גוט ווערען. די מאַמע האָט פיינט געהאַט ברוגז'ן אין הויז. זי האָט פון ביידען אָפּגעלאַכט. דער כעס איז ביי זיי ביסלעכווייז אָפּגעגאַנגען.

שעהנע עטליכע מאָל נאָך האָבען חתן־כלה פאַרנומען די רום, און די אינגערע טאָכטער איז געזעסען אין קיך ביז גאָר שפּעט... מיט אַ ביסעל כעס, אַ ביסעל ניט-פאַרגינען, אַ ביסעל — ווי יענע האָט געזאָגט — „דזשעלאָס". און אַז דער אויוועז איז אויסגעגאַנגען און ס'איז געוואָרען קאַלט, האָט זי אָנגעטאָן דעם דזשעקעט.

VIII

מיסעס פישער׳ס באַי איז ניט געווען אין דער היים, ארומ־געפאָהרען איבער אַמעריקע און אומעטום געהאַט צו טאָן מיט עפּעס אַ וואָגען.

אין אַ פאַרנאַכט איז די עלטערע טאָכטער ארויפגעקומען פון דער ארבייט מיט אַ בריעף אין האַנט.

די מאַמע האָט פאַרשטאַנען פון וועמען דער בריעף איז, וואָרים גאָר ווייניג בריעף פלעגט אָנקומען צו דער פאַמיליע.

— פון דייוויי׳ן אַ לעטער? — האָט די מאַמע געפרעגט — וואָס שרייבט ער?

— מאַמע, אונז קומט אַ מזל טוב!

— אַ מזל טוב?

— דייוויי האָט חתונה געהאַט!

— וואָס? דייוויי האָט חתונה געהאַט? וואו איז ער איצט?

— דער לעטער איז פון לאָס אַנזשעלעס, פון קאַליפאָרניע.

— לייען מיר גיכער איבער דעם לעטער! וואָס שרייבט ער?

די טאָכטער האָט שוין געהאַט איבערגעלייענט דעם בריעף אונטען, ביים בריעפקעסטעל; האָט זי זיך געפּוילט צו לייענען נאָך אַמאָל, געוואָלט איבערגעבען דער מאַמען דעם עיקר. נאָר די מאַמע איז צוגעשטאַנען, האָט די טאָכטער געמוזט לייענען, און די שווערערע ענגלישע ווערטער, וואָס די מאַמע האָט ניט פאַרשטאַנען, האָט זי פאַר איהר פאַרטייטשט אין איהר אידיש.

דייוויי האָט אין בריעף שטאַרק פאַרלויבט זיין ווייבעל. זי איז זעהר אַ שעהנע און אַ פיינע. און ער האָט געשריבען, אז זיין פרוי׳ס פאָטער קומט פון אַ שטעדטעל, וואָס איז ניט ווייט פון דער שטעדטעל, פון וואַנען זיין פאָטער איז געקומען. (די קינדער האָבען געוואוסט די נעמען פון זייער פאָטער׳ס און מוטער׳ס שטעדטלעך). זיי האָבען זיך שטאַרק פאַרליעבט, האָט דייוויי געשריבען. ס׳איז קענטיג געווען פון בריעף, אז ער איז דאָרטען העכסט גליקליך.

דער מאַמע׳ס פאַרעלטערטער, צוקנייטשטער פּנים איז געווען אויפגעלויכטען מיט א פאַרבענקטער יום-טוב׳דיגקייט, און איהרע אויגען זיינען געווען פייכט. אודאי וואָלט זי בעסער געוואָלט, אז א טאָכטער איהרע — די עלטערע טאָכטער — וואָלט חתונה געהאַט... דייווי איז דער אינגסטער, און מיט א באָי איז א קנאַפּער זאָרג... אָבער דייווי איז דאָך אויך איהר קינד... זאָל איהם זיין מיט מזל און גליק...

— ער שרייבט ניט וואָס ער טהוט? — האָט די מאַמע גע-פרעגט — ס׳קאָסט א סך געלט אַהין אוועקצופאָהרען?

די טאָכטער האָט איהר ערקלעהרט וואו לאָס אנזשעלעס געפינט זיך, און וויפיעל ס׳דאַרף קאָסטען דער פאָהרען אַהין, האָט זי אַליין אויך ניט געוואוסט. נאָר זי האָט פאַרשטאַנען, אז מסתמא גאָר א סך געלט. עס קען גאָר קיין רייד ניט זיין ווע-גען פאָהרען אַהין.

וואָס ער טהוט דאָרטען, האָט דייווי ניט געשריבען. ער האָט נאָר דערמאָנט, אז זיין פרוי׳ס פאָטער האָט עפּעס צו טאָן מיט פרוכט און „וועדזשעטייבלס״, און עס קען זיין, אז ער וועט אויך אריין אין דיזעלבּיגע ביזנעס. ער האָט אויך געשריבען, אז אין קורצען וועט ער צושיקען די בילדער פון איהם און פון זיין פרוי. זיי האָבען זיך שוין אראָפּגענומען, אָבער ס׳איז נאָך ניט פאַרטיג.

צום ערשטען מאָל אין א סך יאָהרען, אין אַלע יאָהרען, איז אין דער היים פון די פישערס אריינגעקומען עפּעס א שטיקעלע פרייד, א ברעקעלע נחת. דעם גאַנצען אָווענד האָט זיך דער מאַמען געוואָלט וויינען, גוט אויסוויינען זיך. די טעכטער האָבען פאַר-שטאַנען, און זיי האָבען פון איהר געלאַכט, און ניט געלאָזט איהר וויינען. דער מאַמע׳ס הארץ איז געווען היים און פול און ס׳האָט זיך געשפּאַרט צו די אויגען.

אין דעם דאָזיגען אָווענד האָבען די מאַמע און די שוועסטער שטאַרק געבענקט נאָך דייווי׳ן. מ׳איז שוין לאַנג געוועהנט צו זיין ארומפאָהרען, ניט זיין אין דער היים. מ׳האָט זיך שוין אויך ניט פיעל געזאָרגט וועגען איהם. ער ווערט ניט פאַרפאַלען, שלאָגט

זיך אַלע מאָל דורך... היינט האָט מען פון איהם געטראַכט און געבענקט... מ'האָט אפילו געבענקט נאָך דייווי'ס ווייבעל... מ'האָט געפיהלט, אז ס'איז אימיצער צוגעקומען אין דער פאַמיליע, אַן „איינענע", און מ'קען איהר גאָרניט, און זיי זיינען ביידע אַזוי ווייט אַוועק...

אין אַ פּאָר וואָכען אַרום זיינען אָנגעקומען די בילדער פון דייווי'ן און זיין פרוי. אויפ'ן בילד קען מען ניט אַזוי גוט זעהן, צי זי איז טאַקע אַזאַ שעהנע, ווי דייווי האָט איהר פאַרלויבט; אָבער מ'זעהט, אַז קיין שטאַרק מיאוס'ע איז זי ניט. מ'קען אויך ניט וויסען, צי זי איז אַ הויכע, צי אַ נידעריגע, ווייל אויפ'ן בילד איז זי אַ זיצענדיגע, מיט אַ בוקעט בלומען אויפ'ן שויס. דייווי שטעהט לעבען איהר מיט אַ האַנט אויפ'ן ווענטעל פון איהר שטול. אין בריעף, וואָס איז אָנגעקומען מיט די בילדער, האָט זי אויך געשריבען, אָנגערופען מיסעס פישער „מאַמאַ"... זי האָט גע-שריבען, אַז זי האָפט זיך מיט זיי אַלעמען צו זעהן אין קורצען — ניט געשריבען, ווי אַזוי דאָס קען זיין — גלאַט אַ האָפנונג... האָ-בען מיסעס פישער און די טעכטער אויך געהאָפט.

IX

די צייט איז געגאַנגען. ביי די פאַמיליע פישער אין הויז איז געווען שטיל, אומעטיג. ס'האָט זיך גאָרנישט געענדערט. מ'האָט דאָרט ניט געהערט קיין נייעם קול, ניט אָנגעקוקט קיין נייעם פּנים, סיידען מ'זאָל רעכענען די מיידלעך, וואָס האָבען דאָרטען איבער-געוואוינט און זיך איבערגעביטען, און דער מענש, וואָס פלעגט אַמאָל קומען צו דער מיידעל. אפילו קיין נאָהענטע חבר'טעס האָבען די שוועסטער ניט געהאַט. די פישערס זיינען געווען שטי-לע, אַזוי ווי צוריקגעצויגענע מענשען. דער לעבען האָט דאָרט גע-וויאַנעט, קיין שום אָפּפרישונג איז ניט אַריינגעקומען צייט יאָה-רען און יאָהרען. און ס'איז דאָרט שטיל געווען. מ'האָט אפילו הויך ניט גערעדט. מ'האָט זיך קיינמאָל ניט געקריגט. דריי פרויען אין אַ הויז, און זיי איז ניט איבעריגס גוט אויפ'ן האַרצען, דאַרף דאָך

קומען אמאָל צו עפּעס אַ שטיקעל צוזאַמענשטויס, מ׳טרעט זיך אָן, ס׳דוכט זיך, אַז מ׳האָט אָנגעטראָטען, און מ׳וואַרפט זיך דורך מיט הויכע רייד. אָבער ניין, ניט די פּישערס. זיי האָבען ניט פאַר וואָס צו קריגען זיך. און טאָמער דאַכט זיך איינער פון זיי, אַז זי איז עפּעס גע׳עולה׳ט, לאָזט זי אויך דורך.

אַז די מיידלעך זיינען געווען יונג, פריש, האָט דער לעבען אין זייער הויז געוואַקסען, געריסען זיך אויף אַרויף. די מיידלעך זיינען טאַקע געווען שטילע קינדער; אָבער מ׳האָט אַ זינג געטאָן, אַ טאַנץ געטאָן. דערנאָך האָבען זיי אָנגעהויבען איבערבליהען און פאַרבליהען, און ס׳האָט זיך אוועקגעשטעלט אַ פאַרעלטערונג, אַ פאַרגליווערונג. די עלטערע מיידעל איז שוין אַריינגעפאָהרען אין די דרייסיגער; די אינגערע איז שוין אויך איבער דרייסיג. די מאַמע אין זייערע יאָהרען האָט אויסגעזעהן ווי עטליכע און צוואַנציג, ווי אַ מיידעל. אָבער די טעכטער זעהען אויס זייערע פולע יאָהרען, זיי קענען קיינעם ניט אָפּנאַרען. און די פאַרוועלקונג צושפּרייט זיך אַלץ מעהר אויף זיי.

בלויז אין איין ווינקעלע אין הויז האָט געשפּראָצט עפּעס לעבען. אין אַ ווינקעל, אויף אַ קאָמאָדעל, פאַרשפּרייט מיט אַ ווייס טישטיכעל, זיינען געשטאַנען פאָטאָגראַפיעס פון דעם זוהן, מיט דער שנור און זייערע צוויי קינדערלעך, אַ אינגעלע און אַ מיידעלע, וועלכע האָבען זיך געפונען ווייט פון די פּישערס, אין קאַליפאָרניע. די פּישערס האָבען די קינדערלעך קיינמאָל ניט געזעהן און געקענט זיי בלויז פון די פאָטאָגראַפיעס, וואָס דער זוהן פלעגט אָפט צושיקען אויף פּאָסטעל-קאַרדס. האָט מען געקוקט אויף די קינדערלעך און זיך געקוויקט, און מ׳האָט אַלע טאָג פון זיי גערעדט, און מ׳איז ניט צורעכט געקומען ווענען זייערע „אָנבליקען“. די מאַמע האָט געוואָלט האָבען, אַז דער אינגעלע האָט דייוויס מויל און אויגען און זיין מאַמעס שטערען און מאָרדע. די עלטערע טאָכטער האָט דאָס ניט געקאָנט ריכטיג דערזעהן. די אינגערע טאָכטער האָט געהאַלטען מיט דער מאַמען. אויך ווענען דער מיידעלע׳ס אויסזעהן איז מען ניט צורעכט געקומען. אַלע

טאָג, אין די אָוועגדען, הייסט עס, האָט מען וועגען די קינדערלעך געדעדט. מ'האָט געוואוסט, מ'האָט געפיהלט, אז ערגעץ ווייט אוועק זיינען פאַראַן אייגענע און נאָהענטע. יעדע איינע פון די דריי פרויען פלעגט אָפט צוקומען צום קאָמאָדעל, אין ווינקעל, און פיהלען אויף זיך דעם יונגען, פרישען לעבען, וואָס האָט גע-ווייהט פון ווייט, ווייט אוועק.

דער זוהן האָט פון קאַליפאָרניע געשריבען, אז ער איז אין די „פרוט ענד וועדזשעטייבל ביזנעס". ניט אויסגעשריבען אַקו-ראַט, וואָס און ווי אַזוי; נאָר מ'האָט אַמאָל געהאַט פון איהם אַ גרוס — אַ באַקאַנטער מאַן איז געווען אין לאָס אַנזשעלעס, האָט ער איהם דאָרט געזעהן שטופּענדיג אַ וועגעלע מיט גרינס. קיין רייכער מאַן איז דער זוהן ניט געווען. ער האָט עטליכע מאָל געשריבען, אז ער שיקט באַלד אַרויס פאַר אַלעמען פּרעזענטען; נאָר אז עס איז געקומען די צייט אַרויסצושיקען, האָט ער אין גאַנצען אויפגעהערט שרייבען, און מ'האָט פון איהם אַ לאַנגע צייט ניט געהערט. דערנאָך, אז עס איז פון איהם אָנגעקומען אַ בריעף, איז שוין ניט געווען דערמאָנט וועגען די פּרעזענטען. איהם האָט זיך דאָרט געהאָפּט, אז מ'האָט פאַרגעסען...

די לעצטע צייט איז אין הויז ניט געווען קיין פרעמדע מיי-דעל. די לעצטע האָט זיך אַרויסגעקליבען און קיין אַנדערע האָט זיך עפּעס ניט געמאַכט. איז גאָר שטיל געווען אין הויז, ניט גע-הערט זיך קיין פרעמד קול, ניט געזעהן זיך קיין פרעמדע געזיכט.

X

אויף אַ ווייַלע, אויף עטליכע קורצע וואָכען אין די לאַנגע יאָהרען, איז די הויז ביי די פישערס אויפגעלעבט, אויפגעפרישט געוואָרען מיט עפּעס אַ נייעם לעבען. און דערנאָך איז דאָרט נאָך שטילער, נאָך שווערער געוואָרען.

די אינגערע טאָכטער האָט זיך ערגעץ באַקענט מיט אַ יונגען מאַן פון עטליכע און צוואַנציג יאָהר, מיט'ן נאָמען מאַקס. ער איז אַריינגעקומען אין הויז און איז באַלד געוואָרען אַן אייגענער מענש.

מאַקס איז געווען אַ קורץ-געוואַקסענער, מיט גראָבע, קורצע פּאָלקעס. אַז ער איז געזעסען, האָט זיך זיין קורצקייט ניט אַזוי אָנגעזעהן. נאָר אַז ער איז געגאַנגען אָדער געשטאַנען, האָט זיך ארויסגעזעהן זיין ניט-דערוואַקסענקייט. ער האָט געהאַט אַ גרויסען קאָפּ מיט אַ „וואַלד״ ברוינע, ניט-פּארקאַמטע האָר, און אַ שעהנע, גרויסע געזיכט, אָפען און עהרליך, אַ גרויסע מויל, מיט רויט-ליכע ליפּען. און אַז ער האָט גערעדט, עפּעס געזאָגט, האָט מען געזעהן, אַז ער זאָגט אַלץ ארויס, ער באַהאַלט גאָרנישט. מאַקס איז געווען אַ פרעהליכער, אַ ריהרעוודיגער. ער האָט ניט געקענט איינזיצען אויף איין אָרט. אין די ווייַלע, וואָס ער האָט זיך אין הויז געפונען, איז ער צו עטליכע מאָל דורכגעזעסען אויף אַלע שטולען׳ אין אַלע ווינקלען פון הויז; געזעצט זיך און געשטעלט זיך. הייגט זיין היימישקייט ן אויפ׳ן צווייטען אָוועגד האָט ער שוין אַליין ארויפגעשטעלט קאָכען און זיך גענומען טיי און דער-לאַנגט אַנדערע אין הויז. און ער האָט גערעדט, ניט אויפגעהערט ריידען. יעדע זאַך, יעדע קלייניגקייט אין הויז איז געווען זיין עסק. ער האָט געמוזט פון אַלץ וויסען. אַז ס׳האָט אַמאָל אויסגע-פעהלט עפּעס אין הויז, איז ער אַראָפּגעלאָפען אין גראָסערי און געקויפט פאַר זיין אייגען געלט. געזעצט זיך און געשטעלט זיך, ארומגעגאַנגען, און אַלץ איבערגעטאַפּט און געפרעגט וואָס עס קאָסט און ווען מ׳האָט געקויפט. און ער האָט געספּענדט געלט. קיינמאָל ניט געקומען ליידיג — געבראַכט פרוכט, קענדי, קייק.

זייט די היים פון די פּישערס איז היים, איז נאָך אַזאַ מין מענשעל ביי זיי ניט געווען. זיי האָבען אפשר גאָר ניט געוואוסט, אַז עס געפינען זיך אויף דער וועלט אַזעלכע פריינדליכע, צוגע-לאָזענע יונגע לייט.

וואָס האָט מאַקס געדאַרפט? וואָס האָט ער דאָ געוואָלט? גאָרנישט. ער האָט שוין אַזאַ נאַטור. אַלע מאָל האָט ער געמוזט האָבען עפּעס אַ הויז, וואו עס געפינט זיך אַ מיידעל און וואו ער זאָל זיין אַן אייגענער מענש. ער איז דאָ גראָד ניט געווען קיין עלענדער, געהאַט דאָ שוועסטער און ברידער, נאָר געצויגען האָט

איהם אַלע מאָל צו עפּעס אַ פרעמדע הויז. לאַנג האָט די פריינד־שאַפט זיינע ערגעץ ניט אָנגעהאַלטען — ביז ער האָט זיך באַקענט מיט אַ נייער הויז. ער פלעגט מיט אַמאָל אויפהערען קומען, און אַ סוף. דערלייגט צו איהם האָט מען ניט אין זיינע באַקאַנטע הייזער; מעהר ניט וואָס ס׳פלעגען ארויסקומען שטאַרקע פאַר־איבעלס אויף איהם — פון דער מאַמען און דער מיידעל אין הויז. ער האָט אין די הייזער שטאַרק „אויסגענומען״. צוליעב זיין שעהנעם פנים און שעהנע האָר, האָט מען אזוי ווי פאַרזעהן זיין ניט־דערוואַקסענקייט, אָדער מ׳האָט זיך ניט געמאַכט זעהענ־דיג. און ער האָט זיך געקענט אויסקלייבען די שעהנסטע, בעסטע מיידעל. ער האָט אָבער גאָרניט געטראַכט פון נעהמען אַ מיידעל און מיט איהר חתונה האָבען. נאָר גלאַט אזוי פריינדלען זיך, זיין אַן אייגענער מענש אין הויז.

מאַקס איז ארויפגעקומען צו די פישערס אין הויז כמעט אַלע אָוונד. גערעדט האָט ער פון ניט־וויכטיגע זאַכען. אין דעם מאַקסען האָט געשטעקט עפּעס אַ שטיקעל אידענע. ער האָט נאָר גערעדט וועגען קאָכען, וועגען מאַכען געריכטען צום עסען, געגעבען עצות וועגען הויז־זאַכען. אַלץ גערעדט וועגען יענעם, וועגען אַנדערע, וועגען זיך אַליין האָט ער ניט דערצעהלט. ס׳האָט זיך געוואָלט וויסען עפּעס מעהר וועגען איהם, מ׳האָט געוואָלט וויסען וועגען זיינע פאַרדינסטען... פרעגען אָפען קען מען דאָך ניט; רעדט מען וויפיעל מען קען, וויפיעל עס פּאַסט זיך. נאָר מאַקס פיהרט אַלץ אַראָפּ פון וועג. ער מוז אַלצדינג וויסען וועגען אַנדערע, וועגען זיך אַליין האָט ער פיינט צו רעדען. מ׳איז פון איהם דערגאַנגען נאָר אזוי פיעל, אַז ער „קענוועסט״ פאַר אַ האָלסייל הויז דאָון טאַון.

וואָס ער דענקט מיט זיין קומען אהער אין הויז, וואָס ער האָט אין זינען — וואָס ער דענקט צו טאָן, וואָס עס וועט זיין שפּע־טער — וואָס מ׳וויל אזוי וויסען — וועגען דעם שווייגט ער, דער־מאָנט אַ וואָרט ניט. מ׳האָט דאָך אָבער פאָרט געזעהן, אַז ער איז ניט קיין פרעמדער, ער וויל ניט זיין קיין פרעמדער... אזוי נאָ־

הענט ווי מאַקס איז דאָ, איז נאָך קיינער אין הויז ניט געווען. האָט מען געהאַפּט. ער האָט זיך געקלעפּט צו דער אינגערער טאָכטער. אוועקגעגאַנגען מיט איהר פון הויז, געקומען מיט איהר שפּעטליך אהיים און ווייטער פאַרבראַכט מיט איהר אין קיך, בעת די מאַמע און די עלטערע טאָכטער האָבען שוין געשלאָפען.

מאַקס האָט מיסעס פישערס אינגערע טאָכטער ניט ליעב געהאַט און ניט פיינט געהאַט. ער האָט געמוזט האָבען אַ הויז מיט אַ מיידעל, וואו ער האָט זיך צוגעקלעפּט ווי אַ פּעך, ווי אַ קלעק. ער זאָגט קיינעם גאָרנישט צו און ער האָט נישט אין זינען אימיצען אָפּצונאַרען, אָדער פאַרפיהרען. ער האַלט זיך אַזוי לאַנג ביז ס׳מאַכט זיך איהם אַ נייע הויז.

וואָכען זיינען אַזוי פאַראיבער. קיין וויכטיגע נייעס איז ניט פאָרגעקומען. נאָר די האָפנונג האָט זיך פאַרשטאַרקט. די מענשען אין הויז האָט זיך אויסגעוויזען, אַז זיי קענען מאַקס׳ן שוין פון לאַנג. און ס׳איז געווען אומעטיג אָהן איהם און מ׳האָט שטאַרק געזאָרגט, אַז ער האָט אַן אָווענד אויסגעפעהלט, אָדער ס׳האָט זיך געמאַכט ער איז ניט געקומען אין צייט... און זעהענדיג איהם אוועקגעהענדיג צוזאַמען מיט דער אינגערער מיידעל, און זיצענדיג נאָהענט צוזאַמען אין הויז, האָבען די מאַמע און די שוועסטער געפיהלט די ענדערונג צום בעסערען אין זייער הויז... עפּעס גאָר נייעס, וויכטיגעס... די פאָטאָגראַפיעס פון זוהן און שנור און די קינדערלעך ווייט, ווייט אַוועק, זיינען עפּעס אי ליעבער, אי דער־ווייטערט געוואָרען...

די מאַמע האָט אודאי געוואָלט, אַז די עלטערע טאָכטער זאָל קומען פריהער... נאָר אַז ס׳האָט זיך געמאַכט אַזוי, איז אויך גוט.

די אינגערע טאָכטער איז אַ געזעצטער מענש, אַן איינגע־האַלטענע, אַ שווייגענדיגע, וואַרט זי און האָפּט... זי האָט מאַקס׳ן שטאַרק ליעב, און צום ערשטען מאָל אין איהר לעבען... קיינמאָל פריהער איז אַ מאַן ניט געווען אַזוי פריינדליך, אַזוי נאָהענט צו איהר.

און מאַקס געהט אָן מיט זיין היימישקייט. ער רעדט און רעדט;

מישט זיך אריין אין אַלע הויז-זאַכען און גיט עצות — אַן אמת היימישער, ווי ער וואָלט זיך דאָ אין הויז אויפגעהאָדעוועט. ער געהט אַוועק מיט דער אינגערער טאָכטער און זיצט דערנאָך מיט איהר אין קיך ביז שפּעט...

די פישערס ווילען ניט און קענען ניט פרעגען, וואָס ער האָט אין זינען אויף ווייטער... ווי לאַנג דאָס וועט נאָך געדויערען... מ'איז דערווייל צופרידען און מ'האָפט... מ'קען דאָך זעהן, אַז „גאַרנישט" קען דאָך דאָ ניט זיין...

צווישען זיך ריידען אַמאָל די מאַמע און די עלטערע טאָכטער. ס'ווילט זיך זיי אַרויסריידען די שמחה, די גוטע האָפנונג. און מ'וויל זיך אויסקליגלען.

— ער געהט מיט איהר אַזוי לאַנג — זאָגט די מאַמע — מיינט ער דאָך מסתמא צו נעהמען איהר. (דער מאַמען ווייזט זיך אויס, אַז עס איז שוין זעהר, זעהר לאַנג).

— די בעסטע זאַך איז, ניט אריינמישען זיך — זאָגט די עלטערע טאָכטער. זי האָט מורא, אַז די מאַמע קען נאָך קאַליע מאַכען... אפילו מיט'ן רעדען שטיל צווישען זיך, קען מען אויך שאָדען טאָן. — זאָלסט אַ וואָרט ניט זאָגען! — זאָגט זי אָן דער מאַמען.

— ווער וועט רעדען אַ וואָרט? מיט דיר קען איך דאָך רעדען. מ'קען זעהן, אַז ער גלייכט איהר. אפשר האָט ער איהר שוין וואָס געזאָגט און זי וויל ניט אויסזאָגען — וויל די מאַמע זיך איינרעדען, גלויבען...

— מ'דאַרף זיך ניט אריינמישען.

— ווער מישט זיך? כ'זאָג גלאַט אַזוי.

— די בעסטע זאַך איז שווייגען. זאָג קיין זאַך ניט.

— ווער וועט זאָגען אַ וואָרט?

די מאַמע רעדט אויך אַמאָל מיט דער אינגערער טאָכטער גופא.

— וואָס זאָגט ער דיר?

— דו ווייסט דאָך.

— אָבער, אַז איהר זייט ביידע אַליין.

— גאָרנישט. דיזעלביגע וואָס אין הויז.
— ער זאָגט דיר גאָרניט, אַז ער גלייכט דיר?
— מיר רעדען ניט דערפון.
— וואָס זאָגט ער דיר די גאַנצע צייט?
— גאָרניט.
— ער האָט דיר קיינמאָל ניט געזאָגט, אַז ער גלייכט דיר?
— ער האָט מיר ניט געזאָגט.

ווילט זיך ווידער דער מאַמען גלויבען, אַז די טאָכטער וויל איהר ניט אויסזאָגען אַליץ. זי באַהאַלט עפּעס פון איהר... קיינמאָל האָט מען דאָ אין הויז ניט באַהאַלטען עפּעס איינע פון דער אַנדערער. ס'איז ניט געווען וואָס צו באַהאַלטען... נאָר איצט האָט די מאַמע געוואָלט האָבען, אַז די טאָכטער באַהאַלט פון איהר...

די עלטערע טאָכטער האָט אויך גענומען גלויבען און האָפען, אַז איהר שוועסטער באַהאַלט עפּעס פון איהר. ס'ווילט זיך וויסען. האָט זי מיט איהר גערעדט, געזוכט אויסצוגעפינען... נאָר, אַז איז גאָרנישט דערגאַנגען, איז זי אויך צופרידען געווען... אבי זי האָט נאָר עפּעס באַהאַלטענעס...

ס'איז גאָר נישט פאָרגעקומען. מיט איהר באַזונדער האָט מאַקס גערעדט די זעלביגע ניט-וויכטיגע רייד, וואָס פאַר אַלעמען אין הויז — וועגען עסען, קליידער, מואווינג-פּיטשורס, אַ שאָו. און זי, די אינגערע טאָכטער, ווייס גאָר ניט וואָס מ'דאַרף טאָן, ווי אַזוי ארויסצוקריגען פון אַ יונגען מאַן די געוויסע רייד, וואָס מ'גאַרט אזוי צו הערען און וויסען... ניט געהאַט קיין שום ערפאַהרונג אין אַזעלכע זאַכען... און זי האָט זיך גאָר געהיט...

XI

די נייע מיידעל, וואָס האָט זיך ביי די פישערס אין הויז אריינגעקליבען, איז געווען אַ יונגע, עפּעס אריבער דריי און צוואַנציג יאָהר, אַ שעהנע בלאָנדינקע, מיט בלויע אויגען און אַ געשניצטען פּנים. נאָר אַ פאַרביטערטע געווען און אַ שרעקעדיגע. זי האָט מורא געהאַט, אַז זי וועט פאַרזעסען ווערען, פאַרבלייבען

אן אַלטע מויד. די צוויי מיידלעך פישער האָבען זיך קיינמאָל גאָר ניט אזוי געשראָקען; אפילו ניט איצט, ווען זיי זיינען אזוי פיעל עלטער פון איהר, איז זייער שרעק נאָך אַלץ ניט אזוי גרויס ווי איהרער. אָנגעקומען אהער אין הויז איז זי ניט פון וואוילטאָג, נאָר ווייל זי האָט געמוזט האָבען אַ ביליגערע דירה. ביז איצט האָט זי געהאַט איהר אייגענע באַזונדערע גרויסע רום, אין אַ שעהנע הויז, און זי האָט געגעסען אין רעסטאָראַן. זי האָט אָבער געמוזט נעהמען לעבן שפּאָרזאַם.

די נייע מיידעל האָט פריהער געאַרבייט ביי עמבראָידערי און גוט פאַרדיענט. זי איז אָבער ניט געווען צופריעדען. זי האָט גע-וואוסט, אַז עס זיינען פאַראַן שעהנערע באַשעפטיגונגען, ווי, למשל, סטענאָגראַפי און טייפּרייטינג — מ'אַרבייט אין אַן אָפיס, מ'באַקענט זיך מיט אַן אַנדער סאָרט מענשען (יונגע לייט) ווי אין שאַפּ, און מ'קען קומען צו אַ בעסערען תכלית. האָט זי זיך אַריינגענומען אין קאָפּ צו ווערען אַ סטענאָגראַפער און טייפּ-רייטער... וועט זי אַרבייטען אין אַן אָפיס און האָבען אַ בעסערען „טשענס". מיט ווע‏מען טרעפט זי זיך אין שאַפּ ביי עמבראָידע-רי!... האָט זי איינגעצאָהלט געלט אין אַ ביזנעס סקול, און ביי-נאַכט, נאָך אַ שווערען טאָג אַרבייט אין שאַפּ, האָט זי זיך גע-געלערענט סטענאָגראַפי און טייפּרייטינג. איז איהר געווען גאָר-ניט גוט. ביז אַ זייגער צעהן ביינאַכט האָט זי פאַרבראַכט אין סקול, און דערנאָך אין דער היים געטאָן די „האָום וואָירק", און אויפגעשטאַנען באַגינען צו דער אַרבייט. דורכ'ן טאָג איז איהר שווער געווען די אַרבייט און ביינאַכט איז איהר שווער געווען דער לערנען. קיין וויכטיגען פאָרטשריט האָט זי אין איהר שטודיום ניט געמאַכט, אַלץ געהאַלטען ביים אָנהויב, ווייל זי האָט געקאָנט צו ווייניג ענגליש. זי איז געווען שטאַרק דער-שלאָגען און זי האָט מורא געהאַט, אַז זי וועט זיך קיינמאָל ניט אויסלערנען. האָט מען איהר אַן עצה געגעבען, אויב זי וויל זיך אויף אַן אמת אויסלערנען סטענאָגראַפי און טייפּרייטינג, זאָל זי געהן אין סקול ביי טאָג, אַ גאַנצען טאָג. זי האָט אוועקגעוואָרפען

דעם שאַפּ און גענומען געהן אין אַ נייע סקול, אויף אַ גאַנצען טאָג. די סקול קאָסט געלט, און עטליכע מאָנאַט וועט זי ניט פאַרידיענען, און אַז זי וועט קריגען אַ דזשאַב אין אַן אָפּיס, וועט זי מוזען אָנהויבען פאַר פופצעהן דאָלאַר אַ וואָך, צי פאַר ווייניגער. האָט זי געמוזט לעבען שפּאָרעוודיג, אַריבערקלייבען זיך אין אַ ביליגער דירה און אויפהערען עסען אין רעסטאָראַן.

די נייע מיידעל, פּרענסעס — אַרויפגעאַרבייט פון פּעני — אַ שעהנער נאָמען פאַר אַן אָפּיס — אַרבייט שווער. קיין פרייע מינוט פאַרגינט זי זיך ניט. עס קאָסט איהר שוין אָפּ אַזוי פיעל געלט, און עס וועט איהר נאָך קאָסטען און קאָסטען, און אַ לאַנגע צייט וועט זי ניט פאַרדיענען — שרעקט זי זיך, און איז אָנגע-שטרענגט און נערוועז פון שרעק און שווערער אַרבייט. זי וויל אַריינכאַפּען, דעריאָגען. אין דער ביינאַכטיגער סקול האָט מען איהר געזאָגט, אַז עס וועט ביי איהר לאַנג ניט נעהמען, זי וועט גיך ווערען אַ סטענאָגראַפער און טייפּרייטער. נאָר אין דער נייער סקול האָט מען די מענשען פון יענער סקול אָנגערופען „פּייקערס“, אָנגערעדט אויף זיי וואָס אין קאָרט; און מען האָט איהר געזאָגט דעם גאַנצען אמת: זי מוז אָנהויבען צוריק פון אָנהויב. זי קען גאָר ווייניג ענגליש און איהר „ספּעלינג“ איז זעהר שלעכט. אַר-בייט זי, און וויל דעריאָגען און אַריינכאַפּען. ווי זי קומט אַהיים פון סקול, הויבט זי אָן קלאַפּען אויפ'ן טייפּרייטער, און זי הערט ניט אויף. די האַמערלעך קלאַפּען אַלעמען אין קאָפּ, ס'ווערט ניט גוט הערענדיג. אַז מען לייגט זיך שלאָפען, האַמערט זי נאָך אַלץ. די מאַמע האָט שוין איבערגערעדט, אַז ווען זי וואָלט דאָס פריהער געוואוסט, וואָלט זי איהר אפשר גאָרניט אַריינגענומען פאַר אַ באָרדערקע. ס'ווייזט איהר אוים ווי מ'האַקט אַ גאַנצע נאַכט פאַרפעל אויף איהר קאָפּ, צי הערינג, צי לעבער. אָבער איצט איז דאָך שוין פאַרפאַלען. זי קען איהר ניט זאָגען, זי זאָל אויפהערען קלאַפּען, אָדער אַרויסמופען... ווען קען דאָס האָבען אַ האַרץ איהר צו זאָגען? און שוין אַ לאַנגע צייט איז קיין מיידעל אין הויז ניט געווען, אַליין געצאָהלט די גאַנצע דירה-געלט.

די „מיסטייקס״, וואָס איהרע פינגער מאַכען אויפ׳ן טייפּריי-טער, אָפּקלאַפּענדיג אַ פאַלשען בוכשטאַב, און די „מיסטייקס״ אין ספּעלינג, דערגעהן פּרענסעס׳ען די יאָהרען. זי ווערט אַן אויפ-געקאָכטע אויף זיך אַליין און אויף דער גאַנצער וועלט, און זי האַלט ביים וויינען. ווי זי זאָל זיך ניט היטען פון די „מיסטייקס״, קען זי זיך ניט אויסהיטען... זי כאַפּט אָן דעם „מיסטייק״ פאַר׳ן פוס, פאַר׳ן עק, און ער רייסט זיך פון איהר אַרויס, און ס׳איז שוין אָפּגעקלאַפּט און פאַרפאַלען... מיט איין רגע פריהער, אַז זי וואָלט זיך געכאַפּט, וואָלט זי דעם „מיסטייק״ אָנגעיאָגט אין צייט, ער וואָלט זיך פון איהר ניט אַרויסגעריסען... כאַפּט זי זיך אָבער, ווען איהר פינגער האָט שוין אַ קלאַפּ געטאָן דעם פאַלשען בוכשטאַב, און דער „מיסטייק״ שטעהט שוין אַנטקעגען איהר אַ לעבעדיגער און רייצט זיך מיט איהר... זי מוז אַרויסלאָזען איהר כעס און וועהטאָג. זי רייסט אַרויס פון שרייב-מאַשין די שטיק פּאַפּיר מיט׳ן „מיסטייק״ און טהוט אַ שמיץ אויפ׳ן פלאָר. איהר האַרץ איז פול מיט געוויין. זי שפּאַרט אָן איהר קאָפּ אויף די הענט, אויף די אויפגעשטעלטע עלענבויגענס, און זי עסט זיך, גריזשעט זיך, און וואַרפט זיך אויף, אַז זי וועט שוין קיינמאָל ניט קענען... און זי קען ביינאַכט ניט איינשלאָפען. איהרע זאָרגען, די צרות לאָזען איהר ניט איינשלאָפען. קיין סך געלט אָפּגעשפּאָרטע האָט זי ניט, און טאָמער געהט איהר אויס די געלט, און זי קען נאָך ניט סטענאָגראַפי און טייפּרייטינג, וועט זיין אַרויסגעוואָרפען איהר צייט און ארבייט און איהרע פאַרהאָרעוועטע געלט... זי וועט מוזען געהן צוריק צו די עמבראָידערי, און זי וועט ניט ארבייטען אין אַן אָפיס. זי האָט גענוג פון וואָס זיך צו זאָרגען...

אזא מיידעל ווי פּרענסעס איז ביי די פישערס אין הויז נאָך קיינמאָל ניט געווען. אַלע פריהערדיגע מיידלעך האָבען אָנגענומען די פריינדשאַפט, וואָס זיי האָבען אין הויז געטראָפען, און זיי האָבען צוריקגעגעבען פריינדשאַפט, וויפיעל זיי האָבען געהאַט אָדער געקענט. פּרענסעס האָט זיך געהאַלטען פון ווייטען, צו זיך ניט צוגעלאָזען און ניט געוואָלט די פריינדשאַפט און נאָהענט-

קייט פון די מענשען אין הויז. זי האט זיך עפּעס געהאַלטען גרעסער, העכער פון די מענשען אין הויז. זי האט ביז איצט געוואוינט אין א בעסערע, שעהנערע הויז. און איצט איז זי געפאַלען...

די צוויי שוועסטער אין הויז קוקען אויף פרענסעס'ען מיט א ביסעל דרך-ארץ. פּארט גיט זי זיך אפּ מיט א שעהנערע זאך ווי זייער שניידעריי. און אויך טאקע צוליבע דעם וואס פרענסעס חבר'ט זיך ווענינ מיט זיי. בייטאג זעהט מען זי ניט, און ביינאכט איז פרענסים ארייננעטאן אין איהר טייפּרייטער, און זי קען קיינעם ניט אנקוקען. די אינגערע שוועסטער האט אין אן אווענד געפּרואווט פּארציהען מיט פרענסעס'ען א געשפּרעך וועגען סטענאגראפי און טייפּרייטינג. זי אליין וואלט אפשר אויך חשק געהאט צו נעהמען זיך דערפאר. די שניידעריי איז איהר שוין לאנג, לאנג נמאס געווארען. האט זי זיך געפרעגט ביי פרענסעס'ען, וויפיעל ס'דארף קאסטען דער אויסלערנען זיך, ווי לאנג ס'דארף געדויערען, און אויב ס'איז גרינג צו קריגען א דזשאב. פרענסעס האט איהר אויף דער מינוט ניט געקענט געבען קיין ריכטיגען ענטפער. אלס א מענש צו א מענשען, מיט וועמען מען וואוינט נאך דערצו אין איין הויז און מ'שלאפט אין איין בעט, האט זי איהר גענומען זאגען, אז זי זאל זיך דערפון היטען, ס'טויג אויף כפּרות... און אין די רייד האט זי גענומען ריידען אנדערש — פאר וואס ניט? ס'איז א סך שעהנער און בעסער ווי אנדערע ארבייטען... זאלען אנדערע אויך האבען צרות...

און דאך, די נייע מיידעל, פרענסעס, די אומגליקליכע, אין איהרע גרויסע דאגות און צרות, וואס זי האט גאר קיין זאך ניט געזעהן און ניט געהערט, האט זי פונדעסטוועגען דערזעהן, אז עס קומט אריין אין הויז א באי, מאקס. איהר איז אפילו ניט שטארק געפעלען געווען מאקס'עס „שייפּ“, מיט זיינע פיס, ווי קרומליכע קלעצלעך; אבער דער איבעריגער מאקס, זיין שעהנער קאפּ מיט'ן ווילדען וואלד האר און זיין שעהנער, עהרליכער געזיכט, מיט זיין לעבעדיגקייט, האט א סך פארדעקט זיין „שייפּ“ מיט די פיס — ביי אלעמען, און אויך ביי פרענסעס'ען... ווער

מאקס איז, וואָס זיין קומען אין הויז מיינט און באַטייט, האָט פרענסעס ניט געוואוסט. זי האָט זיך דאָך געהאַלטען פון ווייטען, ניט געוואָרען קיין נאָהענטע פריינד מיט קיינעם אין הויז, און קיין איבעריגס ריידעריגע זיינען די פישערס ניט געווען, און זיי האָבען סיי-ווי-סיי נאָך ניט געהאַט וואָס צו דערצעהלען וועגען מאַקס'ען — האָט פרענסעס ניט געוואוסט. געוואָלט וויסען האָט זיך איהר טאַקע. אַז ער איז ניט קיין גאַנץ פרעמדער אין הויז, האָט זי געקענט זעהן, און אַז ער געהט אַוועק מיט דער אינגערער טאָכטער און זיצט דערנאָך מיט איהר ביז שפּעט, האָט זי אויך געזעהן, און די איבעריגע וועט זי שוין מוזען אַליין אויסגעפינען.

מאַקס האָט דערזעהן פרענסעס'ען, האָט ער זיך גוט איינגעקוקט אין איהר. זי איז איהם געפעלען געוואָרען. און ס'איז אפילו ניט נויטיג געווען מאַקס'ען פאַרצושטעלען פאַר אַ נייעם מענשען, דערצו נאָך אַ מיידעל. ער שטעלט זיך אַליין פאָר. ער איז מוחל די גאַנצע צערעמאָניע פון „אינטראָדיוסען". ער קומט צו און רעדט און פרעגט זיך נאָך, און זאָגט, וואָס איהם ווילט זיך זאָגען.

איז ער מיט פרענסעס'ען גיך באַקאַנט געוואָרען. נאָר אין הויז דאָ, האָט ער פאַרשטאַנען און אויסגערעכענט, קען ער מיט איהר קיין מחותן ניט ווערען. האָט ער איהר אָפּגעוואַרט ביים סקול, ווען זי איז געגאַנגען אַהיים.

— העלאָו, פרענסעס!

— העלאָו!

מאַקס זאָגט ניט קיין ליגען; קיין „בלאָפער" איז ער ניט, און ער ווייס ניט פון „פּאָליטיקס". זאָגט ער צו איהר:

—איך האָב אויף אייך געוואַרט.

— אויף מיר?

— יאָ.

זי געהט צו איהר וועג אַהיים. ער געהט מיט איהר. ער לאַדט איהר איין צו געהן מיט איהם אין אַ רעסטאָראַן עסען סאַפּער. פרענסעס איז צופרידען צו געהן מיט איהם. נאָר זי טאָר זיך ניט

„אַנכאַפּען“; זי דאַרף עפּעס זאָגען. זאָגט זי איהם, אַז זי דאַרף געהן אַהיים עסען סאַפּער; זי וועט סיי־ווי־סיי באַצאָהלען פאַר'ן סאַפּער. מ'האָט פאַר איהר געקאָכט, זי צאָהלט פון וואָך. נאָר פון מאַקס'עס הענט דרעהט מען זיך ניט ארויס אזוי גיך, אפילו ווען מ'וויל זיך ארויסדרעהען, בפרט נאָך, אז מען וויל דאָס גאָר ניט.

זיי האָבען געגעסען אין אַ רעסטאָראַן סאַפּער און דערנאָך האָט ער איהר גענומען אין אַ פיינעם פּלאַץ זעהן מואוויס. און געהענדיג פון די מואוויס, האָט ער שוין געהאַלטען פרענסעס'ען אונטער'ן אָרעם.

אזוי האָט זיך דאָס אָנגעהויבען.

אז עס קומט די צייט, ווען מאַקס וויל מעהר ניט זעהן אַ מיידעל און ניט קומען מעהר אין איהר הויז — קומט ער ניט. ער זוכט זיך ניט אוים קיין תירוצים. ער הערט מיט אַמאָל אויף קומען און קומט ניט, ווייזט זיך מעהר ניט. און אויך איצט האָט ער אזוי געטאָן. נעכטען איז ער נאָך געווען אין הויז, און מיט איין קלאַפּ איז ער מעהר ניטאָ. מיט פרענסעס'ען האָט ער זיך געטראָפען דרויסען. און ביז שפּעט אין דער נאַכט האָט דערנאָך פרענסעס געהאַמערט אויף איהר טייפּרייטער און ניט געלאָזט קיינעם שלאָפען.

אזוי ווי אַלע פריהערדיגע מאַקס'עס מיידלעך, האָט אויך איצט פרענסעס אין זיין צוגעלאָזענקייט, זיין צוגעקלעפּטקייט, פרייהייט מיט געלט, גרינג ארויסגעזעהן און פאַרשטאַנען, אז ער האָט איהר ליעב, שטאַרק ליעב, ער וויל זי זאָל זיין זיינע. ער מיינט אודאי, אז עס איז נאָך צו גיך, צו פריה צו זאָגען איהר אַלץ, וואָס ער האָט צו זאָגען און וועט איהר זאָגען. און פרענסעס האָט זיך שוין אויך אויפגעהערט שרעקען וועגען איהר סטענאָגראַפי און טייפּ־רייטינג. וואָרים איהר גאַנצער נעמען זיך צו דער פּראָפעסיע איז דאָך געווען מיט'ן רעכענונג וועגען אַ „טשענס“. און דאָ האָט זיך איהר פּלוצלינג געמאַכט אזאַ פיינער יונגערמאַן...

מאַקס און פרענסעס פּלעגען זיך טרעפען אין אָווענד ערגעץ אויפ'ן גאַס און געהן צוזאַמען און פאַרברענגען. קען זיין, אז אזאַ

מיידעל, ווי פרענסעס, וואָס איהר איז אזוי ביטער געווען אויפ'ן הארצען און האָט זיך אַלע מאָל געשראָקען פאר'ן פארזעסען ווע-רען, קען זיין, אז אין איהר כעס אויף אַלעמען און אויף זיך אַליין, וואָלט ניט אוועקגעטריבען פון זיך אזא יונגענמאן, ווי מאקס, ווען זי וואָלט אפילו געוואוסט, אז ער איז אַן אמת'ער חתן פאר מי-סעס פישער'ס א טאָכטער. זי וואָלט, קען זיין, געוואוסט ביי זיך, אז זי טהוט אָפּ ניט קיין שעהנע זאך, און זי וואָלט זיך מסתמא אויסגעזוכט א תירוץ צו בלייבען כאָטש ביי זיך אַליין גערעכט... און עס קען, ווידער, אויך געמאָלט זיין, אז זי וואָלט נאָך מעהר הנאה געהאט פון דעם יונגענמאנ'ס ליעבע, וויסענדיג, אז ער איז אוועק פון א כלה, ווייל ער האָט זיך אין איהר פארליעבט... דער-פאר איז שוין אויסגעקומען, אז פרענסעס האָט אַליין ניט גע-וואוסט, צי איהר איז בעסער, צי ערגער געוואָרען פון מאקס'עס דערצעהלען איהר, אז ער איז מיט די פישערס קיין שום מחותן ניט געווען... גלאט באקאנט געוואָרען מיט זיי, און ס'איז געווען גאָרנישט... ביי מאקס'ען און פרענסעס'ען האָט דאָך געמוזט אמאָל צורייד קומען וועגען די פישערס. זי האָט איהם געזעהן אין הויז כמעט אַלע אָוועגד, און ער איז געגאנגען מיט דער אינגערער טאָכטער.

מאקס האָט זיך ביי די פישערס אין הויז מעהר ניט געוויזען. מ'האָט אויף איהם געוואָרט, און ער איז ניט געקומען. ער האָט אויסגעפעהלט... מ'איז געווען אומרוהיג וועגען איהם. וואָס האָט פּאָרט מיט איהם געקאָנט פּאסירען?... אפשר ליגט ער קראנק. זיי קענען אָבער ניט געהן זוכען איהם. ער איז דאָך א פרעמדער יונגערמאַן. און זיי ווייסען גאָר ניט זיין אדרעס. אַלע אין הויז זיינען שטארק געקרענקט געווען. און, פארשטעגדליך, די אינגערע טאָכטער מעהר ווי איהר מאמע און איהר שוועסטער.

פאר וואָס קומט ער ניט!...

נאָר גאָר גיך איז פאר זיי קלאָר געוואָרען.

אויף דער צווייטער וואָך פון מאקס'עס אויפהערען קומען אין הויז, איז די עלטערע טאָכטער איהם אנטקעגען געקומען אויפ'ן

גאַס — דאָס איז ער טאַקע געגאַנגען טרעפֿען זיך מיט פּרענסעס'ען.
— און מאַקס, דערזעהענדיג איהר, האָט זיך האסטיג אריבערגע־כאַפּט אויף דער אַנדערער זייט גאַס, אום איהר אויסצומיידען... זי האָט דערצעהלט אין הויז, און ס'איז קלאָר געוואָרען, אַז מאַקס וויל זיי מעהר ניט קענען.

אַלע דריי זיינען זיי ארומגעגאַנגען מיט אָפּגעשטאָרבענע הער־צער. די מאַמע און די שוועסטער זיינען צוגאַנגען געוואָרען פון רחמנות אויף דער אינגערער. מ'האָט געוואוסט, אַז זי האָט מאַקס'ן ליעב... און דערצו אַזא באַליידיגונג, אַזוי צו נאַרען געמאַכט... און פאַר וואָס און פאַר ווען? זיי האָבען גאָר נישט וואָס צו זאָגען איהר און מיט וואָס איהר צו טרייסטען... מען שווייגט, אפשר וועט פאַרגעסען ווערען...

וועמען האָט גאָר געקאָנט איינפאַלען, אַז פּרענסעס זאָל דאָ זיין פאַרמישט?... די פישערס האָבען פון אַזעלכע זאַכען ניט געוואוסט... פּרענסעס געפינט זיך אין הויז ערשט אַ צוויי וואָכען צייט, האָט מען זיך פון איהר געהיט מיט'ן אומגליק... מ'איז שוין גאָר איצט צופרידען געווען מיט דעם וואָס פּרענסעס פריינטעלט זיך ניט, זי האַלט זיך פון וויטען, און וויל פון די גאַנצע געשיכטע ניט וויסען... אַ גרויסער וועהטאָג און אַ גרויסער בזיון. אַן אַנדער מיידעל אין הויז, אַן אייגענע שוין, וואָלט מען איהר מסתמא אריינ־גענומען אין די צרות — זי וואָלט אַליין אריינגעקראָכען... מ'וואָלט גערעדט, זי וואָלט מיטגעפיהלט, מיטגעליטען... מ'האָט קיינמאָל ניט געהאַט קיין סודות פאַר אַ מיידעל אין הויז.

פּרענסעס האָט אין גיכען ארויסגעמופּט. מאַקס האָט דאָך גע־דאַרפט אַלע מאָל זיין לעבען איהר און ניט אָפּלאָזען איהר ביז שפּעט אין דער נאַכט, און ער האָט געמוזט האָבען אַ נייע הויז, וואו צו ווערען היימיש און וויסען וואָס אין טעפּעל טהוט זיך: האָט פּרענסעס געמוזט מופען. זי האָט זיך נאָכגעפרעגט ביי די מיידלעך אין סקול און געקראָגען אַ נייע לאָזשי. איבערגעלאָזען ביי די פישערס מעהר ווי אַ וואָך אָפּגעצאָהלטע רענט. מאַקס האָט איהר ניט געלאָזען אָפּוואוינען וואָס איהר קומט.

מ׳איז ניט געווען איבערראשט און ניט פארוואונדערט ווענען פרענסעס׳עס ארויסמופען. עפעס האט דער וועג, ווי אזוי זי איז פון הויז ארויס, צוגעפאסט זיך צו איהר באנעהמען זיך די גאנצע צייט. א פרעמדע געווען, א פרעמדע אוועק.

אין הויז איז שטיל געווען, שטילער און שווערער ווי אלע מאל פריהער. מ׳האט ניט דערמאנט. די אינגערע טאכטער איז געווען די שטילסטע, און די מאמע פלעגט זיך צו איהר גוט צוקוקען, אויב זי עסט זיך איהר הארץ... פלעגט די מאמע דאס מאכען אזוי, אז יענע זאל ניט וויסען, אז זי קוקט אויף איהר. מאקס׳עס נאמען האט מען ניט דערמאנט, אז די אינגערע טאכטער איז דערביי געווען. די מאמע און די עלטערע טאכטער לייגען זיך ביינאכט אין בעט, שלאפען זיי ניט איין אזוי גיך. זיי טראכטען... זיי וויסען, אז מאקס זיצט ניט איצט מיט איהר אין קיך, ווי ס׳איז געווען גאר ניט לאנג צוריק... מאקס איז שוין ניטא...

די מאמע און די עלטערע טאכטער ריידען זיך אמאל דורך:

— וואס האט מיט איהם געקאנט זיין? — זאגט די מאמע מיט טיפען וועהטאג.

— פון וואנען זאל איך וויסען? ..

— אפשר ווייסטו עפעס און דו ווילסט מיר ניט אויסזאגען. זאג מיר אוים אלצדינג, וואס דו ווייסט.

— איך ווייס אזוי פיעל, וויפיעל דו ווייסט.

— מ׳האט דאך געקאנט זעהן, אז ער האט איהר געגליכען — רעדט ווייטער די מאמע — אז ניט, וואלט ער דאך ניט געקומען און מיט איהר ניט אוועקגעגאנגען. וואס האט פארט געקאנט זיין מיט איהם?

— אז ער האט אויפגעהערט קומען, קען מען איהם גאר ניט טאן. וואס קען מען איהם טאן?

— איך רייד ניט פון איהם טאן. אפשר איז ביי זיי וואס פארגעקומען. זי איז אליין די שולדיגע. אז זי זאגט מיר קיין זאך ניט.

— לאז איהר צורוה, מאמע. טשעפע איהר ניט.

— אומזיסט האט דאס פונדעסטוועגען פארט ניט געקאנט

זיין. אז ער האָט דיר דערזעהן, איז ער אריבערגעגאַנגען אויף דער אַנדערער זייט, מסתמא איז דאָך דאָ פאַר וואָס — מאַנט די מאַמע — אַ מענש קומט אריין אין הויז, ער געהט מיט איהר און זיצט מיט איהר אָפּ ביז שפּעט אין דער נאַכט.

— דערמאָן איהר ניט. זאָל זיך אונז דוכטען, אז ס'איז גאָר קיין זאַך ניט געווען.

פאַר דער מאַמען איז דאָס אָבער אַ קנאַפּער טרייסט... ס'איז דאָך יאָ עפּעס געווען!... פאַר וואָס, פאַר וואָס האָט זיך דאָס אַזוי אויסגעלאָזען. פאַרוואָס זאָלען איהרע טעכטער זיין ערגער פון אַנדערע!... אפשר איז פאָרט איהר טאָכטער אַליין שולדיג...

און די מאַמע האָט זיך ניט געקאָנט איינהאַלטען; זי האָט געמוזט רעדען צו איהר איגגערער טאָכטער:

— ביי אייך איז עפּעס פאָרגעקומען, וואָס דו ווילסט מיר ניט אויסזאָגען?

— קיין זאַך איז ניט פאָרגעקומען.

— פאַר וואָס עפּעס אַזוי מיט אַמאָל? וואָס האָסטו איהם געזאָגט?

— כ'האָב איהם קיין זאַך ניט געזאָגט.

— טאָ ווי אַזוי איז דאָס מיט אַמאָל געוואָרען? ער האָט דיר געזאָגט, אז ער וויל מעהר ניט קומען?

— ער האָט מיר גאָר ניט געזאָגט.

— אפשר האָסטו איהם פאָרט עפּעס געזאָגט, וואָס ער איז געוואָרען אין כעס? ער האָט דיר די גאַנצע צייט גאָר ניט גע־זאָגט, אז ער וויל דיר?

— מאַמע, לאָז מיר צורוה!...

זי לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ. זי וויל ניט, אז מ'זאָל איהר איצט אריינקוקען אין די אויגען... זי וויל וויינען.

די מאַמע לאָזט איהר צורוה.

XII

מיסעס פּישערים טעכטער האָבען גאָר ניט געוואוסט וואָס עס

טהוט זיך אָפּ אויף דער וועלט, אין דעם אייביגען, קאָכעדיגען יאריד פון מענער און פרויען, ווי מ׳קריגט חתנים און ווי מ׳נעהמט צו, און וואָסערע עולות און פאַלשקייטען עס ווערען באַגאַנגען. נאָר די מאַמע האָט יאָ אַביסעל געוואוסט. יאָהרען-לאַנג אָפּגע־שטאַנען אויפ׳ן גאַס, און זיך אָנגעזעהען און געקענט אַלערליי מענ־שען און זיך אָנגעהערט גענוג געשיכטעס, און זי האָט געוואוסט פון געמיינע, כיטרע וועגען און גענג. אָבער נאָך די אַלע זאַכען, האָט זי אין אַנהויב פאָרט ניט געקענט חושד זיין פרענסעס׳ען אין דער פאַסירונג מיט מאַקס׳ען. זי האָט אָבער לאַנג געטראַכט פון דער מעשה-מאַקס, אַלע טאָג געטראַכט דערפון, און עפּעס האָט זיך איהר גענומען אויפקלערען. פרענסעס האָט עפּעס מיט אַמאָל ארויסגעמופּט פון איהר הויז, אפילו די גאַנצע רענט ניט אָפּגע־וואוינט... און גראָד באַלד ווי מאַקס איז אוועק... ביי איהר אין קאָפּ האָט זיך עפּעס צונויפגעפּאָרט... קיין איין מיידעל האָט פון איהר הויז ניט ארויסגעמופּט אויף אַזאַ שטייגער ווי פרענסעס... אַז אַ מיידעל האָט זיך געקליבען ארויסצומופען, האָט מען גע־וואוסט פריהער, און מ׳האָט דערפון גערעדט און מ׳האָט געוואוסט פאַר וואָס זי מופּט: אָדער זי האָט חתונה געהאַט, אָדער איהר מאַמע איז געקומען פון איירָאפּאַ, אָדער זי האָט זיך איבערגע־בעטען מיט איהר שוועסטער, אָדער ס׳איז איהר געווען גאָר אומ־באַקוועם צו פאָהרען צו דער ארבייט. און מ׳האָט זיך צוקושט און מ׳האָט אפילו אַמאָל געוויינט דערביי אויך. אָבער קיינע פון די מיידלעך איז ניט ארויס פון איהר הויז אַזוי ווי פרענסעס, אַזוי פּלוצלינג, ניט זאָגענדיג אַ וואָרט פריהער, ניט אָנקוקענדיג ביים אוועקגעהן, כמעט אַזוי ווי אָהן אַ „גוד באַי“. האָט די מאַמע צו־נויפגעפּאָרטביידע פאַסירונגען... מאַקס׳ען מיט פרענסעס׳ען... אָנגעקלאַפּט, אָנגעפּויקט אַ פולע הויז, פאַרטומעלט אַלעמען די קעפּ, ניט געלאָזט קיינעם שלאָפען. שפּעטער אביסעל האָט זי גע־נומען אוועקגעהן נאָך סאַפּער פון הויז... און מיסעס פישער האָט זיך דערטראַכט און זיך דערמאָנט, אַז פרענסעס׳עס אוועקגעהן נאָך סאַפּער איז געווען אין דער צייט, ווען מאַקס האָט אויפגע־

הערט קומען... אַז ס'איז שטיל געוואָרען אין הויז פון פרענסעס'עס קלאַפּעריי, געדענקט זי, זי איז אין הויז ניט געווען, פלעגען זיי צווישען זיך רעדען, פאַר וואָס מאַקס קומט ניט: ס'איז ניט געווען פאַר וועמען זיך צו היטען... ביידע זאַכען זיינען אויסגעפאַלען צו־זאַמען...

מאַקס און פרענסעס זיינען אַזוי ווי צוזאַמען אַוועק פון איהר הויז... פרענסעס איז אַ ביסעל שפּעטער.

די מאַמע האָט גענוג צייט צו טראַכטען. דערמאָנען זיך אַלע ווײַלע און ניט פאַרגעסען... איז זי אין אַ פאַרנאַכט געזעסען און געטראַכט, וואָס מיט איהר אינגערער טאָכטער איז פאָרגעקומען. זי קען ניט רוהען און זי קען ניט שווייגען. ביי איהר איז שוין קיין שום ספק ניט געווען, אַז פרענסעס איז שולדיג. זי האָט מאַקס'ען אַוועקגענומען... אַז פרענסעס וואָלט זיך ניט אַריינגע־מישט, וואָלט מאַקס חתונה געהאַט מיט איהר טאָכטער... צו וואָס קומט אַ יונגערמאַן אריין אין אַ הויז כמעט אַלע אָוונד און ספּענדט געלט און געהט מיט אַ מיידעל און געהט ניט אַוועק ביז שפּעט אין דער נאַכט? ! זי האָט פרענסעס'ען אין איהר הויז ניט געדאַרפט אַריינלאָזען... אַזאַ שעהנע, אַזאַ יונגע... זי האָט באַ־דאַרפט האָבען אביסעל מעהר שכל... איצט זעהט זי דאָס איין, אָבער ווער קען זיין אַזוי קלוג?... זי טאָר ניט רוהען און זי טאָר ניט שווייגען... זי וועט אויסזוכען פרענסעס'ען און מיט איהר ריי־דען. זי וועט איהר אַלץ דערצעהלען. זי וועט פרענסעס'ען דער־צעהלען, ווי זי איז יאָהרען־לאַנג געשטאַנען אויפ'ן גאַס מיט פּיי־פּערס צו מאַכען אַ לעבען פאַר איהרע קינדער, וואָס זיינען אי־בערגעבליבען קליינע יתומים... זי וועט פרענסעס'ען אויפווייזען, אַז זי טהוט אַ גרויסע עבירה: זי מאַכט אומגליקליך אַ יתומה. זי וועט זאָגען פרענסעס'ען, אַז זי איז אַ שעהנע מיידעל, אַ יונגע, איהר איז קיין דאגה ניט צו קריגען אַ יונגען מאַן... און זי וועט דערצעהלען פרענסעס'ען, אַז ביי איהר אין הויז האָבען געוואוינט מיידלעך, וואָס האָבען געהאַט חתנים, און ניט איהר און ניט איהרע טעכטער איז קיינמאָל אויפ'ן זינען ניט אַרויפגעקומען

אוועקצונעהמען ביי א מיידעל איהר חתן... זאָל גאָט אויסהיטען! אז ער וואָלט אפילו געווען דער גרעסטער מיליאָנער, וואָלט איהרע א טאָכטער ניט צוגענומען א חתן פון א מיידעל... זי וועט נאָך פרענסעס'ען דערצעהלען די גאַנצע געשיכטע, ווי אזוי זי האָט אמאָל צוריקגעבראַכט דעם חתן צו איהרער א באָרדערקע, וואָס דער חתן האָט איהר מעַהר ניט געוואָלט און איז שוין מעהר צו איהר ניט געקומען; איז זי געגאַנגען, געלאָפען, איינגעַ'טענה'ט, ניט אָפּגעלאָזען, געלאָפען הין און צוריק ביז ס'איז ווידער געוואָרען א שידוך און זיי האָבען חתונה געהאט... אויב פרענסעס וועט ווֶעלען, וועט זי איהר אפילו אוועקפיהרען צו יענער אין הויז... טאָמער וועלען איהרע רייד ניט העלפען, וועט זי ריידען מיט פרענסעס'ען אנדערע רייד. זי וועט איהר זאָגען, אז ס'איז שוין צו שפּעט, פאַרפאַלען... זי קען שוין מאקס'ען פון איהר טאָכטער ניט אוועקנעהמען... ס'איז שוין געווען ביי זיי נאָהענט צו א חתונה... זיי האָבען שוין געלעבט ווי מאַן און ווייב... זי דערשרעקט זיך פאַר איהרע געדאַנקען... אזעלכע רייד וויל זי פון איהר מויל ארויסברענגען!... אזעלכע געדאַנקען אויף איהר אייגענער טאָכטער... זי שוידערט אויף.

די מיידלעך זיינען אריינגעקומען פון דער ארבייט. די מאַמע האָט גאָר מורא צו זיין איצט צוזאמען מיט זיי... זיי טאָרען איצט איהר גאָר ניט אָנקוקען.

— נעהמט זיך, קינדער, אליין סאָפּער — האָט זי געזאָגט און געקוקט אָן א זייט — כ'מוז זיך לייגען, די קאָפּ... די פּוס ברעכט מיר...

זי האָט זיי איבערגעלאָזען און אוועק צום בעט.

XIII

אז ס'איז נאָך געהאַנגען אין הויז דער אומעט און די געדריקט-קייט, וואָס מאַקס און פרענסעס האָבען איבערגעלאָזט, איז מיט אמאָל אָנגעקומען א נייע צרה.

אין א טאָג איז אָנגעקומען א בריעף פון לאָם אנזשעלעס.

דער קאָנווערט האָט געהאַט אויף זיך אַ פעטען שווארצען ראַהם און דער בויגעלע פּאַפּיר האָט אויך געהאַט אַזאַ ראַהם. די מיידלעך האָבען באַלד פארשטאַנען, וואָס דאָס מיינט — טרויער, טויט. עס איז טאַקע געווען אַ בריעף, וואָס האָט דערצעהלט פון טויט. דייווי האָט געשריבען, אַז זיין פרוי איז געשטאָרבען. אַ דריי-פיער טעג איז זי קראַנק געלעגען מיט די אינפלוענציע און געשטאָרבען.

עס האָט זיך יענעם אָוועגד געגוג אָפּגעטאָן אין הויז. די מיידלעך האָבען זיך אַביסעל אויסגעוויינט און זיך איינגעשטילט. נאָך אַלעמען, איז די פארשטאָרבענע זיי געווען אַ פרעמדע — זיי האָבען איהר דאָך אפילו קיינמאָל ניט געזעהן, אויסער אויף די פאָטאָגראַפיעס. נאָר די מאַמע האָט זיך ניט געלאָזען איינשטילען. זי האָט זיך אַזוי ווי אָנגעכאַפּט אָן דעם אומגליק צו קענען וויינען און קלאָגען — זי האָט געהאַט געגוג אויף איהר הארצען. איז זי געזעסען און געקלאָגט און זיך אַ ביסעל אונטערגעשאָקעלט, מיט די גוט-באַוואוסטע רייד דערביי: „אַזאַ יונגער בוים"... „וואָס וועלען איצט טאָן די יתומים אָהן אַ מאַמען?"... „אַזוי יונג פון דער וועלט אַוועק"... „אָפּגעשניטען געוואָרען פאַר דער צייט"... „אַזאַ ווי זי איז אויף דער גאַנצער וועלט ניט געווען און ס'וועט ניט זיין"... די מיידלעך האָבען געזוכט איהר איינצושטילען, געבעטען, זי זאָל אויפהערען. וואָס וועט איהר העלפען דער וויינען? און די מאַמע האָט זיך ניט געלאָזען טרייסטען — אַ צו-גוטע געלעגענהייט געווען ארויסצוואוויינען, ארויסצוקלאָגען די אָנגעקליבענע אויפ'ן הארצען.

די מאַמע האָט זיך אריינגעארבייט אין איהר קלאָגען, און ס'איז איהר אַזוי „גוט" געווען, און איהר האָט זיך געוואָלט האָבען נאָך מעהר. זי האָט גענומען זאָגען, אַז די טעכטער נארען איהר. דייווי אַליין איז אויך געשטאָרבען און זיי זאָגען איהר ניט אויס. די מיידלעך האָבען געמוזט לאַכען: אַז דייווי וואָלט געשטאָרבען, ווי אַזוי וואָלט ער געקענט שרייבען דעם בריעף? דאָס איז דאָך זיין האַנדשריפט!... די מאַמע האָט שוין איינגעזעהן, אַז זי איז אומגערעכט; נאָר אין גאַנצען אונטערגעגעבען האָט זי זיך ניט.

דייווי האָט אין זיין בריעף אויך געשריבען, אז די לעצטע צייטען האָט ער „הארד לאַק“ אין די וועסט, און ער דענקט דאַרום פון פאָהרען „איסט“ — אין ניו יאָרק, הייסט עס. זיין „הארד לאַק“ א חוץ זיין ווייב׳ס טויט, איז באשטאנען אין דעם, וואָס מיט א פּאָר וואָכען פריהער, פיהרענדיג, צי שטופּענדיג א וועגעלע מיט פרוכט און גרינס, איז אויף איהם אָנגעפאָהרען א טראָק און איהם אומגעוואָרפען. ער, דייווי אליין, איז ארויס גאנץ. נאָר זיין וועגעלע מיט די סחורה איז צובראָכען און צוטראָטען געוואָרען אונטער׳ן טראָק, און ער האָט קוים געקראָגען „דעמעדזשעס“ א העלפט וויפיעל איהם אליין האָט געקאָסט.

ווי דייווי׳ס טבע איז געווען, האָט ער איצט אויך אויפגעהערט שרייבען און א לאנגע צייט ניט געלאָזט וויסען פון זיך. מ׳האָט איהם געשריבען און ער האָט ניט געענטפערט. די מאַמע האָט געוויינט און געקלאָגט: ווער וויים, וואָס מיט איהם איז דאָרטען ! זי האָט פון איהר מויל ניט געוואָלט ארויסברענגען, וואָס זי האָט געטראכט... אפשר איז ער אליין שוין אויך דאָרטען געשטאָרבען... ס׳איז געווען אין דער אינפלוענציע־מגפה. די מיידלעך האָבען אויך געהאט אזעלכע שרעקענדע געדאנקען, נאָר זיי האָבען זייער שרעק איינגעהאלטען און געטרייסט דער מאַמען.

און ווידער אַן איבערראַשונג: ס׳איז שוין געווען נאָך עלף אזייגער אין דער נאכט. די מאַמע איז שוין געלעגען אין בעט און די מיידלעך האָבען זיך געהאלטען אין אויסטאָן צו געהן שלאָפען, ווען ס׳האָט זיך דערהערט א קלאַפּ אין טיר. איינע פון די מיידלעך האָט געפרעגט, ווער ס׳קלאפּט. זי האָט דערקענט דייווי׳ס קול און געעפענט די טיר. זי האָט דערזעהן עטליכע פּעק מיט א טשעמאָדאַן, און דייווי איז געשטאנען מיט זיינע צוויי קינדער.

די מאַמע איז ארויסגעשפּרונגען פון בעט. איז הויז איז געוואָרען א געוואלד, א געשריי פון שמחה. די צוויי קינדערלעך, א אינגלע און א מיידעלע, פארבלאָטיגט, דערשראָקען און פארשלאָפען, זיינען געווען צוטומעלט, צומישט — געקוקט צושראָקען אויף די פרעמדע מענשען, וואָס האָבען זיי געשלעפּט און געריסען צו

זיך און זיי געקושט און „געריסען שטיקער" פון זיי. זיי האָבען זיך געצויגען צו זייער טאַטען, אוועקגעדרעהט די קעפּלעך פון די פרעמדע און געקוקט צום טאַטען, ווי זיי וואָלטען זיך געבעטען, אז ער זאָל זיי ראַטעווען.

אין הויז איז ניט געווען פיעל וואָס צו עסען, און ס'איז געווען שפּעט אין דער נאַכט, האָט מען שוין ניט געקענט קריגען צו קויפען, און מ'האָט געמוזט צופרידען זיין דערמיט, וואָס ס'האָט זיך אין הויז געפונען: ברויט מיט פּוטער, אַן איי, מ'האָט ארויפגעשטעלט קאָכען וואַסער אויף טיי, און מ'האָט ארויפגעשטעלט אונטערהייצען דעם גרויסען בלעך מיט וואַסער, אין וואָס מ'קאָכט די וועש, ארומצוואַוואַשען די קינדער, וואָרים עס איז געלעגען אויף זיי א דיקער שאָלעכטס מיט בלאָטע, וואָס האָט זיך אָנגעקליבען דורך די עטליכע מעת-לעת רייזע. קיין וואַנע איז ניט געווען, האָט מען זיי געוואַשען אין „וואַש-טאָב". נאַקעטע קינדערלעך... מ'האָט דאָס קיינמאָל אין דעם דאָזיגען הויז ניט אָנגעזעהן.

דייווי אליין האָט אויסגעזעהן ווי א גאַנצער מענש, א מאַן. מ'האָט געזעהן, אז ס'ליגט א יאָך אויף איהם. ער האָט געהאַט קנייטשען איבער דער אויבערשטער ליפּ. די מאַמע און די שוועסטער האָבען אזא דייווי'ן גאָר קיינמאָל ניט געקענט. ווען ער איז צום לעצטען מאָל אוועק פון דער היים, איז ער געווען א אינגעל, אָהן דאגות און אָהן יאָכען. גאָר ניט יענער דייווי היינט.

די פאַרגליווערטע הויז האָט אויפגעלעבט. „די קינדער", „די קינדער". מ'האָט זיי גאָר ווייניג מיט זייערע נעמען אָנגערופען, נאָר „די קינדער". די מיידלעך האָבען יעדען טאָג געבראַכט צוטראָגען עפּעס פאַר די קינדער. מ'האָט אין הויז גערעדט העכער, און זיי האָבען גאָר עפּּס אנדערע שטימען געקראָגען, מיט מעהר זאַפּט און לעבען.

דייווי איז ניט געזעסען ליידיג. איין טאָג האָט ער זיך אָפּגערוהט פון וועג, און דערנאָך גענומען זוכען עפּעס צו טאָן. ער האָט מיטגעבראַכט פון לאָס אַנזשעלעס ערפאַהרונג אין די פרוכט

און גרינס ביזנעס, און ער האָט אויך פאַרמאָגט עטליכע דאָלאַר. איז ער געגאַנגען איבער די פרוכט און גרינס מאַרקעטס און געזוכט. ער פלעגט אוועקגעהן פון הויז פיער אַזייגער פאַרטאָג און נאָך פריהער. ער האָט זיך צו עפּעס דערשלאָגן — אַ שטיקל שותפות מיט אַ מאַן, וואָס פלעגט אויפקויפען „סעקאָנדס" אונטער־קעס — אַ ביסעל פאַרגעלטע, מיט אראָפּגעבויגענע קעפּלעך אָדער נעזלעך און דערנאָך דאָס ארומגעפיהרט איבער די אָרעמערע רעס־טאָראַנען און גרינס-סטענדס. קיין גרויסע גליקען איז דערביי ניט געווען; ער האָט אָבער אלע טאָג פאַרדיענט אַ ביסעל געלט.

די הויז ביי די פישערס איז געוואָרען אַ ליכטיגע הויז. די מענשען האָבען אַזוי ווי אָן זייערע אייגענע שווערע לעבענס פאַר־געסען — „די קינדער". „די קינדער".

אפילו מאַקס איז שוין גוט ווי פאַרגעסען געוואָרען. נאָר איין טאָג איז מאַקס'עס גייסט צוריק אריינגעבראַכט געוואָרען אין הויז. אָבער דער גייסט האָט זיך ווייט ניט פאַנאַנדערגעשפּרייט און איז לאַנג ניט פאַרבליבען. די מאַמע האָט איהם פאַרכאַפּט, און ער איז צו די מיידלעך ניט דערגאַנגען.

איין טאָג האָט מען אָנגעקלאַפּט אין די פישער'ס טיר. אריינ־געקומען איז פרענסעס. דערזעהענדיג צוויי קליינע קינדער, האָט זי געמיינט, אַז זי האָט פאַרבלאָנדזשעט אין אַן אַנדער אָרט, אָדער די לייטע האָבען פון דאַנען ארויסגעמופט, און זי האָט זיך געוואָלט צוריקציהען. זי האָט דאָך אָבער דערזעהן פאַר זיך מיסעס פישער. האָט פרענסעס ניט פאַרשטאַנען וואָס דאָ טהוט זיך.

— זעצט זיך, וואָס מאַכט איהר? — האָט מיסעס פישער איהר געזאָגט.

פרענסעס האָט שטאַרק אָנגעקוקט די קינדער.

— איהר האָט דאָ פריהער די קינדער ניט געזעהן — האָט די אַלטע איהר געזאָגט — ס'איז מיין זוהנ'ס. ער איז געקומען מיט זיי פון לאָס אַנזשעלעס. זייער מאַמע איז געשטאָרבען, ניט פאַר קיין אידיש קינד געדאַכט, האָט מיין זוהן זיי געבראַכט דאָ אַהער. די אַלטע האָט זיך אַליין פאַרכאַפּט אין צייט מיט איהרע רייד,

וואָס זיינען געלעגען ביי איהר אויפ'ן שפּיץ צונג, און האָבען זיך שיער ניט אַראָפּגעגליטשט: זי האָט געהאַלטען ביים אַרויסריידען, אַז דער זוהן איז איהר איינגסטער קינד!... דערצעהלען אַזוינס פאַר אַ פרעמדע, אַז זי וויל גאָר אַליין ניט וויסען דעם אמת...

פרענסעס האָט אויסגעזעהן ניט גוט. אונטער איהרע בלויע, ליכטיגע אויגען זיינען געווען שוואַרץ-בלוילּיכע האַלבע רינגען און אַ פאַרזאָרגטער שאָטען פון אומעט איז געלעגען אויף איהר מויל, און זי האָט געקוקט אויף אַראָפּ, אַראָפּ; איהרע הענט האָבען זיך געצויגען אַריינצופלעכטען די פינגער, ווי אין פאַרצווייפלונג, אין צרות. געזאָגט האָט זי אַ תירוץ, אַז זי איז דאָ געווען אין דעם געגענד, זי איז פאַרבייגעגאַנגען, איז זי אַריינגעקומען.

ביידע, די אַלטע און די יונגע האָבען עפּעס געהאַט אויפ'ן הארצען. נאָר זיי האָבען ניט געקאָנט זאָגען, ריידען. די אַלטע האָט דאָך שטאַרק געוואָלט וויסען וועגען מאַקס'ען. זי איז זיכער געווען, אַז פרענסעס ווייס פון איהם. און פרענסעס איז אַהערגעקומען טאַקע וועגען מאַקס'ען — אפשר וועט זי עפּעס דאָ דערגעהן, דערזעהן, דערהערען וועגען איהם.

זיי האָבן ביידע געשוויגען.

פרענסעס'ן האָט שטאַרק געדריקט אויפ'ן הארצען, טרערען האָבען זיך ביי איהר געשפּאַרט פון הארצען אַרויף צום האַלז. זי האָט געוואָלט פאַרהאַלטען איהר געוויין. זי האָט אוועקגעדרעהט איהר קאָפּ, און זי האָט זיך ניט געקאָנט בייקומען: זי האָט אַרויסגעפּלאַצט מיט אַ יאָמערען און שלוכצען, באַהאַלטען איהר געזיכט אין די הענט; זי האָט געוואָלט פאַרשטיקען איהר געוויין מיט די הענט, נאָר דער יאָמער האָט זיך דורך איהרע פינגער דורכגעריסען; איהרע אַקסלען האָבען געצוקט און זיך געהויבען.

מיסעס פישער האָט זיך דערשראָקען, און די קינדער האָבען זיך דערשראָקען, און זיך געטוליעט צו דער באָבען. מיסעס פישער האָט זיך אָנגעשטויסען, וואָס פרענסעס'עס געוויין זאָל באַדייטען: זיכער האָט דאָס צו טאָן מיט מאַקס'ען...

— איכ'ל אייך געבען אַ ביסעל וואַסער, וואָס איז אייך?

זי האָט אָנגעצאַפּט אַ גלאָז וואַסער פון קראַן און צוגעטראָגן צו פרענסעס'ן:

— נעמט אַ ביסעל וואַסער.

פרענסעס האָט ניט געקאָנט אוועקנעהמען די הענט פון איהר געזיכט. דערנאָך, אַז זי איז שוין זיכער געווען, אַז זי וועט מעהר ניט וויינען, האָט זי ארויסגענומען איהר טיכעלע און ארומגע-ווישט די אויגען און געזיכט, און גערעדט:

— מיר איז ניט גוט געוואָרען... כ'האָב געהאַט אַ קאָפּ ווער-טאָג. וואָס הערט זיך עפּעס ביי אייך. אייערע טעכטער ארביי-טען? — זי האָט זיך אויפגעשטעלט, — איכ'ל שוין געהן.

די אַלטע איז דאָך זיכער געווען, אַז פרענסעס'ן איז ניט גוט, און זי וויינט ניט פון נחת, און דאָס איז וועגן מאַקס'ען. האָט זיך איהר געוואָלט וויסען וואָס מעהרער. זי האָט אָבער קיין הארץ ניט געהאַט צו פרעגען איהר.

— גוד באַי.

פרענסעס איז ארויסגעגאַנגען. הינטער'ן טיר האָט זי ארויס-גענומען די געצייג, וואָס אַ מיידעל טראָגט געוועהנליך מיט זיך, אָנגעפּוידערט די פּארוויינטע בעקלעך און נעזעל, ארומגעפיהרט אויף די ליפּען דעם „ליפּסטיק" און אראָפּ פון די טרעפּ.

די אַלטע איז שוין אומגעדולדיג געווען, די מיידלעך זאָלען אַהיים קומען, און זי וועט זיי דערצעהלען, ווער דאָ איז געווען, פרענסעס, מים פּאָמעראַנץ, און ווי זי האָט זיך דאָ שטאַרק צו-וויינט, און פאַר וואָס זי האָט געוויינט. אָבער ווען די מיידלעך זיינען געקומען, האָט זי זיך ארומגעזעהן, אַז ס'וועט גלייכער זיין צו שווייגען, גאָרנישט דערמאָנען. זי פרעהט זיך, אַז ס'ווערט פארגעסען. האָט זי זיך איינגעהאַלטען און ניט דערצעהלט.

מיט פרענסעס'ען איז מאַקס זיך באַגאַנגען ניט ערגער און ניט בעסער ווי מיט אַנדערע זיינע מיידלעך. נאָר פרענסעס האָט איהם גענומען זעהר ערנסט און זיך איינגערעדט, אַז זי האָט שוין אַ חתן, און דארום האָט דער סוף איהר אַזוי שטאַרק אויפגעטריי-סעלט און דערשלאָגען.

מאַקס האָט איהר ניט אַפּגעלאָזען אויף קיין איינציגען אָוונד און האָט אויך צוגענומען אַ סך פון איהרע גאַנצע און האַלבע טעג. אין די אָוונדען האָט זי מעהר ניט געקענט פּראַקטיצירען איהר טייפּרייטינג און סטענאָגראַפי, און זי איז געוואָרען הינטערשטעליג אין איהר קענטשאַפט. דערפאַר האָט זי אָבער געהאַט אַ „יאָנג מען“. מאַקס האָט איהר טאַקע ניט פאַרגעשלאָגען, ניט געבעטען איהר, זי זאָל ווערען זיין כלה. אָבער זי זעהט דאָך, אַז ער „גלייכט“ איהר, ער ליעבט איהר. פאַר וואָס דען גיט ער אויס אויף איהר געלט, און געהט אַרום מיט איהר אַלע נאַכט. זי איז טאַקע געווען אומגעדולדיג: זאָל ער איהר שוין איין מאָל פאַר אַלע מאָל „זאָגען“. און ער זאָגט ניט. פרעגען איהם קען זי ניט — אַזא זאַך פּאַסט ניט פאַר אַ מיידעל. זי וואָלט זעהר געוואָלט געבען איהם צו פאַרשטעהן, אַז זי האָט איהם ליעב, אַז זי וויל ווערען זיינע... אַז ער זאָל פאַרשטעהן וואָס ביי איהר אין האַרצען טהוט זיך... זאָגען טאָר זי ניט, האָט זי גענומען שפּיעלען שטומע דראַמאַטישע סצענקעלעך. אַז זיי פלעגען זיצען שפּעט ביינאַכט אַליין, פלעגט זי מיט אַמאָל ווערען שטאַרק אומעטיג, פאַרחלומ׳ט, פאַרפּאַטשעוועט, פאַרזאָגט, קוקען אין ערגעץ ניט, אין דער „ווייטקייט“ אַריין... זאָל ער איהר פרעגען, וואָס מיט איהר איז, פאַר וואָס זי זאָרגט אַזוי, וועט זי איהם זאָגען אַ וואָרט, ער זאָל זיך אָנשטויסען און פאַרשטעהן, און זי וועט הערען, וואָס ער וועט איהר זאָגען... מאַקס איז אָבער ניט געווען דער מענש, וואָס קוקט זיך שטאַרק צו צו יענעם, צי יענער איז אומעטיג אָדער פרעהליך, צי יענעם איז גוט אויפ׳ן האַרצען, צי ניט. ער האָט נאָר געוואָוסט וועגען זיך, וואָס ער וויל ריידען און זאָגען. אַז פרענסעס האָט געשפּיעלט די סצענקעס, האָט ער זיך גערעדט ווייטער זיינע ניט-וויכטיג ריידערייען, און אַז זי האָט ניט געענטפערט, האָט ער ווייטער גערעדט.

וואָלט זיך דאָס נאָך אפשר אַזוי געצויגען און געצויגען, אָבער פרענסעס׳עס אומגעדולד האָט דערנעהנטערט דעם סוף. זאָגען איהם מיט׳ן מויל, וואָס זי וויל איהם זאָגען, האָט זי ניט געקענט:

ס׳פּאַסט ניט אַרויסצוזאָגען דעם יונגען מאַן, אַז מ׳וויל איהם האָבען... אַז זי וואָלט איהם קענען געבען צו פאַרשטעהן און זי אַליין זאָל דערביי ניט זיין!... האָט זי דערקלעהרט אַ פּלאַן: שרייבען איהם אַ בריעף. אויסשרייבען אַלץ קלאָר און דייטליך וועט זי טאַקע ניט, נאָר זי וועט איהם געבען אָנצוהערען, און ער וועט פאַרשטעהן. אָבער וואוהין וועט זי איהם דעם בריעף אריינשיקען, אַז זי האָט ניט זיין אַדרעס? ער דרעהט זיך אַלץ ארום און זאָגט ניט זיין אַדרעס, ניט וואו ער וואוינט, און ניט דעם אַדרעם פון׳ם פּלאַץ, וואו ער איז באַשעפטיגט. ער וואוינט אין הארלעם, אָבער זי ווייסט ניט, אין וועלכער גאַס און וועלכען נומער, און באַשעפטיגט איז ער אַלס „קעגוועסער" פאַר אַ האָלסייל האוז דאון דאון, און ווידער ווייס זי ניט, וועלכע גאַס און וועלכען נומער. אָבער שרייבען איהם אַ בריעף מוז זי. איז איהר געבליבען איין פּלאַן: זי וועט מאַקס׳ען דערלאַנגען דעם בריעף. און זי וועט דאָס טאָן אַזוי: שפּעט אין אָוועגד, ווען ער וועט שוין געהן אַהיים, און זי וועט שטעהן מיט איהם ביים טיר, און ער וועט שוין זאָגען „גוד נאַיט", וועט זי איהם דערלאַנגען דעם בריעף און פאַרמאַכען הינטער איהם די טיר...

זי האָט זיך געזעצט שרייבען דעם בריעף, און זי האָט לאַנג געקלערט, וואָס און ווי אַזוי צו זאָגען, אַז ער זאָל זיך אָנשטויסען און פאַרשטעהן, און ס׳זאָל צו דערזעלביגער צייט ניט הייסען, אַז זי בעט זיך ביי איהם... זי האָט דאָס געוואָלט מאַכען קלוג און איבערגעשפּיצט, כיטרע, און קיין גרויסע שרייבערקע איז זי ניט געווען, איז ביי איהר ארויסגעקומען אַזאַ בריעף:

„פריינד מאַקס.

„איך שרייב אייך איצט אַ לעטער. מיט אַ מענשען מאַכט זיך אַמאָל וואָס ער דענקט אַז ער דאַרף שרייבען אַ לעטער ביקאָס אַזוי פיהלט ער אויפ׳ן האַרצען ווען די זאַך טרעפט מיט דעם מענשען. אָבער דער מענש קען ניט אויסשרייבען וואָס ער האָט אויפ׳ן האַרצען אין די צייט. איך ווייס ניט וואָס צו שרייבען.

פריינד מאַקס! איך טראַכט וועגען דעם פיעל מאָל. אַנדערע צייטען האָב איך אַמאָל וואָס איך קלער זעהר פיעל און איך זעה וואָס מיר טוט דאָס ניט קיין גוטעס. פריינד מאַקס! מיר זיינען זיך די בעסטע פריינד און מיר געהעןביידע אוים. אויף מיין הארצען האָב איך צו זאָגען וואָס איך קען ניט דערזאָגען. מיט דעם מענשען קומט אַמאָל אוים די לאַגע וואָס ער קען ניט זאָגען. איך שרייב דאָס ניט וועגען זיך, נאָר עס טרעפט אַמאָל וואָס קומט אַזוי אוים אַז עס איז אומעטיג אויפ'ן הארצען ביקאָס דער מענש פיהלט אַזוי. פריינד מאַקס! מיר טרעפען זיך און מיר געהען ביידע אוים. אַמאָל קומט אַ צייט וואָס דער מענש טראַכט און איהם ווערט אומעטיג און ער קען ניט אַרויסזאָגען פאַר קיינעם. איהר דאַרפט קיין זאַך ניט מיינען וואָס איך שרייב אייך. מעהר האָב איך ניט וואָס צו שרייבען.

„פון מיר אייער פריינדינע,

„פריינצעס פוימעראַנץ."

אז מאַקס האָט אריינגעקראָגען דעם דאָזיגען פאַפירעל אין האַנט אריין, איז ער געבליבען שטעהן הינטער דער פאַרמאַכטער טיר, און ניט געוואוסט וואָס דאָס זאָל באַדייטען. אומקעהרען זיך צוריק צו פרענסעס'ען האָט ער ניט געקענט. ס'איז שוין געווען גאָר שפּעט ביינאַכט. די טיר איז געווען פאַרהאַקט, פאַרשלאָסען, קען ער ניט נעמען איצט קלאַפּען און קלינגען. ער האָט אָבער גע-כאַפּט פאַרשטעהן, אז דאָ איז עפּעס ניט פרעהליכעס פאַר איהם. ער איז אראָפּ אויפ'ן גאַס, אוועקגעשטעלט זיך ביים עלעקטרישען לאָמפּ און איבערגעלייענט דעם בריעף. ער האָט ניט ריכטיג פאַר-שטאַנען, וואָס פרענסעס שרייבט איהם דאָ, וואָס זי וויל פון איהם האָבען. ער האָט אָבער דערשמעקט „טראָבעל": פרענסעס טשעפּעט זיך עפּעס צו איהם. זי פריינטעלט זיך צו-שטאַרק. זי וויל עפּעס מאַנען ביי איהם. אויף גיך האָט ער ביי זיך אָפּגעמאַכט ניט צו זעהן מעהר פרענסעס'ען. און ער איז מעהר צו איהר ניט געקומען.

פרענסעס, ווי אַלע אַנדערע מאַקס׳עס מיידלעך פאַר איהר, האָט געוואַרט און געבענקט און געוויינט, און ניט געוואוסט, וואוהין צו געהן איהם זוכען; און געהאָפט, אַז ער וועט נאָך קומען. און ער איז מעהר ניט געקומען.

XIV

ביי די פישערס אין הויז איז געווען פול מיט נחת. ס׳איז אָבער געווען ענג. ס׳זיינען צוגעקומען דריי מענשען. קיין פרעמדע מיידעל איז אין הויז ניט געווען, אָבער ס׳איז פאָרט געווען ענג. דייווי האָט געשלאָפען אין קיך אויף אַן אויפגעשטעלטע בעטעל. די קינדער האָבען געשלאָפען אין די בעטען מיט די פרויען — אַלע־מען ענג געווען. האָט מען גערעדט וועגען אַריבערקלייבען זיך אין אַ גרעסערע דירה, מיט כאָטש נאָך איין צימער. מ׳איז שוין אפילו אַרומגעגאַנגען זוכען „רומס“. מ׳האָט זיך גע׳עצה׳ט מיט דייווי׳ן, נאָר ער, דייווי, איז געווען קאַלטלעך צום ענין „נייע רומס“. ער האָט געהייסען וואַרטען; ער האָט ניט געזאָגט אויף וואָס מ׳זאָל וואַרטען.

דייווי האָט זיך אַרומגעטראָגען מיט עפּעס אַ סוד אין זיין האַרצען, וואָס ער האָט נאָך ניט געקענט אַרויסזאָגען, צי ווייל ער האָט זיך אַ ביסעל געשעהמט, צי ווייל ער האָט רחמנות געהאַט אויף זיינע נאָהענטע מענשען, און ס׳איז אפשר געווען ביידע אורזאַכען צוזאַמען.

די לעצטע צייטען האָט דייווי אַלע ווײַלע געשריבען בריעף נאָך לאָס אַנזשעלעס און געקראָגען ענטפערס. מ׳האָט ביי איהם ניט געפרעגט וואָס דאָס זיינען פאַר בריעף, און ער האָט ניט דערצעהלט. ער האָט זיך מיט זיינע בריעף אויסגעהיט פון די מענשען אין הויז.

ביז ס׳איז געקומען די צייט, און ער האָט דערצעהלט וואָס ער געהט טאָן.

דייווי׳ס פאַרשטאָרבענע פרוי האָט איבערגעלאָזען אַ איננערע שוועסטער, אַ יונגע מיידעל. בשעת די ווייב האָט נאָך געלעבט

און איז געזונט געווען, איז שוין די אינגערע שוועסטער איהם שטארק געפעלען געווען; אָבער דייווי איז געווען אַ עהרליכער, גע־טרייער פאמיליען־מאַן, האָט ער ניט צוגעלאָזען צו זיך קיין זיי־טיגע געדאַנקען. און נאָך דער ווייב׳ס טויט איז ער שטארק פאר־טרויערט און צובראָכען געווען, איז איהם אין געדאַנק ניט געקראָ־כען אַזעלכע זאַכען; און ווי האָט ער גאָר געקענט זיין מויל עפענען און ריידען צו זיין ווייב׳ס שוועסטער און איהר משפחה נאָך אַזא פּלוצלינגען אומגליק?... און קורץ נאָך דעם אומגליק איז ער אוועק־געפאָהרען פון לאָס אַנזשעלעס. דער ווייב׳ס משפחה האָט שטארק געוויינט ביים געזעגענען זיך מיט די קינדערלעך. זיי האָבען גע־וואָלט די קינדער האָבען ביי זיך, און זיי האָבען דייווי׳ן אָנגע־באָטען צוצונעהמען די קינדער. דייווי איז אָבער אַ הייסער טאַטע און ער האָט זיך מיט די קינדער ניט געוואָלט שיידען. ס׳זיינען שוין אָבער אוועק עטליכע מאָנאַטען ווי דייווי איז אַן אַלמן, ס׳ווערט שוין באַלד אַ יאָהר, האָט ער גענומען שטארק טראַכטען און בענקען נאָך זיין פארשטאָרבענער ווייב׳ס שעהנע, יונגע שוועסטער. זיי האָבען זיך געשריבען בריעף, און מ׳האָט זיך צוזאַמענגעשריבען און צוזאַמענגערעדט און ס׳איז געוואָרען אַ שידוך. דייווי איז ביי יענער משפחה אַלע מאָל טייער געווען. אַלע זיינען מיט׳ן שידוך צופרידען געווען, און מ׳האָט זיך שטארק געפרעהט מיט דעם וואָס מ׳וועט צוריק האָבען די קינדער, די קליינע יתומים׳לעך, און טאַקע דייווי׳ן אַליין אויך.

איז געוואָרען אַ שידוך דורך בריעף.

דייווי׳ן איז ניט גרינג אָנגעקומען דערצעהלען די געשיכטע פאר זיין מאַמען און שוועסטער. ער האָט זיך עפּעס געשעהמט זאָגען זיי, אַז ער האַלט ביי נאָך אַמאָל חתונה האָבען. האָט ער גענומען ריידען האַלבע רייד: אין ניו יאָרק קען ער זיך ניט ארויפ־ארבייטען, אין די „וועסט“ האָט ער מעהר „שאַנס“, ער וויל פאָה־רען צוריק נאָך לאָס אַנזשעלעס. און אַז מ׳האָט זיך מיט איהם מעהר צורעדט, האָט ער אויסגעזאָגט. ער האָט שטארק פארלויבט זיין פארשטאָרבענער ווייב׳ס שוועסטער און די גאַנצע משפחה,

עפּעס אזוי ווי ער וואָלט פאַרענטפערט זיין אוועקגעהן דאָרטען צו זיי.

מ'האָט ניט געקענט אָפּרעדען איהם. די מאַמע און די שוועס־טער האָבען געפיהלט א וועהטאָג אין הארצען און א שווערער אומעט האָט זיך שוין באַצייטענס אוועקגעלייגט אין הויז. נאָר וואָס זאָל מען טאָן? מ'איז שוין געוואוינט צו וועהטאָג און אומעט... אז דייווי וואָלט איינגעוויליגט איבערצולאָזען דאָ א קינד... דייווי האָט זיי אָבער די דאָזיגע טובה ניט געקאָנט טאָן. ער וויל אַליין זיין צוזאַמען מיט זיינע ביידע קינדער. זי שרייבט איהם פון דאָרטען, אז זי געהט אויס פון בענקעניש נאָך די קינדער... זי קען זיך שוין ניט דערוואַרטען... זי שלאָפט ניט נעכט...

די נאַכט פאַר דייווי'ס אוועקפאָהרען האָבען די מענשען אין הויז וועניג געשלאָפען. מ'האָט געפּאַקט פּעק און מ'האָט געבאַקען קייק פאַר דייווי'ן מיטצונעהמען אויפ'ן וועג. די טריין האָט גע־דאַרפט אָפּפאָהרען פון גרענד סענטראַל, אויף דער צוויי און פער־ציגסטער סטריט, עטליכע מינוט פאַר אכט אזייגער אין דער פריה, און מ'האָט ניט געטאָרט פאַרשלאָפען, פאַרשפּעטיגען אויף א מינוט. און מ'האָט סיי־ווי־סיי אַן אויג ניט געקענט צומאַכען. די הערצער זיינען פול געווען און האָבען געציטערט. און ווי מ'האָט נאָר א דרימעל געטאָן, האָט מען זיך אַליין אויפגעוועקט און זיך געזאָגט, וואָס ס'טוט זיך...

די מיידלעך זיינען דעם טאָג ניט געגאַנגען ארבייטען. אַלע זיינען געפאָהרען צום גרענד סענטראַל סטיישאַן אין ניו יאָרק. די מיידלעך האָבען געהיט זייער מאַמען. דייווי אַליין איז ניט געווען איבריגס אומעטיג ביים געזעגענען זיך. ער איז דאָך גע־פאָהרען צו עפּעס א ציעל, א צוועק, און ער איז פול געווען מיט גוטע האָפנונגען. נאָר די דריי פרויען זיינען געווען געבויגען פון וועהטאָג און אומעט. און מ'האָט דער מאַמען ניט געקענט איינ־שטילען איהר געוויין. די מיידלעך האָבען זיך ווי־ניט־איז באַ־הערשט.

דייווי מיט די קינדער זיינען שוין געזעסען אין טריין. די

לעצטע מינוטען. די מאַמע און די שוועסטער קוקען נאָך אויף זיי דורכ׳ן פענסטער פון וואַגאָן, נאָר זיי מוזען שוין גען. דער בעאַמטער אין יוניפאָרם מיט מעשענע קנעפּלעך זאָגט זיי, אַז זיי קענען שוין דאָ מעהר ניט פאַרבלייבען; זיי מוזען געהן דורכ׳ן טויער אין סטיישאָן אריין. אין סטיישאָן קאָכט און הוזשעט, און מענשען לויפען און איילען, פרעהליכע פּנים׳ער, און פאַרזאָרגטע, און פאַרוויינטע. די דריי פרויען שטעהן ביים פאַרמאַכטען טויער, און זיי הערען ניט דעם גערויש און טומעל אַרום זיי. די טעכטער האַלטען דער מאַמען אונטער די אָרעמס.

— די טריין איז שוין אַוועקגעפאָהרען — האָט איינע פון די טעכטער געזאָגט, גלאַט געזאָגט, ס׳זאָל נעהמען אַ סוף. — קום, מאַמע, אהיים.

זיי האָבען אַוועקגעקעהרט זייער מאַמען פון טויער און גע-גאַנגען מיט איהר צום טיר. אַזוי פיעל טירען. זיי האָבען גע-בלאָנדזשעט, ניט געטראָפען די ריכטיגע טיר ארויסצוגעהן אויפ׳ן גאַס.

די דריי פרויען האָבען אין זייערע הערצער געוואוסט, אַז דייוויי מיט די קינדער פאָהרען איצט אַוועק פון זיי אויף אַלע מאָל...

— איך וועל מורא האָבען אריינצוגעהן אין הויז — האָט די מאַמע געזאָגט — ס׳איז מיר פינסטער פאַר מיינע אויגען.

דעם בן־יחיד׳ס מאַמע

.1

דער גאַנצער ״בלאָק״ האָט געוואוסט פון משה׳לע דעם בן-יחיד׳ל. זיינע „משוגעת׳ין״ האָבען געהאַט אַ שם. מ׳האָט געוואוסט ווי נאַריש די מאַמע זיינע מאַכט זיך מיט איהם, און וואָס ער פיהרט ביי איהר אויס. מ׳האָט געוואוסט, אַז די מאַמע „גיסט איהם גאָלד אין האַלז״. ביי איהר איז רעכט אויסצוגעהן עטליכע גאַסען זוכען פאַר משה׳לען „אייגענע געשלאָגענע פוטער״ און פרישע אייער. היינט איהר שלעפּען דעם גרויסען יונג אויף די הענט — איינגע-וואוינט איהם אַזוי, האָט ער ניט געוואָלט געהן אויף די אייגענע פיס; און זיין פאַרוועלען זיך אַלע ווייַלע נייע שפּיעלצייג. וואָס ער האָט דערזעהן, דאָס האָט זיך איהם פאַרוואָלט און ס׳האָט איהם אויפ׳ן שטעל געמוזט געשאַפען ווערען. און איהר לויפען מיט איהם צו „פּראָפעסאָרס״ באַלד ווי ער האָט זיך נאָר עפּעס אַ קרים גע-טאָן. מ׳האָט זיך געגוג אָנדערצעהלט און אָנגעלאַכט פון דער מאַמען מיט איהר בן-יחיד. אַ סך יאָהרען האָבען זיי געוואוינט אויפ׳ן זעל-בען פּלאַץ, און מ׳האָט זיי געקענט מעהר פון אַלע אַנדערע אין די גרויסע הייזער אויפ׳ן בלאָק, דערפאַר ווייל זייער טיהר איז געווען אַן אָפענע, פאַר׳ן גאַס — געהאַט אַ סטאָר דאָרט, פלעגען זיי פיעל פאַרברענגען ביי דער אָפענער טיהר און דרויסען פאַר׳ן טיהר.

די אויסגעוואַקסענע און איינגעוואַקסענע גוטסקייט, איבער-געבענקייט, פאַרזאָרגטקייט אין דער מאַמען פאַר איהר בן-יחיד איז געווען אויסגעלעגט אויף איהר פּנים און אין איהר רעדען מיט מענשען. אויף איהר פּנים איז אַלע מאָל געווען אויסגעלעגט אַ ווייכ-קייט, אַ באַזאָרגטקייט, וואָס פרעגט זיך, דוכט זיך אויס, מיט אַ

ביסעלע שרעק: אפשר פעהלט דיר עפּעס, חס ושלום? און דאָס האָט זיך אויך געהערט אין די זאַנפטקייט און ווייכקייט אין איהר רעדען — צו אַלע מענשען, עלטערע און אינגערע.

נישט געווען גאָר נישט אויף דער וועלט פאַר איהר, א חוץ איהר משה׳לע, איהר בן־יחידל.

דער טאַטע האָט אודאי אויך שטאַרק ליעב געהאַט זיין בן־יחיד. אָבער אַ מאַנסביל איז איינגעהאַלטענער, מאַכט זיך ניט אַזוי נאַריש. פלעגט ער אונטערמורמלען: „וואָס זי גיט מיט איהם אָן!“ „פיהרט איהם איבער!“ און ער האָט שטיל הנאה געהאַט פון דעם וואָס זי „גיט מיט איהם אָן“, היט איהם אָפּ ווי די אויג אין קאָפּ — דער בן־יחיד איז אין גוטע הענט.

די קרוגערס האָבען יאָהרען־לאַנג געהאַלטען אַ קליינע סטאָר פון מענערשע, ווייבערשע און קינדערשע זאַכען, און געוואוינט אין דער הויך, איבער׳ן סטאָר. די אַלע יאָהרען איז דער געשעפט גע־שטאַנען כמעט אויף איין שטאַנד, ניט געבעסערט, ניט געערגערט. מ׳האָט געמאַכט אַ לעבען און „געסייפט אַ טאָלער“. אַז דער זוהן, דער בן־יחיד, וואָלט נאָר חשק געהאַט, וואָלט ער געקאָנט אויס־שטודירען עפּעס אַ פּראָפעסיע. נאָר פון קינדווייז אָן האָט איהם די מאַמע איינגעוואוינט אין גרינגקייט, אָפּגעהיט איהם פון אָנ־שטרענגען זיך; קליינערהייט נאָך ניט געלאָזען איהם „ארויסנעה־מען זיך די אויגען“ איבער עפּעס אַ ביכעל; אָנגעקוואָלען פון זיינע שפּילערייען, פון זיין פאַרברענגען אויפ׳ן לופט מיט חברים. די מאַמע פלעגט זיך פרעגלען אין נחת, זעהענדיג ווי דער בן־יחיד לויפט אריין אין הויז אַ הונגעריגער, ווי אַ וואָלף. קען זיך ניט דערוואַרטען ביז מען וועט איהם דערלאַנגען עסען, און ער רייסט שטיקער פון גאַנצען לעבעל ברויט און שטאָפּט אין מויל אריין. זי פלעגט זיך ביי איהם בעטען, ער זאָל ניט שלינגען אַזעלכע גרויסע שטיקער, ער זאָל גוט צוקייען, ניט אָנעסען זיך מיט טרו־קענע ברויט.

דער בן־יחיד האָט מיט צרות געענדיגט פּאָבליק סקול, און מעהר האָט ער ניט געוואָלט. דער טאַטע האָט געוואָלט, אַז דער

זוהן זאָל געהן אין האי-סקול, דערנאָך אין קאָלעדזש. געשריען, וואָס וועט זיין פון איהם דער תכלית; אָבער די מאַמע האָט זיך אַלץ אריינגעמישט: וואָס שרייט ער אויפ'ן קינד? ס'קינד איז קאַם וואָס ער לעבט; און דאָס איז גאָר ניט אמת געווען. „ס'קינד" איז געווען געזונט און שטאַרק, נאָר צובאַלעוועט און געפּוילט זיך לערנען. די מאַמע האָט אויך אודאי געוואָלט, אַז דער בן-יחיד זאָל אויסוואַקסען אַ לייט, קומען צו עפּעס אַ תכלית, אָבער איהר ליעבע פאַר'ן בן-יחיד, איהר ציטערען איבער איהם, דער שטאַר-קער דראַנג אין איהר צו פאַרהיטען איהם פונ'ם מינדסטען „שברת הלב", האָט ניט געלאָזט איהר מאַכען חשבונות פאַר דער צוקונפט. משה'לע וויל ניט געהן אין סקול, טאָר מען אויף איהם ניט שרייען, טאָר מען צו איהם אפילו הויך ניט רעדען. ער'ט ניט פאַרזאַמען, ער'ט באַווייזען; ער'ט גרעסער ווערען, וועט מען זעהן וועגען אַ תכלית. אַ גאַנצען טאָג מיט אַ שטיק אין אָווענד אריין פלעגט משה'לע זיך ארומשלעפּען מיט חברים, באַלאַנגט צו אינגעלשע „קלאָבס", געשפּיעלט אין אַלערליי „גיימס". אָנגעהויבען עטליכע מאָל געהן אין די ביינאַכטיגע האי-סקול, און באַלד אוועקגעוואָר-פען. אַז דער בן-יחיד איז עלטער געוואָרען, האָט דער טאַטע געשריען, ער זאָל זיך צו עפּעס נעהמען, ווערען אַן „איידזשענט", אַ „סיילסמען". אָבער די מאַמע האָט איהם אַלץ פאַרשטעלט פון דעם טאַטענ'ס געשרייען — ער האָט צייט, ער וועט „באַווייזען". אפשר האָט די מאַמע אַזוי איבערגעציטערט איבער איהר קינד, איהר בן-יחיד, אַז זי האָט געוואָלט, אַז ער זאָל וואָס לענגער פאַר-בלייבען אין איהר הויז אַ „קינד" אויף איהרע הענט... אָפּלעגען אויף וואָס ווייטער משה'לעס ווערען גאָר אַ „גרויסער", אין גאַנ-צען אַ מענש פאַר זיך אַליין, און ניט זיין מעהר ביי איהר און פאַר איהר... און צוליעב אָט דער מאַמעשער ליעבע און „עגאָאיזם" האָט זי אַלץ געזאָגט זיך: „ס'איז נאָך צייט", „ער'ט באַווייזען"...

דער בן-יחיד איז געוואַקסען, און גאָר יונג האָט ער אָנגעהויבען ארומגעהן מיט מיידלעך — באַהאַלטענערהייט פון דער מאַמען און פון טאַטען. און אַז ער איז געגאַנגען אויפ'ן איין און צוואַנציגסטען

יאָהר האָט ער אָנגעזאָגט זיין מאַמען די בשורה, אַז ער האָט אַ גע־ליעבטע, אַ כלה, און ער וועט איהר ברענגען אין הויז אריין.

דערהערענדיג פּלוצלינג אַזאַ בשורה, האָט דער מאַמען פאַר־קוועטשט ביים האַרצען. איהרע אויגען זיינען פייכט געוואָרען — פון איבערראַשונג, פון שרעק, פון נחת... אַ ווייל איז זי שטיל גע־ווען און אָנגעקוקט איהר בן־יחיד... משה'לע אַ גרויסער... אַ מאַן... אַ מענש... זי האָט דאָס טאַקע דערלעבט?... ס'איז אמת?...

ביז אָט דער מינוט איז משה'לע נאָך אַלץ געווען „ס'קינד", און די בשורה האָט איהם צו איהר נאָך דערנעהענטערט: זי האָט פּלוצלינג דערפיהלט די סכנה פון דערווייטערונג... און זי האָט אַ ווײַלע איהר האַרץ ניט געקענט דערכאַפּען. דערנאָך האָט זי אויף גיך געוואָלט וויסען אַלצדינג וועגען משה'לעס כלה, ווער און וואָס זי איז, ווי זי זעהט אויס, און אויב ער קען איהר שוין ברענגען אין הויז אריין...

דער טאַטע האָט אויפגענומען די נחת, וואָס ער האָט דער־לעבט, אַ סך קעלטער, ווי די מאַמע; ס'הייסט, ער האָט דעם נחת אַ ביסעלע באַהאַלטען, ניט ארויסגעוויזען אַזוי אָפען. און ער האָט נאָך גערעדט שטרענגליך: וואָס הייסט עפּעס אין מיטען דערינען? זאָל ער פריהער קומען צו אַ תכלית, קענען מאַכען אַ גוטען לעבען, דערנאָך וועט ער טראַכטען פון נעהמען אַ כלה. אָפּרעדען דעם בן־יחיד פון זיין שידוך, באַווייזען איהם, אַז ער איז נאָך צו יונג פאַר אַזעלכע זאַכען, האָט מען געוואוסט, וועט ניט העלפען. ווי אַלע מאָל, ווען משה'לען האָט זיך עפּעס פאַרוואָלט און מ'האָט איהם געמוזט אויף גיך דערלאַנגען, אַזוי וועט אויך זיין איצט. ער האָט געזאָגט, אַז אויב ער וועט ניט קריגען זיין געליעבטע, וועט ער ניט לעבען. און מעהר האָט שוין די מאַמע ניט געדאַרפט הערען; און דער טאַטע איז דאָך אייגענטליך געווען „ניט בעסער" פון דער מאַמען, מעהר ניט וואָס ער האָט אַלע מאָל געוואָלט מאַכען דעם אָנשטעל, אַז ער איז אַנדערש פון איהר...

טאַטע־מאַמע האָבען לאַנג גערעדט צווישען זיך וועגען דעם בן־יחיד'ס פּלוצלינגער בשורה.

— אַז ער וואָלט כאָטש געוואָלט שטעהן אין סטאָר! — האָט דער טאַטע געזאָגט — כ'צאָהל אַ מענשען וויידזשעס, פאַר וואָס קען ער ניט שטעהן אין סטאָר און מיר איינשפּאָרען די וויידזשעס?

די לעצטע צייט האָט עס געהייסען, אַז דער בן-יחיד העלפט דעם טאַטען אין סטאָר. אָבער ווען האָט ער איהם געהאָלפען? און ווען האָט מען איהם געדאַרפט? ס'איז אַלע מאָל געווען אַ „סיילסמען" און ס'איז גאָר ניט געווען אַזוי פיעל וואָס צו טאָן דאָרטען. אַמאָל אין אַ שבת אָווענד פלעגט מען זיך ביים בן-יחיד קאָם איינבעטען ער זאָל העלפען אַ ווײלע אין סטאָר; איז ער די גאַנצע צייט געשטאַנען ווי אויף שפּילקעס. מ'האָט אָבער גע-דאַרפט האָבען וואָס צו ענטפערען מענשען; און אַז מ'האָט גע-פרעגט: „וואָס טהוט אייער זוהן?" — האָט מען געענטפערט: „ער שטעהט אין סטאָר". איצט וועט מוזען ווערען אַנדערש. דער טאַטע האָט גע'פּועל'ט ביי דער מאַמען, זי זאָל זיך ניט אריינמישען אין זיין געשפּרעך מיט'ן זוהן. דער טאַטע ווייס שוין פון אַלע מאָל פריהער, אַז ווי נאָר די מאַמע מישט זיך אריין, פיהרט זי אַלץ איבער. די מאַמע האָט אָבער איהר צוזאָג ניט געהאַלטען. גלייך ביי די ערשטע עטליכע ווערטער — זי איז דאָ, ניט געקענט בליי-בען פון ווייטען. טאָמער, חס ושלום, וועט דער טאַטע רעדען עפּעס צו שטרענגע רייד צו משה'לען, פאַרשאַפען איהם שברת הלב — ווי קען זי בלייבען פון ווייטען? דער געשפּרעך איז געווען גאָר אַן ערנסטער. און משה'לע האָט זיך איינגעהערט און זיך געלאָזט ריידען. ער איז געווען פאַרזאָרגט און אומעטיג, ווי איינער, וואָס האַלט ביים אוועקלאָזען זיך אויף אַ וויכטיגער נסיעה, און ער הערט זיך צו און וויל פאַרנעהמען וואָס מ'זאָגט איהם אָן, מ'ווייזט איהם אָן די בעסטע וועג, מ'לייגט פאַר איהם פאַר די וויכטיגקייט פון זיין אונטערנעהמונג. ס'איז געבליבען, מ'זאָל אָפּזאָגען דעם „סיילסמען", און משה'לע וועט פאַרנעהמען זיין אָרט. מ'וועט איהם צאָהלען „וויידזשעס" און ער וועט לייגען אין באַנק. אַז ער וועט אָנקלייבען עטליכע הונדערט טאָלער, וועט ער חתונה האָבען.

.2

טאטע־מאמע וואלטען זיך גרינג געקענט איינשפארען די אלע רייד מיט משה'לען וועגען „ווערען א מענש", וועגען א „תכלית". זיי וואלטען דאס געמעגט איבערלאזען צו זיין געליעבטע. זי האט געקאנט אויספיהרען ביי איהם מיט עטליכע ווערטער איהרע ניט דער ערך מעהר ווי טאטע־מאמע מיט א סך מאס רייד.

סיליע, דעם בן־יחיד'ס כלה, איז געווען א שווארצע מיידעלע, מיט שארפע אויגעלעך, וואס האבען גיך דערזעהן וואס מ'דארף און וואס מ'דארף ניט, און מיט א ´געשליפען צינגעל, וואס האט זיך געקענט דרייהען אויף אלע זייטען, ס'הייסט, זי האט געוואוסט וואס צו זאגען און וואו צו זאגען און ווען צו זאגען. און דערזעהן האט זי באלד, ווי זי האט נאר די ערשטע פוס אין חתן'ס הויז ארייננגעשטעלט, דעם ארט, וואס איהר חתן פאר־נעמט דא, און וואס ער איז ביי זיין מאמען און ביי זיין טאטען. און זי האט פארשטאנען ווי זיך צו באנעהמען און ווי אנצוגעהן אום וואס מעהר און שטארקער איינצוקויפען זיך און פארפעסטי־גען זיך אין פריינדשאפט און ליעבע ביי משה'לעס טאטע־מאמע. זי האט פארשטאנען, אז וואס מעהר ליעבע און איבערגעבענקייט זי וועט געבען משה'לען, אלץ בעסער וועט זיין פאר איהר. זי האט איהר חתן ליעב געהאט; זי האט אבער געוואלט, אז זיין טאטע און זיין מאמע זאלען איהר ליעבע זעהן, און זעהן נאך מעהר וויפיעל ס'איז דא. האט זי באלד גענומען רופען איהר חתן „משה'לע", ווי די מאמע רופט איהם, און קיינמאל ניט מארים — ווען זיין מאמע אדער טאטע איז דערביי געווען. א ביסעלע שפע־טער האט זי שוין אויך גערופען משה'לעס טאטע־מאמע „פאפא" און „מאמע". זי קען ניט אנדערש, האט זי געזאגט. אז זיי זיינען משה'לעס טאטע־מאמע, זיינען זיי אויך איהרע, און זי קען זיי ניט אנרופען אנדערש ווי „פאפא" און „מאמע". און זי פלעגט אלץ מאהנען ביי משה'לעס מאמען און פרעגען ביי איהר, וואס די וועלט וויל האבען פון א שוויגער און פון א שווער, פאר וואס

מ׳לאכט אָפּ און מ׳האָט פיינט אַ „מאַטהער-אין-לאָא“, וואָרים אז מ׳ליעבט דעם חתן, דעם מאַן, זיינען דאָך זיין טאַטע-מאַמע ווי אייגענע טאַטע-מאַמע!... זי, סיליע אַליין, פיהלט גאָר ניט קיין שום אונטערשיעד פון איהר אייגענע טאַטע-מאַמע און משה׳לעס טאַטע-מאַמע...

די כלה איז געווען אַ מיידעל פון אַן אָרימער הויז מיט אַ סך קינדער, וואו ס׳איז ניט געווען קיין גוטע און איבעריגע ביסענס. מ׳האָט ניט געקענט נעהמען און עסען וואָס און ווען מ׳האָט גע-וואָלט — אויסגערעכענט, צוגעמאָסטען, באַהאַלטען. און ס׳איז דאָרט געווען ענג. מ׳איז זיך דאָרט איינע די אַנדערע אין וועג געווען. דאָ איז סיליע מיט אַמאָל אריינגעפאַלען אין אַ „שמאַלץ-גרוב“. ס׳איז געווען פריי און גראַם, און ס׳איז ניט געווען פאַר וועמען אויסצורעכענען און צוצעהלען און פון וועמען צו באַ-האַלטען. משה׳לעס מאַמע האָט גאָר געוואָרט צו הערען פון איהר בן-יחיד׳ס מויל וואָס פאַר אַ נייעם געריכט איהם האָט זיך פאַר-וואָלט. און די מאַמע האָט אויך באַלד אין משה׳לעס כלה גענומען שטאָפּען, „גיסען איהר גאָלד אין האַלז“. סיליע האָט געגעסען און פאַרבראַכט אין משה׳לעס הויז מעהר ווי ביי זיך אין דער היים. פון דער אַרבייט פלעגט זי כמעט יעדען טאָג פאַרגעהן צום חתן אין הויז, און דאָרט געגעסען סאַפּער און אַכטונג געגעבען אויף משה׳לען, ער זאָל עסען וואָס מעהר, און צוקושט זיך מיט משה׳לעס מאַמען ביי יעדען מאָל קומען און אַוועקגעהן, און צוגעוואָרפען איהר ווערטלעך „מאַמע“, וואו מ׳האָט געדאַרפט און ניט גע-דאַרפט... און די מאַמע האָט קיינמאָל ניט געקענט דערכאַפּען אַן איבעריגען מאָל „מאַמע“ — זי האָט גאָר ניט געוואוסט, אַז עס קען זיין אַזאַ זאַך... און סיליע האָט זיך אַלע מאָל געכאַפּט פאַרהיטען משה׳לעס מאַמען איהר געזונט; פאַרלויפען איהר דעם וועג מיט הויז-אַרבייטען; אַראָפּלויפען איינקויפען; באַלד נאָך סאַפּער אַליין געשטעלט זיך וואַשען די געפּעס, און דער מאַמען גאָרניט צוגעלאָזען. אין אָנהויב איז דאָס אַלץ געווען פאַר אַן אָנשטעל — צו באַווייזען איהר גוטסקייט צו משה׳לען און צו זיין מאַמען. נאָר

דערנאָך האָט זי שוין געטאָן די אַרבייטען מיט'ן גאַנצען הארצען. דעם חתן האָט זי ליעב געהאַט, און די הויז, די מענשען זיינען איהר אויך ליעב און טייער געוואָרען; און צו איהר אייגענע היים האָט זי געפיהלט אַלץ מעהר קאַלטקייט און דערווייטערט-קייט — איהר גאַנצער לעבען האָט זיך איבערגעטראָגען אין איהר נייער היים.

די היים סיליע'ס, ביי איהר טאַטע-מאַמע, איז געוועזען ניט קיין גוטע היים. די קינדער זיינען דאָרטען געהאַלטען געוואָרען שטרענג. פון קליינוויז אויף געהאַלטען זיי אין אַ מורא פאַר טאַטע-מאַמע, און די קלענערע קינדער פאַר די גרעסערע. סיליע'ס געשליפענער צינגעל איז איהר דאָרט קיינמאָל ניט צוניץ געקומען, ווייל מ'האָט דאָרט אַ מויל ניט געטאָרט עפענען. מ'האָט גע-מוזט דערלאַנגען אין הויז יעדען פאַרדיענטען סענט, און דערנאָך אויסבעטען, אויסוויינען ביי דער מאַמען אויף וואָס מ'האָט געמוזט האָבען, און מ'האָט געמוזט אָפּגעבען חשבון פון געהן און קומען. די מאַמע פלעגט מיטגעהן קויפען אַ העמד און שיך — איינגע-פלאַנצט אין די קינדער פון קינדוויז אויף, אַז זיי קענען קיינמאָל ניט טאָן ווי זיי ווילט זיך, זיי האָבען קיינמאָל אין קיין זאַך קיין שום דעה ניט געהאַט. דאָרט אין הויז האָט מען די קינדער ניט גע-שלאָגען, ניט געפּאַטשט. אמאָל אין אַ יאָהר אפשר איז געקומען דערצו, אַז די מאַמע האָט דערלאַנגט אַ קינד אין באַק. אָבער מ'האָט אַלע מאָל מורא געהאַט פאַר דער מאַמע'ס לינקער זייט האַנט מיט די קנעבלעך. און אַן אייגענעם סענט האָבען די קינדער קיינמאָל ניט געהאַט, אַלע מאָל צוגעצעהלטע „קאַר פעיר". האָט סיליע, ווי די איבעריגע קינדער, אַלע מאָל אַראָפּגעשלונגען די אָנגעקלי-בענע ביטערקייט, געמוזט זיך באַנוגענען מיט אַ קריץ מיט די ציין, צי מיט פאַרבייסען די ליפּען. און די קינדער האָבען אַלע מאָל געטראַכט און געהאָפט „פּטור צו ווערען" פון די גאַנצע הויז מיט אַלעמען, דערלייזט ווערען, אַנטלויפען. און אַלע קינדער זיינען אַלע מאָל ביי זיך זיכער געווען, אַז ווען זיי וועלען נאָר פון הויז אַרויס, וועלען זיי קיינמאָל ניט וועלען צוריקקומען, זייער פוס

וועט אין הויז ניט אריינקומען. און ס׳פלעגט אויך טרעפען, אז די קינדער פלעגען ארויספלאצען מיט רייד: זיי ווילען שוין פטור ווערען!... ווי ווערען זיי שוין אמאל פטור!... אבער אויסגעלאזען האט זיך אלע מאל אנדערש. די ארויסגעגאנגענע פון הויז קינדער, די „פטור געווארענע", ס׳הייסט, די חתונה געהאטע, זיינען נאך דער חתונה ערשט צוגעבונדען געווארען צו טאטע־מאמע — פיעל מעהר צו דער מאמען, וואס איז אלע מאל געווען די שטרענגערע. פארגעסען, אין גאנצען פון קאפ ארויס, וואס ס׳איז אמאל פריהער געווען, וואס מ׳האט געטראכט און גוזאגט. מ׳איז אלע ווילע געלאפען צו דער מאמען — דערהויפט די טעכטער — געבראכט דער מאמען עפעס צוטראגען, און נאך געהאלפען מוסר׳ן די קינדער אין הויז. אויף די פארהייראטע קינדער האט מסתמא געווירקט זייער ארויסגעהן פאר זיך אויף דער וועלט. זיי זיינען אליין טאטע און מאמעס געווארען, און זיי האבען זיך דערוואוסט וואס דאס מיינט אזוינס פיהרען א וועלט — די וויכטיגקייט און די שווערקייט, און זיי האבען דארום געוואלט האלטען זיך פעסט, נאהענטע, אייגענע; און מיט גאר אן אנדער סארט ליעבשאפט גערופען זיי „טאטע" און „מאמע".

סיליע איז געווען איינע פון די קינדער אין הויז — און די מיידלעך איז דארט ערגער געווען ווי די איינגלעך — האט זי אויך געוואלט „פטור ווערען", אנטלויפען און קיינמאל ניט קומען דארט מעהר, ניט וועלען זיי קענען מעהר. און דער אונטערשיעד פון איהר היים און משה׳לעס היים איז דאך אזא געוואלדיגער. און ביי סיליע׳ס מאמע זיינען ניט געווען קיין מיוחסים. א טאכטער, א כלה שוין, איז ביי דער מאמען געווען אלץ דיזעלביגע ווי ניט קיין כלה.

סיליע איז אין גאנצען „צוגעקלעפט" געווארען צו משה׳לעס היים.

משה׳לע אליין איז געווארען א גאנצער מענש. געשטאנען אין סטאר און געקראגען אלע וואך „ווײדזשעס" פון טאטען, דיזעלביגע „ווײדזשעס", וואס מ׳האט געצאהלט דעם „סיילסמען", און מ׳האט

פונ'ם געלט ניט אַנגעריהרט — ביז עס וועט זיך אָנקלייבען עט־ליכע הונדערט טאָלער צו פּראַווען זייער, משה'לעס און סיליע'ס חתונה. אַלע הוצאות, וואָס חתן-כלה האָבען געדאַרפט — אויף טעאַ־טער, מוּאַווים און אַנדערע זאַכען, האָט די מאַמע געגעבען. אפילו דעם דימענטענעם רינג פאַר דער כלה האָבען אויך טאַטע-מאַמע געגעבען באַזונדער. נאָר דער בן-יחיד האָט מיט זיין חתונה האָבען ניט געקענט דערוואַרטען זיך ביז ס'וועט ווערען עטליכע הונדערט טאָלער. מיט אַמאָל האָט איהם אַ שפּאַר געטאָן — חתונה האָבען (שטילינקערהייט האָט איהם די כלה מסתמא אַ ביסעל אונטערגע־שטופּט) — האָט מען געמוזט מאַכען אַ חתונה.

סיליע, מיט'ן געשליפענעם צינגעלע, האָט זיך אָנגעכאַפּט אָן דער מאַמע'ס רייד, אַז ס'זאָל אַלץ בלייבען ווי געווען, ס'הייסט, דער זוהן מיט דער שנור זאָלען בלייבען וואוינען אין הויז און מ'זאָל לעבען אַלע צוזאַמען.

די מאַמע האָט גערעדט, אַז זי וועט זיי פון הויז ניט אַרויס־לאָזען. זיי וועלען ניט געהן פון איהר הויז. און זי וויל ניט וויסען מעהר פון צאָהלען משה'לען וויידזשעס: דאָס ווייזט ביי איהר אויס ווי מ'וואָלט געווען פרעמדע. פריהער, אַז ער האָט געדאַרפט אָנקלייבען געלט אויף מאַכען אַ חתונה, איז געווען עפּעס אַנדערש. די סטאָר מיט די „הויז" איז פון איצט אָן אַלעמענס גלייך.

אַזוי האָט די מאַמע גערעדט. און זי האָט נאָך צוגעגעבען, אַז זי וואָלט אַוועקגע'חלש'ט אויפ'ן אָרט, אַז די קינדער וואָלטען זיך גענומען ריהרען פון הויז אַרוים. קיין איין נאַכט וואָלט זי ניט געקענט צוטאָן מיט אַן אויג. זי וואָלט זיך זי וויים אַליין ניט וואָס אָפּגעטאָן, אַז זי בלייבט אַליין „מיט די פיער ווענט"... און איהר וואָלט זיך נאָכאַנאַנד אויסגעוויזען, אַז ביי די קינדער איז „עפּעס", זיי זיינען מיט אַמאָל ניט געזונט געוואָרען, צי וואָס ניט איז...

סיליע'ן איז דער פּלאַן דוקא ניט געפעלען געווען. איהר האָט זיך געוואָלט איינמאָל פאַר אַלע מאָל ווערען איהר אייגענע באַלי־באָסטע, האָבען געלט אין „פּאָקעט-בוק" און טאָן וואָס זי וויל.

פאַרזוכען דעם טעם פון האָבען אַליין די גאַנצע דעה. אָבער אָפּ-זאָגען זיך פון דער מאַמע'ס פּלאַן קען זי ניט. אמת, אז זי זאָל נאָר זאָגען משה'לען איין וואָרט, פיהרט זי ביי איהם אויס, וואָס זי וויל. נאָר זי האָט פאַרשטאַנען, אז דאָס לוינט זיך איהר ניט, און זי האָט אַזאַ זאַך ניט געקענט טאָן. משה'לע קען גאָרנישט און האָט גאָרנישט, און קיין גרויסע ווייזשעס קען דער טאַטע איהם ניט צאָהלען; וועט איהר אויסקומען צו מאַכען אַ שווערען לעבען. און איינרייסען זיך מיט משה'לעס מאַמען און מיט זיין טאַטען קען זי אויך ניט. ס'איז ביז איצט ניט פאָרגעקומען ביי זיי דער קלענסטער איבעררייד. משה'לעס מאַמע האָט זיך צו איהר באַנומען און צו איהר גערעדט מיט'ן זעלבען קול און מיט'ן זעלבען פּנים ווי צו משה'לען. און וואָס וועלען משה'לעס טאַטע-מאַמע טאָן מיט דער סטאָר?... האָט זיך טאָקע סיליע'ן שטאַרק געוואָלט זיין אַליין די באַליבאָסטע און האָבען אייגענע געלט און האָבען די גאַנצע דעה — אָבער געזאָגט האָט זי משה'לעס מאַמען: וואָס הייסט, זי און משה'לע וועלען אַרויסגעהן פון הויז?... וואו-הין וועלען זיי געהן? איהר איז דאָס גאָר קיינמאָל אפילו אין זינען ניט אַריינגעקומען. אַלע מאָל, אייביג, וועט מען זיין אַלע צוזאַמען. און געטראַכט האָט זי זיך: דערווייל מוז זיין אַזוי, שפּעטער וועט זי זעהן...

דער לעבען אין הויז איז געגאַנגען גוט, נחת'דיג. משה'לע איז געוועזען און זיך באַנומען ווי אַ פאַרהייראַטער מאַן, געטאָן זיין פליכט אין סטאָר, אַרויסגעשלאָגען זיך פון קאָפּ אַלע פריהערדיגע נאַרישקייטען זיינע. די שוויגער און די שנור האָבען זיך געלעבט ווי אפשר קיינמאָל ניט פריהער אַזאַ פּאָר. און נאָך מעהר נאָהענט-קייטען איז איצט געוועזען ביי זיי ביידען ווי פאַר דער חתונה — ס'איז צוגעקומען די גאָר נאָהענטע, אינטימע געשפּרעכען. זיי האָבען איצט געקענט רעדען אָפענע רייד, וואָס פריהער האָט מען ניט געדאַרפט און ס'האָבען ניט געקענט רעדען אַן עלטערע פרוי מיט אַ יונגער מיידעל, וואָס ווייס נאָך פון גאָר נישט, אָדער מאַכט זיך, אז זי ווייס ניט.

נאָך דער חתונה האָט סיליע אויך ניט געוואָלט הערען און רעדען די רייד, וואָס דער גליקליכער מאַמען האָט זיך געוואָלט ריידען און אַלצדינג וויסען... זי האָט זיך געשעהמט, רויט געוואָרען. נאָר שפּעטער אַ ביסעל איז זי בעסער געוואָרען — געגרעדט פון די זאַכען ווי וועגען גאָר פּראָסטע, געוועהנליכע זאַכען. משה׳לעס מאַמע האָט געהאַט פאַר איהר אַלערליי גוטע עצות. און די מאַמע האָט זיך שטאַרק דערשראָקען, געוואָלט לויפען מיט סיליע׳ן צו פּראָפעסאָרען, ווען ס׳איז אַוועק אַ שטיקעל צייט און סיליע האָט ניט געשוואַנגערט. ס׳איז אָבער געוועזן אומזיסטע שרעק: די שנור איהרע איז, חס ושלום, קיין עקרה ניט געווען. און איצט האָט זיך פאַר משה׳לעס מאַמען געעפענט נייע נחת׳ן, וואָס זי האָט קיינמאָל פריהער ניט געהאַט — נייע נחת׳ן און נייע שרעק: וועגען סיליע׳ס אויסטראָגען און האָבען. זי האָט סיליע׳ן ניט אָפּגעלאָזען פון אויג, פון די הענט איהר ניט ארויסגעלאָזען; די קלענסטע ארבייט, וואָס סיליע האָט געוואָלט טאָן, האָט די מאַמע פון איהר צוגענומען — צו שווער פאַר איהר. און געפרעגט איהר אַלע ווײַלע ווי איהר איז „אין מויל״ און „אויפ׳ן הארצען״, און אויב זי וויל עפּעס, און אויב איהר פעהלט עפּעס; אויסגעהיט זיך, ניט איבערצולאָזען סיליע׳ן אַליין אויף דער קלענסטער ווײַלע.

דער מאַמע׳ס גרויסע, געוואַלדיגע ליעבע און איבערגעבענהייט צו איהר בן־יחיד איז ניט צוטיילט געוואָרען, נאָר פאַרדרייפאַכט געוואָרען — צום בן־יחיד, זיין ווייב, זיין קינד, וואָס וועט געבוירען ווערען... אפשר גאָר ניט פאַרדרייפאַכט, נאָר פאַרטויזענטפאַכט געוואָרען.

סיליע איז עפּעס ניט געווען אין גאַנצען צופרידען.

איהר גאַנצער געדאַנק איז אודאי אריינגעטאָן געווען אין דעם וואָס זי וועט אין גיכען ווערען אַ מוטער, און פון אַנדערע זאַכען האָט זי גאָר ווייניג געטראַכט. אָבער דאָך האָט זי געפיהלט אויף זיך די גאַנצע שווערקייט פון משה׳לעס מאַמען. אין איהר נייע היים, די גוטע היים, די פרייע, איז איהר גאָר ניט אַזוי גוט און ניט פריי געווען. איהר אייגענער בעל דעה איז זי ניט, און קיין

אייגענע געלט האָט זי ניט. אַלץ איז דאָ טאַקע אַלעמענס גלייך, ס'הייסט, איהרע אויך. אָבער קיין זאַך איז פּאַרט ניט איהרע. אין איהר „פּאַקעט-בוק" האָט זי איצט אַפילו ניט קיין „קאַר פעיר". זי דאַרף ניט קיין געלט. זי זיצט אויף אַלעם פּאַרטיגען; קריגט אין סטאָר אַלץ, וואָס איהר איז נויטיג. אָבער געלט אויף זאַכען, וואָס ס'איז ניטאָ אין סטאָר און מ'מוז קויפען, דאַרף זי בעטען. און די שוויגער געהט מיט איהר, וואוהין זי געהט — קויפען אַ העט, צי שיך, צי וואָס ניט איז. די „מאַמע" האָט געמוזט ביי אַלץ זיין דערביי, און די „מאַמע" האָט געטראָגען די געלט און באַצאָהלט, ווי אַמאָל איהר אמת'ע מאַמע. משה'לעס מאַמע האָט געמוזט האָבען איהר פולען מאָס נחת פון אַלץ, וואָס משה'לעס ווייב טהוט און קויפט און טהוט אָן אויף זיך. סיליע האָט גאָר נישט נערעדט דאַגעגען, אָבער גוט איז איהר ניט געווען. ווען, גענואַלד, ווען וועט זי שוין האָבען איהרע אייגענע געלט אין „פּאַקעט-בוק"? קויפען זיך אַליין, פאַר איהרע אייגענע געלט; קיינער זאָל איהר איבער'ן קאָפּ ניט שטעהן!... ניט אריינמישען זיך און זאָגען איהר דעות!... און אַזוי ווי אין די אַמאָליגע צייטען, אונטער איהר מאַמע'ס יאָך, אַזוי פלעגט אויך איצט סיליע זיין אין כעס און בייז, אונטער'ן יאָך פון איהר נייער „מאַמע"...

ביי סיליען אין הארצען פלעגט איצטער מעהר זידען, קאָכען... אָבער איצט איז דאָס געווען אַן אַנדער מין זידעניש און קאָכעניש... ביי יענער מאַמען איז דאָס געווען פון כעס און פון מורא ארויס-צורעדען אַ וואָרט אַנטקעגען, פון מוזען ליידען און שווייגען, ווייל ס'איז קיין אַנדער ברירה ניט געווען... דאָ איז די מורא ניטאָ, אָבער שווייגען מוז זי אַלץ... וואָס קען זי דער שוויגער זאָגען?... אָן דער מאַמען וואָלט זי אין יענע מינוטען נקמה גענומען, אַז זי וואָלט נאָר געקענט... געטאָן איהר עפּעס וואָס זאָל איהר וועה טאָן... פאַר דער שוויגער איז אָט דער געפיהל ניטאָ... אָבער זי ליידט, און מוז שווייגען... און דער אַמאָליגער יאָך אונטער דער מאַמען איז שוין גאָר לאַנג פאַרגעסען... ניט איבערגעבליבען אין סיליע'ן אַפילו דער קלענסטער קערנדעל פאַראיבל אויף דער מאַמען.

סיליע האָט אַלץ געטראַכט אָנצושרויפן משה'לען, ער זאָל זאָגן דעם טאַטן מיט דער מאַמען, אַז ער וויל ווערן אַ „פּאַרט־נער" צום סטאָר, טאַקע אַן אמת'ער „פּאַרטנער", ס'זאָל זיין גלייך אויף גלייך. אַלע וואָך וועלן ביידע „פּאַרטנערס" נעהמען גלייכע חלקים געלט. ס'זאָל זיין באַזונדער. די געלט וועט דאָך משה'לע איהר דערלאַנגען — וואָס דען וועט ער טאָן מיט'ן געלט? און זי וועט איינמאָל פאַר אַלע מאָל ווערן אַ מענש פאַר זיך, נעהמען רומס, אַרויסמופען. וועט זי וויסען, אַז איהר מאַן איז אַ „פּאַרטנער" אין די ביזנעס, דערלאַנגט איהר אַלע וואָך געלט און זי טוט וואָס זי וויל. אַז זי וועט שוין האָבען איהר קינד, וועט איהר נאָך ערגער ווערען דאָ אין הויז. זי וועט פון דער שוויגער ניט קענען אויס־האַלטען, און אפילו אויף איהר קינד וועט זי אויך קיין דעה ניט האָבען, זי וועט אפילו איהר קינד ניט קענען פיהרען, אָנטאָן, ווי זי וועט וועלען — די שוויגער וועט אַלץ שטעהן איבער'ן קאָפּ, אריינמישען זיך מיט עצות. נאָר איצט קען זי דאָס נאָך ניט טאָן. זי קומט אריין אין די הויכע מאָנאַטען און דערנאָך דער האָבען מיט די אַלע טראַבעלס — איז בעסער דאָ אין הויז... דערנאָך וועט זי איינמאָל פאַר אַלע מאָל מאַכען אַ סוף. דערווייל האָט זי אָנגעהויבען צוגרייטען דעם מאַן איהרען, משה'לען; רעדען מיט איהם, ווען זיי זיינען אַמאָל געווען ביידע צוזאַמען; און בייטאַכט אין בעט פלעגט זי דערפון צו איהם רעדען. פריהער אַכטונג געבען, עטליכע מאָל באַקוקען, אויב די טיר איז גוט צוגעמאַכט, און רעדען צו איהם דורך זייטיגע ווענעלעך. נויטיג געהאַט האָט זי דאָס ניט. ס'וואָלט געווען געווען, אַז זי זאָגט איהם קורץ: זי וויל מופען. אָבער אַזאַ זאַך קען זי ניט נעמען און טאָן פּלוצלינג. און זי וויל וויסען אַקוראַט וואָס עס טהוט זיך. רעדט זי:

— וויפיעל, דענקסטו, ברענגט איין די סטאָר אַ וואָך?

— דאָס קען מען ניט וויסען אַקוראַט, מ'דאַרף גוט אויסרע־כענען.

— וויפיעל לייזט מען אַ וואָך? וויפיעל פּראָפיט איז דאָ אויף די אַרטיקלען?

מיט משה׳לען האָט זי שוין גאָר קיין דאגה ניט. ער וועט טאָן אַלץ, ווי זי וועט וועלען. משה׳לעס מאמע וועט טאָקע ניט וועלען. זי וועט זיך אָבער לאָזען איבערבעטען; זי וועט בעסער ווערען.

.3

איז אַמאָל אין אַ טאָג געזעסען אַליין ביי איהר אין שטוב משה׳לעס מאמע, סיליע׳ס שוויגער, און געוויינט. געוויינט האָט זי אַ סך מאָל פריהער; אָבער דאָס איז אַלץ געווען אַ וויינען פון נחת. דעם מאָל איז דאָס געווען אַן אמת׳ער וויינען.

זי האָט אין דעם טאָג געקראָגען אַ שטאַרקען קלאַפּ, וואָס זי האָט געמיינט, אַז זי וועט ניט קענען אויסהאַלטען. אין איהר געוואַלדיג-גרויסען נחת האָט זיך עפּעס אריינגעריסען און דורכגעריסען.

אַ אידענע האָט דאָך אַ נאַטור צו וועלען אַלץ וויסען, קיין זאַך ניט דורכלאָזען, דורכזוכען און דורכשמעקען. און סיליע האָט אַ „טראָנק“, וואָס זי האָט זיך פון דער היים מיטגעבראַכט און האַלט דאָרטען שמאָכטעס, ניט וויכטיגע קליינינקייטען נאָך פון די גאָר יונגע יאָהרען און וואָס ס׳האַרץ לאָזט איהר עפּעס ניט אַרויס-וואַרפען — מוז משה׳לעס מאמע וויסען וואָס אין „טראָנק“ טהוט זיך. האָט זי שוין אַ סך מאָל שטילינקערהייט אַלץ דורכגעקוקט און ווייס שוין. נאָר דאָך זוכט זי און קוקט ווידער איבער, ווען זי איז אַליין אין הויז און דערמאָנט זיך אָן סיליע׳ס „טראָנק“. אין סיליע׳ס „דרעסער“ זוכט זי אויך, אָבער דער יצר הרע צום טראָנק איז ביי איהר פיעל שטאַרקער — מסתמא דערפאַר, ווייל ס׳איז פאַרקלאַפּט מיט אַ דעק פון אויבען, און מ׳דאַרף אַרויסהויבען דעם טאַץ און זיך לאָזען צום דעק.

דאָ איז אויך געווען עפּעס מעהר ווי די געוועהנליכע נייגע-ריגקייט פון אַ אידענע פון גלאַט וועלען אַלצדינג וויסען. אין דעם איז אויך געווען אַריינגעטאָן די גרויסע ליעבע און איבערגעבענ-קייט צו די קינדער, דער וועלען אריינקריכען אינעווענינ אין זייע-רע לעבענס און מיט זיי דאָרט מיטלעבען... קיין זאַך זאָל פון

איהר ניט זיין פארהוילען און באהאלטען... וויסען פון דעם קלענ־סטען הערעלע פון זייער לעבען...

היינט האט זי אויפ׳ן דעק פון טראנק געפונען פארשטעקט און ארומגעוויקעלט מיט שמאכטעס — זאכען פון סטאר, וואס סיליע דארף גאר ניט; ניט אויף איהר מאס... מאנסבילשע און ווייבערשע זאכען, און א ביסעל געלט און א באנק־ביכעל...

ביי סיליע׳ן אין דער אלטער היים, ביי טאטע־מאמען דארט, איז מען ארעם, ניטא דארט קיין פרייע געלט אויסצוגעבען. דער טאטע איז ניט ביים בעסטען געזונט און ארבייט ווענינ. אז מען קען נאך ווי ניט איז פארלאטען זאכען און אנטאן, קויפט מען ניט קיין נייע. און מ׳קויפט פראסטע, און יעדע ברעקעל קאסט בראנד־טייער. אין סטאר איז פאראן פון כל טוב: אונטערוועש און אויבערוועש, זאקען און אנדערע זאכען, פאר מינסבילען, ווייבער, פאר באיעס, מיידלעך — האט סיליע שטילינקערהייט געטראגען אהיים צו איהר מאמען זאכען פון סטאר. סיליע ווי אלע איבעריגע אין דער משפחה, וואס האבען געוואלט פטור ווערען, אנטלויפען, קיינמאל צוריק אין הויז ניט אריינקומען, האט איצט שטארק ליעב געהאט די מאמען מיט׳ן טאטען... און ווי ס׳איז געוועזן מיט אלע טעכטער, איז די געוואלדיגע צוגעבונדענקייט צו דער מאמען געווארען נאך שטארקער, ווען זי האט זיך אליין געקליבען צו ווערען א מוטער... איהר האט זיך נאר געוואלט זיין לעבען דער מאמען, הענגען אויף דער מאמען, אטעמען מיט דער מאמען... משה׳לעס מאמע האט קיין איבעריגען נחת ניט געהאט פון סיליע׳ס לויפען אלע ווייל׳ע צו דער מאמען... געוואלט דעם גאנצען נחת פאר זיך... אייפערזיכטיג געוועזן...

סיליע איז געוועזן אן עהרליכע ווייבעלע. דעם גאנצען לעבען איהרען ניט אנגעריהרט עפעס פרעמדס. אבער דא איז ניט פרעמדס. זי נעהמט ניט קיין פרעמדע און גיט ניט קיין פרעמדע... די סטאר איז איהרע אזוי ווי אלעמענס. און זי פיהלט זיך און זי זאגט זיך, אז זי איז נאך גע׳עולה׳ט... ס׳קומט איהר א סך מעהר... און דארטען קומט דאס אזוי גוט צוניץ... און דא פעהלט דאס גאר ניט... קיינער

ווערט דערפון ניט בדלות... וויפיל עסט זי מיט משה'לען אויף?...
און די רענט איז דיזעלביגע ווי פריהער... אז משה'לע וואָלט אפילו
געקראַנקט ווייזשעס, וואָלט עס אויסגעמאַכט מעהר... פאַר וואָס
טאָר זי ניט?... נאָר גענומען האָט זי, ווען זי איז זיכער געווען,
אַז קיינער וועט ניט דערזעהן, ווען זי איז אמאָל איבערגעבליבען
אליין אין סטאָר... מיט א שרעקעדיג הארץ א שלעפּ געטאָן פון
א פּאָליצע און אריינגעטאָן אין בוזעם, א קלענערע זאך — אין א
זאָק. זיכער איז זי געווען, אז משה'לע וואָלט איהר גאַרנישט גע-
זאָגט, ווען ער וויים דערפון. נאָר דערצעהלט האָט זי איהם ניט.
און דער מאַמען האָט זי דערלאַנגט די זאַכען באַהאַלטענערהייט
— קיינער זאָל, חס ושלום, דערפון ניט וויסען — קיינער ניט,
אפילו די הויזינגע... און מ'האָט ניט געוואוסט — די מאַמע האָט
ניט דערצעהלט.

אז זי האָט זיך שוין צוגעוואוינט צו נעהמען זאַכען אין סטאָר,
איז זי אוועקגעגאַנגען א ביסעלע ווייטער. דערצו האָט איהר שוין
געטריבען איהר אייביגער, ניט-באַפרידיגטער חשק צו האָבען עפּעס
אייגענע געלט, וואָס זאָל זיין איהרס, און ניט קיין אַנדערענס. איצט
האָט זי קיין געלט ניט געדאַרפט; אָבער איהר האָט זיך אזוי גע-
וואָלט פּאַרמאָגען אייגענע געלט... נאָר צו געלט קען זי אליין ניט
דערלאַנגען, דערצו מוז זי שוין האָבען משה'לען. האָט זי מיט איהם
אָפּט פאַרפיהרט א געשפּרעך וועגען „אָפּסייפען א ביסעל אייגענע
געלט". ווער וויים, וואָס עס קען זיך אמאָל מאַכען און זיי וועלען
דאַרפען האָבען א ביסעל געלט... אליץ גערעדט מיט איהר מאַן
פון א זייט... גערעדט מיט איהם פון זייער שטאַנד דאָ אין סטאָר,
און פאַר איהם אליץ גע'חשבונ'ט און באַוויזען איהם ווי זיי קריגען
וועניגער ווי זיי קומט... ס'מאַכט אפילו ניט אוים די ווייזשעס
וואָס מ'האָט געצאָהלט א פּרעמדען און ער אליין האָט געקראַנקען
פאַר דער חתונה. סיליע איז געגאַנגען פאַרזיכטיג מיט איהרע
רייד צו משה'לען, געגאַנגען לאַנגזאַם פון טרעפּעל צו טרעפּעל, ביז
זי האָט דערגרייכט אהין, וואו זי האָט געדאַרפט.

דער פּלאַן סיליע'ס איז געווען אַן איינפאַכער. זיי וועלען אמאָל

דאַרפֿען געלט, און זיי האָבען אַ סענט ניט. וואו וועלען זיי נעה-
מען? בעטען דעם טאַטען געלט, קענען זיי ניט. מ׳וועט זיי פֿרעגען
צו וואָס זיי דאַרפֿען, ס׳פֿעהלט זיי דען עפּעס? מ׳קען אָבער ניט
זיין אָהן געלט. ווי קענען גרויסע מענשען זיין אָהן אַ סענט געלט?
מענשען מוזען אַלע מאָל האָבען אַ ביסעל געלט. און באַלד וועלען
זיי שוין האָבען אַ קינד אויך... טאָמער מאַכט זיך עפּעס — וואָס?
— האָט זי ניט געוואוסט און ניט געזאָגט — — — זאָל משה׳לע זעהן
אַראָפּצונעהמען ביסלעך געלט אין סטאָר פֿון די געלייזטע, ווען
ער וועט קענען, און איהר דערלאַנגען, און זיי וועלען אָפּסייפֿען.
זי האָט געהיט און אויסגעהיט, אַז פֿון משה׳לעס מויל זאָל ניט
אַרויסקומען דער וואָרט „גנב׳ענען״, ווייל טאָמער זאָגט ער אַרויס
אָט דעם וואָרט, וואָלט דאָס אפשר דער׳הרג׳עט איהר גאַנצען
פּלאַן... פֿאַרלאָפֿען משה׳לען דעם וועג, אויב איהר האָט זיך נאָר
אָפּגעדוכט, אַז ער וויל אַרויסזאָגען אַ „שלעכטען״ וואָרט... און
איהם אַלץ באַווייזען, אַז עס קומט — ס׳קומט זיי אַ סך מעהר,
און זיי וועלען נעהמען פֿון זייערע אייגענע... גע׳חשבונ׳ט פֿאַר
משה׳לען, אַז זיי קומט שוין אַ סך געלט... און ס׳וועט גאָר זיין בע-
סער פֿאַר אַלעמען, האָט זי אויסגעבראַכט, וואָרים וועך קען וויסען
וואָס אין אַ ביזנעס קען זיך אַמאָל מאַכען?... וועט זיין אָנגעגרייט
אַ פּאָר טאָלער... גערעדט מיט איהר געשליפֿען צינגעל, פֿאַרכאַפּט
איהם אַלע וועגען, ער זאָל ניט קענען ענטפֿערען און זאָגען אַנדערש
— פֿאַרענטפֿערט פֿאַראויס, וואָס איהר האָט זיך געדוכט, אַז ער
וויל זאָגען... און אַזוי ווי זי האָט ביי משה׳לען געקענט אַלץ אויס-
פֿיהרען, האָט זי דאָס אויך אויסגעפֿיהרט.

און ביי סיליע׳ן האָט זיך געקליבען געלט, אמת׳ע, לעבעדיגע
געלט, אויף וואָס זי אַליין איז געוועזען די גאַנצע באַליבאָסטע;
קיינער האָט ניט געקענט אַריינמישען זיך און אַריינרעדען. געהאַל-
טען האָט זי די געלט באַהאַלטען אויף איהר אייגענעם קערפּער,
צו זיין דערצו נאָהענט, צו פֿיהלען דעם אמת׳ען טעם פֿון געלט...
און אַז זי האָט זיך שוין אָנגעזעטיגט, האָט זי די געלט באַהאַלטען
אונטען אין איהר „טראָנק״, פֿאַרוויקעלט און פֿאַרדעקט מיט שמאַ-

טעס... און אז ס'האָט זיך אָנגעקליבען עטליכע טאָלער, האָט זי אוועקגעטראָגען אין באַנק. און אין „טראָנק“ האָט זי אויך געהאַלטען די אָנגעשלעפּטע זאַכען פון סטאָר ביז זי האָט עס אוועקגעטראָגען צו דער מאַמען. די לעצטע צייטען האָט זי שוין דער מאַמען אויך אונטערגערוקט אַ טאָלער, צי צוויי אין „קעש“. דער מאַמען איז דאָס גאַנץ גוט צוניץ געקומען.

און היינט האָט דאָס משה'לעס מאַמע דערטאַפּט און דערזעהן.

ווי אַזוי די זאַכען קומען צו סיליע'ן, צו וואָס זי האָט דאָס גענומען און צו וואָס זי דאַרף דאָס — און די געלט און דער באַנקביכעל — — די גאַנצע באַדייטונג פון דער געשיכטע — דערפון האָט משה'לעס מאַמע אויפ'ן מאָמענט ניט געטראַכט. די וויכטיגקייט דערפון איז פאַרטומעלט און פאַרשטיקט געוואָרען פון איהר פּערזענליכען געפיהל — פון אַ שטאַרקען צער, וואָס די קינדער איהרע פיהרען עפּעס אָן, פון וואָס זי ווייס ניט... זי איז אין דעם ניטאָ... און דאָס וועט זי ניט קענען אריבערטראָגען... אַזאַ גרויסע עבירה געגען איהר... אין איהר הויז איז דאָ אַ פּרעמדקייט... און דאָס איז אויך אַ זינד געגען דעם, וואָס דאַרף אין גיכען געבאָרען ווערען, און וואָס „ער“ איז שוין ביי איהר אריינגערעכענט געווען, אריינגעוואַקסען געוואָרען אין איהר לעבען, ווי די קינדער אין איהר און זי אין די קינדער.

דער געדאַנק וועגען „איהם“, וואָס דאַרף אין גיכען קומען, האָט איהר געשטאַרקט

אַז אַ מענש קריגט אַ שטאַרקען קלאַפּ, טוט אַ שטאַרקען פאַל, מיינט דאָס נאָך ניט, אַז ער האַלט זיך שוין פאַר אַ פאַרטיגען. ער זוכט זיך צו שטאַרקען, אויפהויבען, אויסגלייכען זיך און ווייטער לעבען. אַזוי איצט אויך משה'לעס מאַמע. אַזוי ווי ס'איז אָפּגעטאָן געוואָרען, און ס'איז פאַרפאַלען, מיינט דאָס נאָך ניט, אַז זי וויל שוין מעהר ניט האָבען דעם נחת, וואָס איז איהר געבליבען און וואָס איז נאָך פאַר איהר אָנגעגרייט... זי האָט זיך אָן איהר נחת פעסט צוגעהאַלטען... גאָר נישט געווען מסתמא... סיליע האָט עטליכע סענט נאָך פון מיידעלוויז אודאי... די זאַכען

מסתמא גלאַט אַזוי אַריינגעלייגט און פאַרגעסען... וואַרט... האָט זי אַלצדינג גוט צוריק צוזאַמענגעלעגט אין „טראָנק"?... סיליע קען נאָך, זאָל גאָט אויסהיטען, דערקענען, אַז מ'איז געווען ביי איהר „טראָנק"... באַלד, באַלד, די וואָך נאָך אפשר, וועט זיך סיליע אַריינלעגען אין בעט...

זי איז צוגעגאַנגען צום „טראָנק" זעהן, אויב אַלץ ליגט ווי געווען.

אַזאַ לעבען

דעם דאָזיגען פריהמאָרגען האָט ביי דער דרעסמייקערין פלאָ־רע'ן אין הארצען געקאָכט מעהר ווי געוועהנליך אין די פריהמאָר־גענס, ווען דער מאַן איהרער קומט אהיים אַ שטיק נאָך האלבע נאַכט; און זי האָט זיך היינט זיכערער געזאָגט, אַז זי וועט מאַכען אַ סוף פון אַלץ — זי דאַרף ניט קיין דרעסמייקערייען! זי האָט אַ מאַן און זאָל ער פאַר איהר מאַכען אַ לעבען, ווי אַלע מאַנען פאַר זייערע ווייבער... ער איז ניט קיין קאַליקע, און מעהר כוח פון איהר האָט ער געוויס...

ס'אַרבייטען ביי פלאָרע'ן צוויי מיידלעך, אַמאָל דריי. זי אַליין איז אַלע מאָל די ערשטע ביי דער אַרבייט — צוגרייטען פאַר די מיידלעך וואָס צו טאָן, אַז זיי קומען אריין — זיי זאָלען קיין מינוט ניט דאַרפען פאַרלירען. דערנאָך, אַז די מיידלעך אַרבייטען שוין, נעהמט זי זיך מאַכען פריהשטיק פאַר זיך מיט'ן מאַן. אַז ער ווערט פאַרטיג מיט'ן וואַשען און גאָלען זיך, שטעהט שוין דער פריהשטיק אָנגעגרייט פאַר איהם אויפ'ן טיש. דאָס רוב איז ער אין דער פריה אָנגעכמורעט און בייז. זיצט ביים טיש מיט אַ פּנים שטאַרק אָנגעפוידערט פון נאָכ'ן גאָלען זיך, אין שלאָפראָק מיט'ן גאַרטעל; קוקט איהר ניט אָן און רעדט אַ וואָרט ניט, אַ חוץ עפּעס וואָס האָט צו טאָן מיט'ן עסען: די קאַפע איז צו־ביטער אָדער צו־וואַסערדיג, אָדער די אייער זיינען צו־האַרט אָדער צו־לויז.

פאַר דער וועלט און פאַר דער ווייב זאָל דאָס הייסען, אַז ער האָט צו טאָן מיט אינשורענס. אין פענסטער לעבען ברעטעל מיט'ן אויפשריפט „דרעסמייקער", שטעהט אויך אַ ברעטעל מיט'ן אויפשריפט „אינשורענס", און ער האָט אויך אַן אָפּגעדרוקט קאַר־

טעל וועגען דעם. ער האָט אָבער פון דעם גאָרנישט, גיט זיך דער־מיט גאָרניט אָפּ. אמאָל אין אַ יובל ברענגט איהם די אינשורענס אריין עטליכע סענט. נאָר ס׳איז עפּעס שעהנער — ער איז אין די אינשורענס ביזנעס. און די אינשורענס דיענט איהם אויך פאר אַ גוטען תירוץ פאר דער ווייב אוועקצוגעהן פון דער היים און זי זאָל ניט וועלען „מיטגעהן“.

איבער די געלט, די פארדיענסטען איהרע, איז ער דער גאַנ־צער באַליבאָס. ער פיהרט די חשבונות, וואָרים ער קען עפּעס פאר־שרייבען, צוזאמענרעכענען עטליכע ציפער, „אויסמאכען“ אַ טשעק, געהן אין באַנק. האָט זי אין געלט־זאכען גאָרנישט וואָס אריינצו־מישען זיך. זי וויים נאָר פון ארבייטען.

ער איז דער גאָר גרויסער יחסן. ער איז שעהנער פון איהר און אינגער פון איהר מיט עטליכע יאָהר. מ׳האָט געוואוסט, אַז ער האָט מיט איהר חתונה געהאָט דערפאר, ווייל זי איז אַ דרעס־מייקערין. ער אליין איז געווען אַ שוואכער פארדיענער, ווייניג געיאָגט זיך נאָך פארדיענסטען. האָט מען דאמאָלס געזאָגט: וואָס ארט איהם, אַז ער האָט מיט איהר חתונה? נאָך דער חתונה וועט ער ניט קענען האָבען גענוג? ס׳וועט איהם אויספעהלען?

די דאָזיגע רייד זיינען מקוים געוואָרען. עס פעהלט איהם ניט. ער האָט גענוג. ער ווערט אינגער, און זי — עלטער. זי איז אַ דיקע, אַ שווארצע, ווערט זי אלץ דיקער און שווארצער און דאָס ברענגט ארויף אויף איהר מעהר אלטקייט. און ער היט שטארק אָפּ זיין שעהנקייט און יונגקייט. אלע פריהמאָרגען ראזירט ער זיך און מאסאזשירט דעם פּנים און פּודערט זיך אָן, געהט עטליכע מאָל אוועק און קומט צוריק צו צום שפּיגעל אין דער פריה נאָכ׳ן ארבייטען אויפ׳ן פּנים, און דורכ׳ן טאָג קומט ער אויך אריין עט־ליכע מאָל אין טאָג זיך „צופיקסען“.

2

וואָס ער טהוט, אַז ער געהט אין אָוועגד אוועק פון דער היים, קען זי ניט זעהן און זי וויים ניט. אָבער ס׳איז גענוג פאר איהר

זיין באַנעהמען זיך אין הויז גופא. ער האָט גאָר ניט געוואָרט. באַלד נאָך דער חתונה גענומען אָנגעהן מיט זיינע שטיק. ס'קומען אריין אַלע טאָג ווייבלעך און מיידלעך. ער לויפט באַלד אריין צום שפיגעל באַטראַכטען זיך. ער ווערט גלייך באַקאָנט. ביים אָנמעס־טען, ווען יענע נעמהען אראָפּ פון זיך די וויסטלעך, בלייבען שטעהן מיט ענטבלויזטע אָרעמס און טיילען ברוסטען, איז ער דאָ אין מיטען, זוכט עפּעס, פרעגט עפּעס, טרעט ניט אָפּ. אַנדערע פאַרשעהמען זיך; אַנדערע אַרט עס ניט און זיי לאַכען. אָבער איהר, דער ווייב, טהוט עס שטאַרק וועה. ס'איז איהר אַ בושה פאַר פרעמדע, וואָס דער מאַן איהרער איז אַזאַ. און נאָך שטאַרקער פון דער בושה איז די קרענקונג איהרע וואָס ער ווערט אַזאַ צוקאַכ־טער פאַר אַ פרעמדער ווייבעל אָדער מיידעל — און נאָך פאַר פרעמדע מענשען אין די אויגען...

אז אַ מיידעל, צי אַ ווייבעל געפעלט איהם, און ס'לאָזט זיך נאָר, ווערט ער שוין מיט איהר באַקאַנט, לאָזט איהר ניט אָפּ, לויפט איהר נאָך. און די ווייב ווייס דערפון.

אין אָוונד געהט ער אַוועק. ער דאַרף צוגעהן ערגעץ וועגען זיינע אינשורענס, זאָגט ער איהר.

אַמאָל אין אַן אָוונד טרעפט, אַז זי זאָגט צו איהם:

— לאָמיר צוגעהן ערגעץ.

זי מיינט: אין טעאַטער, צי אַ מואווי, אָדער אַזוי כאַטש אַ ביסעל שפּאַצירען. נאָר ער האָט שוין דעם תירוץ פאַרטיג: ער האָט אַן „אַפּאָינטמענט" וועגען אַ „פּאָליסי". שווייגט זי, האָט ניט וואָס צו זאָגען איהם אויף דעם — ס'איז דאָך „ביזנעס"... און וועגען די פאַרדיענסטען זיינע פון די אינשורענס ווייסט זי גאָר ווייניג. ער גיט איהר פון קיין זאַך קיין חשבון ניט אָפּ. זי ווייס אפילו ניט וויפיעל זי פאַרדיענט אין דורכשניט פון איהר דרעסמייקעריי. ער נעהמט באַלד צו די געלט ווי ס'קומט אריין, און זי זעהט כמעט אַ סענט אין די אויגען ניט אָן. אַלץ געהט ביי איהם דורך טשעקס. די הויז־אויסגאַבען — דורך טשעקס; די מיידלעך ווידזשעס — דורך טשעקס; אַ טאָלער אפילו אַז ער

דארף אימיצען געבען, זעצט ער זיך אוועק ביי זיין טישעל, עפענט דעם טשעק-בוך וואס איז ווי א משניות די גרויס און שרייבט א טשעק. זי ווייס ניט וויפיעל ער טראגט אריין אין באנק און וויפיעל ער שרייבט ארויס. דער טשעק-בוך זיינער איז איהר אי נאהענט, אי זי האט פאר איהם דרך-ארץ. דער טשעק-בוך דערצעהלט פון געלט אין באנק, און דער דרך ארץ שטאמט פון דעם, וואס זי ווייס גאר ניט וואס אין איהם טהוט זיך, קען א ווארט ניט איבערלייענען פון די געדרוקטע און געשריבענע. און ער, דער מאן, נוצט אויס דעם טשעק-בוך געגען איהר פאר נאך עפעס א זאך. אין די פריהמארגענס, ווען ער איז נעכטען שפעט אין דער נאכט אהיים געקומען, און ער פיהלט זיך דאך ווי ניט איז א ביסעל שולדיג, זיצט ער אין דער פריה, אין שלאפראק, שטארק אריינגעטאן אין אפענעם טשעק-בוך — אפצוסטראשען איהר, וואס ער איז אזוי העבער פון איהר — ער פיהרט ביזנעס מיט'ן באנק, מישט זיך אין א וועלט, האט צו טאן מיט טשעקס. אויף זיין טישעל, צוזאמען מיט'ן טשעק-בוך, ליגען אויך אנגע-ווארפען געדרוקטע פאפירען וואס האבען צו טאן מיט אינשורענס. דיזע פאפירען שטעכען איהר די אויגען און אין הארצען. זי ווייס טאקע גאנץ ווייניג פון זיינע אינשורענס ביזנעס, ער דער-צעהלט איהר גאר ניט; נאר דאך פארשטעהט זי, אז קיין גוטס ברענגט עס איהר ניט, און איהר וואלט בעסער געווען, אז ער וואלט אין גאנצען מיט דעם ניט געהאט צו טאן... ער וואלט אפשר גאר אנדערש געמוזט באגעהן זיך מיט איהר...

3

ווען ער געהט אין די אוונדען אוועק פון הויז און זי בלייבט אליין, איז זי פארוועהטאגט, אין כעס. זי ווייס און זי טראכט פון דעם, אז זי איז די פארדיענערקע. זי הארעוועט, רוהט זיך קיינמאל ניט אפ, און זי זעהט אפילו ניט ווי די געלט זעהט אויס. זי קוקט די וועלט ניט אן. זי ווייס, אז ער געהט אוועק שפיעלען אין קארטען, ער געהט זיך אמוזירען — ער פארלאזט זיך ניט —

און מיט נאָך עפּעס ערגערס ווי קאָרטען האָט ער צו טאָן, אַז ער געהט פון הויז אַוועק—זי קען זיך פאָרשטעלען... און וואָס טויג איהר איהר גאַנצער לעבען!... די אָרימסטע פרוי, וואָס דער מאַן איהרער פאַרדיענט קיין העלפט ניט וויפיעל זי פאַרדיענט, לעבט דאָך הונדערט מאָל בעסער פון איהר. מ׳געהט אמאָל ערגעץ ארויס, מ׳פאַרברענגט צוזאַמען. מיט איהר האָט דאָך דער גרעסטער אומגליק געטראָפען. זי האָט דען אַ מאַן, ווי אַנדערע? אַנדערע הייראַטען, ווייס דער מאַן, אַז ער דאַרף אַריינברענגען אין הויז און מאַכען אַ לעבען. איהר איז ערגער ווי אַלעמען. נאָר וואָס קען זי טאָן... אַז זי האָט עטליכע מאָל געפּרובירט ביי איהם מאַהנען, טשעפּען זיך צו איהם וועגען זיין אַוועקגעהן און קומען שפּעט אין דער נאַכט אַהיים, און אויך געזאָגט איהם, אַז זי וויל וויסען עפּעס מעהר וועגען זיינע אינשורענס, און געסטראַשעט איהם, אַז זי וועט ניט לאָזען איהם אַזוי אָנגעהן — האָט דאָס איהר טייער געקאָסט. ער איז וואַכען גאַנצע אָפּגעלעגען אַלע נאַכט אומגעקעהרט מיט׳ן פּנים צום וואַנט, אויסגעהיט זיך אָנצוריהרען זיין קערפּער אָן איהרען... ביז זי האָט געמוזט בעטען זיך און וויינען און שווערען זיך, אַז זי וועט איהם מעהר אַ וואָרט ניט זאָגען. און אַז ער האָט זיך שוין געלאָזט איבערבעטען, האָט ער איהר אָנגעזאָגט, אַז ער וועט זיך גאָר קיינמאָל מעהר מיט איהר אין בעט ניט לייגען, אַז ס׳וועט פּאַסירען נאָך אַמאָל... עטליכע מאָל אַזוי געווען. האָט זי דאָך איינגעזעהן, אַז קיין גוטס טהוט דאָס איהר ניט. שטיקט זי זיך און ווערגט זיך און שווייגט.

זי איז צורייצט און צוקרענקט אין די אָווענדען, ווען ער איז אין הויז ניטאָ. און אַלע מאָל שטילט זי זיך דערמיט, אַז דאָס וועט מעהר ניט זיין. וואָס קען איהר שוין זיין ערגער? זי וועט פון אַלץ מאַכען אַ סוף — דאָס מיינט פון דער דרעסמייקעריי. זי וועט מעהר ניט אַרבייטען. זי האָט שוין גענוג געאַרבייט. זי האָט אַ מאַן, זאָל ער פאַר איהר מאַכען אַ לעבען, ווי אַלע מאַנען פאַר זייערע פרויען!... מיט וואָס איז זי דאָס ערגער פון אַנדערע?... זי וועט מעהר אַ נאָדעל אין האַנט ניט אַריינגעהמען, צום מאַשין

זיך ניט צוריהרען... און זי וועט זיך היינט שלאָפען ניט לייגען. זי וועט זיצען און וואַרטען אויף איהם, און נאָך היינט מוז זיין א סוף... אויף א ווייליגקע מיינט זי, אז דאָס שטילט איהר הארץ. נאָר גיך דערשרעקט זי זיך פאר די געדאַנקען איהרע... און עס ענדיגט זיך געוועהנליך מיט דעם, וואָס זי נעהמט זיך צו עפּעס א שטיקעל ארבייט. זי האָט שוין אייגענטליך די ארבייט פאר'ן טאָג אָפּגעטאָן. אלץ צוגעגרייט אפילו אויף מאָרגען פאר די מיידלעך, און מאָרגען אין דער פריה וועט זי ווידער צוגרייטען — נאָר די ארבייט ציהט איהר צו — מעג זי גאָר זיין אין אן אנדער צימער — זי נעהמט אין די הענט אריין אויסלעגען, אויסגלעטען, „צוגרייטען" א שטיקעל דרעסמאַכעריי.

4

אין די פריהמאָרגענס, ווען ער איז נעכטען שפּעט אהיים געקומען, איז ער אָנגעכמוערט, ברוגז. אז ער האָט נעכטען ביינאַכט געוואונען אין קאָרטען-שפּיעל, איז נאָך ניט אזוי שלעכט, קען מען נאָך אמאָל זעהן א פרייע מינע אויף זיין פּנים. נאָר דאָס רוב איז ער א פארשפּיעלטער. זי טאָר צו איהם א וואָרט ניט אויסרעדען — ער „שטעכט", קעהרט זיך פון איהר אוועק, וואַרפט זיך מיט'ן פרישטיק. דערפאַר, אז ער האָט נעכטען גוט פארבראַכט ערגעץ מיט א מיידעל אָדער א ווייבעל, איז ער אין דער פריה „בעסער", ענטפערט א וואָרט, טרייבט איהר ניט צוריק עטליכע מאָל מיט די קאַפע. אין די ערגערע פריהמאָרגענס זוכט ער „פון אונטער דר'ערד" אָן וואָס זיך צו טשעפּען, און אז ער געהט פון בעט וואַשען זיך, ראַזירען און זיך „צופּיקסען", געהט ער וואָס שטילער, די ווייב זאָל איהם ניט דערהערען, אז ער איז שוין אויפגעשטאַנען, וועט זי זיך אפשר פארשפּעטיגען מיט'ן פרישטיק, וועט ער האָבען וועגען וואָס איהר צו דערגעהן די יאָהרען

די ווייב ווייס ניט, וואָס ער האָט נעכטען ביינאַכט געטאָן, ווי איהם איז געגאַנגען. נאָר עס קומט שוין אויס, אז נאָך אן אָוועגד מיט א מיידעל אָדער א ווייבעל איז ער „בעסער", ווי נאָך

א נאכט קאָרטען. און אז ער איז „בעסער“, איז זי ניט אַזוי דערשלאָגען...

5

מיט די מיידלעך וואָס ארבייטען אין הויז איז, פארשטעהט זיך, גאָר גרויסע צרות. ער לאָזט ניט דורך קיין איינע פון זיי, אויב זי איז נאָר אין זיינע אויגען „עפּעס רעכטס“. די ווייב לאָזט ניט אָפּ פון אויג די מיידלעך און איהם. וויפיעל דאָס איז איהר נאָר מעגליך. אז עס קומט א נייע מיידעל, קוקט שוין פלאָרע נאָך ווי איהר מאַן איז זיך נוהג „דינער טיים“, ווען די מיידעל געהט ארויס עפּעס עסען. וואָרים, אז די נייע מיידעל געפעהלט איהם, ער ווארפט אויף איהר אַן אויג, איז ווי נאָר זי געהט „דינער טיים“ ארויס פון הויז, דאַרף ער שוין נויטיג ערגעץ צוגעהן, און ער געהט אויך אַרויס, אָדער ער געהט ארויס פון הויז א ווײַלע פריהער פון דער מיידעל. נאָכגעהן זיי, קען פלאָרע ניט. בלייבט זי איבער אין הויז, און עס קאָכט אין איהר. זי וואַרט אויף זיי — זיי וועלען אריינקומען, וועט זי זיי אָוועקגעבען וואָס ס׳טהוט זיך ביי איהר אויפ׳ן הארצען — איהם מיט איהר צוזאַמען — זי וועט די מיידעל ארויסטרייבען פון הויז... נאָר איידער זיי קומען צוריק, איז שוין אין איהר איבערגעקאָכט און זי בלייבט זיצען מיט א באַגראָבענעם פּנים, מיט עפּעס א שטיקעל ארבייט אין האַנט, און זי זוכט זיך צו טרייסטען, אז ס׳פּאַסט ניט פאַר איהר זיך מיאוס צו מאַכען. זיי קומען צוריק באַזונדער, אַזוי ווי זיי געהען ארויס. פלאָרע הויבט נאָך אַלץ דעם קאָפּ ניט אויף. ס׳דאַכט זיך איהר, אז מ׳שפּאָט אָפּ פון איהר, מ׳מאַכט פון איהר חוזק. לאַנג בלייבען זיצען קען זי ניט. אז די מיידלעך זיצען שוין צוריק ביי דער אַרבייט, הויבט זי זיך אויף און נעמט זיך גרייטען דעם טיש צו מיטאָג פאַר איהר מיט׳ן מאַן. זיי עסען שפּעט מיטאָג, צוליעב דעם שפּעטען פרישטיק. וואָס פאַר א טעם פיהלט שוין פלאָרע אין איהר עסען? א רוהיגע זיצט זי ביי איהר מיטאָג נאָר אין א טאָג, ווען ער איז ניט „נאָכגעלאָפען“ קיינע פון די מיידלעך. א מיידעל,

אויף וועלכע אי דער מאן, אי די ווייב, האָט אַן אויג, האַלט זיך דאַרט ניט לאַנג: זי געהט אַליין אַוועק, אָדער פלאָרע מאַכט שוין, אַז זי זאָל אַוועקגעהן.

אַלע מאָל, אַז ס'קומט אָן אַ נייע מיידעל צו דער אַרבייט, נעמט פלאָרע איהר היטען, נאָכקוקען איהרע באַנעהמונגען. פריהער פון אַלץ וועט זי זעהן וואָס דאָ וועט זיין „דינער טיים". אויב ער ווערט פאַרפאַלען אין דער באַשטימטער צייט, ווייס זי שוין וואָס עס טוט זיך. דערנאָך פאַרשט פלאָרע פון דער מיידעל'ס האַלטען זיך, זוכט צו דערגעהן פון איהרע באַנעהמונגען, וואָס מיט איהר איז. אָפט געהט אַוועק די באַקאַנטשאַפט פון איהר מאַן מיט דער נייער מיידעל פיעל ווייטער ווי דער זעהן זיך „דינער טיים". איז די מיידעל פרעהליך, טויג ניט; איז זי עפּעס צו־אומעטיג, טויג אויך ניט. אַ מיידעל, אַז זי פאַרפיהרט אַ נאָהענטע באַקאַנטשאַפט מיט אַ מאַן, ווערט זי עפּעס פאַרביטען. און דער, וואָס איז פאַראינטערעסירט צו וויסען וועגען דעם און באַקוקט איהר גוט — קען דעם איבערבייט גרינג זעהן. און ניט אַלע מייד־לעך זיינען גלייך אין אַזאַ פאַסירונג. איין מיידעל, אַז זי טרעפט זיך מיט פלאָרע'ס מאַן אין די אָווענדען, ערגעץ ווייט אַוועק פון הויז, און זיי פאַרברענגען צוזאַמען, זיצט זי דערנאָך אַ פאַרזינ־דיגטע, אַ „באַגראָבענע", קען פלאָרע'ן אין די אויגען ניט קוקען. אַן אַנדער מיידעל, ווידער, דערפיהלט זיך גאָר שטאָלץ מיט דעם, וואָס ער טרעפט זיך מיט איהר אין געהיים, „ספּענדט" אויף איהר געלט, פאַרברענגט מיט איהר. און אַזאַ מיידעל קוקט אויף דער ווייב ווי אויף אַ נאַרעלע, וואָס „מ'האָט איהר אין באָד".

אַ מיידעל פאַרנעמט גרינג זיינע קאָמפּלימענטען, אויף וואָס ער איז גאָר ניט קאַרג, און פון זיין באַקלאָגען זיך וואָס ער מוז זיך האַלטען מיט אַ ווייב, צו וועלכער ער פיהלט זיך אַ פרעמדער, דער־פיהלט זיך אַ מיידעל דערהויבען געגען דער ווייב, און אַ מאָל אויך חוצפה'דיג, און זי קען זיך ניט איינהאַלטען, זי מוז דאָס ווי ניט איז אַרויסווייזען — מיט אַ פרעכען „לאַכעלע", צי טאַקע מיט אַריינוואַרפען עטליכע שטעכעדיגע ווערטער. פלאָרע

קוקט אויף דער מיידעל „פון אַלע זייטען“, און „וואָס“ זי זאָל אויף איהר ניט זעהן, געפעלט איהר, נעבעך, ניט. אפילו אויף גאָר אַן אומשולדיגע מיידעל, וואָס האָט זיך מיט איהר מאַן אין קיין שום באַקאַנטשאַפט ניט אריינגעלאָזען, „דערזעהט“ אויך פלאָרע, אַז זי איז צו-פרעהליך, אָדער צו אומעטיג. אַלע מיידלעך זיינען איהרע קאָנקורענטקעס — אַלע ווילען זיי דעם מאַן פון איהר אוועקנעמען.

6

און איצט איז דאָ פאָרגעקומען עפּעס מיט דער נייער מיידעל, קלאַרא, וואָס האָט אָנגעהויבען דאָ ארבייטען. קלאַרא איז געווען גאָר אַ יונגע מיידעל, און זי האָט ערנסט אויפגענומען די רייד און קאָמפּלימענטען זיינע און זי האָט איהם שטארק ליעב געקראָגען. גאַנצע טעג פלעגט זי אָפּזיצען איבער איהר אַרבייט אַ פארטראַכטע, אַן אומעטיגע, און טראַכטען פון איהר ליעבע; ניט גערעדט מיט קיינעם; מיט אַ פולע האַרץ בייזקייט און אייפערזוכט צו זיין ווייב, פלאָרע, פאַר וואָס זי „האָט איהם“. קלאַרא האָט געגלויבט יעדען וואָרט זיינעם, אַז נאָר צוליעב זיין ווייב, וואָס זי לאָזט איהם ניט אָפּ, קען ער זיך מיט איהר, מיט קלאַראַ'ן, ניט פארבינדען... און דעם גאַנצען טאָג מוז זי צוזאַמען מיט דער ווייב זיצען... און ארבייטען מוז זי דאָ. זי קען ניט אוועקגעהן אויף אַן אַנדער פּלאַץ, ווייל דאָ געפינט ער זיך, און זי קען כאָטש זיין מיט איהם צוזאַמען אין איין הויז. זי פּיהלט הינטער איהר פּלייצע, אַז ער געפינט זיך אין דעם אַנדערען צימער. און ער קומט אויך אָפט אריין אין דעם ארבייטס-צימער, און זי ווארפט זיך דורך מיט איהם מיט אַ בליק, מיט אַ וואָרט. וויפיעל זי זאָל ניט אויסהיטען זיך צו קוקען אויף איהם, אַז די ווייב איז דאָ דערביי, קומט עס אויס, אַז זי קוקט אפילו איבער'ן פּלייצע אריבער, ווען עס דאַכט זיך איהר נאָר, אַז זי האָט א י ה ם געהערט הינטער זיך... און קעהרענדיג די אויגען צוריק, מוזען די אויגען אויף דער ווייב אַ קוק טאָן — אויסגעפינען, צי זי האָט געזעהן... און

פאר דער ווייב געהט קיין זאך ניט פארלארען, און זי האט פאר קלארא'ן שטארק מורא. זי איז זיכער, אז מיט קלארא'ן וועט זיך נאך ווען עס איז אפשפיעלען דיזעלביגע זאך, וואס ס'איז פאר-געקומען מיט עטליכע חדשים צוריק. א מיאוס'ע זאך האט דא פאסירט מיט עטליכע חדשים צוריק מיט א מיידעל, אן ארבייטע-רין. זי איז געווען א מיידעל „פול מיט הארץ" און דערצו מיט אן אנגעלייענטע און אנגעהערטע איבערצייגונג ביי זיך, אז קיין מענש טאר קיינעם ניט צווינגען, ניט צובינדען איבער-געוואלד צו זיין מיט אימיצען צוזאמען, אז די פערזאן וויל דאס ניט — ניט א ווייב א מאן, און ניט א מאן א ווייב. און אין פלארע'ס מאן איז זי שטארק פארליעבט געווען. זיי פלעגען זיך טרעפען אין די אווענדען, און ער האט אלץ ניט אויפגעהערט זאגען איהר, אז ווען ער וואלט נאר געקענט אפטשעפען זיך פון דער ווייב, וואלט ער מיט איהר באלד אוועק. נאר די ווייב האלט איהם צוגעשמידט, זי לאזט איהם פאר קיין פאל ניט אפ, זי מאכט איהם דעם טויט. זיין לעבען מיט זיין ווייב איז איהם נאך ערגער ווי דער טויט, נאר ער קען פון איהר ניט פטור ווערען. די פארליעבטע מיידעל האט איהם אלץ געגלויבט. די איבערצייגונגען איהרע וועגען לע-בען, אז מ'טאר ניט צובינדען איבער-געוואלד, דער מענש איז פריי, האבען איהר אבער קיין שטארקייט און מוטה ניט צוגעגעבען. און זי פלעגט גאנצע טעג אפזיצען מיט א שווערען האס צו זיין ווייב, און איהר הארץ פלעגט אין איהר וויינען. און שטיל פלעגט זי זיצען, א ווארט ניט אויסרעדען דעם גאנצען טאג, און ווארטען אויפ'ן אווענד, ווען זי וועט זיך מיט א י ה ם טרעפען. שפעטער איז פארגעקומען די מיאוס'ע סצענקע אין הויז, אין מיטען דער ארבייט. קיינער פון די, וואס זיינען דערביי געווען, קען ניט ריכ-טיג איבערגעבען ווי אזוי דאס האט זיך אנגעהויבען. מיט אמאל איז די פארליעבטע מיידעל ארייננעפאלען אין א היסטעריקע, שרעקליך געוויינט און שרעקליך געלאכט, און זיך נאר צו דער ווייב, צו פלארע'ן, געריסען — נאר רייסען איהר פאר די האר האט זי געוואלט. און זי האט געקלאגט און גע'טענה'ט, אז פלארע האט

קיין רעכט ניט צו האַלטען איהם איבער־געוואַלד, ווייל ער איז גאָר איהרער, און פלאָרע׳ן האָט זי אָנגערופען מיט מיאוס׳ע נעמען. זי אַליין האָט א רעכט אויף איהם, ווייל זיי האָבען זיךביידע ליעב... אין הויז האָט זיך געטאָן. פלאָרע אַליין האָט געהאַלטען ביים חלש׳ען. די איבעריגע צוויי מיידלעך האָבען זיך דערשראָקען און גענומען שרייען. ער האָט זיך שטילערהייט פון הויז ארויסגעמאַכט. ס׳זיינען אריינגעלאָפען עטליכע שכנים אויף די קולות. אַז די פּאַר־ליעבטע מיידעל איז ענדליך איינגעשטילט געוואָרען, האָט איהר איינע פון די ארבייטאָרינס אָפּגעפיהרט אהיים אין א טעקסי, און געזאָגט דאָרט, אַז איהר איז עפּעס ניט גוט געוואָרען ביי דער ארבייט... זי איז שוין מעהר צו דער ארבייט ניט געקומען. אויף דער אַנדער וואָך איז א שוועסטער איהרע געקומען אָפּנעהמען די עטליכע דאָלאַר, וואָס איהר האָט ארויסגעקומט.

ווייזט זיך איצט פלאָרע׳ן אויס, זי איז זיכער, דוכט זיך איהר, אַז קלאַרא איז פונקט אַזא ווי יענע איז געווען. אין אָנפאַנג איז קלאַרא גאָר א פרעהליכע מיידעל געווען — אַזוי ווי יענע, זאָל פעהלען א האָר. דערנאָך האָט יענע גענומען זיצען גאַנצע טעג ווי א „באַגראָבענע״... און איצט די אויך אַזוי. נאָר דעם מאָל — זאָגט זיך פלאָרע — וועט זי שוין ניט דערלאָזען אוועקגעהן אַזוי ווייט. זי וועט גאָר גיך מאַכען א סוף... אַלע אָוונט געהט ער אוועק פון הויז. ער קען דעם סאַפּער ניט אויסזיצען.

7

בשעת קלאַרא האָט זיך נאָך דער ארבייט אָנגעטאָן אוועקצו־געהן, האָט פלאָרע פון וויטען געזעהן, ווי איהר מאַן דרעהט זיך ארום איהר און זיי וואַרפען זיך דורך מיט שטילע רייד. שפּעטער האָט ער דעם סאַפּער ניט געקענט אויסזיצען, געזאָגט איהר א פּאָר ווערטער, אַז ער מוז געהן וועגען א „פּאַליסי״ און גענומען געהן. נאָר היינט גראָד האָט זי זיך געשטעלט אנטקעגען, געזאָגט איהם, אַז זי וויל, ער זאָל מיט איהר געהן ערגעץ. דערפאַר, וואָס זי איז זיכער געווען, אַז ער געהט מיט קלאַרא׳ן זיך טרעפען, האָט זי

פאַרלאַנגט ער זאָל מיט איהר געהן... נאָר ער האָט זיך פון איהר אָפּגעטרייסעלט — ער קען פאַרלירען אַ „גרויסע פּאָליסי“, וואָס פלאָרע האָט געוואוסט, אַז דאָס איז אַ גרויסער ליגען. ער איז אוועק.

פלאָרע איז אַ פאַרוועהטאָגטע, אַ צוקרענקטע אין הויז געבלי־בען, און נאָך מעהר פאַרביטערט ווי אַלע מאָל, האָט זי זיך גע־זאָגט, אַז זי וועט מאַכען אַ סוף פון איהר דרעסמאַכעריי. זי האָט אַ מאַן, זאָל ער אַרבייטען און מאַכען פאַר איהר אַ לעבען, ווי אַלע מאַנען פאַר זייערע ווייבער. זי וועט מעהר ניט האָבען קיין דרעסמייקעריי און איהם ניט אַריינברענגען אין הויז קיין גע־ליעבטע... זי האָט אויף איהם געוואַרט — זי וועט איהם דאָס נאָך היינט זאָגען!... און ווי אַלע מאָל, האָט איהר די אַרבייט, אַ שטיקעל דרעסמייקעריי, געצויגען צו זיך, און זי איז די ציהעניש בייגעקומען און ניט געגאַנגען — זי וועט מעהר די אַרבייט אין האַנט ניט נעהמען... ס'איז געקומען דער סוף...

דערוואַרטען זיך אויף איהם האָט זי ניט געקענט. נאָך צוועלף אַזייגער, אַז די אויגען זיינען שוין ביי איהר אַזוי ווי צוגעקלעפּט געווען, איז ער נאָך ניט געווען. האָט זי זיך געלייגט שלאָפען. אין דער פריה, אַז זי האָט די אויגען געעפענט, איז נאָך די נעכטיגע פאַרביטערטע קרענקעניש אין איהר פריש געווען. זי האָט זיך אָבער אויך דערמאָנט, אַז נעכטען האָט זי ניט גוט צוגעגרייט די אַרבייט פאַר די מיידלעך — האָט זי זיך אונטערגעאיילט... איז זי געזעסען און צוגעגרייט די אַרבייט און זיך געזאָגט און גע'הזר'ט, אַז זי וועט מעהר ניט אַרבייטען קיין „דרעסמייקעריי“... זי האָט אַ מאַן, זאָל ער פאַר איהר מאַכען אַ לעבען, ווי אַלע מאַנען פאַר זייערע ווייבער... די מיידלעך זיינען אָנגעקומען צו דער אַרבייט, פלאָרא אויך. זי האָט זיי „דערלאַנגט צו דער האַנט“, און זי האָט זיך ווייטער געזאָגט דיזעלביגע, פעסט, זיכער — זי האָט אַ מאַן, זאָל ער פאַר איהר מאַכען אַ לעבען, ווי אַלע מאַנען פאַר זייערע ווייבער... זאָל ער אַלע טאָג אויפשטעהן פריה און געהן אַרבייטען, מאַכען אַ לעבען... זי וועט מעהר ניט זיצען ביי „דרעסמייקעריי“

און ער זאָל זיך ארומשלעפּען גאַנצע נעכט און שלאָפען ביז האַל-בען טאָג... א סוף... נאָר איהרע געדאַנקען האָבען זיך איבערגע-ריסען, און זי האָט אריינגעקוקט אין די הינטערשטע צימערען: האָט זיך איהר אָפּגעדאַכט, אַז ער איז אריין וואשען זיך?... מ׳קען ניט גוט הערען, ער געהט אין ווייכע שטעק-שיך... זי קען נאָך פאַר-שפּעטיגען מיט׳ן פרישטיק... מעהר פעהלט איהר טאַקע ניט...

זי האָט זיך אויפגעשטעלט און געגאַנגען זעהן, צי ער איז טאַקע אריין זיך וואשען...

זי זאָגט זיי צו

זיצענדיג אין טעאַטער, אין דער טונקעלקייט, האָט זי אַוועק־געצויגען איהרע הענט, „באַהאַלטען" זיי פון איהם, און ער האָט איהרע הענט אַליין ווידער אויסגעפונען. אַן אמת'ער שפּיעל ביי זיי אָנגעגאַנגען, ווי אויף דער ביהנע אַנטקעגען זיי. און ניט נאָר מיט די הענט, נאָר אויך מיט די קניה זייערע. ער האָט נאָר געוואָלט זיין קניה האַלטען צו איהרען צוגעשפּאַרט. און ניט מעהר ווי אַ שפּיעל איז דאָס געווען דערפאַר, ווייל ביידע האָבען זיי דאָך גע־וואוסט, אַז ס'איז ניט מעהר ווי אַן אָנשטעל. ניט זי האָט געוואָלט איהם איינרעדען, אַז זי איז אַזאַ צדקנית, און ניט ער וועט זיך אַזאַ זאַך לאָזען איינרעדען. וואָרים ער האָט דאָך געקויפט די טיקעטס פאַר'ן טעאַטער און וועט נאָך אויסגעבען מעהר געלט אויף איהר, ווייל ער האָט געוואוסט, אַז עס וועט זיך איהם „באַ־צאָהלען". דער טעאַטער מיט די איבעריגע זאַכען איז פאַר אידם געווען ניט מעהר ווי אַ צופּאָהר צום רעכטען עיקר. ער וואָלט דאָ היינט מיט איהר אין טעאַטער ניט געזעסען, ווען ער וואָלט מיט איהר ניט זיכער געווען. מ'האָט איהם אויף איהר געזאָגט, אויב ער וועט אויף איהר „ספּענדען", קען ער איהר „קריגען".

האָט איהם דערפאַר ניט געשראָקען איהר אָנשטעל פון פרעמדקייט און צניעות. ביז איצט איז געווען ווי מ'האָט איהם אויף איהר געזאָגט. ביי דער ערשטער באַקאַנטשאַפט האָט זי אָנגענומען זיין איינלאַדונג צו געהן מיט איהם שבת ביינאַכט פאַרברענגען. אין די רייד איהרע איז געלעגען עפּעס אַזוינס, וואָס האָט איהם צוגעזאָגט, אַז ער וועט זיך ניט אָפּנאַרען.

מיס נעפּטעל איז אַלט געווען אַ יאָהר צוויי און צוואַנציג. אַ

הויכליכער, אויסגעפילטער, עטוואָס מאַנסבילשער קערפּער; גלאַנ־ציג שוואַרצע האָר. איהר געזיכט, אמת, אָנגעפאַרבט, אָבער די פאַרב האָט פון איהר ניט אראָפּגעשריען, ניט געשטאָכען די אוי־גען, ניט געמאַכט איהר פּנים חצופה׳דיג; די רויטקייט ווי ניט קיין פרעמדע, ארויפגעטאָנענע, נאָר ווי מיטגעבאָרען, באַשאַפען געוואָרען אין איינעם מיט די באַקען איהרע. איהרע ליפּען רויטע, אַ ביסעלע גרעסער, ווי זיי וואָלטען אפשר געדאַרפט זיין, און די ציינער איהרע ווייסע, אויך אפשר אַ ביסעלע גרעסער ווי זיי וואָל־טען געדאַרפט זיין. די אויבערשטע מיטעלסטע צוויי ציינער ווי לאָפּעטקעס. און די רויטקייט מיט די ווייסקייט פון איהרע ליפּען און ציינער האָבען געבלישטשעט בשעת׳ן רעדען.

גערעדט האָט מען אויף מיס נעפּטעל׳ס געגנוג. ס׳איז געווען באַ־וואוסט פאר אַלעמען אין די רעסטאָראַנען, וואו זי פלעגט אריינ־קומען, אַז זי „זוכט" יונגע לייט — עלטערע אַ ביסעל מאַכט אויך ניט אויס. און אַלע ווייל׳ע האָט זי זיך געהאַט נייע, און מ׳האָט איהר געזעהן מיט זיי אין שפּעטע נאַכט־שטונדען, און מ׳האָט געוואוסט, אַז זי האָט ליעב גוטע סאַפּערס, טעאַטערס, פּרעזענטען, טעקסיס, באַקסעס קענדי. און אַז ער, דער היינטיגער, האָט איהר דערזעהן, און נאָכגעפרעגט ווער דאָס איז, האָט מען איהם גע־זאָגט, אַז ער קען איהר „קריגען" אויב ער זאָל נאָר וועלען „ספּענ־דען".

נאָכ׳ן טעאַטער זיינען זיי אריין אין רעסטאָראַן. זייער פּראָ־גראַם פאַר׳ן אָוועגד איז געווען דער געוועהנליכער: סאַפּער, דער־נאָך טעאַטער, דערנאָך ווידער רעסטאָראַן, דערנאָך טעקסי, דער־נאָך פאַרפאָהרען ערגעץ. אין רעסטאָראַן האָבען זיי אַ ווייל׳ע פאַר־בראַכט ביי קאַפע, „פּרענטש פּייסטרי", אַנדערע נאַשערייען. ער איז אַנטקעגען איהר געזעסען אַ פאַר׳שמחה׳טער מיט דעם נייעם שעהנעם געפינס, וואָס איהם האָט זיך אומגעריכט געמאַכט. אַזאַ יונגע, געזונטע, שעהנע. ער האָט זיך גע׳נחת׳ט אין דעם בליש־טשען פון איהרע רויטע ליפּען און ווייסע ציינער.

דערנאָך — טעקסי.

אַז זיי זיינען פון רעסטאָראַן אַרויס, האָט ער אַ וואונק געטאָן צו אַ טעקסי-טרייבער. די טירעל האָט זיך געעפענט, זיי זיינען אַריין. דער טעקסי-מאַן האָט געוואָלט וויסען — וואוהין? ער האָט אויף איהר אַ קוק געטאָן — צו איהר אַהיים.

זיין שמחה האָט זיך איצט אין איהם נאָך שטאַרקער צוואוואַקסען און געשפּאַרט זיך פון איהם אַרויס. עס לאָזט זיך אויס, ווי דער פּראָגראַם איז געווען אויסגעמאַכט, און אויפ'ן גלייכסטען וועג — צו איהר אַהיים. און ס'האָט איהם ניט געלאָזט וואַרטען. זיינע הענט האָבען זיך צו איהר געשטרעקט. נאָר זי איז געבליבען דיזעלביגע וואָס אין טעאַטער, און נאָך אַ ביסעלע „ערגער". אין טעאַטער האָט זי געמוזט שווייגען. דאָ האָט זי שוין אויך גערעדט. אוועקשאַרענדיג זיינע הענט פון איהר קערפּער, האָט זי געזאָגט:

— כ'האָב פיינט אַזעלכע זאַכען אין אַ טעקסי!

אין דער טונקעלקייט פון דער טעקסי האָט דער בלישטשען פון איהרע ליפּען און ציינער איהם ניט אַזוי געשווינדעלט אין די אויגען, אָבער געבריהט האָט עס איהם איצט נאָך מעהר דאָ אין זייער טונקעלער אָפּגעזונדערטקייט, געבריהט און אויפגעהיצט. אַנדערע באַקאַנטע מענער, וואָס האָבען זיך נאָך איהר געיאָגט, זיינען געפאַנגען געוואָרען פון אַנדערע ווייבערשקייטען איהרע, וואָס זי האָט געגנוג געהאַט. אָבער ער, דער היינטיגער, איז ווי אַן אָפּגעס'סמ'טער געוואָרען פון דעם בלישטשען פון דער רויטקייט און ווייסקייט פון איהרע ליפּען און ציינער. עס זיינען געווען אַזעלכע צווישען איהרע באַקאַנטע, וואָס האָבען דעם דאָזיגען בלישטשען ניט „דערזעהן" — זיינען זיי דערפון ניט געפאַנגען געוואָרען. זיי האָבען געזעהן און זיינען פאַרכאַפּט געוואָרען פון אַנדערע זאַכען. איהר הויכליכער, געזונט-אויסגעקנאָטענער קערפּער. און זי האָט געקאַרגט, געוויזען וואָס ווייניגער פון איהר קערפּער. אַנדערע פון איהרע מענער זיינען איינגענומען געוואָרען פון די נאַקעטע האַלב אָרעמס איהרע ביז די עלענבויגענס, פון די קורצע אַרבעל אַרויס, וואָס האָבען אָפּגעגעבען אַ להכעיס-גרוס

פון איהר קערפּער, פאַרדעקט און באַהאַלטען אין קליידער. די דאָ-זיגע האַלב-קורצע אַרבעל ביז די עלענבויגענס איז ביי איהר געווען אַ נייע זאַך. פריהער האָט זי כמעט גאָר קיין אַרבעל ניט געהאַט אויף זיך, ניט מעהר ווי רייפלעך דאָרט אויבען, וואו ס'דאַרפען זיך אָנהויבען די אַרבעל. געוויזען פון איהר פאַרמעגענס וויפיעל ס'איז נאָר מעגליך געווען. לעצטענס האָט זי מסתמא אויסגערעכענט, אַז ווען זי וועט די נאָכלויפער איהרע ווייזען ווייניגער, וועט זיי דאָס האַלטען פעסטער. אַזוי פיעל קענט איהר זעהן, און ניט מעהר. די איבעריגע, וואָס איך האָב, פּרוואווט זוכען, אויב איהר וועט קענען, אויב מ'וועט אייך לאָזען. און די קורצע אַרבעל האָבען ברייטע „מיילער" איבער די עלענבויגענס, וואָס לאָזען זעהן אַ קליינינקייט העכער ארויף — די ווייכע, זאַפטיגע אָרעמס. און דאָס איז פאַר די נאָכלויפער נאָך „ערגער". מ'זעהט, אַז דאָ הויבט זיך ערשט אָן, און ס'איז פאַרשלאָסען און פאַרפּאַנצערט. זיינען אַנדערע איינגענומען געוואָרען פון אָט די ברייטע „מיילער" פון די אַרבעל, וואָס האָבען זיך גערייצט מיט'ן „אָנהויב". און זיי זיינען ווייטער איינגענומען געוואָרען פון די אויסגעשניטענע אָרום איהר האַלז, וואָס איז אויך געווען געקאַרגט, אויסגערעכענט אויפ'ן האָר. אַמאָל איז די אויסגעשניטענע געגאַנגען ביז גאָר טיעף אַרונטער — אַזוי טיעף, אַז ווייטער, טיעפער האָט שוין ניט גע-קענט זיין פאַר דער וועלט. איצט איז אין די אויסגעשניטענע אָרום איהר האַלז אַריינגעטאָן דערזעלביגער חשבון, וואָס אין די אַרבעל. די נאַקעטע האַלז אַ ווייסע, מיט די ווייכע זאַפטקייט פון ווייסען, דיקליכען זייד — נאָר ווער טראַכט פון זייד אין אַזאַ צייט ? — און אַ שטיקעל נאַקעטקייט ווייטער אַרונטער פון האַלז צום ברוסט — און ס'איז צוגעדעקט, באַהאַלטען פון אַ פרעמדער אויג — אפילו דאָס שטיקעל אָרט אויפ'ן ברוסטקאַסטען, וואו ס'ענדיגט זיך די פלאַכקייט און ס'הויבט זיך אָן דער טאָל צווישען די צוויי פאַנאַנ-דערגעטיילטע — ניטאָ פאַר אייך מעהר איצט. טראַכט, פּרובירט זוכען, אויב איהר וועט קענען, אויב מ'וועט אייך לאָזען... און די קוקערס קוקען און ווייסען גענוי פון אַלץ, ס'איז פאַר זיי ניט

קיין סוד. זיי קענען אָפּמאָלען אַקוראַט, אָהן דעם מינדסטען גרייז, וואָס און ווי אַזוי, און דאָך ווילען זיי ניט רוהען און קענען ניט, און מוזען זיך „איבערצייגען" וועגען די פּאַרדעקטע, באַהאַלטענע. זיינען אַנדערע גענומען געוואָרען פון איהר קערפּער און פון די זאַכען אויף איהר קערפּער; ניט גע'שרפ'עט געוואָרען פון דעם בלישטשען פון די שאַרפע רויטקייט און ווייסקייט פון איהרע ליפּען און ציין. איהר קערפּער האָט דעם בלישטשען פאַרטונקעלט.

דער היינטיגער, דער נייער, האָט אויך געווים געזעהן איהר אין איהר גאַנצער גאַנצקייט. נאָר געוועלטיגט איבער איהם האָט דער רויטער און ווייסער בלישטשען פון איהרע ליפּען און ציינער.

ער האָט מיט איהר ניט גערעדט פון נאָהענטע, פּערזענליכע זאַכען, ניט נאָכגעפרעגט „ווער און וואָס" זי איז, מיט וועמען זי וואוינט; ניט גערעדט מיט איהר פון „וועלט-זאַכען". וואָרים די נאָהענטקייט צו איהר, וואָס ער האָט געזוכט, איז געווען אַ פּאַר-וויטערטע נאָהענטקייט. ער וועט בלייבען ווייט פון איהר און האַלטען איהר ווייט פון איהם נאָכדעם ווי ער וועט דערגרייכען די נאָהענטסטע נאָהענטקייט וואָס צוויי מענשען קענען זיך זיין איינער צום אַנדערען. דער גאַנצער באַקענען זיך מיט איהר איז דאָך געווען נאָר צו קריגען פון איהר די „ליעבע", וואָס זי גיט פאַר סאַפּערס, טעאַטער-טיקעטס און נאָך אַזעלכע זאַכען; און ער איז צופריעדען געווען דעם האַנדעל דורכצופיהרען. און וועגען אַנדערע זאַכען, וואָס האָבען ניט צו טאָן מיט איהר קערפּער, איהר „ליעבע", האָט ער מיט איהר ניט וואָס צו רעדען. גערעדט צו איהר רייד, וואָס געוויסע רעדען צו „אַזאַ", נאַרישע חכמות און וויצען. ער האָט אפילו ניט געזוכט אויסצופיינען זיך פאַר איהר מיט עפּעס, מאַכען זיך פאַר איהר וויכטיגער, ווי ער איז — צו וואָס?

זי האָט געהייסען דעם טרייבער זיך אָפּשטעלען. זיי זיינען אַרויס. און ס'איז ניט געווען ווי דער פּראָגראַם איז ביי איהם געווען אויסגעמאַכט, ווי ער איז זיכער געווען, אַז עס וועט זיך אויסלאָזען: זי וועט נעמען געהן אַרויף די טרעפּ און ער וועט איהר

נאכגעהן. זי איז געבליבען שטעהן אויפ'ן קארנער. און ער האט אויך געמוזט בלייבען שטעהן. ס'איז געווען שפעט. אין א פאר מינוט ארום האט זי איהם דערלאנגט א האנט צום געזעגענען זיך.

— איך וואוין א פאר בלאק פון דאנען — האט זי איהם געזאגט — גוד נייט!

ער איז שטארק דערשראקען געווארען.

— מיס נעפטעל!...

— יעס.

— כ'וויל ארויפגעהן מיט אייך... צו אייך אין רום...

— ביי מיר אין רום?

זי האט געלאכט און ארויפגעפייערט אויף איהם א געוואלדיגען בלישטשען פון איהרע ליפען און ציינער.

— כ'וויל מיט אייך ארויפגעהן...

— דאס קען מען ניט היינט. מיר זיינען היינט געגאנגען דעם ערשטען מאל... כ'טהו קיינמאל ניט אזוי... מיר וועלען זיך מעהר באקענען... אזוי גיך ווילט איהר שוין זיין ביי מיר אין רום?...

זי האט געלאכט.

נאר איהם איז קיין געלעכטער איצט ניט איינגעגאנגען. ער האט זיך געפונען אין א סכנה צו פארלירען איהר אויף היינט... און ער איז שוין דערגאנגען אזוי נאהנעט... אויפווארפען איהר, ס'טייטש, זי האט איהם אפגעקאסט געלט — דאס האט ער איצט מורא געהאט — זי קען נעמען און אנטלויפען פון איהם. איז ער א פארטיגער... זי האט געזאגט, אז איצט קען זי ניט, ס'איז דער ערשטער מאל, וועט ער פרובירען איהר איבעררעדען...

— מיס נעפטעל... כ'קען ניט אוועקגעהן פון אייך... לאזט מיך ארויפגעהן...

— ניט היינט. דער ערשטער מאל וואס מיר געהען.

— וואס מאכט דאס אוים? לאזט מיר...

— היינט קען איך ניט...

ער האט גענומען בעטען, אמת בעטען, אנגענומען איהרע הענט.

— פאַר וואָס זאָלט איהר זיין אַזוי?... כ׳וויל ארויפגעהן מיט אייך...

זי האָט איהרע הענט אַוועקגעצויגען.

— היינט געוויס ניט. איך קען ניט. דעם ערשטען מאָל טהו איך דאָס קיינמאָל ניט. מיר וועלען זיך טרעפען נעקסטען שבת אָווענד.

— פאַר וואָס ניט היינט? — האָט ער געבעטעלט. נאָר די הארץ האָט איהם שוין „געזאָגט“, אַז היינט וועט ער ביי איהר גאָר נישט אויספיהרען...

— איכ׳ל ארויפקומען צו אייך מאָרגען אָווענד...

— מאָרגען געוויס ניט. כ׳וועל ניט זיין אין הויז. כ׳קום שפּעט אהיים מאָרגען.

— מאָנטאג...

— איך זאָג אייך, אַז מיר וועלען זיך טרעפען נעקסטען שבת אָווענד. פריהער קען איך ניט. פאָלגט מיר בעסער וואָס איך זאָג אייך. אייך וועט ניט פאַרדריסען איהר׳ט זעהן.

ער האָט זיך געבעטען אויף דינסטאג, מיטוואָך, און געמוזט אונטערגעגבען זיך אויף שבת, ווי זי האָט געוואָלט.

פאַרפאַלען — שבת.

— איכ׳ל ארויפקומען צו אייך אין רום באַלד אין אָווענד.

אָבער ניין, דאָס אויך ניט. זיי וועלען זיך טרעפען אין רעס-טאָראַן האַלב נאָך זעקס.

ער האָט ווייטער געבעטען, און ס׳האָט איהם ווייטער ניט געהאָלפען. פולשטענדיגער אונטערגעגעבען זיך צו איהר ווילען. ניט פריהער ווי שבת, אין רעסטאָראַן, האַלב נאָך זעקס. און דער-פאַר האָט זי איהם עטליכע מאָל פאַרזיכערט, אַז נעקסטען שבת אָווענד וועט ער שוין אַליין „אויסגעפינען“, אַז ס׳וועט איהם ניט פאַרדריסען, אויב ער וועט איהר נאָר פאָלגען און פון איהר איצט זיך אָפּטשעפּען, ניט זיין איינגעשפּאַרט.

זי האָט איהם פריינדליך געהייסען געהן, געזאָגט „גוד-נאַיט“ און אַוועק פון איהם מיט האַסטיגע טריט.

2

אין איהר „רום“ — וואו האָט זי געהאַט אַ רום?

די מאַמע האָט דערהערט, ווי זי איז אין הויז אַריינגעקומען, און זי האָט געזאָגט פון איהר בעט אַרוים:

— באַשקע, באַשקע, וואָס ביזטו געקומען אַזוי שפּעט שלאָפען? כ׳האָב איינגעווייקט די וועש. מאָרגען באַלד אין דער פריה וועלען מיר זיךביידע שטעלען וואַשען.

באַשקע האָט געענטפערט, אַז ס׳וועט זיין אַלרייט, און גענומען זיך אויסטאָן.

אין הויז, אין די אָרימקייט און ענגעניש, אין די צוקרימטע, גראָבע שאָטענס פון אַ פאַר׳חושך׳טען גאַז-ברענער, איז מיט נעפּ-טעל געוואָרען באַשקע, וואָס וועט זיך מאָרגען, זונטאג, גאַנץ פריה שטעלען וואַשען די וועש מיט איהר מאַמען. מיט זיך אַליין, דאָ איצט, האָבען איהרע ליפען און ציין ניט געבלישטשעט, פאַר-שטיקט געוואָרען. אפשר דערפאַר, ווייל זי האָט אַליין אין זינען ניט געהאַט דעם בלישטשען, פאַרגעסען זיך, אַז זי פאַרמאָגט אַזא זאַך. ניט געדאַרפט איהם — איז ער ניט געוועזן. איהר נאַקעטע, קלאָרע האַלז האָט זיך דאָ ניט געשפּיגעלט אין דער „דעקאָלטע“ פון איהר שוואַרצער קלייד, און די נאַקעטע האַלבע אָרעמס פון די ברייטע „מיילער“ פון די אַרבעל האָבען דאָ גאָרנישט „גע-מיינט“, קיינעם ניט פאַרטשעפעט — מסתמא צוליעב דער זעלבער אורזאַך, וואָס דער בלישטשען איז דאָ מעהר ניט געווען. באַשקע׳ס געזיכט איז דאָ איצט געווען „אמת“ — ניט ווי איהר ווילט זיך ס׳זאָל זיין בשעת זי געפינט זיך אין רעסטאָראַן, צי אין טעאַטער, צי אויפ׳ן גאַס. דאָ פאַרגעסט זי זיך, אַז זי האָט אַ געזיכט, ווי אַ מענש איינער אַליין אין אַ חדר.

אַז זי האָט שוין געהאַט אַראָפּגענומען די אויבערשטע יום-טוב׳דיגע קליידער, האָט זי אַרויסגעשלעפּט פון ערגעץ אַן אויפ-שטעל-בעטעל, אויסגעגלעט, אויסגעגלייכט די קישען מיט׳ן צודעק, און גענומען אַראָפּוואַרפען פון זיך די איבעריגע זאַכען. דאָ אין

הויז קריגט מען גאַנץ וועניג באַדינונג. מ'נעמט זיך און מ'עסט, מ'גיסט זיך אָן טיי און מ'טרינקט, מ'שטעלט זיך אויף די בעטעל און מ'לייגט זיך שלאָפן.

פאַר'ן לייגען זיך האָט באַשקע פאַרשטעקט ערגעץ די באָקס מיט די איבערגעבליבענע קענדי פון איהר היינטיגען „אויסגעהן“. די קליינע קינדער ווייסען, אַז ווען באַשקע קומט שפּעט אַהיים, ברענגט זי מיט זיך קענדי. די גרויסע באָיעס ווייסען אויך דער־פון, און אַז זי לאָזט איבער די קענדי פון אויבען־אויף, ווערט באַלד באַגינען אַ האַרגעריי איבער די קענדי. ווייס שוין באַשקע, אַז זי דאַרף באַהאַלטען, יעדען מאָל אין אַן אַנדער אָרט, און דערנאָך צוטיילט זי דאָס צווישען די קלענערע. די גרעסערע באָיס, די פּאַרדיענערס, קומט אָן מיט צרות אַרויסצוקריגען פון באַשקען אַ ברעקעל קענדי.

די גאַנצע געשיכטע פון איהר נייער באַקאַנטשאַפט, דער „אויסגעהן“, טעאַטער, רעסטאָראַן, טעקסי, מיט איהר צוזאָגען אויף נעקסטען שבת אָוונד, מיט זיין טשעפּען זיך צו איהר — דאָס אַלץ איז שוין ביי באַשקען כמעט אין גאַנצען געוועזען אַרויס פון זינען. ס'איז ביי איהר אַ קנאַפּער נייעס. זי האָט ניט געהאַט וועגען וואָס צו פאַנטאַזירען. האָט זי באַלד איינגעשלאָפען.

3

קיין טאַטע איז אין הויז ניט געווען. ס'איז געווען אַ מאַמע, אַן אַלמנה, מיט קינדער. באַשקע איז געווען די עלטסטע. ניט קיין גוטע, איבערגעבענע קינדער געווען. באַשקע איז געווען די בעסטע פון זיי. צוויי באָיעס האָבען שוין געאַרבייט, און געצאָהלט אין הויז האָבען זיי ניט מעהר, וויפיעל ס'וואָלט זיי געקאָסט אין דער פרעמד, אויסגערעכענט אויפ'ן סענט. זיי האָבען ניט געוואָלט ווי־סען, אַז ס'זיינען דאָ קלענערע קינדער, וואָס דאַרפען געהן אין סקול און מ'מוז זיי אויסהאַלטען. טאָמער זאָגט מען זיי אַ וואָרט, מ'דערמאָנט זיי וועגען די יתומים, נעהמען זיי באַלד סטראַשען און פּאַקען זיך אַרויסצומופען. נאָר באַשקע פיהלט דעם יאָך. ס'איז

ניטאָ קיין טאַטע און מ׳מוז אויסהאַלטען די שטוב מיט די מאַמען מיט די קינדער, ביז זיי וועלען גרעסער ווערען און קענען אַליין פאַרדיענען. אויב אַנדערע ווילען ניט וויסען, מוז זי דאָס אַליין טאָן. בלייבט איהר גאָר ניט איבער פון איהרע פאַרדיענסטען פאַר זיך אַליין, צו פאַרשאַפען זיך, וואָס אַ מיידעל אין דער גרויסער שטאָדט מוז האָבען. אָבער באַשקע זוכט און קריגט די זאַכען אויף איהר אייגענעם וועג.

פון ערגעץ, פון עפּעס האָט זיך אין באַשקע׳ן אויסגעאַרבייט אַן איבערצייגונג, אַ זיכערקייט, אַז די מענער זיינען ניט מעהר ווי הינט, חזירים, און מ׳מעג און ס׳איז גאָר אַ מצוה אַרויסצו-רייסען פון זיי וואָס מ׳קען נאָר, און דערנאָך אויסשטעלען זיי אַ נאָז, געבען זיי אַ „גוטע מכה“. אָנגעהערט זיך מסתמא די דאָזיגע תורה פון אַ סאָרט מיידלעך באַקאַנטע, מיט וועלכע זי איז זיך צו-זאַמענגעקומען. די תורה איז איהר געפעלען געוואָרען און זי האָט עס אָנגענומען. און נאָך גיכער מסתמא דערפאַר, ווייל פאַר איהר האָט זיך אַזאַ תורה געפּאַסט, זי האָט עס שטאַרק נויטיג געהאַט, און זי האָט געפיהלט, אַז איהר וועט ניט שווער זיין דאָס דורכ-צופיהרען. אין איהר פּראַקטיצירען האָט איהר גוט אויסגעהאָלפען איהר שעהנער פּנים מיט׳ן בלישטשען פון די רויטע ליפּען און ווייסע ציינער; איהר הויכליכער, דיקליך-אויסגעקנאָטענער קער-פּער — די נאַטירליכע געוועהר. און נאָך געוועהר האָט זי זיך אַליין אויסגעשאַרפט: אָרעמס גאָר אָהן אַרבעל און די אויסגעשניטענע אונטער׳ן האַלז ביז די טיעפסטע טיעפעניש, און דערנאָך די האַלב-קורצינקע אַרבעלעך מיט די ברייטע „מיילער“ און די געקאַרגטע אויסגעשניטענע — אָפּצוגעבען להכעיס-גרוסען, צו הייסען זוכען ווייטער, אויב מ׳וועט לאָזען... און די פאַרשפּרעכונגען איהרע, די גוטע צוזאָגען אויף „נעקסטע וואָך“... און זיי וועט ניט פאַרדריי-סען, אַז זיי וועלען פאָלגען און וואַרטען... און דער הייסען זיי פאַרלאָזען זיך אויף א י ה ר, און דער זיי וועלען אַליין „אויסגע-פינען“... בעלנים זיינען דאָ גענוג. זיי לויפען נאָך ווי די הינט. אין אָנהויב זיינען זיי לוסטיג, זיי דאַרפען זיך ניט זאָרגען און

ניט מיהען, זיי דאַרפען נאָר „ספענדען“; און זיי זיינען אפילו חוצפּה'דיג, ווי געוועהנליך מיט „אזא“. דערנאָך פאַרלאָזט זיי די זיכערקייט, די לוסטיגקייט זייערע געהט אוועק, זיי לאָזען אראָפּ די נעזער, און מ'נעהמט זיך אפילו בעטען, קליאַנטשען... האָט שוין באַשקען ניט אויסגעפּעהלט קיין גוטע סאַפּערס אין רעסטאָ-ראַנען, מיט טעאַטערס, מיט טעקסיס, און „גלאָווס“ און „בעגס“ און „אמברעלאַס“. געוואוסט האָט באַשקע, אז קיין תכלית איז דאָס ניט פאַר איהר. אַלע מאָל אָנגעהן אזוי קען מען ניט און עס טויג ניט. אַ מיידעל דאַרף חתונה האָבען. נאָר דערווייל קען זי נאָך ניט חתונה האָבען און איבערלאָזען די מאַמען מיט די קליינע קינדער. די קינדער וועלען ענדיגען סקול — זי קלערט ניט וועגען האי סקול און אנדערע זאכען פאַר די קינדער — זיי וועלען נעהמען פאַרדיענען, וועט זי חתונה האָבען. זי וועט זיך אויסזוכען אַן אָרענטליכען יונגען מאַן און חתונה האָבען. צווישען די אין רעס-טאָראַן, מיט וועמען זי געהט אין טעאַטער, פאָהרט אין טעקסיס און נעהמט פון זיי, וואָס זי קען נאָר ארויסקריגען, די זיינען ניט אויף חתונה האָבען. זיי זיינען ניט באַשאַפען געוואָרען אויף חתונה האָבען — ניט מיט איהר, הייסט עס. זיי זוכען זיך עפּעס אנדערש. און אַ סך פון זיי, גאָר אַ סך, זיינען גאָר פאַרהייראַטע. זיי טויגען נאָר ארויסצוקריגען פון זיי גוטע זאכען. אַ לעבעדיגער מענש און אַ מיידעל איז באַשקע פונדעסטוועגען, און אז דער זכר איז אַ שעהנער, אַ יונגער, ער געפעהלט איהר, לאָזט זי זיך אמאָל אַ קוש טאָן און גיט צוריק אַ קוש — ניט מעהר. אָבער די עלטערע בעל-עבירה'ניקעס לאָזט זי ניט צו. האַלט זיי ווייט פון זיך.

4

אזא מיידעל, ווי באַשקע, איז גאָר ניט אזוי גרינג אָנגעקומען צו דערגרייכען איהר איצטיגע שטופע. ווי קומט זי צו אזעלכע מענשען, וואָס גיבען טאַלער און אַ האַלביגע סאַפּערס, מיט טעאַ-טערס אויף בראָדוויי, מיט טעקסיס, מיט נאָך גוטע זאכען? אין איהר אָרימער הויז, אויף דער אָרימער גאַס, האָט זי זיך צו די

דאָזיגע זאַכען ניט געקענט דערשלאָגען. אָנגעהויבען פיהרען די שטיק איהרע האָט זי אויף אַן אָרימען שטייגער, מיט די לייטע פון איהר שטאַנד, אין די פּלעצער, וואו זי האָט געאַרבייט. אָבער ווייט האָט זי מיט זיי ניט געקענט אַוועקגעהן. יענע, ניט קיין רייכע און ניט קיין „ספּאָרטס“, האָבען פון איהרע קונצען ניט געוואָלט וויסען. ס'קאָסט זיי געלט, ווילען זיי האָבען וואָס זיי קומט. האָבען זיך דערפאַר די באַקאַנטשאַפטען אַלע מאָל אויסגע-לאָזען מיט קריגעריי און סקאַנדאַלען. האָט זיך באַשקע גענומען אויף אַ ביסעל אַן אַנדער וועג. זי וועט ניט האָבען צו טאָן מיט אַזעלכע, וואָס קענען איהר, ווייסען, ווער זי איז, זעהען זיך אָפּט מיט איהר. זי האָט זיך גענומען צו אַן אַנדער סאָרט, אין גאַנצען פרעמדע. שווער קומט דאָס ניט אָן. מ'זעהט געוויסע חברה אַזעלכע ארום די טעקסי-קעבס, חברים פון די טרייבערס, ביי די רעסטאָ-ראַנען אויף גרענד סטריט, האוסטאָן סטריט, סעקאָנד עוועניו און אַנדערע גאַסען. מ'דאַרף ניט זוכען קיין וועגען ווי מיט דער דאָזי-גער חברה זיך צו באַקענען. זיי לאָזען אַליין ניט פאַרבייגעהן קיין מיידעל: ווינקען צו, הויבען אָן רעדען. אַ סך פון די פאַרטשעפּע-טע געהן פאַרביי מיט פאַראַכטונג; אַנדערע ענטפערען מיט זידעל-ווערטער און געהן ווייטער זייער וועג; און נאָך אַנדערע בלייבען שטעהן. באַשקע האָט פון די חברה געוואוסט. ניט איינמאָל האָבען זיי איהר צוגעוואָרפען ווערטלעך און רייד. און אַז זי האָט זיי גע-דאַרפט, האָט זי פאַרקניפּט מיט זיי באַקאַנטשאַפטען. אָבער איהר ערפאַהרונג מיט די דאָזיגע איז געווען נאָך ערגער ווי מיט איהרע פריהערדיגע. די דאָזיגע חברה-לייט זיינען גראָב און פאַרמעסטען זיך באַלד מיט'ן קלאַפּ. פאַר אַמאָל אָפּעסען, צי פאַר אַ מואַווינג פּיקטשור, פאַר'ן קלענסטען פּרעזענט, ווילען זיי שוין קריגען אַלצ-דינג. פון אָנהויב ביז'ן סוף. ביי די ערשטע צוויי-דריי פון זייערע האָט זי געמאַכט אַ סוף, און זיך געפרעהט, אַז זי איז ארויס גאַנץ מיט איהר לעבען. דער לעצטער, מיט וועמען זי האָט געהאַט צו טאָן, האָט איהר אָפען געזאָגט, אַז ער וועט איהר דער'הרג'ענען פאַר'ן אָנפיהרען מיט איהם „מאָנקי-ביזנעס“, אַז זי וועט איהם

צוריק ניט אוועקגעבען „עווערי גאָד דעם סענט“, וואָס ער האָט אויף איהר אויסגעבען, און אָנגערופען איהר מיט די מיאוס'טע נעמען און געפּאָכעט מיט אַ פויסט איהר אין פּנים אַריין. און ס'איז אויף באַשקע'ן אַ געוואַלדיגע שמחה געווען אַז די געשיכטע האָט זיך געענדיגט... זי וועט שוין אַזעלכע זאַכען מעהר ניט טאָן...

האָט זי אַ ווײַלע גערוהט, און ס'איז איהר געווען אומעטיג און לאַנגווײַליג. די געוויסע פילאָזאָפיע וועגען די „מענער“ האָט אין איהר נאָך געלעבט, און דער פאַרלאַנג צו לעבען און פאַרברײַנגען איז אין איהר ניט געשטילט געווען; ס'איז נאָך געוואַקסען שטאַרקער. און דערפאַר האָט זי זיך אַרײַנגעוואָרפען מיט גאָר אַ נייעם חשק אין איהר אַרבייט, ווען זי איז אַרײַנגעפאַלען אין אַ נייער וועלטעל, אַ העכערע, אַ בעסערע וועלטעל.

אַ נייע חבר'טע איהרע האָט איהר אַמאָל אַרײַנגעפיהרט אינ־וועניג אין דער וועלטעל, וואו דרויסען שטעהען טעקסי-קעבס מיט די טרײַבערס מיט זייערע חברים. די נייע חבר'טע האָט איהר גע־בראַכט צו פיהרען אין אַ שעהנעם, גרויסען רעסטאָראַן, וואו זי האָט פריהער געהאַט צוגעזאָגט אַ באַקאַנטען, אַז זי וועט איהם ברענגען איינע, מיט וועמען ער וועט קענען אַביסעל פאַרברײַנגען. די נייע באַקאַנטע איז געווען איינע, וואָס האָט שוין אין יענער וועלטעל אַ רעכטע ווײַלע פאַרבראַכט. די מענשען אין דער נייער וועלטעל זיינען געווען פון אַ „העכערען קלאַס“ ווי די, מיט וועלכע באַשקע איז זיך ביז איצט צוזאַמענגעקומען: ביזנעסלײַט, מאַנו־פעקטשורערס, סיילסלײַט, וואָס קומען אַהין אין די רעסטאָראַנען מיט פרעמדע ווײַבלעך — אַמאָל מיט דער אייגענער ווײַב אויך — און זוכען זיך נייע באַקאַנטשאַפטען. מ'פאַרברײַנגט, מ'עסט און מ'טרינקט, און מ'גיט זיך איינער דעם אַנדערען איבער געהיימע נײַעסען און פּאַסירונגען... אָרענטליכע, אָנשטענדיגע לײַטע, וואָס זיי מעגען אָפּטאָן און טוען אָפּ און גיבען זיך נאָך אַלץ וואָס זיי גלוסט זיך, אָבער אַלץ אויפ'ן פיינעם, אָנשטענדיגען אופן, ס'הייסט, ס'זאָל זיין שאַ, שטיל, „קיינער זאָל ניט וויסען“. באַשקע האָט באַלד דערזעהען, אַז דאָס זיינען גאָר אַנדערע מענשען, און מורא

פאַר זיי דאַרף זי געווים ניט האָבען. זי האָט פאַרשטאַנען, אַז אויב זי וועט זיי נאָר לאָזען צורה, האָט זי פאַר זיי ניט וואָס מורא צו האָבען, וואָרום זיי אַליין היטען זיך, אַז ס'זאָל זיין וואָס שטילער...

דאָ איז איהר אַוועקגעגאַנגען גוט. באַלד אַריינגעלעבט זיך אין דעם קרייז, געוואָרען גיך איינע פון זייערע. גאָר אין אָנהויב בלויז האָט זי זיך אַביסעל געשראָקען, אַז זי „באַהייוועט" זיך אפשר ניט ווי ס'פּאַסט זיך. זי האָט אָבער שנעל געכאַפּט דעם גאַנצען שניט, געוואָרען אַן אייגענע, ווי זי וואָלט דאָ שוין אַריינגעקומען פון יאָהרען; ניט פאַרטשעפּעט זיך מיט איהרע רייד, גערעדט אַ סך, פריי, געשאָטען רייד ווי ביי איהר אין דער היים. אָבער פאַרבליבען איז זי די זעלביגע באַשקע, וואָס געווען; ס'איז אייגענטליך געוואָרען פון איהר צוויי: מים נעפּטעל, די אויסגעפּוצטע מיט די אָרעמס איהרע, מיט'ן אויסגעשניטענעם האַלז, מיט'ן אָנגערויטעלטען געזיכט און מיט'ן בלישטשען פון די רויטע ליפּען און ווייסע ציינער — די דאָזיגע אַלע זאַכען, וואָס זי האָט אין זינען געהאַט בשעת זי איז געווען דאָרטען, מיט יענע; און די וואָכעדיגע באַשקע, ביי איהר אין שטוב, מיט איהר מאַמען און מיט די קינדער, וואו זי האָט די אויסגערעכענטע זאַכען ניט געדאַרפט, און ס'איז איהר גאָר אין זינען ניט געלעגען, אַז זי האָט אַזא פאַרמעגען.

5

אַז די צייט וועט קומען — די קינדער וועלען ענדיגען סקול און נעהמען פאַרדיענען — וועט זי זיך קריגען אַ יונגען מאַן, אַן אָרענטליכען, און חתונה האָבען. פאַר „פאַרזעסען ווערען" שרעקט זי זיך ניט. זי גלויבט שטאַרק אין איהרע מעלות — איהר שעהנקייט, און זי ווייס נאָר, אַז מיט וועמען זי באַקאַנט זיך, קען זי פון איהם ניט פּטור ווערען — האָט זי טאַקע אַ גרויסע דאגה מיט חתונה האָבען! איהר לעצטע זאָרג זאָל דאָס זיין!... אין דער וועלטעל פון רעסטאָראַנען, מיט טעאַטערס, טעקסיס, וועט זי זיך איה-

רען ניט זוכען, ווייל ס'איז פאַר איהר ניטאָ — שטאַרק זיכער, שטאַרק איינגעשראָקען. זי וועט נעהמען אַזאַ, ווי אַלע אין איהר משפחה, ווי איהרע קוזינעס, איהרע טאַנטעס, איהרע חבר'טעס. אַן איינפאַכען יונגען מאַן, מסתמא אַ שניידער, צי עפּעס אַנדערש. זי האַלט ניט פון דעם, אַז „מיליאָנערען" נעהמען אָרימע מיידלעך — דאָס טרעפט אפשר אַמאָל אין טויזענד יאָהר. דאָס איז בלאָפס מיט נאַרישקייט. אַ מיידעל טאָר גאָר ניט טראַכטען פון אַזעלכע זאַכען. און זי וועט זיך „סעטלען", נעהמען פיהרען אַ לעבען, ווי אַלע וואָס זי קען. און זי וועט זיך פון קאָפּ ארויסשלאָגען טאָלער און אַ האַלביגע סאַפּערס, מיט טעאַטערס, מיט טעקסיס. אַז ס'וועט ניט זיין, וועט איהר ניט ארען, וועט זי לעבען אָהן די זאַכען, וועט זיך איהר ניט וועלען. מ'קען לעבען אָהן טאָלער און אַ האַלביגע סאַפּערס און אָהן „פּרעגנטש פּייסטרים". איצט, אַז זי קען קריגען, נעמט זי. ס'קאָסט איהר עפּעס? אַלע קריגען זיי ביי איהר אַ „גוטע מכה". און אָנריהרען מיט אַ פינגער אפילו לאָזט זי זיי? וואָס אַרט איהר, אַז זיי מיינען? זאָלען זיי מיינען! היינט קען זי זיי, מאָרגען קען זי זיי ניט. אַז זי וועט אויפהערען מיט זיי ארומגעהן, ניט קומען אין רעסטאָראַן, וועלען זיי איהר אפילו אין די אויגען ניט אָנזעהן. וואו איז זי און וואו זיינען זיי?...

איז שוין אויסגעקומען, אַז וואָס מ'האָט אויף מים נעפּטעל געזאָגט, גערעדט, אָנגעוויזען, איז געווען אמת נאָר אויף אַ העלפט, צי נאָך ווייניגער, אַ דריטעל, אַ פערטעל. ס'איז אמת געווען, אַז זי זוכט צו קריגען גוטע סאַפּערס, טעאַטערס, טעקסיס, פּרעזענטען. אָבער וואָס מ'האָט ווייטער געזאָגט אויף איהר, איז שוין געווען אַ ליגען. ס'האָבען גערעדט און אָנגעוויזען די אָפּגענאַרטע, אָפּגעשמיסענע, באַריהמערס, באַריידערס.

בייטאָג ארבייט באשקע אין שאָפּ. אין די אָוונדען האָט זי צו טאָן אין הויז, נייהען, פאַררירכטען קינדערשע זאַכען — אַזוי פיעל מענשען אין הויז. נאָר צוויי מאָל אַ וואָך, שבת אָוונד און נאָך אַן אָוונד, קומט ניט באשקע אהיים פון דער ארבייט. זי פאַרגעהט אין רעסטאָראַן אָדער ערגעץ אויף אַן אַנדער אָפּגערעדטען

פלאָץ. וואָרים גאָר אָפט האָט באַשקע צוויי מיט אַמאָל, און ס'איז בעסער, אַז איינער זאָל פונ'ם צווייטען ניט וויסען — מוז זי זיך טרעפען מיט זיי אין באַזונדערע פּלעצער.

6

מיטוואָך אָוונד האָט ביים קאָרנער דראָג סטאָר געוואַרט אויף מיס נעפּטעל אַ קליין-געוואַקסיגער בחור, אַ ליכטיגער, מיט רויטע בעקלעך, מיט פּיטשינקע, ליכטיגע וואָנטשקעלעך אונטער דער אויסגעביינערטער, האַלב-קיילעכדיגער נאָז. אונטער'ן אָרעם האָט ער געהאַלטען אַ פּעקעל פאַר מיס נעפּטעל. מיס נעפּטעל מיינט, אַז ער איז טאַקע אַ „דזשאַבער" פון וויבערשע זיידענע אונטער-וועש און זאָקען, ווי ער האָט איהר געזאָגט. נאָר אַז זי וואָלט אפילו געוואוסט דעם אמת, אַז ער איז ניט מעהר ווי אַ בוכהאַלטער ביים „דזשאַבער", און די זאַכען פאַר איהר האָט ער געקראָגען אויף „קאָסט פּרייז", וואָלט עס איהר אויך ווייניג וואָס געקימערט. זי דאַרף נאָר קריגען דאָס איהריגע, די איבעריגע איז ניט איהר עסק.

מיס נעפּטעל דאַרף ניט פרעגען וואָס דאָס איז פאַר אַ פּעקעל. זי ווייס, אַז דאָס איז פאַר איהר. ער האָט איהר לעצטען מאָל צו-געזאָגט צו ברענגען זיידענע „קאָמבינײשאָנס" מיט זיידענע זאָקען פון זיין „ווערהויז". איהר ווילט זיך נאָר וויסען װ ו י פּ י ע ל ער האָט געבראַכט. נאָר זי וועט שוין מוזען וואַרטען ביז זי וועט קומען אַהיים און איבערצעהלען. מעשה קאַוואַליער, האָט ער געוואָלט פאַרשפּאָרען איהר די טרחה און אַליין אַרומטראָגען זיך מיט'ן פּעקעל ביז ער וועט זיך מיט איהר געזעגענען שפּעט אין דער נאַכט, צי טאַקע גאָר מאָרגען אין דער פריה. אָבער מיס נעפּטעל האָט איהם דעם כבוד מוחל געווען — זי קען אַליין טראָ-גען דעם פּעקעל... ווי אַ זאַך וועט זיך אויסלאָזען — זאָל דאָס בעסער זיין אין איהרע הענט...

דער פּראָגראַם הויבט זיך אָן: סאַפּער אין רעסטאָראַן; טי-קעטס אָנגעגרייט נאָך מיט אַ פּאָר טעג פריהער; דערנאָך ווידער רעסטאָראַן, נאַשערייען, „פּרענטש פּייסטרי"; — דערנאָך —

טעקסי. מיס נעפטעל האָט דעם אָווענד גאַנץ פיין פאַרבראַכט. אָבער ניט ער, דער בוכהאַלטער. שטאַרק געבראָנט מיט „אומגע־דולד“. דער דריטער מיטוואָך ביינאַכט שוין היינט, און די ביידע פריהערדיגע אויפדערנאַכטען איז ער פון איהר אַוועק „מיט׳ן בייטש“, מיט גאָר נישט, הייסט עס, מיט גוטע פאַרשפּרעכונגען. וועגען היינט אויף דער נאַכט איז ער שוין זיכער. היינט איז די ריכטיגע נאַכט. לעצטען מאָל האָט איהם מיס נעפטעל אַזוי צוגע־זאָגט, אַזוי פאַרזיכערט איהם, אַזוי גוט ווי געשוואָרען זיך — אויף היינט אויף דער נאַכט — ער וועט שוין אַליין זעהן, אַליין אויס־געפינען, אַז זי זאָגט איהם דעם אמת, אַז זי נאַרט איהם ניט, און איהם וועט ניט פאַרדריסען, אַז ער וועט זיך פון איהר אָפּטשעפּען און וואַרטען ביז נעקסטען מיטוואָך. אין טעקסי איז ער געזעסען איינגעהאַלטען. וואָרים ער ווייס שוין, אַז מיס נעפטעל ערלויבט ניט אין טעקסי לעגען אויף איהר אַ האַנד. נאָר וואָס נעהמט עפּעס היינט אַזוי לאַנג דער פאָהרען?... אַזאַ לאַנגער מהלך היינט;... אין דער אמת׳ען זיינען זיי גאָר ניט לאַנג געפאָהרען, ס׳איז געווען ניט ווייט.

די טעקסי בלייבט שטעהן אויפ׳ן קאָרנער. מיס נעפטעל עפענט די טירעל, געהט אַרויס. ער נאָך איהר. דער בוכהאַלטערל האָט זיך שטאַרק דערשראָקען: היינט האָט זי איהם שוין זיכער גע־זאָלט פיהרען צו איהר אין רום.

נערעדט אַ ווייל, גלאַט „געבאָלבעט“ — דערלאַנגט איהם מיס נעפטעל אַ האַנט מיט אַ „גוד נאַיט“.

אַ ציטער האָט איהם אַרומגעכאַפּט, אַ דערשראָקענער צום טויט איז ער געוואָרען.

— מיס נעפטעל... איהר׳ט פאַרגעסען?... איהר׳ט געזאָגט לעצטען מיטוואָך — — —

מיס נעפטעל האָט איהם איבערגעשלאָגען די רייד:

— כ׳האָב ניט פאַרגעסען. כ׳האָב אייך ניט געזאָגט פריהער אין טעקסי? מיר דוכט, כ׳האָב אייך געזאָגט.

— וואָס האָט איהר מיר געזאָגט?

— כ'האָב אייך ניט געזאָגט וועגן די „מיזעלס"?
— וואָסערע „מיזעלס"?
— מיין רום איז היינט פאַרנומען. כ'שלאָף אין פראָנט-רום, ביקאָס אַ קינד האָט די „מיזעלס", האָט די פרוי מיר געבעטען איהר צו געבען די רום פאַר'ן קינד, אַז די אַנדערע קינדער זאָלען זיך ניט אָננעהמען. נעקסטען מיטוואָך — איהר וועט שוין זעהן... פאַרלאָזט זיך אויף מיר, וואָס איך זאָג אייך. איהר וועט שוין אַליין אויסגעפינען...
— אין פראָנט-רום קען מען ניט?...
— אין פראָנט-רום!... דאָרטען שלאָפען נאָך צוויי.
ער איז געשטאַנען אַ האַלב דער'הרג'עטער, ניט געהאַט וואָס צו ענטפערען אויף דעם... ער קען אָבער ניט אװעקגעהן... און ער האָט געזאָגט מיט אַ שטילען, צושראָקענעם טאָן, ווייל ער האָט געוואוסט, אַז ס'איז אַרויסגעוואָרפענע רייד:
— איך האָב אַ גוטען פּלאַץ... מיר'ן צופאָהרען אין אַ טעקסי...
— איהר הויבט שוין ווידער אָן? — האָט מיס נעפּטעל גע־זאָגט שטרענג — איהר ווייסט דאָך שוין, אַז איך געה ניט אין ערגעץ, כ'האָב אַן אייגענע רום!
— וואָס מאַכט אייך אויס?...
— אפילו פאַר טויזענטער אויך ניט! — האָט זי געזאָגט מיט בייזער עקשנות — כ'האָב אַן אייגענע רום!
האָט ער זיך גענומען בעטען. אפשר קען דאָס זיין פריהער ווי נעקסטען מיטוואָך — מאָרגען, איבערמאָרגען, פרייטאָג, שבת. ס'האָט אָבער געמוזט בלייבען ווי זי האָט געזאָגט — נעקסטען מיטוואָך, ניט פריהער, ווייל „מיזעלס" נעהמט אַ געוויסע צייט, און עס קען ניט זיין פאַר נעקסטען מיטוואָך. אָבער דערפאַר וועט ער שוין אַליין זעהן, אַז ער קען זיך אויף איהרע רייד פאַרלאָזען... נעקסטען מיטוואָך וועט ער שוין אַליין אויסגעפינען... ביי איהר אין רום...
ווער ווייס, וואָס מיס נעפּטעל האָט אין זינען געהאַט ביים זאָגען אַלע ווײַלע, אַז זי האָט אַ רום? מיט אַלע באַקאַנטע אַזוי:

זי האָט אַ רום, זי האָט אַ רום, ביי איהר אין רום... אפשר צו רייצען זיך מיט זיי... זאָלען זיי זיך פאַרשטעלען איהר רום, און זיי וועט מעהר „וועה טאָן“... פאַרשטאַרקען זייער אַפּעטיט... שטאַרקער מאַכען די גוטע פאַרשפּרעכונגען איהרע... אַנדערשוואו ניט, ביי איהר אין רום יאָ... און זיי האָבען טאַקע אַזוי געמיינט...

דער בחור איז היינט אַוועק מיט די זעלביגע וואָס פאַראַכטאָגען און פאַר צוויי וואָכען.

7.

שבת ביינאַכט האָט זיך מיס נעפּטעל געזעהן מיט דעם פאַראַכטאָגעדיגען, יענעם, וואָס איהם האָט אַזוי שטאַרק געטראָפען דער בלישטשען פון איהרע רויטע ליפּען און ווייסע ציינער. ער איז שטאַרק „אויפגערעגט“ געווען היינט אָוועגד.

אַלץ איז דורכגענאַנגען לויט'ן פּראָגראַם: סאַפּער, טעאַטער, אַ באָקס קענדי; ווידער רעסטאָראַן, טעקסי.

באַלד ווי ער איז אריין אין טעקסי, האָט מיס נעפּטעל געפרעגט איהם, אויב זי קען ביי איהם בעטען אַ טובה.

— אָך, פאַר וואָס ניט?

זי ווייס אָבער ניט, אויב ס'פּאַסט צו בעטען.

זאָל זי בעטען; פאַר וואָס פּאַסט עפּעס ניט?

זי קען ניט בעטען.

איז ער שוין צוגעשטאַנען, זי מוז זאָגען, וואָס דאָס איז.

און אין אַן אומעטיגען טאָן האָט מיס נעפּטעל גענומען דערצעהלען איהם וועגען אַ בריעף, וואָס זי האָט געקראָגען פון איהר מאַמען אין יוראָפּ. וועגען דער אָרימקייט דאָרטען... די מאַמע בעט הילף, זיי געהען דאָרטען אויס פון הונגער... אַז ער וואָלט איהר געקענט אויסבאָרגען אויף אַ קורצער צייט פינף און צוואַנציג טאָלער...

און איהר פאַרדריסט שוין פאַר וואָס זי האָט איהם דאָס געזאָגט...

א חוץ „גלאָוס“, „בעגס“, „אמברעלאס“ און אנדערע זאכען, נעהמט מיס נעפטעל עטליכע טאָלער „קעש“ אויך, אז זי קען נאָר קריגען. אוועקגעבען צוריק, האָט זי גאָר ניט אין זינען, אזוי ווי ס'קען קיין רייד ניט זיין וועגען אָפּגעבען צוריק די סאפּערס מיט די איבעריגע זאכען. נאָר ס'האָט שוין אויך געטראָפען, אז אָפּגעגאַרטע חברה-לייט האָבען געזוכט „סאטיספעקשאָן“, שטרענג געמאָנט די קעש געלט, געסטראשעט איהר, אז זיי וועלען זיך מיט איהר אָפּרעכענען. האָט זי זיך א ביסעל דערשראָקען און איינגעזעהן, אז איהר לוינט זיך ניט ארייננצולאָזען מיט זיי אין „משפטים“, האָט זי אָפּגעצאָהלט, אָנגעבאָטען וועניגער, געדונגען זיך, „געסעטעלט“ ווי ס'האָט זיך געלאָזען. איז מיט'ן נעהמען קעש געלט גיט זי א ביסעל אכטונג, מיט וועמען זי האָט צו טאָן. אויב דער חברה-מאן זעהט אויס צו זיין א אינגעל, א „לויפעריל“, לאָזט זי איהם דורך אָהן געלט. זי נעהמט הלואה'לעך נאָר ביי באליבאטישע מענשען, פארהייראטע לייט, וואו ס'קען קיין רעדע ניט זיין וועגען סטראשען איהר. אפנים אז דער היינטיגער איז א באליבאטישער. ער היט זיך עפּעס, קוקט זיך ארום... זי מעג נעהמען...

דער באליבאטישער בעל-עבירה'ניק האָט חושד געוועזן, אז ס'איז ניט אקוראט ווי זי זאָגט... און אז אפילו די מאמע איהרע דאָרטען שטארבט פון הונגער, איז דאָס אויך ניט זיין באָבעס דאגה... נאָר א פּאָר טאָלער וועט דאָס איהם שוין מסתמא קאָסטען... איצט, אז ער איז שוין דערגאנגען מיט איהר אזוי ווייט, ער איז שוין באלד אין איהר רום, קען ער זיך ניט אָפּשטעלען ביי די פּאָר טאָלער. נאָר ער וועט זעהן, אפשר קען ער עפּעס אראָפּדינגען...

— פינף און צוואנציג... ווארט איכ'ל זעהן... ער האָט ארויסגענומען א פּעקעלע געלט, צוגעבויגען זיך צו דער ביסעל ליכטיגקייט פון גאס, איבערגעקוקט, כלומר'שט געצעהלט זיין געלט...

— כ'האָב ניט אזוי פיעל קעש ביי זיך... כ'קען אייך געבען פופצעהן טאָלער...

זאָל זיין פופצעהן.

זי האָט איהם ווידער געזאָגט, אז איהר פאַרדריסט שוין וואָס

זי האָט איהם געבעטען... נאָר אין גיכען וועט זי איהם אָפּצאָהלען צוריק ביז אַ סענט...

זי האָט באַהאַלטען די פּופּצעהן טאָלער — ניט אין „בעג“, וואו זי האַלט די קליינגעלט מיט אַנדערע זאַכען, נאָר אין עפּעס אַן אַנדער אָרט, אַ זיכערערען.

אָט האָט זיך שוין די טעקסי אָפּגעשטעלט אויפ׳ן קאָרנער. מיס נעפּטעל בלייבט שטעהן.

— וואָס זייט איהר געבליבען שטעהן? — מאַכט ער — קומט.

— כ׳האָב אייך ניט געזאָגט? — פרעגט מיס נעפּטעל — כ׳האָב אייך ניט געזאָגט אין טעקסי?

— אין טעקסי? איהר האָט מיר קיין זאַך ניט געזאָגט אין טעקסי.

— מסתמא האָב איך פאַרגעסען אייך צו זאָגען. ס׳איז מיר אַזוי פאַרדרעהט דער קאָפּ פון לעטער פון מיין מאַמען, אַז מיר האָט זיך אָפּגעדוכט, אַז איך האָב אייך שוין געזאָגט.

— וואָס איז?

— מ׳פּיינט מיין רום, שלאָף איך מיט נאָך צוויי קינדער אין פראָנט-רום. נעקסטע וואָך וועט שוין זיין אויסגעפּיינט.

— וואָס וועלען מיר טאָן? — זאָגט ער, און איהם הויבט גאָר ניט אָן איינצופאַלען, אַז ס׳וועט גאָר נישט זיין היינט.

— היינט איז שוין פאַרפאַלען — זאָגט מיס נעפּטעל — מיר׳ן זיך טרעפען נעקסטען שבת, אַז די רום וועט זיין אויסגעפּיינט.

— נעקסטען שבת? ! . . .

— אַז היינט קען מען ניט.

ער איז נאָך אַלץ פרעהליך. ער האָט אַ פּלאַן. ער האָט אַ גוטען פּלאַץ, וואו ער קען מיט איהר פאַרברענגען.

מיס נעפּטעל האָט אויף דעם איהרע פאַרטיגע רייד: זי טוט ניט אַזעלכע זאַכען, זי געהט ניט אין פרעמדע פּלעצער אפילו פאַר טויזענטער, זי האָט אַן אייגענע רום. און זי זאָגט, שטרענגליך שוין, אַז זי וויל ניט הערען פון געהן אין פרעמדע פּלעצער.

האָט ער שוין גענומען איינזעהן, אַז ס׳האַלט ניט גוט, און

איהר שטרענגער טאָן האָט איהם א ביסעל אראָפּגעקלאפּט פון מוט. וויל ער זיך ראטעווען, נעהמט זיך בעטען:

— וואָס אַרט אייך, מיס נעפּטעל, אז איהר'ט מיט מיר געהן? ס'איז א פיינער פּלאַץ... מיט מיר מעגט איהר...

— פאַרוואָס מעג איך עפּעס מיט אייך? מיט קיינעם ניט! נעווער אין מיין לעבען! כ'האָב א רום... נעקסטען שבת, איהר'ט אליין אויסגעפינען, וואָס איך זאָג אייך...

— אפשר קען מען אריינגעהן אין רום היינט?...

— ווי קען מען, אז ס'איז אָנגעשטעלט מיט פיינט, ס'איז אפילו ניטאָ די בעטעל...

שלעבט, שלעבט...

— מאָרגען...

— כ'זאָג דאָך אייך, אז ס'וועט ניט זיין אויסגעפיינט ביז נעקסטע וואָך! שבת אָווענד וועלען מיר זיך טרעפען... אויף מיר קענט איהר זיך פאַרלאָזען... איהר'ט שוין אליין זעהן, אז איהר קענט מיר גלויבען...

— פאַראַכטאָגען האָט איהר געזאָגט אויף היינט...

— פון וואַנען האָב איך געקענט וויסען, אז מ'וועט פיינטען די רום? וואָס מיינט איהר, כ'האָב אייך גענואָלט אָפּנאַרען? כ'האָב פיינט אָפּצונאַרען!

— זאָל זיין איבערמאָרגען...

— א מאָדנער מענש דאָס איז! ס'וועט ניט זיין אויסגעפיינט ביז נעקסטע וואָך, האָב איך דאָך אייך געזאָגט!

— און מיט מיר געהן, וואו איך זאָג אייך, ווילט איהר ניט?

— אפילו פאַר טויזענטער וועל איך ניט געהן אין פרעמדע פּלעצער, כ'האָב א רום!...

ער האָט שוין געשוויגען. וואָס נאָך קען ער איהר זאָגען? אָבער דאָך, עפּעס האָט ער יאָ אויסגעקלערט. ניט זיינע קיין אייגענע ערפינדונג. אָבער איהר האָט ער דאָס נאָך ניט געזאָגט.

— אויב איהר ווילט, מיס נעפּטעל... מיר'ן נעהמען א טעקסי און א ביסעל ארומפאָהרען... מיר'ן נעהמען א פאַרמאַכטע טעקסי

און ארומפאָהרען אין פארק... איבערין ברידזש א פּאָר מאָל...

— כ׳פאָהר ניט אזוי שפּעט אין טעקסים און כ׳האָב פיינט אזעלכע ביזנעס!...

זיי זיינען נאָך א ווײלע געשטאַנען. און אוועקגעגאַנגען איז ער מיט גוטע פארשפּרעכונגען אויף נעקסטען שבת אָווענד — אָבער גאָר גוטע און זיכערע.

קריכענדיג אויף די טרעפּ, צום זעכסטען פלאָר, וואו זי האָט געוואוינט, האָט שוין מיס נעפטעל פארטיג געהאַט איהר תירוץ פאר איהם אויף נעקסטען שבת אָווענד. זי וועט איהם זאָגען, אז זי קען זיך מיט איהם ניט אָפּגעבען, ווייל ער איז א פארהיירטער מאַן. זי האָט ניט צו טאָן מיט פארהייראַטע לייט, אפילו פאר טויזענטער אויך ניט. פאר וואָס האָט ער איהר באַלד ניט געזאָגט, אז ער איז א פארהייראַטער מאַן? אפילו פאר טויזענטער וואָלט זי מיט איהם א טריט ניט געגאַנגען!...

און אין דעם איז ער טאַקע אליין שולדיג. א נאַטור שוין אזא ביי איהם. ער דערצעהלט באַלד, אז ער איז א פארהייראַטער מאַן, עפּעס אזוי ווי ער וואָלט נאָר מורא האָבען, אז מ׳וועט זיך אָן איהם „אָנהענגען“. האָט באשקע אייגענטליך פון דער ערשטער מינוט אָן געוואוסט, אז ער איז א פארהייראַטער מאַן; נאָר זי וועט זיך מאַכען, אזוי ווי זי האָט זיך דאָס איצט פּלוצלינג דערוואוסט...

עפענענדיג די טיר, האָט זי דערהערט איהר מאַמע׳ס קול מיט די רייד, וואָס קומט שוין פון איהר ארוים אלע שבת ביינאַכט, ווי נאָר באשקע עפענט די טיר:

— באשקע, באשקע, וואָס קומסטו אזוי שפּעט? כ׳האָב איינגעווייקט די וועש. מאָרגען באַלד אין דער פריה דאַרפען מיר ביידע זיך שטעלען וואַשען.

אין עלענט

די צוויי עלטערע מיידלעך, וואָס זעהען אויס ווי ווייבער אין די „מיטעלע יאָהרען“, לעבען אין זייער שותפות׳דיגער היים ווי מאַן און ווייב אין אַ שלעכט לעבען: קוקען זיך ניט אָן, רעדען זעלטען אויס אַ וואָרט, סיידען אז מ׳מוז שוין.

איינע פון זיי, מיס ליפּאָווסקי, פארמאָגט אַן אָרימען צייטונג־סטענד, ביי וועלכען זי מוז ארבייטען איבערגעריסענע שטונדען. איין טייל שטונדען איז פון זעקס ביז ניין אַ זייגער אין דער פריה, און דערנאָך ביינאַכט, פון אַ זייגער צוויי ביז נאָך זעקס. וואָלט איהר אָנגעקומען שווער דער פאָהרען הין און צוריק, האָט זי דארום געמוזט אין דעם דאָזיגען „פרעמדען“ געגענד, אין דער וועסט סייד, זיך פארקלייבען. און אזוי ווי די מענשען, ביי וועלכע זי האָט דעם סטענד אָפּגעקויפט, האָבען זיך אויך פון זייער דירה ארויס־געקליבען, האָט זי איבערגענומען די דריי רומס, און אריינגענומען אַ שותפ׳טע, עפּעס איינע אַ ווייטע באַקאַנטע, אַ פאַרזעסענע, ווי זי אַליין. די שותפ׳טע האָט געגאַרט נאָך עפּעס אַ שטיקעל איינע־נע היים. דאָ איז פאַרט ניט די אָפּגעמאָסטענע שטיקעל „רום“, וואָס זי האָט געהאַט דורך די פיעלע יאָהרען, קלייבענדיג זיך פון דירה צו דירה און ניט קענענדיג ערגעץ זיך איינלעבען, שטימען מיט די מענשען. דאָ וועט זי וואוינען אין דריי רומס, אַליין זיין די באַליבאָסטע. זי וועט שלאָפען אין איהר אייגענע געקויפטע בעט, און אפּילו אַ שטול צום זיצען האָט זי זיך געדאַרפט קויפען, ווייל מיס ליפּאָווסקי האָט פאַרמאָגט בלויז איין שטול. איז דאָס פאַר איהר אַ סך ווערט געוועזען.

און אויך מיס ליפּאָווסקי האָט זיך געהאַט איהר חשבון. די צוויי זיינען אין אַ מין שותפות אריין, פון וואָס ביידע האָבען

נערעכענט צו געווינען. מ׳וועט צוזאמען, בשותפות, קויפען אלע שפייז-זאכען גלייך אויף גלייך, צוויי מענשען, איינע וועט ניט פארניצען מעהר פון דער אנדערער. און ביידע וועלען גלייך טאָן די ארבייט אין הויז. האָט מען בשותפות אָנגעקויפט טיי, צוקער, קאפע, זאלץ און אנדערע זאכען. זיי וועלען זיך אליין קאָכען סא-פערס. און ווי זיי האָבען אויסגערעכענט, ביידע צוזאמען און דער-נאָך יעדע פאר זיך, האָט עס געזאָלט אויסמאכען א סך ביליגער, ווי אין רעסטאָראן אָדער ערגעץ פריוואט אין א הויז, שוין ניט רעדענדיג פון דעם וואָס מ׳וועט אליין זיין באַליבאָסטעס, עסען ביים אייגענעם טיש, ניט דארפען עסען, וואָס יענע שטעלט אוועק. נאָר עס האָט באלד אין אָנפאנג ניט גוט געארבייט. מ׳האָט גלאט גערעדט — מ׳וועט קאָכען סאפערס. ווען מיס ליפּאָווסקי קומט אין הויז אריין איז שוין דער זייגער האלב נאָך זעקס. אין א ווײַלע ארום קומט אָן די אנדערע פון דער ארבייט. זי איז געוואוינט צו געפינען א פארטיגען סאפער ווארטענדיג אויף איהר. און דאָ דארף מען ערשט אָנהויבען טאָן ארום דעם. ווערען ביידע „ביזי״, מ׳כאפט זיך, אז עס פעהלען אוים זאכען, מוז מען אראָפּלויפען איינקויפען, און דערווייל איז מען הונגעריג און מ׳כאפט א פאָר ביסען פון וואָס-ניט-איז. און אז דער סאפער ווערט פארטיג, איז שוין פארשלאָגען דער אפעטיט. מ׳איז אָנגעשטויסען איינע אויף די אנדערע, מ׳באשולדיגט איינע די אנדערע — און מ׳האָט ניט קיין הנאה פון עסען. און וואָס קען מען אין איילעניש, הונגעריגער-הייט, קאָכען? פאָרט, אז מען ערסט ערגעץ אין א פרעמד הויז, גיט מען צום טיש פארשידענע זאכען, אויך עפעס א נאשעריי. דאָ קען מען ניט האָבען מעהר ווי א שטיקעל פלייש מיט א ביסעל זופ. און אז מ׳עסט דאָס נאָך דערצו ניט אין צייט און מיט א פאר-כמורעטען געמיט — וואָס פאר אן הנאה קען מען שוין האָבען? איז ענדליך געקומען צו א שטארקער איבעררײַדערײַ. די, וואָס קומט אהיים א הונגעריגע פון דער ארבייט, האָט געמאָנט, אויפ-געוואָרפען, אז ניט אזוי, האָט זי געמיינט, וועט דאָס זיין. אז זי קומט אהיים, וויל זי געפינען וואָס צו עסען.

— איהר'ט דען געמיינט — האָט מים ליפּאָווסקי איהר גע־ענטפערט — אז איכ'ל איבערלאָזען דעם סטענד און קומען אהיים קאָכען סאַפּערס?

די אַנדערע קען גרינג פאַרשטעהן, אַז זי קען דאָס פון מים ליפּאָווסקי'ן ניט פאַרלאַנגען; איהר איז אָבער ניט גוט אויפ'ן הארצען, וויל זי גאָר ניט פאַרשטעהן און זי ענטפערט:

— ווי דען? אַז איך קום אהיים, וועל איך זיך שטעלן קאָכען סאַפּערס?

— איך קום דאָך אין הויז האַלב נאָך זעקס.

— וואָס איז דאָס מיינע ביזנעס?

מיס ליפּאָווסקי'ן איז אויך ניט גוט אויפ'ן הארצען, און זי האָט וואָס צו זאָגען איהר; אָבער זי האַלט זיך איין און ענטפערט ניט; וואָס טהוט זי, אַז יענע ווערט אין כעס און מופּט ארויס און לאָזט איהר איבער אַליין מיט די רענט און דערצו נאָך איינע אַליין אין רומס אין אַ „פּרעמדען" געגענד? האָט זי איהר פאַרשווינגען, און זיך אַליין אין הארצען אויפגעוואָרפען, אַז זי האָט זיך „איינגע־שאַפּט אַ טייערען חפץ".

אַזוי איז געוואָרען אויס שותפות'דיגע סאַפּערס. מיס ליפּאָוו־סקי קלאַפּט שוין ווי עס איז צוזאַמען פאַר זיך אַ שטיקעל מאָל־צייט, ווען זי קומט פון סטענד, און די אַנדערע קומט אהיים אַן אָפּגעגעסענע.

מיט די בשותפות'דיגע פרישטיקס איז שוין געווען אַ ביסעל גרינגער. ס'איז ווייניג ארבייט געווען אויף דעם. זעמעל און מילך איז שוין באַגינען אָנגעגרייט אויף יענער זייט טיר. עס בלייבט נאָר איבער ארויפצושטעלען קאָכען אַ ביסעל וואַסער אויף טיי אָדער קאַפּע. מיס ליפּאָווסקי שטעהט אויף פריהער. אַז זי שפּרינגט ארויס פון בעט, שטעלט זי די ערשטע זאַך ארויף קאָכען וואַסער; און איידער זי וואַשט זיך און טוט זיך־אָן, איז שוין די וואַסער אויפגעקאָכט. כאַפּט זי אַ גלאָז טיי, צי קאַפּע, עטליכע ביסען זעמעל, אַ ביסעל מילך, און לויפט צום סטענד, דערשלינגענדיג אַ ביסען. אַז די אַנדערע שטעהט אויף, טהוט זי אַ טאַפּ די קענ־

דעל אויפ'ן אויוועז, צינדט אונטער, און איידער זי וואשט זיך און טהוט זיך אָן, שלאָגט שוין פון קענדעל א פארע, און זי לויפט — אמאָל אויף איין שוך — פארדרעהען די געז. איז מיט די בשותפות'דיגע פרישטיקס אַנגעגאַנגען גלאַט. מעהר ניט, וואָס די צווייטע פלעגט זיך אָפט קרימען ביים עסען, אז די קאפע איז ביטער ווי גאַל, אָדער צו וואסערדיג. ביידע האָבען געצאָהלט גליי- כע חלקים פאר די מילך און זעמעל, פאר צוקער, טיי און קאפע. אָבער אויך דיעזע שותפות האָט לאַנג ניט אָנגעהאַלטען. דער ציי- טונגס-סטענד אנטקעגען מיס ליפּאָווסקי'ס איז איבערגעגאַנגען אין נייע הענט, און דער נייער באַליבאָס עפענט זיין סטענד האַלב נאָך פינף באַגינען — מוז זי דאָס אויך טאָן. מוז זי אויפשטעהן נאָך פריהער און איילט זיך שטארק, און זי האָט צוליעב דעם אויפגע- הערט עסען פרישטיק אין הויז, און זיך געלאָזט ברענגען פון דעם דערבייאיגען קאפע-פּלאַץ צום סטענד יעדען באַגינען א בלעכענע קענדעלע מיט קאפע און זעמעל, און זי האָט געזופּט און געביסען אין פארקויפען די צייטונגען. די ביזנעס-זייט פון איהר נייעם אויפטו איז געוועז גאָר א שוואַכע און ס'וואָלט זיך אפשר ניט גע- לוינט דער גאַנצער עסק. די קאפע מיט די זעמעל פון קאפע-פּלאַץ קאָסט איהר צעהן סענט, וואָס אין הויז, שוין צוזאַמען מיט די ביסעל מילך, קען דאָס איהר ניט כאַפּען מעהר פון צוויי-דריי סענט — און זי פארקויפט אין גאַנצען עטליכע צייטונגען מעהר ווי פריהער. אָבער זי מוז דאָס טאָן צוליעב יענעם, ווייל יענער קומט פריהער — קענען נאָך א פּאָר פון איהרע קאָסטאָמערס אריינפאַ- לען צו יענעם; איצט „טרייט זי איין" עטליכע נייע קאָסטאָמער. איהר חלק זעמעל און מילך האָט זי פארניצט דורכ'ן טאָג און גע- געבען דערויף איהר גלייכען חלק געלט. אָבער אַז ס'איז געקומען צום איינקויפען פרישע צוקער, טיי און קאָפע, האָט זי געוואָלט אראָפּרעכענען פאר די אין-דער-פריהס, וואָס זי מוז עסען ביים סטענד. די אנדערע איז שוין אזוי אויך געוועז „אָנגעצויגען" און געזוכט זיך „ארויפצופּאַלען" אויף מיס ליפּאָווסקי'ן, צוליעב דעם, וואָס איצט, אז מיס ליפּאָווסקי עסט ניט אין דער פריה אין הויז,

מוז זי אליין ארייננעהמען די מילך און די זעמעל פון יענער זייט טיר, וואס פריהער האט זי דאס שוין געפונען אויפ'ן טיש; זי מוז אליין צאפען וואסער און שטעלען קאכען — פריהער האט זי בלויז א טאפ געטאן די קענדעל און אונטערגעצונדען. דאס אלץ נעמט טאקע וועניג צייט, אבער אין דער פריה, ווען מ'פוילט זיך אויפצושטעהן און מ'איילט זיך, רעכענט זיך יעדע איבעריגע מי־נוט. און אלע אין דער פריה איז זי צוליעב דעם געווען אויפגע־רעגט. איצט וויל נאך גאר יענע געבען וועניגער, אראפנעהמען, אראפרעכענען גאר! יענע איז א גאנצען טאג אין הויז — ווער קען וויסען וויפיעל טיי און קאפע און צוקער זי פארברויכט? ווער צעהלט איהר נאך? ס'געהט, דאכט זיך אוועק דיזעלבע ווי פריי־הער!... האט דאס איהר שטארק אויפגעבראכט און זי האט גענו־מען שרייען, אז זי וויל זיך „אפטיילען" — אלץ זאל פון איצט אן זיין באזונדער. און זי האט נאך צוגעגעבען, אז איהר פארדריסט וואס זי איז מיט איהר „ארייננגעקראכען".

מיס ליפאווסקי'ן האט זיך זעהר שטארק געוואלט ענטפערען איהר, אז איהר אליין פארדריסט דאס נאך מעהר, און זי קען זיך מופען פון דאנען. נאר זי האט ניט געענטפערט. וואס טוט זי, אז יענע נעמט אן איהרע רייד „פאר גוט געלט" און מופט טאקע, און זי בלייבט אליין מיט'ן גאנצען רענט, אליין אין די רומס. האט זי געענטפערט „א צעהנטען ווארט", צו שטילען וויפיעל ניט איז איהר הארץ.

אזוי איז אויך פון דעם שותפות'דיגען פרישטיק גאר נישט געווארען.

נאך א צוזאמענשטויס איז ארויסגעקומען וועגען אויסוואשען אמאל די דילען, אפוואשען א פענסטער. אין אנפאנג האט מען זיך ניט גערעכענט מיט די ארבייט. מ'האט געטאן. נאר דערנאך, אז מ'האט זיך גענומען וואס מעהר פיינט האבען, „ארייננקריכען אין די ביינער", האט זיך די, וואס געהט ארבייטען, אין גאנצען אפגעטרייסעלט פון הויז־ארבייט. דער חשק צו זיין אליין א בא־ליבאסטע פון רומס איז שוין קאלט געווען, איהר האט מעהר ניט

גנערט וואָס אין הויז טוט זיך — זאָל „זי“ ראַמען, ס׳איז איהרע רומס. מיס ליפּאָווסקי האָט אַ צייט געשוויגען. נאָר צום סוף האָט זי איהר פּאָרט דערמאָנט וועגען טאָן עפּעס.

— איך אַרבייט זיך גענוג אָן אַ גאַנצען טאָג! — האָט זי קורץ געענטפּערט.

— ווער זאָל פאַר אייך ראַמען?

— כ׳צאָהל רענט, איז פאַר מיר גענוג.

— מ י ר צאָהלט איהר ניט קיין רענט! איהר זייט דאָ די־זעלבע באַליבאָסטע וואָס איך, און איך בין פאַר אייך ניט קיין דיענסט!

— כ׳בין אייך מוחל! כ׳בין דאָ ניט קיין באַליבאָסטע. אַ גאַנ־צען טאָג געהט איהר אַרום ליידיג, קענט איהר טאָן וואָס מ׳דאַרף!

אַ גאַנצען טאָג ליידיג!... קיין טאָג און קיין נאַכט האָט זי ניט... אַז זי קומט אין הויז אַריין, פיהלט זי ניט די גלידער. אָבער ענטפערען איהר ריכטיג, ווי מ׳דאַרף, קען זי ניט. זי מוז שווייגען און זיך מיט איהר האַלטען. שטילערהייט אָבער זוכט זי אימיצען אויף איהר אָרט... זאָל זיין מיט אַ דאָלאַר, צי אפילו מיט צוויי, וויינינגער, אבי ניט האַלטען איהר מעהר אין הויז, ניט אָנקוקען איהר.

אויך די אַנדערע וויל שוין אַנטלויפען. זי זוכט אַ פּלאַץ, וואו אַריינצוטופען. אָבער עס געפינט זיך ניט אַזוי גרינג. זי האָט שוין אין אַזוי פיעל פּלעצער איבערגעוואוינט, אַזוי פיעל „מיסע־סען“ געהאַט, און זי דערזעהט ביים ערשטען קוק די אַלע חסרונות פון דער הויז און דער „מיסעס“. אָהן חסרונות, ווייס זי, איז טאַקע ניטאָ; אָבער זי זוכט און קלייבט. צו ווינטער וועט זי שוין געוויס אַרויסטופען פון דאַנען, וואָס ס׳זאָל זיך איהר ניט מאַכען.

זיינען זיי ביידע אין הויז ווי מאַן און ווייב אין אַ שלעכט לעבען. מ׳איז פון ווייטען. מ׳קען זיך ניט אָנקוקען און מ׳קוקט זיך טאַקע ניט אָן. ניטאָ מעהר קיין שותפות. זיי האָבען זיך זייערע באַזונדערע טיי, קאַפע און צוקער. די אַנדערע האָט זיך שוין אפילו געקויפט אַן אייגענע קענדעל צו קאָכען די טיי אָדער

קאפע. זיי זיינען ניט פיעל צוזאמען, און די שטיקעל צייט, וואָס ביידע זיינען אין הויז, מיידען זיי זיך אוים. שלעכט איז נאָר זונ־טאָג ביים וואשען די וועש. דער „וואש טאָב" איז גרוים א שפאן אויף א שפאן, און דוקא מוזען זיי ביידע וואשען אין איין צייט. רייבט מען זיך פלייצע אָן פלייצע און מ'גיט זיך שטעכווערטלעך. די זעלבע אויפ'ן דאך ביים אויפהענגען טריקענען די וועש. די שטריקעל איז קורץ, שטופט מען זיך און מ'הענגט איינע אויף די אנדערע. און ביידע זוכען. מים ליפּאָווסקי זוכט א נייע שכנ'טע און גאָרט שוין נאָך דער מינוט, ווען זי וועט קענען יענער הייסען געהן, און זאָגען איהר, אז זי וועט איהר דאָ ניט האַלטען אפילו פאר הונדערט דאָלאר א מאָנאט. די אנדערע זוכט אן אָרט, וואו־הין צו געהן פון דאנען. ס'איז שווער צו געפינען. אָבער מעהר ווי ביז אָנהויב ווינטער וועט זי דאָ געוויס ניט זיין.

* * *

נאָר אז דער ווינטער איז אָנגעקומען, איז זי נאָך אַלץ פאר־בליבען — ניט געקענט אוועקגעהן.

ס'האָט זיך געמאכט עפּעס א געשיכטע.

צו מים ליפּאָווסקי'ן איז אריבערגעקומען א גרינער פלימעניק פון פּוילען, א יתום, א בחור'ל פון קנאַפּע אכטצעהן יאָהר. ער האָט צו איהר בריעף געשריבען, געבעטען זיך, זי זאָל איהם דאָ אריבערנעהמען, דערצעהלט פון די צרות, וואָס ער האָט אויסצו־שטעהן. האָט זיך מים ליפּאָווסקי געריכט צו דערזעהן איהר פאר־שטאָרבענער שוועסטער'ס בחור'ל אן אויסגעהונגערטען, שוואכען אינגעל. און געקומען איז גאָר א יונג א גרויסער, אן אָפּגעפּאַשע־טער, מיט רויטע בעקלעך און ליכטיגע האָר. ווי א פּוילישער שיי־געץ האָט ער אויסגעזעהן, און אויפ'ן ערשטען קוק האָט זיך גע־וואָלט אָנרופען איהם מיט'ן נאָמען סטאשעק, צי יאנעק, צי מיט עפּעס אן אנדער נאָמען פון א פּוילישען שייגעץ, אָבער בשום אופן ניט חיים זלמן, ווי ער האָט זיך אונטער די בריעף אונטערגעשרי־בען. די מוהמע זיינע, מים ליפּאָווסקי, איז געוועזן שטאַרק אי־

בערראשט און דערפרעהט, דערזעהענדיג איהם, און אין דער-זעלבער צייט אויך ענטטוישט, וואָרים זי האָט זיך גערעכט צו נעהמען דעם אויסגעהונגערטען אינגעל און איהם געבען גוט עסען, „צוזעהן" איהם, ער זאָל צו זיך קומען, און נחת האָבען זעהענדיג ווי ער ווערט אַ לייט. און דאָ איז איהר פאַרשפּאַרט געוואָרען די אַרבייט און דער נחת. ער האָט אויסגעזעהן ניט ווי קנאַפּע אכטצעהן יאָהר אַלט, נאָר ווי גוטע איין און צוואַנציג — גרויס און גראָב. ער האָט געקענט פון דער היים אַ ביסעל איינבינדעריי, האָט ער באַלד גענומען עפּעס פאַרדיענען — גענוג אויף אַ לעבען דערוויילע — און ביינאַכט איז ער געגאַנגען אין „נייט-סקול". און ער האָט גאָרניט אויסגעזעהן און ניט גערעדט ווי אַ גרינער. ער האָט געוואוסט און גערעדט פון פּאָליטיקס. לויד דזשאָרדזש און ווילסאָן און „דזשאָינט" איז געוועזען ביי איהם די גרינגסטע זאַך אַרויסצוזאָגען. די צוויי „אַמעריקאַנערקעס" האָבען זיך געמעגט ביי איהם לערנען.

און דער דאָזיגער בחור'ל האָט אַ פרישען, לעבעדיגען הויך אין די דריי פאַר'חושכ'טע, עלענדע צימערלעך אַריינגעבראַכט. שפּעטליך אין אָווענד, ווען ער דאַרף פון „נייט-סקול" אָנקומען, זיצען די צוויי און וואַרטען — יעדע באַזונדער פאַר זיך. די מוה-מע האָט דאָך מיט אַ מאָל געקראָגען עפּעס אין איהר לעבען, אַזאַ שעהנעם, גרויסען יונג, איהר שוועסטער'ס אַ זוהן, וואָס זי קען איהם פאַר אַן אייגענעם אָננעהמען. זי טראַכט פון איהם און זאָגט זיך צו, אַז זי וועט ניט דערלאָזען, ער זאָל פאַרבלייבען אַן אַרבייטער. די אַנדערע, די פרעמדע וואַרט אויך איהם צו זעהן. מיט זיינע בליהענדע באַקען און ליכטיגען קאָפּ, מיט זיין פרישען, געזונטען גוף ברענגט ער אין הויז צאַפּעלדיגען לעבען אַריין. די ביידע פאַרעלטערטע דערזעהן עפּעס אַ ליכט פאַר זיך. אַז ער קומט אַריין, דערגרייכט זיין קאָפּ ביז'ן גאַז-ברענער, און זיין ליכטיגער קאָפּ מאַכט ליכטיגער ברענען דעם פאַרטונקעלטען, פאַר-שאָטענטען פלעמעל, און ליכטיגער ווערט אַרום.

די מוהמע וויל איהם אָפּט האָבען ביי איהר סטענד. ווען ער

האָט נאָר אַ ביסעל צייט, קומט ער און שטעהט לעבען איהר. זי ווייס ניט און זי זוכט ניט קיין חשבון, פאַר וואָס איהר ווילט זיך דאָס. זאָל דאָס זיין צוליעב דעם, ווייל איהר ווילט זיך מ׳זאָל זעהן, אַז זי איז ניט אַליין... זי האָט אימיצען אויף דער וועלט... און וואָס פאַר איינעם!...

און אַז מיס ליפּאָווסקי געהט באַגינען אַוועק צום סטענד, און די אַנדערע בלייבט איבער אין הויז, כאַפּט זי זיך באַלד אויף פון איהר שלאָף — ניט ווי אַמאָל, ווען זי פלעגט דערשלאָפען ביז׳ן סאַמע לעצטען מינוט, ווען זי האָט שוין געמוזט אויפשטעהן. זי כאַפּט זיך אויף, עפּעס וועקט איהר אויף, זי וועקט זיך אַליין אויף, און זי ווייס, אַז אין קיך, אויף דער אויפגעשטעלטער בעטעל, שלאָפט איצט ע ר. און זי כאַפּט זיך אָפּט אויף, ווען מיס ליפּאָווסקי געפינט זיך נאָך אין הויז — זי הערט ווי יענע טוט זיך אָן, וואַשט זיך ביים סינק, זי וואַרט צו הערען, ווי זי פאַרשליסט די טיר פון יענער זייט... ס׳איז אייגענטליך פאַר איהר אַלץ דיזעלביגע. אָבער דאָך איז זי אומרוהיג, אומגעדולדיג, ביז זי הערט פאַרשליסענדיג די טיר פון יענער זייט. דאָס איז די איינציגע שטיקעל צייט, וואָס זי איז אַליין מיט איהם אין הויז... דערביי איז ביי איהר ניטאָ קיין קרומע חשבונות און ערוואַרטונגען... וואָס קען דען דאָ זיין?... גאָר נישט... נאָר אַזוי זיך... זי האָט תענוג דערפון... און זי שטעהט איצט אויף פון בעט פריהער ווי מען דאַרף... אין קיך געפינט זיך ע ר. קומט זי אַריין וואַשען זיך... זי שטעלט אַרויף וואַסער קאָכען... געהט אַרום איהם... און ער שלאָפט מיט אַ געזונטען, שטאַרקען שלאָף...

און אין מיטען נאַכט טרעפט, אַז זי כאַפּט זיך אויף, זעצט זיך אַוועק, קוקט אויף מיס ליפּאָווסקי׳ס בעטעל.

איז שוין איצט געקומען די צייט, ווען די צוויי זאָלען זיך פאַנאַנדערגעהן. מיס ליפּאָווסקי דאַרף די צווייטע איצט ניט מעהר. איהר פּלימעניק פאַרדיענט, זי קען צאָהלען די רענט און אַליין אין די רומס וועט זי אויך ניט זיין. ס׳איז שוין אויך אָנגעקומען דער ווינטער, ווען די אַנדערע האָט גערעכענט אויף געוויס אַרויס-

צוקלייבען זיך פון דאנען. מיס ליפּאָווסקי האָט איהר שוין אפילו געזאָגט, אַז זי דארף האָבען די רום — דער באַי קען זיך ניט וואַל־גערען אין קיך. געזאָגט איהר דוקא אָהן כעס און נקמה, ווי זי האָט אַלץ געהאָפט צו זאָגען איהר, ווען דער מאָמענט וועט קומען. זי האָט פארגעסען אינגאנצען צו זאָגען איהר, אַז זי וועט איהר דאָ ניט האַלטען אפילו פאר הונדערט דאָלאר א מאָנאט... אבי זי וועט ארויסמופען, קריגען זיך מיט איהר וועט זי מעהר ניט. נאָר די אַנדערע האָט געענטפערט, אַז זי האָט צייט. זי קען ניט כאפּען און מופען. ס'דארף איהר געדויערען ביז זי וועט געפינען א פּלאַץ. זי זוכט אָבער גאָר קיין פּלאַץ ניט. זי וויל זיין דאָ. זאָל דאָס זיין צוליעב די פרישקייט און ליכט, וואָס דער פרישער, יונגער מענש האָט אין הויז אריינגעבראכט... צוליעב איהר זיין מיט איהם אליין אין דער פריה אין הויז... אפשר נאָך מעהר צוליעב דעם, וואָס זי פארגינט ניט י ע נ ע ר... זי „האָט מורא“ איבערצולאָזען איהר מיט איהם אין גאנצען אַליין אין די רומס...

ממזר...

די פאַמיליע איז געווען אַן אַלט-מאָדישע, אַ שטילע, באַלעבאַ-טישע, און זיי האָבן זיך, נעבעך, שטאַרק געשעהמט מיט דעם אומגליק, וואָס זיי האָט געטראָפֿען. אַלע זיינען זיי געווען דער-שלאָגען. די אַלטע מאַמע פֿלעגט אָפּט וויינען. ביים טאַטען איז אַזוי ווי אָפּגענומען געוואָרען דער לשון. ער פֿלעגט נאָר אַריינוואַרפֿען אַ וואָרט אין די געשפּרעכען, אַ ביטערען וואָרט, און פֿאַרקוקען אַן אַ זייט, ווי ער וואָלט געוואָלט מען זאָל זיין פּנים ניט אָנ-קוקען און ער זאָל קיינעם ניט אָנקוקען. די קינדער אין הויז זיי-נען געווען ווי דער׳הרג׳עט, און מעהר פֿון אַלעמען — זי אַליין, די פֿאַרהייראַטע טאָכטער, וועלכע האָט דעם אומגליק אויף אַלע-מען געבראַכט.

די פֿאַרהייראַטע טאָכטער, אַ ווייבעל פֿון עטליכע און צוואַנ-ציג יאָהר, איז געווען, ווי אַלע אין דער פֿאַמיליע — אַן איינפֿאַכע, „פּראָסטע"; האָט זי געלעבט מיט איהר מאַן און קינד, אַ אינגעלע, ווי ס׳רוב ווייבלעך אַזעלכע. ביז זי האָט מיט אַמאָל אָפּגעטאָן עפּעס און געבראַכט אויף אַלעמען אַ חורבן. מיט אַמאָל האָט זי איבערגעלאָזען דעם מאַן מיט׳ן הויז און אַנטלאָפֿען מיט אַ גע-ליעבטען. דעם אינגעלע האָט זי מיטגענומען מיט זיך. אין אַ צוויי-דריי וואָכען אַרום איז זי צוריקגעקומען מיט׳ן קינד אָהן דעם גע-ליעבטען; און איצט געפֿינט זי זיך מיט איהר קינד ביי טאַטע-מאַמע אין הויז.

צי זי האָט זיך אויסגעניכטערט פֿון איהר ליעבע-שכרות, גע-כאַפּט זיך וואָס זי האָט אַזוינס אָפּגעטאָן, און געלאָפֿען צוריק; צי ער, דער געליעבטער, האָט זיך געננוג „אָנגעגעסען" און איז פֿון איהר אוועק, אָדער „אָפּגעשיקט" איהר צוריק אַהיים. אָבער אין

הויז האָט מען ניט גערעדט וועגן דעם וואָס ביי איהר מיט איהר געליעבטען איז פאָרגעקומען אין זייערע צוויי-דריי וואָכען. די מענשען אין הויז זיינען געווען אריינגעטאָן אין „רעכטען עיקר״, — ווי אַזוי אויסצופיהרען, אַז דער מאַן זאָל איהר „צוריקנעהמען״.

דער רעש פון איהר אַנטלויפען און צוריקקומען איז שוין געווען פאַראיבער. מ'האָט איהר שוין ניט אויפגעוואָרפען איהר שעהנעם אויפטו און די צרות, וואָס זי האָט אויף אַלעמען געבראַכט. עס איז שוין מסתמא ביי זיי געווען אויסגעשעפּט די רייד און די טענות, און מען האָט נאָר גערעדט און געקליגט זיך ווי אַזוי אויס-צופיהרען, אַז דער מאַן זאָל איהר „צוריקנעהמען״. די צוריקגע-קומענע האָט געפיהלט איהר גאַנצע שולד און געפיהלט די גאַנצע שווערקייט פון איהר לאַגע. און זי האָט גאָר נישט געזוכט זיך צו פאַרענטפערען. אַן איינפאַכע, פּראָסטע ווייבעל, וואָס האָט עטליכע יאָהר אָפּגעלעבט מיט איהר מאַן, ווי ס'רוב אַזעלכע ווי זי, איז מסתמא אָנגעקומען אויף איהר אַ „בייזע שעה״, זי האָט זיך פאַרלאָרען, ניט געקענט קאָנטראָלירען זיך און איז אריינגע-פאַלען... און איצט האָט זי קלאָהר געוואוסט וואו זי האַלט אין דער וועלט: קיין מאַן האָט זי ניט, זי געפינט זיך מיט איהר קינד ביי טאַטע-מאַמע אין הויז, און אַ שעהנער, אָנגעלייגטער גאַסט איז זי דאָ... זי ווייס ווי אַלע אין הויז קוקען אויף איהר און וואָס מ'טראַכט פון איהר... און וואָס קען נאָך זיין דער סוף!...

אַן אַלמנה, אַ גע'גט'ע, איז געגוג אַ צרה. נאָר „אַזאַ״ טאָכטער איז נאָך אַ פיעל גרעסערע צרה. פאַר'מיאוס'ט און פאַרשמוציגט. אַן אַלמנה, אַ גע'גט'ע, קען דאָך נאָך אַמאָל חתונה האָבען. וואָס קען פון איהר זיין?... אַליין, מיט איהרע אייגענע הענט, האָט זי דעם אומגליק ארויפגעשלעפּט אויף זיך און אויף אַלעמען... דאָס איז ניט געלעבט און ניט געשטאָרבען; אַ געשטאָרבענע באַווייגט מען און מען פאַרגעסט ביסלעכווייז; ווי קען מען די דאָ פאַר-געסען!...

די אומגליקליכע טאָכטער אַליין איז געווען איינע פון איהר משפּחה און געקוקט אויף זיך און געפיהלט דיזעלביגע וואָס אַלע

איהריגע ארום איהר. אנדערע פרויען זיינען אנדערש. וואָס טרעפט דען ניט מיט פרויען? וואָס טוען זיי ניט אָפּ אמאָל? פונדעסט-וועגען קומען זיי דאָס איבער. אמאָל שטאַרקט זיי זייערע צרות און זיי קענען ווייטער קוקען דער וועלט אין די אויגען, אָדער זיי קוקען ניט מעהר קיינעם אין די אויגען, און זיי לעבען ווייטער. די שוואַכערע ווערען איבערגעבראָכען און זיי מיינען, אַז זיי מוזען אונטערגעהן.

די דאָ איז געווען איינע פון דעם צווייטען סאָרט.

איהר לאַגע אין הויז איז געווען פון איינע אַן איבעריגע, אַן אָנגעוואָרפענע צרה, וואָס מען מוז זיך מיט איהר האַלטען, ווייל עס איז אַן אייגענע צרה און עס איז ניטאָ וואו איהר אהינצוטאָן. און מען האָט מורא, אַז זי וועט פאַרבלייבען אַן אייביגע צרה. זי אַליין איז געווען אַ שוואַכע, אַ בלאַסע און האָט אויסגעזעהן ווי נאָר וואָס אויפגעשטאַנען פון אַ לאַנגער קרענק. אויך איהר גייסט איז געווען דערשלאָגען. קיין פרייע מינע ניט ארויסגע-וויזען. האָט זי זיך אודאי געוואָרגען מיט יעדען ביסען, וואָס זי האָט דאָ אויפגעגעסען... געפיהלט ביי זיך, אַז מען האָט אַ רעכט צו זאָגען איהר וואָס מען וויל... אפשר איז זי אמאָל שטאַרקער געוועזן, וואָרים עס פאָדערט זיך דאָך אַ געוויסע שטאַרקייט אי-בערצולאָזען אַ מאַן מיט אַ היים, אַ גאַנצע פאַמיליע און אוועק-געהן מיט איינעם... און אפשר האָט זי דאָס אָפּגעטאָן טאַקע דורך איהר שוואַכקייט — ניט געוועזן שטאַרק גענוג צו נעהמען זיך אין די הענט, באַהערשען זיך און ניט אָפּטאָן אַזאַ זאַך. זי האָט זיך דאָך געוויס ניט געזאָגט, אַז זי האָט אַ רעכט, זי מעג, איהר אַרט ניט וואָס אַנדערע וועלען טראַכטען און זאָגען... ווער ווייס, צי דאָס איז שטאַרקייט אָדער שוואַכקייט?... זי פלעגט אָפּט וויינען. אפשר האָט זי געוויינט פון בענקעניש נאָך איהר געליעבטען, גע-וויינט אויף איהר פאַרלאָרענע ליעבע, געוויינט נאָך יענעם; זי האָט איהם ניט מעהר... אפשר האָט זי געוויינט פון חרטה אויף איהר מיאוס'ען אויפטו און געוויינט, מורא האָבענדיג וואָס פון איהר וועט נאָך זיין דער סוף...

— האָסט געִנוג, מיין טאָכטער, אויף וואָס צו וויינען, — פלעגט אַמאָל די מאַמע אַ זאָג טאָן צו איהר.

די ווערטער „מיין טאָכטער" האָט די מאַמע מסתמא ארויסגע־זאָגט טראַכטענדיג, אַז אָך און וועה איז צו איהר וואָס פאַר אַ טאָכ־טער זי האָט... צי אפשר טאַקע מיט׳ן גאַנצען הארצען, מיט אַ טרייסט אין יענערים גרויסען אומגליק, ווארים איהר טאָכטער, איהר קינד איז זי דאָך נאָך אַלץ, וואָס זי זאָל ניט האָבען אָפּגע־טאָן און איהר איז איצט אַזוי שלעכט...

אויך דער אייניקעל, דער פלימעניקעל, האָט איצט אין הויז גאָר אַן אַנדער שטאַנד באַקומען. פריהער, איידער די געשיכטע האָט פּאַסירט, אַז די טאָכטער פלעגט קומען אין הויז מיט׳ן קינד, איז געווען אַ גאַנצער יום-טוב; אַלע האָבען געהאַט נחת; יעדע־רער האָט געריסען דעם קינד צו זיך; מען האָט ניט געקענט געִנוג אָנפרעהען זיך מיט איהם. איצט איז אַנדערש: איצט איז ער אין הויז אַן ארויפגעצוואונגענער, ער האָט ניט קיין אַנדער אָרט, וואו צו זיין; און אַז מען זעהט איהם, זעהט מען די גאַנצע צרה, דעם גאַנצען אומגליק פאַר די אויגען.

די עלטערע צוויי פאַרהייראַטע טעכטער, וואָס האָבען געוואוינט ווייטליך אַוועק פון דער מאַמען, פלעגען אָפט קומען אויסגעפינען וואָס עס הערט זיך; און אַלע דריי, די מאַמע מיט די צוויי עלטערע טעכטער, פלעגן ריידען און ריידען וועגען זייער אומגליק און זיך קליגען ווי אַזוי גוט צו מאַכען, עס הייסט, ער זאָל איהר „צוריקנעהמען". קיין שום אַנדער אויסוועג פון דער לאַגע איז ביי זיי גאָר אויפ׳ן געדאַנק ניט אַרויף. די געשלאָגענע טאָכטער האָט זיך געהאַלטען פון ווייטען, ווען די געשפּרעכען זיינען אָנגע־גאַנגען — מען האָט איהר ניט צוגערופען, ווי מען וואָלט זיך גע־זאָגט, אַז איהר דאַרף מען דאָ ניט האָבען, מיט איהר איז ניטאָ וואָס צו ריידען. עס איז ניטאָ פון איהר וואָס צו הערען. און זי אַליין איז ניט צוגעקומען — מורא געהאַט, צי געשעהמט זיך, גע־פיהלט זיך ערנידעריגט.

די צוויי עלטערע טעכטער האָבען אפילו געפונען פאַר איבע־

ריג צו באגריסען זייער שוועסטער מיט א „גוטען אָוועגד" — פלע-
גען איהר פאַרבייקוקען, אָדער אריבערקוקען.

דער גאָר גרויסער יחסן איז איצט געווען דער איידעם. אַלע-
מענס לעבענס זיינען אָן איהם אָפּגעהאנגען, אַלע זיינען איצט
געווען ביי איהם אין די הענט.

עטליכע אָוועגדען דורך דער וואָך פלעגט ער אריינקומען אין
הויז, פאַרכמורעט און פארביסען, שטייף און שטאָלץ; אָהן א
„גוטען אָוועגד" אַלעמען פארבייגעהן און אריינגעהן אין פראָנט־
רום. באַלד פלעגט די ווייב זיינע, מיט ווייכע טריט און מיט א
הארץ ווי בשעת מען געהט אריין צו א „פראָפעסאָר", וועלכער
וועט באַלד זאָגען, צי מען וועט לעבען, צי שטארבען — אריינ-
געהן צו איהם. די צוויי האַלבע טירען פלעגען זיך צוזאַמענרוקען
און זיי פלעגען דאָרט בלייבען אַליין.

דער איידעם איז געווען א שטאָלצער, פארביסענער יחסן.
באַלד דעם זעלביגען טאָג וואָס זי איז אנטלאָפען, צי אויף מאָרגען,
האָט ער געמאכט א סוף פון זיין היים. פארקויפט, צושאָנקען די
זאכען, א תל געמאכט פון אַלץ, קיין פאָדים ניט איבערגעלאָזען.
ניט גערעדט צו קיינעם, ניט געוואָלט צוהערען זיך צו עצות, ער
זאָל ווארטען, מען וועט פּרואווען זוכען איהר, אפשר וועט זי גאָר
היינט-מאָרגען צוריקקומען, ניט אָנגעקוקט קיינעם און ניט גע-
ענטפערט.

אויף אַלעמען אין הויז פלעגט אָנפאַלען אַן אימה, ווען די
צוויי האלבע טירען פון פראָנט-רום פלעגען זיך צוזאַמענרוקען.
מען האָט געוואוסט, אַז זי זיצט דאָרטען אויף איהר משפט...
וועט ער שוין איינמאָל פאַר אַלע מאָל מאכען א סוף היינט?...
צוריקנעהמען איהר?...

מען פלעגט זיצען שטיל. די אינגערע קינדער פלעגען דערנאָך
ארויסגעהן פון הויז. טאטע-מאמע זיינען איצט אַליין געזעסען אויפ'ן
משפט. דעם טאטענ'ס פּנים פלעגט זיין ביטער ווי גאַל, און דער
מאמע'ס פּנים פארקרימט פון וועהטאָג. זיי פלעגען ניט רעדען,
נאָר דאָך פלעגט זיך פון דער מאמען אמאָל ארויסרעדען:

— ער מאַטערט איהר דאָרטען...
— ער מאַכט איהר דעם טויט...
— ער טרינקט איהר בלוט...
— זי וועט נאָך אַמאָל אוועקפאַלען אונטער זיינע הענט אין פראָנט-רום...

דער טאַטע פלעגט גאָר ניט ענטפערען, אוועקקוקען אָן א זייט. זיין הארץ האָט אין איהם געקרענקט און געוועהטאָגט פאר זיין טאָכטער, נאָר דער רחמנות זיינער איז ווי פארשטיקט געוואָרען פון זיין פארביטערטקייט, און ער האָט ניט געקענט ארויסרעדען קיין וואָרט פון רחמנות אויף זיין טאָכטער.

די מאַמע פלעגט זיך אויך שטילינקערהייט ארומדרעהען ביי דער פארמאַכטער טיר, טאָמער וועט זי קענען עפּעס דערגעהן, אויפכאַפּען א וואָרט.

און טאַקע זיין מאַטערען איהר דאָרטען, אין פראָנט-רום, האָט געגעבען האָפנונג, אז עס וועט נאָך גוט ווערען. וואָרים, אז עס וואָלט שוין געווען „נאָך אַלעמען״, ער וויל איהר מעהר ניט קענען און ניט וויסען, וואָלט ער דאָך אהער ניט געקומען... צו וואָס קומט ער דאָ צו איהר?... מסתמא וועט דאָך עפּעס ארויס-קומען.

טאַטע-מאַמע האָבען ניט געוואוסט ווי צו באַנעהמען זיך מיט'ן איידעם. נאָך זייער טאָכטער'ס אַנטלויפען מיט'ן פרעמדען מאַן, האָבען זיי איהר, אין זייער בזיון און וועהטאָג, מסתמא אָנגע-וואונשען דיזעלביגע וואָס איהר מאַן; און אז ער, דער איידעם, וואָלט נאָר געוואָלט רעדען מיט זיי, וואָלטען זיי איהם צוגעגעבען אַלץ וואָס ער זאָגט און טראַכט וועגען איהר, ניט געזוכט קיין שום זכות אויף זייער טאָכטער. איצט אָבער, אז זי איז דאָ צוריק, און די צרה איז אויף זייער קאָפּ, און זייער קינד איז זי דאָך, און זיי מוזען העלפען איהר זיך ראַטעווען, האָט די מאַמע אַלץ גע-קלעהרט און איבערגערעדט מיט'ן טאַטען, אז עס וואָלט אפשר געווען א גלייכע זאַך דורכצוריידען זיך מיט איהם. ער האָט טאַקע מיט קיינעם ניט גערעדט, אָבער דאָך האָט מען גערעכענט, אז

מען וועט איהם אָפּשטעלען און מיט איהם ריידען, וועט ער זיך לאָזען ריידען. ער איז דאָך קיינמאָל ניט געווען אזא ווי איצט — אזוי פאַרהאַרטעוועט און פאַרכמורעט. אפשר, אז זיי וואָלטען זיך מיט איהם דורכגערעדט, וואָלט אַנדערש געוואָרען, וואָלט געפונען געווען אַ סוף, וואָלטען זיי געקענט זייער טאָכטער העל-פען... אָבער וואָס און ווי אזוי קען מען מיט מען איהם רעדען?... אָננעהמען זיך פאַר דער טאָכטער, זוכען אויף איהר אַ זכות, קען זיין, אז זיי וועלען נאָך מיט דעם ערגער מאַכען... עס איז דאָ גענוג וואָס צו זאָגען און וואָס צו רעדען אויף איהר... וואָס וועלען זיי זאָגען און וואָס פאַר אַ זכות קענען זיי אויף איהר גע-פינען? זי איז אַ פיינע, אַן אָרענטליכע? זי האָט גוט געטאָן?... זיי ווייסען, אז דער איידעם „האָט אַ מויל״, און די צרה קען נאָך פאַרגרעסערט ווערען... און, ווידער, צושטעהן צו איהם, געבען איהם גערעכט, זאָגען איהם, אז וואָס ער זאָל ניט טאָן, וועט ער זיין גערעכט און מען קען צו איהם גאָר ניט האָבען, וואָרים זי האָט אַלץ כשר פאַרדיענט — נאָך אונטערהעלפען איהם, און אויף אזא אופן איינקויפען זיך ביי איהם און דערמיט איהם ווייכער מאַכען... קען מען דערמיט נאָך ערגער מאַכען: אז טאַטע-מאַמע אַליין זאָגען אויף איהר... ווי קענען זיי דאָס טאָן?... האָבען זיי געמוזט שווייגען און זיך ניט אריינמישען.

מען האָט אויך גענומען צו הילף דעם קינד. מען האָט מיט'ן קינד איינגעשטודירט, געלערענט איהם ווי צו באַגעהן זיך, אז ער וועט דערזעהן דעם טאַטען. אז דער טאַטע פלעגט אריינקומען אין הויז, איז דער קינד שוין געווען גרייט מיט זיין ראָלע. דער טאַטע פלעגט אריינקומען האַסטיג, און האַסטיג אריינגעהן אין פראָנט-רום. עס איז קיין צייט ניט געווען איהם צו פאַרהאַלטען. נאָר ביים ארויסגעהן איז דער קינד שוין געווען אָנגעגרייט; מ'האָט געהיט די צוויי האַלבע טירען, און ווי נאָר ער פלעגט זיך באַווייזען, האָט דער קינד ארויסגעזאָגט „פּאַפּאַ!״ און אָנגענומען זיינע אַ האַנט, צי אַ פוס, ווי ס'איז שוין אויסגעקומען. דעם טאַטענ'ס האַרץ פלעגט אַ ציטער טאָן, און אַ וואַרימער, זיסליכער שטראָם

פלעגט דורך איהם דורכגעהן. ער האָט זיך אָבער אַלע מאָל גובר געווען, איינגעהאַלטען זיינע הענט און ניט גענומען זיין קינד צו זיך... ווייך אוועקגעשטופּט זיין קינד פון זיך און ארויס פון הויז... און דאָך אין דער זעלביגער צייט זיכער געווען ביי זיך, אז ער וועט זיין צוזאַמען מיט'ן קינד. זיי וועלען ניט בלייבען אָפּגעזונדערט... עס האָט אויך געטראָפען עטליכע מאָל, אז ער איז שוין געווען אויף יענער זייט טיר, האָבען זיך זיינע פיס ניט געהויבען צו געהן... זיין קינד געפינט זיך דאָ אזוי נאָהענט צו איהם...

ער האָט זיין קינד ליעב געהאַט, ווי יעדער פאָטער האָט ליעב זיין קינד, און אפשר נאָך א ביסעל מעהר. באַלד אין אָנהויב, ווען זי איז אַנטלאָפען און מיטגענומען דעם קינד, און ער איז געווען אזוי אויפגעקאָכט און צואווילדעוועט, און פארשעהמט און דערשלאָגען — אין יענער צייט איז אין איהם געווען גאָר א באַזונדערער, אָפּגעטיילטער וועהטאָג און יסורים, וואָס ער האָט פארלאָרען זיין קינד, און ער האָט דורך די נעכט געוויינט, באַוויינט זיין קינד, „געהרעוועט, ווי אַן אָקס“, ווי די מענשען אין הויז פלעגען זיין וויינען און ברומען אָנרופען, וואָרים מען פלעגט זיך אויפכאַפּען און זיך צוהערען צו איהם; מען פלעגט שטעהן נאַקעטעביים טיר פון זיין צימער און זיך צוהערען.

נאָר איצט, אז זיין קינד איז דאָ צוריק און ער קען איהם האָבען און זיין מיט איהם צוזאַמען, האָט דער דראַנג אין איהם וואָס שווערער זיך נוקם צו זיין אָן זיין ווייב און די איהריגע גובר געווען די שטאַרקע ליעבע פאַר זיין קינד... זיי וועט מעהר קרענקען... זייער שרעק וועט זיין שטאַרקער...

עס פלעגט אריבערגעהן ארום א שטונדע צייט, אמאָל עפּעס מעהר, אמאָל עפּעס ווייניגער, פלעגען זיך די צוויי האַלבע טירען פון פראָנט-רום עפענען, און ער פלעגט ארויסקומען; מיט דער זעלביגער שטאָלצקייט, פארכמורעט און פארביסען פארבייגעהן די מענשען, ארויסגעהן אָהן א„גוט נאַכט“.

די מאַמע און דער טאַטע האָבען געהאַפּט צו הערען גוטע

נייעס; די האָפנונג האָט פון טאַטענ׳ס פּנים אין דער מינוט אַ ביסעל פאַרווישט די ביטערקייט.

די מאַמע האָט דערוואָרט זיך, אַז דער אײדעם זאָל פאַרמאַכען די טיר. דער טאַטע שטעלט אויס אַן אויער. די מאַמע פרעגט:

— ס׳איז עפּעס געוואָרען? וואָס האָט ער געזאָגט?

די דערשלאָגענע טאָכטער איז אַלע מאָל געווען פאַרווײנט.

— ס׳איז גאָר ניט געוואָרען.

— וואָס׳טער געזאָגט? ער האָט דאָך מיט דיר גערעדט!

— דיזעלביגע.

— וואָס האָט ער געזאָגט וועט זיין?

— ער האָט ניט געזאָגט.

די מאַמע פלעגט יעדען מאָל וועלען וויסען אַלץ, וואָס זיי האָבען דאָרטען גערעדט אין פאַרמאַכטען פראָנט-רום. אָבער ווי אַזוי האָט די טאָכטער געקענט דערצעהלען, וואָס זיי האָבען דאָרטען גערעדט? זי וואָלט געדאַרפט פון דאָס-ניי פאַר דער מאַמען רעדען און איבערדערצעהלען וואָס זי האָט אָפּגעטאָן... ווידער רעדען און דערצעהלען פון איהר גרויסער שאַנד...

אין פאַרמאַכטען פראָנט-רום איז ביי זיי אָנגעגאַנגען נאָר איין סאָרט גערייד, ס׳הייסט גערעדט האָט ער, נאָר ער, און זי האָט געענטפערט, געמוזט ענטפערען אויף זיינע פראַגען. און גערעדט האָט ער אַלץ דיזעלביגע, יעדען מאָל דיזעלביגע רייד... גענומען איהר אַלע מאָל אויף אַ נייעם פאַרהער וועגען איהר אַנטלויפען מיט יענעם, און וואו זיי זיינען געווען און וואָס זיי האָבען געטאָן. און וואָס האָט זי אויף די דאָזיגע פראַגען זיינע געקענט ענטפערען? פלעגט זי זיצען אַ צושראָקענע, און ניט געוואָלט און ניט געקענט ענטפערען; אָבער עפּעס האָט זי דאָך געמוזט זאָגען איהם. און זיין יעדער מאָל ריידען איז געווען אַ קרייץ־פאַרהער, און ער האָט איהר טאַקע אַ סך מאָל געכאַפּט, אַז איהרער אַן ענטפער שטימט ניט מיט אַ פריהערדיגען ענטפער איהרען, און איהר דאָס אויפגעוויזען — פלעגט זי נאָך מעהר צושראָקען ווערען און זיך פאַרפּלאָנטערען אין אַ נייעם ליגען. און זי איז ניט געווען אַזאַ, וואָס

זאָל קענען כאַטש מיט געמאַכטע קוראַזש זאָגען: כ'האָב אָפּגע־טאָן און ס'איז פאַרפאַלען; כ'בין וואָס איך בין, כ'האָב חרטה און דאָס וועט מעהר קיינמאָל ניט געשעהן. נעם מיר צוריק, אויב דו ווילסט און דו קענסט. אַזוי האָט זי ניט געקענט רעדען צו איהם; נאָר דורך געשלאָגענקייט, דורך רחמנות געזוכט זיך צו ראַטעווען... ער האָט אַלץ געפאָדערט, זי זאָל איהם זאָגען דעם אמת, אַלץ איהם דערצעהלען. און ווי האָט זי געקענט אַרויסברייני־גען דעם אמת פון איהר מויל און דערצעהלען איהם אַלץ?... ס'איז דאָך קלאָר געווען אפילו פאַר דעם נאַרישסטען, אַז זי איז מיט איהר געליעבטען גאַנץ נאָהענט געווען, זיי האָבען געלעבט ווי מאַן און ווייב. און דאָך, אין די ערשטע געשפּרעכען מיט איהר מאַן, דורך איהר שטאַרקען פאַרלאַנג צו ראַטעווען זיך, איז איהר איינגעפאַלען צו לייקענען. ס'איז גאָר ניט פאָרגעקומען ביי איהר מיט יענעם... ס'איז גאָר ניט געווען... עפּעס אַזוי ווי איינער, וועמען מען כאַפּט ביים אָפּטאָן אַ מיאוס'ע, געפעהרליכע זאַך, מען כאַפּט איהם מיט רויטע הענט, רייסט זיך פון איהם אַרויס די נאַרישע פאַרטיידיגונג: כ'האָב גאָר ניט געטאָן, כ'ווייס פון גאָר נישט! ניט איך!

יעדען מאָל, ווען ער האָט זיך מיט איהר פאַרמאַכט אין פראָנט־רום, איז ער געזעסען דערווייטערט פון איהר, אויסגעהיט זיך פון צוקומען נאָהענט צו איהר, ווי זי וואָלט אַ טמא, טריפה זאַך גע־ווען. און געפרעגט און איבערגעפרעגט איהר אַלץ דיזעלביגע, איהר „צוגעשפּאַרט צום וואַנט", אַרויסגעקראָגען פון איהר ווי אַזוי זי האָט מיט יענעם פאַרבראַכט... און איבערגעפרעגט פאַר וואָס יענער האָט איהר „אָוועקגעוואָרפען" — ניט געברויכט קיין אַנדער וואָרט ווי נאָר „אָוועקגעוואָרפען", ווייל דער דאָזיגער וואָרט דער־נידעריגט מעהר ווי ער וואָלט, למשל, געזאָגט: פאַר וואָס איז ער פון דיר אַוועק? אָדער פאַר וואָס האָט איהר זיך צושיידט?...

ווי דער אמת איז געווען, האָט ער נאָך גאָר אַליין ניט גע־וואוסט, אויב ער וועט איהר „צוריקנעהמען" אָדער ניט. דערווייל איז זיין אויפגאַבע געווען צו פּייניגען איהר, צו נעהמען נקמה

פאר דאס, וואס זי האט איהם אפגעטאן. ער איז פאר׳שכור׳ט געווען אין זיין פייניגען איהר, אין זיין נקמה נעהמען. פלעגט איהם צייטענווייז איינפאלען צוריק צוזאמענצוקומען זיך מיט איהר, און אלע טאג, אלע נאכט ניט אויפהערען רעדען דערפון, ניט אויפהערען אויפוואַרפען איהר, מאכען איהר דערצעהלען איהם אלע ווײלע די גאנצע געשיכטע. ער וועט איהר האבען ביים האנט... נאר באלד האט זיך איהם אויסגעוויזען, אז זיין נקמה וועט זיין שטארקער, אז ער וועט איהר האלטען פון ווייטען — זאל זי ניט מיינען, אז ער האט איהר שוין צוריקגענומען... זאל זי זיין אין שרעק...

* * *

אז איהם פלעגט שוין מיאוס ווערען רעדענדיג און פרעגענדיג און ארויסקריגענדיג פון איהר וואס זי מיט׳ן געליעבטען האבען אפגעטאן, ווען זיי זיינען געווען אוועק, האט ער זיך דערטראכט צו עפעס נייעס — אויב זי האט געהאט אנדערע געליעבטע זינט זיי זיינען פארהייראט, און ווער זיי זיינען געווען, און ווי לאנג זי האט זיי געהאט. נאר דא האט ער שוין גאר ניט געקענט ארויסקריגען, ווייל זי האט ניט געהאט וואס איהם צו זאגען. זי האט קיין שום אנדערע געליעבטע ניט געהאט. דער, מיט וועמען זי איז געווען אנטלאפען, איז געווען דער ערשטער און דער איינ־ציגער. ביז איהם איז זי געווען אן עהרליכע פרוי, ס׳איז איהר קיינמאל אפילו אין זינען ניט געלעגען צו האבען א געליעבטען, און זי האט ניט געהאט. דא האט ער איהר שוין ניט געקענט צור־שפארען צום וואנט, ניט געקענט פארפלאנטערען איהר אין איה־רע רייד, ניט געקענט כאפען איהר ביי קיין ליגענס. זי האט זיך געהאלטען ביים אמת — ניין און ניין; און זי האט גערעדט מיט א גלייכען, אויפגעהויבענעם קאפ, און ס׳איז געווען פאר איהר גאר א שטארקע דערגרינגערונג; אין די פריהערדיגע רייד און פראגען איז זי דאך געווען די שולדיגע... איצט איז זי כשר... האט ער געמוזט פון אט דעם פונקט אראפגעהן און זיך צוריקקעהרען צו די פריהערדיגע רייד און פראגען, וואו ער איז געווען זיכערער און

שטארקער, און זי האָט ווידער געהערט און געענטפערט מיט אַ באַגראָבענעם קאָפּ.

און איין אָוונט, אין אַ קורצע ווײַלע אַרום ווי זיי האָבען זיך פאַרמאַכט אין פראָנט-רום, האָט מען דערהערט אַ שטאַרקען אויסגעשריי פון דאָרטען. די צוויי האַלבע טירען האָבען זיך האַסטיג פונאַנדערגערוקט און זי איז אַרײַנגעפאַלען אין קיך מיט אַ יאָמער, אַרויפגעפאַלען אויף אַ שטוהל ביים טיש און געקלאָגט, געריסען זיך די האָר פון קאָפּ.

— וואָס איז געווען? וואָס איז? — איז די מאַמע צו איהר צוגעלאָפען אַ צום-טויט-דערשראָקענע.

דער טאַטע איז אויך צוגעקומען צו איהר.

די מאַמע האָט אָוועקגעריסען דער טאָכטער'ס הענט פון איהרע האָר.

— ווילסט אַ ביסעל וואַסער? — האָט די מאַמע איהר געפרעגט. אָנגעצאַפּט אַ ביסעל וואַסער אין אַ גלאָז און צו איהר צוגעטראָגען.

— כ'וויל ניט קיין וואַסער!... — האָט די טאָכטער שוואַך גערעדט, ווי פאַר אָדער נאָכ'ן חלש'ען. — דאָס איז דער סוף פון מיין לעבען...

איהר פּנים און די ליפען איהרע זיינען געווען ווייס ווי קאַלך.

דער איידעם האָט דערווייל זיך געוואַלט דורכשאַרען און אַרויסגעהן פון הויז. נאָר די מאַמע האָט מיט איהר קערפּער פאַרשטעלט איהם דעם וועג. די מאַמע איז אויך געווען דערשלאָגען, נאָר אין איהר האָט זיך עפּעס איצט דערוועקט אַ כּוח, און זי איז געווען אויפגעקאָכט מיט כּעס.

— כ'וויל מיט דיר ריידען! — האָט די מאַמע געזאָגט צום איידעם, מיט אַ פעסטען, סטראַשענדען קול. זי איז אין דער ווײַלע געווען גאָר אַן אַנדערע, אַ פעסטערע, אַ שטאַרקערע, ווי ס'מוז ווערען אַ מאַמע, ווען זי דערזעהט איהר קינד אין אַזאַ פּאָזע, ווי איהר טאָכטער איז פון פראָנט-רום אַרײַנגעפאַלען; צי אפשר האָט זי אין דער ווײַלע דערזעהן, אַז זי האָט שוין ניט מעהר אויף

וואָס צו האָפען, ס'איז פארפאלען — זאָל זי כאָטש איהם ניט אוועקלאָזען אזוי גלאט.

דער איידעם האָט ניט געענטפערט, געשטופט זיך צום טיר.

— כ'וויל מיט דיר ריידען און דו ווערסט פון דאנען ניט געהן!

און זי האָט זיך געשטעלט מיט'ן רוקען צום טיר.

— כ'וויל וויסען ווי לאנג דו'סט איהר מאטערען און וואָס ס'וועט זיין דער סוף!

— איהר וועט שוין וויסען! — האָט דער איידעם איהר צו-געוואָרפען.

— כ'וויל שוין וויסען איצט! ווי לאנג וועסטו אזוי טרינקען איהר בלוט? ס'איז שוין באלד ניטאָ וואָס! נעהם איהר יאָ צוריק, נעהם איהר ניט צוריק, אָבער טו עפּעס און מאך א סוף!

— לאָזט מיר געהן!

— מאמע, לאָז איהם געהן — האָט די טאָכטער געבעטען.

— לאָזט מיר געהן פון דאנען, כ'האָב קיין צייט ניט!

די מאמע האָט זיך א ביסעלע דערשראָקען: אפשר האָט זי „צו הויך" גערעדט צו איהם... טיעף אין איהר הארצען האָט זי דאָך אפילו אין איהר כעס געוואוסט וואָס פאר א „סוף" זי וויל פון דער געשיכטע... האָט זי מיט אמאָל געביטען איהר טאָן, גע-נומען ריידען ווייכער:

— כ'פרעג דיך אליין, סיימאָן, ביזט דאָך א מענש מיט שכל, ווי לאנג קען דאָס אזוי אָנגעהן? זעץ זיך בעסער אוועק און לאָמיר ריידען.

און ווייל זי איז שוין ווייכער געוואָרען, איז זי אוועק פון טיר, געוואָלט געבען איהם א שטוהל. ער איז דערווייל האסטיג ארויס.

די מאמע האָט אין דער מינוט אליין ניט געוואוסט, צי זי האָט גוט געטאָן וואָס ער איז אוועק אזוי „מיט גאָרנישט", צי ס'איז גלייכער, אז ז' האָט זיך בעסער מיט איהם ניט צוקריגט.

— וואָס איז דאָרטען געווען ביי אייך אין פראָנט-רום? — האָט זי געפרעגט דער טאָכטער.

די טאָכטער האָט ניט געקענט ענטפערען. ניט געקענט אַרויס־ברייינגען פון איהר מויל — אַ צו־שרעקליכע זאַך.

היינט אָוועגד איז איהר מאַן געקומען מיט אַ גאַנץ נייעם אינסטרומענט איהר צו מאַטערען. יענע מאַטער-געצייג זיינען שוין געוועזן טעמפּ; און אין איהם איז נאָך שטאַרק צושפּיעלט גע-וועזן דער בלוטיגער חשק צו מאַטערען איהר, האָט ער זיך געמוזט ערפינדען עפּעס נייעס צו זאָגען איהר, אין וואָס ער האָט אַליין ניט געגלויבט, געוואוסט, אַז ס׳איז אַ ליגען, נאָר פאַר איהר וועט דאָס זיין „גוט״. ווייבאַלד, אַז זי האָט געקענט אָפּטאָן אַזאַ זאַך, זי האָט געלעבט מיט אַן אַנדער מאַן, טו פון וואַנען קען ער וויסען, אַז זי האָט דאָס אַלע מאָל ניט געטאָן, און דער קינד איז גאָר ניט זיינער, ס׳איז גאָר אַ פרעמדענ׳ס — אַ ממזר... ער האָט זיך פאַר-געשטעלט, אַז דער נייער איינפאַל זיינער וועט גוט אַרבייטען. ער איז געוועזן אומגעדולדיג. און געאַרבייט האָט עס נאָך בעסער ווי ער האָט זיך פאָרגעשטעלט. ער האָט זיך פאַרמאַכט מיט איהר אין פראָנט-רום און גלייך אָנגעהויבען, אָבער ווייט האָט ניט גע-קענט אַוועקגעהן, וואָרים ווי נאָר ער האָט אַרויסגעבראַכט פון זיין מויל דעם וואָרט „ממזר״ — איהר קינד איז אַ „ממזר״ — האָט זי אַרויסגעלאָזט אַ שרעקליכען געשריי און פון איהם אַנט-לאָפען.

און אַז די מאַמע האָט פון איהר טאָכטער אַרויסגעקראָגען וואָס דער איידעם האָט איהר דאָרטען אין פראָנט-רום אַזוינס גע-טאָן, געזאָגט, איז איהר האַרץ צוגאַנגען געוואָרען ווי וואַקס פאַר איהר אומגליקליכער טאָכטער, און ביי איהר איז אַזוי ווי קלאָר געוואָרען, אַז ער, דער איידעם, איז שוין איצט דער אַ סך מעהר פאַרזינדיגטער... איהר טאָכטער איז געלייטערט און אויסגעקויפט געוואָרען פון אַלע איהרע עבירות... אַזאַ וואָרט האָט ער פון זיין מויל אַרויסגעבראַכט... ביי איהר אין הויז האָט מען קיין מאָל אַזאַ וואָרט ניט געהערט...

ביי דער מאַמען איז אויסגעקומען, אַז נאָך „אַזאַ וואָרט״ קען שוין גאָרנישט זיין ביי איהר טאָכטער מיט׳ן מאַן. געשטאָרבען

און פאַרפאַלען, אָפּגעווײנט און אָפּגעקלאָגט. און צו איהר טאָכ־טער האָט זי געזאָגט מיט צאָרן:

— פאַר וואָס האָסטו מיר דאָס ניט געזאָגט, ווען ער איז דאָ געוועזן?!

די טאָכטער האָט ניט געהאַט וואָס צו ענטפערען.

— זײן פוס וועט מעהר ביי מיר אין הויז ניט אַרײנקומען! — האָט די מאַמע געזאָגט, צו שטילען זיך וויפיעל ניט איז — און דעם קינד וועל איך איהם אויך ניט לאָזען אָנריהרען אפילו. און דאָס, וואָס ער האָט געזאָגט אויפ'ן קינד, איז ער אַליין!...

ניט געקענט אַרויסזאָגען דעם וואָרט „ממזר“...

דער טאַטע האָט אָנגעטאָן דעם ראָק, און אַ שווייגענדיגער, קוקענדיג אָן אַ זייט, אַרוים פון הויז.

אין די נעקסטע פאָר וואָכען איז דער איידעם ניט געקומען. די מאַמע האָט אַלץ געקוקט צום טיר. יעדער שאָרך אויף יענער זייט טיר האָט צוגעצויגען איהרע אויגען און אויערען. פאַר'ן אַלטען, וועלכער האָט פון איהר, אין זיינע פאַרכמורעטע, אָפּגע־האַקטע רייד, אַ מין שטום־לשון, עפּעס פון איהר געמאָנט, איהר אויפגעוואָרפען, האָט זי זיך פאַרענטפערט:

— וואָס האָב איך איהם געטאָן? כ'האָב איהם גאָרניט גע־טאָן! אז ער'ט וועלען קומען, וועט ער קומען!

דאָס איז אָבער געוועזן ניט מעהר ווי געזאָגט. אז ער האָט זיך ניט געוויזען עטליכע וואָכען, איז מען אין הויז שטאַרק דערשלאָגען געווען. די מאַמע איז אַוועקגעלאָפען איהם זוכען.

דער פּאַטער פון דער פאַמיליע

נאָך איידער זי איז זיך מיט איהם צוזאַמענגעקומען און ביז'ן סוף האָט מען מיט איהר גע'טענה'עט און געהייסען איהר פון איהם אוועקגעהן, ארויסטרייבען איהם, און זי האָט זיך צו די עצות און טענות ניט צוגעהערט. אז זי איז פאַר איהם א כלה געוואָרען, אין דער אַלטער היים, מיט א סך יאָהרען צוריק, האָט זי שוין געוואוסט, אז ער טרינקט בראַנפען און שפּיעלט אין קאָרטען. נאָר זי האָט איהם שטאַרק ליעב געהאַט, א פּייער האָט ער אין איהר אָנגעצונדען. מ'האָט דאַמאָלסט געזאָגט, אז ער האָט איהר א כשוף אָנגעטאָן, „באַקאַשוועט" האָט ער איהר. און ער איהר האָט אויך ליעב געהאַט, וואָרים ער האָט איהר גענומען אָהן א גראָשען נדן, און ער איז געווען א העלדישער יונג און א גוטער. די נאָהענטע מענשען האָבען איהר אויפגעוויזען, אז זי מאַכט זיך אומגליקליך — א שכור און א קאָרטענשפּיעלער. די רייד האָבען ניט געהאָלפען.

נאָך דער חתונה האָט ער זיך ניט געבעסערט, אָנגעגאַנגען מיט זיינע בראַנפען און קאָרטען, און זי האָט גאָר וועניג אָנגעזעהן פון זיינע פאַרדיענסטען, און זי האָט נאָך דער חתונה ווייטער גענייט קינדערשע קליידלעך, ווי פאַר דער חתונה.

זיי זיינען געווען עפּעס א מאָדנע פּאָר: ביידע געזונטע, גרויסע, הויכע, און ביידע האָבען זיך ניט אויסגעטויגט אין זייער ארבייט. ער האָט קיינמאָל ניט געקענט ווערען א ריכטיגער מולער, נאָר געווען און געבליבען אַן ארויסהעלפער, א דערלאַנגער צום האַנט. זי האָט זיך פון קליינווייז אויף געלערנט ווייבערשע שניידעריי, און מעהר ווי א קינדערשע קליידעל אויפנייהען האָט זי זיך ניט געקענט אויסלערנען, און איז דערביי פאַרבליבען איהר גאַנצען לעבען.

האָט מען איהר גע׳עצה׳ט, זי זאָל פון איהם אוועקגעהן, וועט ער זיך דערשרעקען און בעסער ווערען. זי האָט אָבער אזעלכע רייד אפילו ניט געקענט הערען. די הארץ — פלעגט זי פיהלען — נעהמט פאַלען פון איהר, הערענדיג רייד וועגען פונאנדערגעהן זיך מיט איהם — ניט זיין מעהר צוזאַמען מיט איהר אהרן׳ען. נאָר ס׳פלעגט טרעפען, ווען איהר איז געווען ביטער אויפ׳ן הארצען פון זיין אויפפיהרען זיך, פלעגט זי וויינען און איהם סטראַשען, אז זי וועט מיט איהם ווייטער אזוי ניט לעבען, זי וועט אוועקגעהן, אנטלויפען וואו די אויגען וועלען איהר טראָגען. זי האָט דאָס אָבער ניט געמיינט, און ארויסרעדענדיג די דאָזיגע שרעקליכע ווערטער, האָט זי געפיהלט, אז איהר הארץ פאַלט פון איהר... אוועקגעהן פון איהר אהרן׳ען!...

— כ׳קען ניט לעבען אָהן א ביסעל בראַנפען און שפּיעלען א מאָל א ביסעל אין קאָרטען — פלעגט ער זיך ביי איהר בעטען. קיינמאָל ניט ענטפערען איהר גראָב, אָדער אויסלאַכען זיך פון איהר. וואָרים ער האָט איהר שטארק ליעב געהאַט, און זיין כאַראַקטער איז ניט געווען פאַרדאָרבען, און ער האָט געהאַט א גוט הארץ. מעהר ניט וואָס ער האָט שטארק ליעב געהאַט א טרונק און א קאָרט, און — ווי ער האָט געזאָגט דעם אמת — ער האָט אָהן די זאַכען ניט געקענט לעבען.

א קינד איז געבאָרען געוואָרען, נאָך א קינד, און אַלץ איז געגאַנגען ווי פריהער. ער — בראַנפען מיט קאָרטען; זי — קינדערשע קליידלעך. איהר ערשטע געוואַלדיגע ליעבע פאַר איהר אהרן׳ען איז אין איהר פארבליבען ביז גאָר ווייט אין איהר לעבען אריין. די בראַנפען מיט די קאָרטען האָבען עס ניט געקענט אָפּטויטען.

2.

אין אמעריקא האָט מען איהר אויך געזאָגט, אז זי זאָל פון איהם אוועק, פון הויז איהם ארויסטרייבען; און דאָס האָבען שוין אזוי גערעדט די אייגענע קינדער.

אין אַמעריקאַ איז אויך דאָ בראַנפּען מיט קאָרטען מיט קינ־דערשע קליידלעך צום נייהען.

די קינדער זייערע זיינען געווען פיינע קינדער, נאָר זייער טאַטען האָבען זיי ניט געקענט ליעב האָבען. דער טאַטע האָט קיינמאָל אַ קינד מיט אַ פינגער ניט אָנגעריהרט, ניט געשריען און ניט געשאָלטען. זיי האָבען אָבער אין זייער האַרצווען זיך געזעהן ווי די מאַמע האָט זיך פאַר איהם. און כאָטש אין הויז איז קיינמאָל קיין בראַנפּען און קיין קאָרטען ניט געווען, האָבען די קינדער, קליינערהייט נאָך, געוואוסט פון זייער טאַטענ׳ס בראַנפּען און קאָר־טען. מיט די יאָהרען, מיט די צרות און אָרימקייט, מיט די איי־ביגע קינדערשע קליידלעך, איז די מאַמע אַ צובראָכענע געוואָרען, שוואַך און נערוועז, פלעגט זי זיך אָפט הויך צוריידען און צובייזע־רען אויף איהר פינסטערען לעבען, און קלאָגען אויף די בראַנפּען מיט די קאָרטען. מיט די קינדערשע קליידלעך האָט זי געמוזט אָנגעהן דאָ, ווי אין דער היים. געווען איז אהרן אַ קנאַפּער פאַרדיענער אין אַמעריקאַ, ווי אין דער אַלטער היים; געמאַכט אמאָל אַ „דזשאַבעל“ פאַר אַ לענדלאָרד, פאַרלאַטעט אַן אָראָפּגעפאַלענעם „סילינג“, אויסגעפּיקסט אַ קוימען, פאַרשטאָפּט אַ לאָך אין וואַנט. מעהר אַרומגעגאַנגען ליידיג איידער געאַרבייט, און דערצו נאָך די בראַנפּען מיט די קאָרטען. פלעגט די ווייב גאָר זעלטען אָנזעהן זיינעם אַ סענט אין די אויגען.

די קינדער זיינען געוואַקסען און זיי האָבען זייער טאַטען אַלץ מעהר פיינט געקראָגען; דערפאַר האָבען זיי שטאַרק ליעב גע־האַט זייער מאַמען. דער חלק ליעבע, וואָס קינדער האָבען פאַר זייער טאַטען, איז אַריבערגעגאַנגען צו דער מאַמען. און ווי נאָר זיי האָבען געקענט עפּעס פאַרדיענען, האָבען זיי איהר מעהר ניט גע־לאָזען נייהען קיין קליידלעך, און זי האָט אויפגעהערט נייהען. אָבער אַלץ ניט אין גאַנצען אויפגעהערט. די קליידלעך זיינען איהר שוין לאַנג, לאַנג נמאס געוואָרען, און זי האָט זיי אין איהר לעבען גענוג אָנגעשאָלטען און געוואונשען זיך, זי זאָל שוין אמאָל פון די קליידלעך דערלייזט ווערען. נאָר פונדעסטוועגען, אַז די צייט

איז געקומען, און זי האָט שוין די קליידלעך מעהר ניט געדאַרפט, און מ׳האָט איהר ניט געלאָזען נייהען, האָט זי נאָך אַלץ ניט געקענט אײן גאַנצען שיידען זיך מיט די קליידלעך, וואָס זיינען עטליכע און דרייסיג יאָהר דורך איהרע הענט געגאַנגען — אריינ־געכאַפּט אַ קליידעל פאַר די „נעקסדאָריגע“, פאַר אַ שכנה פון איהר פלאָר — אריינגעכאַפּט צווישען אַן ארבייט און אַן ארבייט, כאָטש איין קליידעל אַ וואָך, איינע אין צוויי וואָכען. די עטליכע סענט איז איהר גוט צוניץ געקומען, ווארים די הוצאה איז געווען גרויס, און מ׳דאַרף אַלץ „רייסען פון די קינדער“; און גאָר אָהן אַ קליידעלע ווען־עס־איז — איז איהר געווען אומעטיג, האָט איהר עפּעס געפעהלט.

די קינדער האָבען זיך געשעהמט מיט זייער טאַטען. אָבער הויך גערעדט אויפ׳ן טאַטען האָבען זיי נאָך ניט. די מאַמע האָט זיי שוין אַזוי אויסגעלערענט, אַז מ׳טאָר אויף אַ טאַטען גאָר ניט זאָגען. אָבער שפּעטער, אַז זיי האָבען שוין פאַרדיענט, געבראַכט געלט אין הויז אריין, זיי האָבען זיך דערפיהלט פאַר גאַנצע מענ־שען, האָבען זיי געקראָגען מעהר לשון, און זיי האָבען געזאָגט דער מאַמען, אַז דער טאַטע זאָל געהן פון הויז, מ׳דאַרף איהם דאָ ניט. מיט׳ן טאַטען גופא האָט מען אין גאַנצען ניט גערעדט, וואָכען און וואָכען זיינען אַוועק, און מ׳האָט מיט׳ן טאַטען אַ וואָרט ניט אויסגערעדט, מיט פאַרשטיקטע שנאה צו איהם, אַ קאָכעניש אין הארצען. פון זייער זאָגען איהר, אַז זי זאָל דעם טאַטען פון הויז ארויסטרייבען, האָט זיך די מאַמע אַזוי גוט ווי אויסגעלאַכט — שוין באַלד דעם גאַנצען לעבען מיט איהם אָפּגעלעבט, וועט זי איצט געהן פאַרפיהרען אַזעלכע שטיק... נאָר וואָס די קינדער האָבען איהם פיינט, זיי קענען אויף איהם די אויגען ניט ארויפ־לאָזען, דאָס האָט זי שוין ניט געקענט העלפען. זי האָט ביי זיך געוואוסט, אַז די קינדער זיינען גערעכט. גרויסע קינדער, אָרענט־ליכע, שטילע, שעהמען זיי זיך מיט איהם, און דאָס איז גאָר ניט קיין עולה. מ׳זעהט דאָך, אַז איהם אַרט גאָר ניט פאַר זיין הויז, פאַר זיין פאַמיליע. ווען זעהט מען אַן זיינעם אַ פאַרדיענטען

סענט? אין גאַנצען אָנגעלעגט זיך אויף די שוואַכע קינדער. מ'ווייס, אַז ער האָט היינטיגע וואָך געמאַכט אַ „דזשאַבעל", צי אַ פּאָר — וואו איז די געלט? ניטאָ קיין געלט. ער האָט שוין פאַרטיגע תירוצים, איין ליגען אויפ'ן אַנדערען: ער האָט נאָך ניט געקראָגען באַצאָהלט; ער איז שולדיג געווען, האָט ער אָפּגעצאָהלט; ער האָט אימיצען אוועקגעליהען; דער לענדלאָרד האָט פאַרקויפט די הויז און דעם נייעם לענדלאָרד האָט ער נאָך ניט געקראָגען צו זעהן. מ'האָט געוואוסט, אַז ער זאָגט ליגען און מ'האָט געוואוסט וואָס ער האָט מיט'ן געלט געטאָן, און ס'איז גאָר פאַרשפּאָרט געווען צו פרעגען און מאָהנען; אָבער שווייגען האָט מען ניט געקענט. האָבען די קינדער געדעדט און געמאָהנט. צום טאַטען פלעגען די קינדער ניט ריידען, נאָר צו דער מאַמען, און דער טאַטע האָט דאָס אָפּט געהערט. אָבער די לאַנגע יאָהרען בראָנפען מיט קאָרטען, די בערג חטאים, וואָס ער האָט אויף זיך געטראָגען, האָבען איהם אַזוי דערנידעריגט אפילו אין זיינע אייגענע אויגען, אַזוי פאַר-האַרטעוועט זיין פעל, אַז ער האָט די קינדער'ס רייד און זייער באַנעהמען זיך צו איהם גרינג אָראָפּגעשלונגען, אָהן אַ קרים.

די קינדער פלעגען ריידען, קאָכען זיך. ער האָט ניט וואָס צו זאָגען, ענטפערט זיי ניט אַ וואָרט, פאַרהויקערט אַ פּלייצע און געהט אַרויס פון הויז.

די קינדער פלעגען זיך אָפּט גאָר שטאַרק צובונטעווען: זיי ווילען ניט דעם טאַטען אין זייער שטוב, און אָט געהען זיי איהם דאָס זאָגען, און זיי מאַכען אַ סוף — זאָל ער געהן, וואוהין ער וויל. אָבער די מאַמע האָט זיי אַלע מאָל איינגעשטילט. אין דער אמת'ען זיינען דאָך די קינדער געווען גאָר גוטע קינדער, נאָר עס פלעגט קומען אַ צייט, ווען זיי האָבען געמיינט, אַז זיי קענען שוין מעהר ניט אויסהאַלטען.

דער טאַטע פלעגט קומען פון זיינע קאָרטען שפּעט אין דער נאַכט, ווען אַלע זיינען שוין געווען ווייט אין שלאָף, און ער פלעגט קלאַפּען אין טיר און אַלעמען אויפוועקען. געהן עפענען פאַר איהם די טיר, איז געווען דער מאַמע'ס אַרבייט. די קינדער האָבען

זיך קיינמאָל פון אָרט ניט גערירהט, און זיי פלעגען נאָך פון זייערע געלעגערס צושרייען צו דער מאַמען, זי זאָל ניט געהן עפּע- נען די טיר — זאָל ער דאָרטען שטעהן, זאָל ער געהן צוריק וואו ער איז געוועזן ביז איצט; זאָל ער היטען דעם שליסעל; וואָרים ביים אַלטען האָבען זיך ניט איינגעהאַלטען קיין שליסלען. אַלע ווײַלע פלעגט מען איהם קויפען אַ שליסעל צום טיר און אַלע ווײַלע פלעגט ער די שליסעל פאַרלירען, און ווידער קלאַפּען אין טיר, און אַלעמען אויפרייסען פון די בעטען. איז שוין געוועזן דער מאַמע׳ס ארבייט צו קריכען פון בעט אַ שטיק אין דער נאַכט עפענען פאַר איהם די טיר. אויף די קינדער׳ס שרייען צו איהר, זי זאָל ניט געהן, פלעגט זי זיך גוט אויסזיפצען. און אַלע מאָל, ווען ער פלעגט זיך פאַרשפּעטיגען אַ ביסעל מעהר ווי געוועהנליך, פלעגט זי זיך אויפכאַפּען פון איהר שלאָף, עפּעס דערפיהלען, דער- שמעקען אין איהר שלאָף, אַז ער איז נאָך ניטאָ — ער האָט שוין געדאַרפט זיין; און זי פלעגט זיין אומרוהיג, שרעקען זיך: פאַר וואָס איז ער ניטאָ?... אפשר האָט מיט איהם עפּעס פּאַסירט... און זי האָט שוין ניט איינגעשלאָפען ביז ער איז געקומען. דער איצטיגער אהרן איז שוין טאַקע ניט געוועזן מעהר יענער אהרן פון די יונגע יאָהרען; ס׳איז גאָר אַ קנאַפּער סימן איבערגעבליבען פון יענעם אהרן, וועלכער האָט איהר אַמאָל „באַקאַשוועט“, איהר בלוט אָנגעצונדען אין אַ פייער, וואָס האָט יאָהרען לאַנג אין איהר געפלאַקערט. איינגעבויגען איז איצט אהרן, צוקרימט און צו- שוואומען, אָהן האָר אויפ׳ן קאָפּ, און אַלט, ניט אַן ערך עלטער ווי די יאָהרען זיינע; און דער פייער אין איהר בלוט איז שוין אַזוי גוט ווי אין גאַנצען אויסגעלאָשען. אָבער איהר אהרן איז ער פאָרט געבליבען, און די אַלע שווערע, ביטערע יאָהרען, וואָס זי האָט פאַר איהם געהאַט, האָט אין איהר דאָך ניט געשאַפען קיין שנאה צו איהם, וואָרים מיט די אַלע חסרונות זיינע, איז ער צו איהר קיינמאָל גראָב ניט געוועזן, ניט געזידעלט, ניט געשאָלטען, ניט אַרויפגעטראָטען אויף איהר נשמה. און זי האָט איהם קיין שלעכטס ניט געוואונשען אין די ערגסטע צייטען איהרע. זי האָט

איהם שוין אפילו ניט גע׳מוסר׳ט, געלאָזט איהם צורוה, און האָט זיך שטאַרק געזאָרגט וועגען דעם וואָס ער הוסט אָפּ גאַנצע נעכט, עסט ווייניג, וואָס ער איז ניט געזונט, האָט אָפּט ברענענישען אין קערפּער. דער דאָקטאָר זאָגט „קידנים״, און ער פֿאָלגט ניט מיט׳ן אָפּהיטען זיך, ווי דער דאָקטאָר האָט איהם אָנגעזאָגט — טרינקט און זיצט אָפּ ביי די קאָרטען ביז אַ שטיק אין דער נאַכט. טשעפּעט זי איהם ניט. אַז די קינדער וואָלטען צורוה געלאָזען, וואָלט שוין געגאַנגען ווי עס געהט.

ער אַליין, אהרן, האָט אודאי אויך געהאַט מאָמענטען פֿון חשבון הנפש. וואָרים ווי טיעף ער האָט געשטעקט אין זיינע בראַנ־פֿען און קאָרטען, האָט ער פֿונדעסטוועגען געוואוסט וואָס פֿאַר אַ לעבען ער פֿיהרט, וואָס פֿאַר אַ וועלט ער לעבט אָפּ... און מיט אַזאַ גוטע ווייב און פֿיינע קינדער... און דאָס טוט דאָך געוויס וועה אַ מענשען, וואָס איז פֿון דער נאַטור ניט פֿאַרדאָרבען, ניט קיין אויסוואורף — האָט ער זיכער געהאַט זיינע צייטען, ווען ער האָט זיך פֿאַר זיך אַליין געשעהמט און זיין האַרץ געגעסען... אָבער ער איז דערפֿון בעסער ניט געוואָרען — אַזוי פֿיעל יאָהרען בראַנפֿען מיט קאָרטען...

3

די קינדער זיינען אויפֿגעוואַקסען. קיין וויכטיגע לייט זיינען זיי ניט געוואָרען. פֿריה אַוועק צו דער ארבייט, אפילו סקול ניט געענדיגט, און זיי זיינען פֿאַרבליבען פּראָסטע, אָרעמע ארבייטער. דערנאָך האָט מען אָנגעהויבען חתונה האָבען. איין קינד האָט חתונה געהאַט פֿון הויז ארויס, אויפֿגעהערט געבען געלט, איז אונטערגעוואַקסען נאָך אַ קינד און אָנגעהויבען ארבייטען. די קינדער זיינען זיך איינציגווייז צוגאַנגען, ביז אין הויז האָט זיך אָפּגעשטעלט די מיזינקע, דזשעני, אַ מיידעל פֿון אַ יאָהר אכט־צעהן. דער יאָך פֿון אויפֿהאַלטען די הויז איז געפֿאַלען אויף דזשעני׳ן. מעהר ניט וואָס אַלע איבעריגע קינדער, די חתונה גע־האַטע, האָבען זיך אַלע חודש צוזאַמענגעלעגט און אויסגעהאָלפֿען

מיט׳ן רענט. מעהר האָבען זיי ניט געקענט. זיי זיינען אליין געוועזן אָרימע מענשען מיט אייגענע פאַמיליעס.

און אויך איצט האָבען די קינדער נאָך אלץ גערעדט צו דער מאַמען, זי זאָל זיך מיט איהם ניט האַלטען. די קינדער פלעגען שטענדיג זאָגען „ער“ און „איהם“, עפּעס אזוי ווי אויסצומיידען דעם וואָרט „טאַטע“. צו וואָס דאַרף זי דעם גאַנצען טראָבעל אין הויז? פאַר איהר אליין וועלען זיי שוין געפינען אַן אָרט, און דזשעני קען אויך וואוינען ביי אַ שוועסטער אָדער אַ ברודער. „ער“ וועט מעהר ניט לעבען אויף אלעם פאַרטיגען, וועט ער דערפיהלען דעם טעם. ער וועט ווערען גוט און פרום, ער וועט זיך נאָך קומען בעטען. די קינדער האָבען נאָך אלץ געמיינט, אז מ׳קען זייער טאַטען אויסבעסערען, ווי עס האָבען אמאָל אַנדערע געגלויבט אין די יונגע יאָהרען, און ווי זי אליין האָט אלע מאָל געמיינט. די מאַמע האָט איצט נאָך וועניגער געוואָלט הערען דערפון איידער איהר גאַנצען לעבען פריהער: איצט וועט זי פון איהם אַוועקגעהן און איהם איבערלאָזען, אַן אלטען, צובראָכענעם שאַרבען!... ווי קען מען אזא זאַך גאָר פון מויל אַרויסברענגען!...

מעהר פון אלע קינדער, האָט דזשעני, די אינגסטע, וואָס אויף איהר איז געפאַלען דער גאַנצער יאָך פון הויז, געליאַרעמט, געהעצט אויפ׳ן טאַטען. זי וויל ניט זיין אין הויז, זי וועט אַנטלויפען. און דזשעני האָט שוין דאָ געהאַט אין זינען זיך אליין מעהר ווי איהר מאַמען אָדער טאַטען. זי איז שוין געוועזן אַ גרויסע מיידעל, און זי האָט געדאַרפט, און איהר האָט זיך געוואָלט אַ סך זאַכען, די אלע זאַכען, וואָס אַנדערע מיידלעך האָבען: קלייי־דער, העטס, שעהנע שיך און זאָקען, נאָך אַנדערע זאַכען, וואָס אַ יונגער מיידעל ווילט זיך און מוז האָבען, און זי האָט פון די זאַכען געהאַט וועניגער און בילינע, וואָרים איהר גאַנצע געלט איז אַוועק אין הויז. זי האָט געהאַט אַ סך וועניגער ווי די עלטערע שוועסטער איהרע בשעת זיי זיינען אין הויז געוועזן, ווייל אין יענע צייטען האָבען אַ צוויי־דריי קינדער פאַרדיענט און געגעבען, און זיי איז נאָך געבליבען פאַר זיך אויך. איצט איז דזשעני די איינציגע

פֿאַרדיענערקע, און יעדען סענט איהרען מוז מען האָבען אין הויז אויף צום לעבען. איז דזשעני שטאַרק געקרענקט געוועהן. זי האָט אויסגערעכענט און געוואוסט, וויפיעל געלט איהר וואָלט פֿאַר-בליבען אַלע וואָך פֿון איהרע פֿאַרדינעסטען, ווען זי וואָלט ערגעץ געצאָהלט אַזוי פיעל און אַזוי פיעל פֿאַר „באָארד“, און וואָס׳ערע זאַכען זי וואָלט זיך געקענט קויפען און טראָגען...

און די מאַמע איז ווייטער געשטאַנען צווישען דעם טאַטען און די קינדער, ווי זי האָט איהר גאַנצען לעבען געטאָן — ביז׳ן סוף.

4

געשטאָרבען איז פֿריהער די מאַמע. שטאַרק צוגעקיהלט זיך, אוועק אין האָספּיטאַל און שוין מעהר צוריק ניט געקומען. אַ קינ-דערשע קליידעל איז געבליבען אין מיטען דער אַרבייט, און די שכנה האָט עס אַליין דערענדיגט, ווי זי האָט געקענט.

די קינדער זיינען זיך צוזאַמענגעלאָפען. מ׳האָט געוויינט און געקלאָגט. דזשעני, די מיזינקע, וואָס איז מיט דער מאַמען די לעצטע פֿון אַלע קינדער אין הויז פֿאַרבליבען, האָט אַ וועלט איינ-געלייגט; מ׳האָט איהר איינשטילען ניט געקענט. אָבער נאָכ׳ן גוט אויסוויינען און אויסקלאָגען זיך, צי טאַקע אין רעכטען קלאָ-גען, האָט זי געפֿיהלט די פֿרייקייט — זי איז איהר אייגענער באַליבאָס געוואָרען... מיט׳ן טאַטען האָט זי מעהר ניט וואָס צו טאָן, און אַז די ברידער מיט די שוועסטער וועלען איהר אפילו טויזענט מאָל זאָגען, אַז זי זאָל פֿאַרבלייבען מיט׳ן טאַטען אין די רומס, וועט זי זיי דען פֿאָלגען? וואָס קענען זיי איהר טאָן? גאָר נישט!

אויף מאָרגען נאָך שבעה איז דזשעני געגאַנגען פֿון ברודער צו שוועסטער און פֿון שוועסטער צו ברודער, אָנזאָגען זיי, אַז זי מופֿט. זי האָט גאָר ניט געלאָזען אויסריידען אַ וואָרט. איידער מ׳האָט איהר נאָך עפּעס געזאָגט, האָט זי שוין פֿאַרכאַפּט דעם וועג און געענטפֿערט.

די קינדער האָבען ניט געפיהלט קיין איבעריגען רחמנות צום טאַטען. מ'האָט געוויינט נאָך דער מאַמען; דער טאַטע איז וועניג וואָס אויפ'ן זינען אַרויפגעקומען. נאָר פונדעסטוועגען האָט מען זיך צוזאַמענגערעדט וואָס ס'וועט איצט זיין מיט'ן טאַטען. קיי-נער פון זיי האָט זיך ניט אָנגעבאָטען צו נעהמען דעם טאַטען צו זיך אין הויז אַריין. אָבער טאָן עפּעס מוז מען. ביז איצט האָבען זיי זיך אַלע צוזאַמענגעלייגט די עטליכע דאָלאַר אויף רענט אַלע חודש — וועט מען דאָס מוזען טאָן ווייטער אויך, וואָרים דער טאַטע קען שוין גאָרנישט טאָן, אַז ער זאָל אפילו קריגען אַרבייט און וועלען אַרבייטען: ער איז קראַנק, שלעפּט זיך קוים אַרום אויף די פיס. וועלען זיי איהם אַלע וואָך אָוועקגעבען וואָס די רענט האָט באַטראָפען, און ס'וועט נאָך צוקומען דזשעני'ס חלק אויך. דזשעני האָט זיך אפילו אַ רעכט ביסעל געקרימט, נאָר זי איז ניט אָפּגעשטאַנען פון אַלעמען. ביי איין טאָכטער אין קאָפּ האָט זיך אפילו געשאַפען אַ פּלאַן, אַז זי וועט דעם טאַטען אַריינ-נעהמען צו זיך, און מ'וועט איהר אַלע וואָך צאָהלען די צוזאַמענ-געלייגטע געלט. דערלעגען צום עסק וועט זי ניט, ווי זי האָט אויסגערעכענט. אָבער ס'איז פון פּלאַן גאָרנישט געוואָרען און זי האָט עס אפילו ניט אַרויסגערעדט. זי האָט זיך געכאַפּט: וואָס וועט זי טאָן, אַז זיי וועלען אויפהערען צוזאַמענלייגען זיך און ניט צאָהלען אַלע וואָך?... אַז דער טאַטע וועט שוין זיין ביי איהר, וועט זי איהם פון הויז ניט טרייבען... דאָס ניט... זאָל ער בעסער וואוינען ביי פרעמדע, וועט מען מוזען צוזאַמענלייגען זיך פאַר איהם.

און אַזוי איז געבליבען: ער וועט וואוינען ביי פרעמדע און זיי וועלען אַלע וואָך פאַר איהם צאָהלען. אָנטרויען די געלט איהם אין האַנט אַריין, וועלען זיי ניט.

מיט'ן ביסעל אָרימקייט פון דער צופאַלענער היים האָט מען זיך צוטיילט. אַנדערע זאַכען, וואָס האָבען שוין קיין שום ווערט ניט געהאַט, האָט מען אין אַ בערגעל פאַרקויפט פאַר אַ קלייניג-קייט. די בעטגעוואַנד האָבען די קינדער אין די פריהערדיגע יאָה-

רען, צו זייערע חתונות, צוטראָגען פון הויז. די לעצטע ביסעל האָט צוגענומען די מיזינקע דזשעני, איבערגעלאָזען פאַר'ן טאַטען אַ קישען מיט אַ קאָלדרע.

און אין אַן אָווענד האָט מען „איינגעלאַדען" דעם טאַטען צו אַ זוהן אין הויז, איבערצוגעבען איהם וואָס עס וועט זיין פון איצט אָן.

דער אַלטער אהרן האָט זיך גאָר ניט פאַרגעשטעלט אַז ס'איז אָנגעגרייט פאַר איהם אַזאַ גוטער פּלאַן.

ער איז געגאַנגען צום זוהן, געשלעפּט די אַלטע, שוואַכע פיס, מיט אַן אויסגעקרימטען, פאַרוועהטאָגטען פּנים. וואָס וועלען זיי איהם זאָגען? וואָס?...

און איידער ער איז נאָך צום זוהנ'ס טיר צוגעקומען, האָט ער שוין איינגעהויקערט די פּלייצע — יענע פּלייצע, וואָס ער פלעגט איינהויקערען ביים ארויסגעהן פון הויז, ווען ער פלעגט הערען זיינע קינדער'ס רייד וועגען איהם, ווי גוט און וואויל ער פיהרט זיין וועלט.

אָרימע מענשען

אַז אייבראַם סיגעל, אַ איד אין די פערציגער, מיט אַ בייכעל און מיט פאַרוואקסענעם פּנים פון אַ וואָך ניט-ראַזירען זיך, איז נאָך דער ארבייט אַראָפּ אויפ'ן גאַס און דערזעהן זיין געוועזענע „מיסעס" שטעהענדיג פאַר'ן טיר, האָט ער זיך שטאַרק דערשראָקען: ער האָט געוואוסט, אַז דאָס וואַרט זי אויף איהם. ער האָט גענומען געהן שנעל, כמעט לויפען.

זי איז האַסטיג נאָכגעגאַנגען און איהם אונטערגעיאָגט.

— היינט וועט איהר זיך שוין פון מיר ניט אַרויסדרעהען — האָט זי איהם געסטראַשעט, שווער אָטעמענדיג — איהר וועט זעהן וואָס עס וועט זיין!

זי האָט געוואָלט אָננעהמען זיין אָרעם, איהם צו פאַרהאַלטען. נאָר ער האָט דעם אָרעם פון איהר אַוועקגעצויגען און געגאַנגען וויטער. זי הינטער איהם. אָט האָט זי איהם אונטערגעיאָגט. אָט איז זי געבליבען הינטער איהם.

דאָס איז געווען פאַרנאַכט. דער סיידוואָק איז געווען געדיכט מיט מענשען, און זי איז אַלע ווײַלע איבערגעשלאָגען, איבערגע-ריסען געוואָרען אין איהר גאַנג פון די אײַלענדיגע דורכגעהער. זי האָט מורא געהאַט, אַז זי קען איהם נאָך אין גאַנצען פאַרלירען פון אויג, האָט זי זיך אָנגעשטרענגט צו האַלטען זיך וואָס נעהענ-טער צו איהם.

ער האָט אַריבערגעוואָרפען דעם מאַנטעל פון איין אָרעם אויפ'ן אַנדערען, אַראָפּגערוקט די העט טיפער איבער די אויגען, טאָמער דערזעהט איהם אַ באַקאַנטער, און געגאַנגען, געשפּאַנט מיט ברייטע טריט; אַריינגעדרעהט זיך אין אַן אַנדער גאַס, וואו-

הין ער האָט גאָר ניט געדאַרפט געהן — אויפ'ן וועג צו זיך אַהיים טאָר ער איצט ניט געהן, זי זאָל זיך ניט דערוויסען, וואו ער וואוינט.

פאַרבייגעהענדיג איין קאָרנער, נאָך א קאָרנער, אַריינגע־דרעהט זיך אין אַן אַנדער גאַס, א ביסעלע א שטילע, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און זיך אומגעקעהרט צו איהר מיט'ן פּנים.

— וואָס לויפט איהר מיר נאָך?

— איהר ווייסט אַליין און כ'האָב אייך געגוג געשריבען אין די בריעף. וואָס מאַכט איהר זיך ניט וויסענדיג?

זי איז געווען א הויכע, מאָגערע פרוי, מיט אַן אויסגעדאַרטען, פאַרגעלטען פּנים און אַן איינגעפאַלענע מויל. מ'האָט געקענט זאָגען, אַז זי איז עטליכע און דרייסיג יאָהר און אויך עטליכע און פופציג. זעהר אָרים אָנגעטאָן, מיט עפּעס א צוקראָכענע „קייפּ", וואָס איז אויף איהר געהאַנגען ווי א זאַק.

ער, זייענדיג אַזוי גוט ווי זיכער, אַז דאָ וועלען איהם ניט זעהן קיין באַקאַנטע, איז שוין איצט געווען באַרוהיגט און ער האָט זיך גערעדט גאַנץ קאַלט:

— וואָס ווילט איהר? אַז איהר'ט זיך פון מיר ניט אָפּטשעפּען מיט גוטען, וועל איך אייך לאָזען אַרעסטען.

— מיר אַרט קיין זאַך ניט.

— ווי שעהמט זיך דאָס ניט א פרוי מיט אַזעלכע זאַכען?

זי איז געווען שטאַרק צושראָקען און שווער נעאָטעמט און גערעדט:

— דאַמאָלסט האָט איהר קיין זאַך ניט געזאָגט. כ'דאַרף זיך איצט נעהמען און אַריינוואַרפען אין וואַסער. קיין אַנדער זאַך איז מיר ניט איבערגעבליבען.

— וואָס איז דאָס מיין עסק? וואָס ווילט איהר פון מ י ר?

— דער דאָקטאָר וויל הונדערט טאָלער, ווענינגער א סענט ניט. אַז מ'וועט נאָך וואַרטען, וועט זיין אין גאַנצען צו־שפּעט, זאָגט ער.

— וואָס איז דאָס מיינע ביזנעס?

— איהר מוזט מיר געבען די הונדערט טאָלער.

— אפילו קיין סענט אויך ניט, אז איהר'ט מיר אפילו נאָכגעהן ביז איבער א יאָהר!

ער האָט גענומען געהן ווייטער. זי — נאָך איהם, און גערעדט:

— איכ'ל קומען ביי אייך אין שאָפּ, וואו איהר ארבייט און אייך מאַכען דעם גרעסטען סקאַנדאַל.

ער איז געבליבען שטעהן און זיך אומגעקעהרט צו איהר:

— איהר מיינט, איך ווייס ניט, אז קאָהנקע האָט אָנגעמאַכט די גאַנצע געשיכטע?

— מיט קאָהנ'ען האָט דאָס גאָר ניט צו טאָן.

— פון וואַנען ווייסט איהר, וואו כ'ארבייט איצט, אז ער האָט אייך ניט געזאָגט?

— כ'האָב זיך אַליין דערוואוסט.

— פון וואַנען? א מלאך האָט אייך געזאָגט?

— כ'האָב זיך דערוואוסט.

— כ'קען ניט קאָהנקען? בעסער וואָלט ער זיך אויסגעבראָכען די פיס, איידער ער איז צו מיר געקומען מיט טובות, כ'זאָל צו אייך אריינמופען. כ'האָב געמיינט, כ'בין שוין פּטור געוואָרען. הויבט זי מיר ווידער אָן שרייבען בריעף אין נייעם שאָפּ און זי איז ווידער דאָ! וואָס וואָלט געווען, אז מ'עפענט די בריעף און מ'לייענט איבער? אז ניט קאָהנקע, וואָלט איהר געוואוסט וואו כ'ארבייט איצט?

— כ'האָב אויסגעפונען.

— זי האָט אויסגעפונען! אָבער ס'מאַכט ניט אויס, כ'האָב קאָהנקען אין דער ערד. זאָל ער דאָס פארמאָגען, וואָס איהר'ט ביי מיר קריגען. אז כ'וואָלט געהאַט אפילו, וואָלט איך אייך אויך א סענט ניט געגעבען. כ'האָב ניט!

זי האָט גענומען רעדען ווייכער, געבעטען:

— הערט זיך איין, מיסטער סיעגעל, איהר זייט דאָך א קלוגער מענש. וואָס זאָל איך איצט טאָן?

— וואָס איז דאָס מיינע דאגות? כ'האָב גענוג אייגענע צרות!

— אָבער איהר ווייסט אָך, אַז ס'איז פון אייך. אַז איכ'ל דאָס נאָך אַ ביסעל פאַרלאָזען, וועט זיך קיין דאָקטאָר צו מיר ניט וועלען צוריהרען.

— אַז דאָס איז ניט מיין עסק ! כ'האָב אייך געצאָהלט צוועלף טאָלער אַ וואָך, אַז כ'בין ביי אייך איינגעשטאַנען. ניט גענוג פאַר מיר ?

— כ'זאָג דען, אַז ניט ?

— פאַר וואָס האָט אייך געקומט צוועלף טאָלער אַ וואָך ? כ'בין אַ מיליאָנער ? כ'פאַרדיען הונדערט טאָלער אַ וואָך ? פאַר'ן שטיקעל ברעקפעסט מיט'ן סאַפּער און דינער באַזונדער אין רעסטאָראַנט האָט אייך געקומט צו צאָהלען צוועלף טאָלער אַ וואָך ? אַלץ קאָהנקע ! זאָל ער אויסברעכען די הענט מיט די פיס ! ער קומט צו מיר צוגעהן מיט אַ נייעס, ער האָט פאַר מיר אַ גוטען פליים אַריינצומופען ביי אַ פּרוי, וואָס האָט רומס און געהט אַרבייטען, קיינער איז ניטאָ אין שטוב, דער מאַן איז פון איהר אַנטלאָפען מיט עטליכע יאָהר צוריק. אַז איכ'ל איהר צאָהלען ווי אַ מענש אַ ביסעל מעהר אַלע וואָך, וועל איך קענען מיט איהר גוט פאַרברענגען אויך, ביקאָס זי איז ניט קיין פאַנאַטישע יאַכנע. ער מאַכט נאָך צו מיר : אַז איהר געהט זוכען אַנדערשוואו, קאָסט אייך ניט קיין געלט ? ביי מיסעס בראָדסקי וועט איהר וויסען, אַז איהר האָט אַ געזונטע פרוי און דאַרפט זיך ניט שרעקען. איצט. פאַרשטעה איך שוין וואָס קאָהנקע איז מיר מיט אַמאָל געוואָרען אַזאַ גוטער פריינד. פריהער וועל איך אייך צאָהלען צוועלף טאָלער אַ וואָך, דערנאָך וועט איהר מיר אַריינקריגען און רייסען ביי מיר געלט. איהר'טביידע ניט געטראָפען דעם אָרט ! איהר'ט מיר אַליין אין אָנהויב געזאָגט, אַז איהר קענט ניט שוואַנגערען.

— כ'האָב אייך דאָס ניט געזאָגט. כ'בעט די געלט פאַר'ן דאָקטאָר.

— וואָס אַרט מיר, פאַר וועמען דאָס איז ? כ'האָב אייך גענוג אָנגעצאָהלט, אַז כ'בין ביי אייך געשטאַנען.

— איהר׳ט מיר געצאָהלט פאר באָרד.

— פאר אלץ האָב איך אייך שוין באצאָהלט! ווי שעהמט זיך דאָס ניט א פרוי נאָכצוגעהן א מענשען אין מיטען גאס? וואָס זייט איהר א מיידעלע, וואָס כ׳האָב אייך אראָפּגעפיהרט פון וועג? אז איך שוויינ, דארפט איהר אויך שווייגען.

— כ׳וואָלט צו אייך ניט געהאט, אז ס׳וואָלט זיך ניט געמאכט אזא צרה. איהר׳ט מיר געזאָגט, אז שפּעטער, אז איכ׳ל אייך נע-פעלען ווערען, וועט איהר אליין צאָהלען די רענט. איהר׳ט געזאָגט, אז איהר גלייכט אזא קלוגע פרוי. אז ניט, וואָלט צו קיין זאך ניט געקומען.

— ווער האָט אייך דאָס געזאָגט?

— איהר׳ט שוין פאַרגעסען, וואָס איהר׳ט אליין געזאָגט? אז ניט, וואָלט צו קיין זאך ניט געקומען. כ׳האָב קיינמאָל ניט געהאט צו טאָן מיט לייטע, וואָס זיינען ביי מיר איינגעשטאַנען.

— פון וואַנען האָט קאָהנקע געוואוסט מיר אלצדינג צו דער-צעהלען?

— איך ווייס פון קיין זאך ניט. איהר׳ט מיר געזאָגט, אז איהר׳ט בלייבען וואוינען, מ׳וועט ניט אריינלאָזען אייער ווייב אין אמעריקע מיט די שלעכטע אויגען — — —

— ווער האָט אייך געזאָגט?

— איהר׳ט שוין פאַרגעסען, וואָס איהר׳ט אליין געזאָגט? איהר׳ט מיר געזאָגט, אז איהר׳ט צאָהלען די רענט. כ׳האָב גע-מיינט, אז די רענט וועט זיין אראָפּ פון מיין קאָפּ מיט די איבע-ריגע וואָס איהר צאָהלט מיר, וועל איך קענען אריינגעהמען א ביסעל ארבייט אין הויז, כ׳וועל ניט דארפען זיין אין שאָפּ וואָס כ׳קען שוין דעם אָטעם ניט דערכאַפּען. איהר׳ט מיר געזאָגט, אז ס׳איז אויף סטעדי. איהר׳ט נאָך געזאָגט, אז איכ׳ל קענען אָפּ-סייפען געלט צו קויפען א סטענד צו זיין דעם גאַנצען טאָג אויף די פרייע לופט. איהר׳ט מיר געדאַרפט זאָגען, אז ס׳איז ניט אויף סטעדי — — —

— כ׳דאַרף פאר קיינעם קיין חשבון ניט אָפּגעבען! — — —

— פאַר אַ פּאָר טאָלער אַ וואָך! כ'האָב גערעכענט, איהר'ט בלייבען וואוינען, וואָלט איך געקענט אָפּסייפען, אז איהר וואָלט אליין געצאָהלט די רענט — — —

— אַ פּאָר טאָלער אַ וואָך איז דאָס ביי איהר! צוועלף טאָלער דערלאַנגט איהר וואָך איין וואָך! איהרע ברעקפעסטען! אלע טאָג דיזעלביגע ביסעל קאַווע מיט'ן בייגעל. און כ'האָב געשוויגען. איהר'ט אַפּילו אַמאָל געהאַט דעם כאַראַקטער מיר אָפּצוקאָכען אַן איי אויף ברעקפעסט? פאַר אַ העלפּט וואָלט איך געקענט איינשטעהן אין אַ פּלאַץ מיט די בעסטע עסענס, מיט אַ וואַנע, און ניט געדאַרפט קריכען איבער די פּושקאַרטס אין ראָטגער פּליים אויפ'ן טאָפּ פלאָר, כ'זאָל ניט קענען צוטאָן מיט אַן אויג גאַנצענע נעכט פון די וואַנצען! — — —

— ווינטער איז ביי מיר אַפּילו קיין איין· וואַנץ אויך ניטאָ.

— איך האָב זיי געבראַכט! וואָס שטעה איך דאָ מיט איהר ביז איבער אַ יאָהר — — —

ער האָט גענומען געהן. זי — נאָך איהם. באַלד איז ער ווידער געבליבען שטעהן און זיך אומגעקערט צו איהר.

— ווי לאַנג וועט איהר מיר דאָ נאָכגעהן?

— איהר'ט מיר מוזען געבען די געלט פאַר'ן דאָקטאָר.

— געהט מיר נאָך, אַז איהר ווילט! גוט, וואָס כ'האָב זיך דערמאָנט — האָט ער געזאָגט מיט אַ שפּאָטישען שמייכעלע — וואָס איז עפּעס ביי אייך מיט אַמאָל געוואָרען הונדערט טאָלער? קאָהנקע וויל ניט ווענינער? כ'געדענק ניט, ווען איהר'ט מיר געזאָגט, אַז איהר קענט אַ פרוי, וואָס טוט פאַר צוואַנציג טאָלער! איצט איז מיט אַמאָל געוואָרען הונדערט?

— די פרוי איז שוין ניטאָ, כ'ווייס ניט וואו זי איז און דער דאָקטאָר וויל ניט נעהמען ווענינער אַ סענט פון הונדערט טאָלער. אז כ'וואָלט געאַרבייט און געהאַט אייגענע — — —

— קאָהנקען ווילט זיך דוקא הונדערט טאָלער! — האָט ער געזאָגט מיט דעמזעלביגען שפּאָטישען שמייכעלע — פאַר וואָס גיט אייך קאָהנקע קיין געלט ניט?

— וואָס בין איך מיט איהם פאַר אַ מחותן?

— וואָס פאַר אַ מחותן זייט איהר מיט מיר? מיט קאָהנקען זייט איהר נאָך אַ גרעסערער מחותן ווי מיט מיר. כ'בין אייך נאָכ-געגאַנגען מיט דעטעקטיווס? אַזוי ווי כ'וואָלט איהם גאָר ניט גע-טראָפען אַראָפּגעהענדיג פון די שטיגען, אַז כ'בין געקומען שפּעט ביינאַכט אַהיים. כ'בין געזעסען און אייך ביידען געהיט? וואָס דאַרפט איהר מיר ציהען פאַר'ן צונג — — —

— ער'ט געגעסען סאַפּערס, איז ער אַמאָל געבליבען זיצען אַ ווײַלע — — —

— וויפיעל האָט ער אייך געצאָהלט? אַ קוואָדער אַ סאַפּער האָט ער אייך געגעבען! מסתמא קיין קוואָדער אויך ניט. איך האָב שוין געצאָהלט פאַר איהם אויך! כ'האָב ניט קיין אַנדערע דאגות! צו אַלעמען האָט איהר זיך אַזוי צוגעטשעפּעט וואָס האָבען ביי אייך געוואוינט?

— כ'האָב געהאַלטען אַלע מאָל צוויי מיידלעך ביז איהר'ט אַריינגעמופט.

— מיידלעך האָט זי געהאַלטען! אַזוי ווי קאָהנקע וואָלט מיר ניט אַלצדינג אָפּדערצעהלט! וויפיעל האָבען זיי אייך געצאָהלט? מסתמא וועניגער ווי איך איינער אַליין — — — וואָס שטעה איך דאָ מיט איהר ביז איבער אַ יאָהר? — — —

ער האָט גענומען געהן. זי איז איהם נאָכגעלאָפען און גערעדט מיט'ן שווערען אָטעם:

— כ'וועל רעדען מיט'ן דאָקטאָר, אפשר וועט ער עפּעס אַראָפּ-לאָזען — — —

— זאָל ער יאָ אַראָפּלאָזען, זאָל ער ניט אַראָפּלאָזען — האָט ער געזאָגט, געהענדיג פאָראויס — ביי מיר וועט איהר מיט קאָהנ-קען קיין געלט ניט קריגען. כ'האָב גענוג בילכערע ערטער, וואו צו געבען געלט.

אַ קאַר האָט זיך באַוויזען ניט ווייט פון קאָרנער. איז איהם איינגעפאַלען אַרויפצוכאַפּען זיך אויפ'ן קאַר און אַזוי פּטור ווערען

פון איהר. ער איז אראָפּ פון סיידוואָק און זיך געשטעלט ביי די טרעקס. זי נאָך איהם.

— כ׳וועל אייך ניט לאָזען געהן אויפ׳ן קאר! — האָט זי איהם פעסט אָנגעכאַפּט פאַר אַן אָרעם און ניט אַפּגעלאָזען — איהר׳ט ניט געהן!

די קאַר האָט זיך אָפּגעשטעלט. נאָר אַזוי ווי זי האָט איהם פעסט געהאַלטען, האָט דער קאָנדוקטאָר זיי אָנגעקוקט, אַ לאַך געטאָן, געזאָגט עטליכע ווערטער און אַ ציה געטאָן דעם גלאָק. די קאַר איז אַוועקגעפאָהרען.

אייבראַם סיעגעל איז שוין איצט געווען אַ צוקאָכטער מיט כעס. זי איז געווען שטאַרק דערשראָקען און האָט שווער געאָטעמט.

— איכ׳ל אייך דערלאַנגען אין די ציינער! — האָט ער צו איהר געשריען און געריסען פון איהר דעם אָרעם.

אַ פאַרבייגעהער האָט זיך לעבען זיי אָפּגעשטעלט. נאָך צוויי זיינען צוגעקומען און געבליבען שטעהן. איינער האָט געזאָגט עפּעס אין ענגליש.

ער האָט זיך פון איהר אַרויסגעריסען, אַריבערגעלאָפען די גאַס און געגומען געהן. זי איז איהם נאָכגעלאָפען.

אַ ווײַלע מיט זיך אַליין

די קינדער שלאָפן שוין. דער מאַן איז ערגעץ אַוועק. קיין וויכטיגע הויז-אַרבייט האָט זי היינט אויך ניט — אַלץ איז אָפּגעטאָן. וואָלט זי געמעגט פאַרגינען זיך צו פאַרברענגען דעם שטיקל אָוונט ביז׳ן שלאָפן געהן אין גאָרנישט טאָן, גלאַט זיצען אין ראָקינג-טשער און גאָרנישט טאָן. און ביים וואַשען און צושטעלן די כלים נאָך סאַפּער און ביים לעגען די קינדער שלאָפן, האָט זי טאַקע אין זינען געהאַט, אַז זי וועט היינט מעהר גאָרנישט טאָן. זי וועט זיך אַריינזעצען אין ראָקינג-טשער מיט אַ צייטונג און לייענען, אָדער „אַזוי“ זיצען ביז׳ן שלאָפן געהן. און זי האָט טאַקע אַזוי געטאָן — אַריינגעזעצט זיך מיט אַ צייטונג. נאָר די זאַכען דאָרטען אין צייטונג האָבען צו איהר אין קאָפּ ניט געקענט פאַרקריכען — זי קען ניט לייענען און קען ניט זיצען — זי האָט אַרבייט צו טאָן. זי האָט נאָך פריהער געוואוסט פון דיזער אַרבייט, נאָר זי האָט געמיינט און געזאָגט זיך, אַז זי וועט דיזע אַרבייט קענען איבערלאָזען אויף מאָרגען. אַ ביסעל קינדערשע וועש צופּרעסען. די ביסעל וועש האָט ניט צו טאָן מיט׳ן געוועהנליכען באַרג וועש פון דער וואָך, וואָס הויבט זיך אָן מאָנטאַג און ענדיגט זיך מיטוואָך אָדער דאָנערשטאַג. מיט די ביסעל קינדערשע וועש קען זי ביז מאָנטאַג ניט וואַרטען. זי מוז דאָס האָבען, ווען זי מוז דאָס האָבען. באַים דאַרפען אַ סך וועש. זיי ליגען אויפ׳ן גאַס און אַלע ווײַלע מוז מען זיי בייטען די אויבערשטע און אונטערשטע וועש. אין דער פריה איז אַלץ ביי זיי פריש און ריין; אַז זיי קומען אַרויף אין הויז, דערקענט מען שוין ניט די זאַכען אויף זיי. האָט זי אין דער פריה צוזאַוואַשען און צוהאַנגען די קינדערשע זאַכען, פאַרנאַכט אַריינגענומען אין הויז, און ביי זיך אָפּגעמאַכט,

אַז צופּרעסען די ביסעל וועש וועט זי שוין היינט ניט. זי האָט היינט געהאַט גענוג אַרבייט — די פּלאַרס, די פענסטער, די קינדערשע בעטען געריינינגט. אויף מאָרגען האָט זי נאָך גענוג וועש פאַר די קינדער. וועט זי זיך שוין דעם שטיקעל אָווענד מאַכען אַ יום-טוב. נאָר די ביסעל ניט-געפּרעסטע וועש האָט איהר איינזיצען ניט געלאָזט. ווי אַלע מאָל, האָט דער „אָפּטאָן", האָבען „אָפּגעטאָן", ניט געלאָזט איהר רוהען. ס'זאָגט איהר און זאָגט איהר, אַז זי האָט עפּעס „אָפּצוטאָן", מוז זי נעהמען און „אָפּטאָן".

זי האָט זיך אויפגעהויבען פון שטול און זיך גענומען היים מאַכען אייזענס, אַוועקגעלעגט די ברעט אויף צוויי שטולען-ווענטלעך און געוואַרט, אַז די אייזענס זאָלען ווערען היים גענוג.

די שטיקלעך קינדערשע וועש, הייזלעך, העמדעלעך, זעקעלעך קריגען גאָר אַן אַנדער אויסזעהן, אַז זיי קומען אַרויס פון אונטער'ן אייזען. פריהער איז דאָס געווען אַ בערגעל צודרעהטע, צוקאָרטשעטע, צוקרימטע זאַכען, אָהן שום אויסזעהן, אָהן שום ווערט — שמאַטעס. פון אונטער'ן אייזען קומט יעדע שטיקעל אַרויס עפּעס אַ זאַך מיט אַ פּנים, וואָס מ'קען דאָס נעמען און אָנטאָן אַ קינד. און זי האָט אַזאַ זיסע הנאה, לעגענדיג די אויסגעפּרעסטע, גלאַטע, ווייסע, שפּיגעלדיגע שטיקלעך קינדערשע וועש איינע אויף די אַנדערע. און זי מוז די שטיקלעך וועש אַוועקלעגען גלייך, גלאַט, ווי אָפּגעמאָסטען, ווי צוגעשניטען, איינע אויף די אַנדערע — העמדעלעך אויף העמדעלעך, הייזלעך אויף הייזלעך — ריכטיג, צום מאָס. מ'קען אין איהרע וועש איינקוקען זיך, ווי אין אַ שפּיגעל. און עס וואונדערט איהר ביי יעדען מאָל פּרעסען, ווי אַזוי אַנדערע קענען דאָס אַוועקגעבען זייערע וועש אין די לאָנדרים, פון וואַנען מ'ברענגט אָפּ צוריק „שוואַרץ", אַז זי וואָלט דאָס גאָר אין האַנט ניט געקענט אַריינגעהמען ! און די לאָנדרי מאַכט נאָך דערצו אַש פון די וועש — צוריסען, צופליקט.

דער בערגעל ניט-געפּרעסטע וועש ווערט קלענער, און ס'ווערט אויך קלענער איהר יאָך פון „אָפּטאָן". זי קלערט ניט איצט, אַז גאָר גיך וועלען די שפּיגעלדיגע שטיקלעך ווידער ליגען אין די

„שווארצע" וועש. איצט ליגט עס פאר איהר ווייס און קלאר. זי דארף קיין מורא ניט האבען, אז ס'וועט איהר אויספעהלען עפעס פאר א קינד — ביז מאנטאג איז זי גערזיכערט, זי האט ניט מעהר וואס איבערצוטראכטען, און ס'איז „אפגעטאן".

אין איהרע הענט קומט אריין הערעלע'ס א פאר הייזעלעך. די עלטערע צוויי באים זיינען כמעט איין גרויס — אין גאנצען עפעס איבער אנדערהאלבען יאהר דער אונטערשיעד אין זייער עלטער. זייערע זאכען זיינען פון דערזעלבער מאטעריע, קאסטען דיזעלבינע געלט, כמעט דיזעלבינע מאס, און אין א נויט קענעןביידע קינדער טראגען דיזעלבינע זאכען. זי דערקענט אבער באלד, נעהמענדיג אין האנט אריין, ביים וואשען, אדער פרעסען, און אפילו מיט'ן קוק, וועלכען קינד'ס דאס איז. נאר הערעלע'ס זאכען שטעכען איהר פראסט די אויגען. זי איז וועגען הערעלע'ן שטארק פארזארגט. ער איז שוין אלט צוויי יאהר, און ער איז נאך גאר א בייבי, וואקסט זעהר לאנגזאם, דינע הענטלעך און דינע פיסלעך. ער קען קוים שטעהן אויף די פיסעלעך.

זי פרעסט הערעלע'ס וועש און טראכט פון איהם מיט א הארץ פול שרעק. די ערשטע צוויי קינדער זיינען געבוירען געווארען גרויסע, פעטע. מ'האט זיך פשוט ניט געקענט גענוג אפאונדערען קוקענדיג אויף זיי. פאר'ן יאהר נאך זיינען זיי שוין געשטאנען און געגאנגען. הערעלע איז געבוירען געווארען קליין און דאר. מ'האט זיך גאר אין גאנצען געשראקען פאר איהם... און אזוי איז ער פארבליבען א שוואכינקער, קוים וואס ער האלט זיך. ניט קיין קראנקער, חלילה, נאר אזוי ניט קיין שטארקער — ניט ווי די ערשטע צוויי קינדער.

און זי טראכט, און זי באשולדיגט זיך אליין. זי האט ניט געוואלט, אז הערעלע זאל געבוירען ווערען... זי האט איהם ניט געוואלט האבען... געפרובירט מיטלען, ניט אויסצוטראגען איהם... איבערגעוואלד איהם אויסגעטראגען און געהאט... און ער וועט דאס איהר אפשר האבען צו פארדאנקען דעם גאנצען לעבען זיי־נעם... זי טוט גענוג, זי גיסט איהם גאלד אין האלז, נאר ער וואקסט

ניט, ווי יענע, ווי די עלטערע צוויי, קומט ניט צו די כוחות... אַז זי וואָלט פריהער געוואוסט, אַז ס'קען זיך אַזוי אויסלאָזען!... וועניג פרויען האָבען ניט קיין קינדער, אַז זיי ווילען ניט!... ווער טוט דאָס דען ניט היינטיגע צייטען? ביי איהר האָט זיך אַזוי געמאַכט... אפשר האָט גאָר דער קינד געפיהלט ביי איהר אין קערפּער נאָך, אַז זי וויל איהם ניט, האָט איהם ניט געוואָלט... דער טראָגען איהרער מיט איהם, ווייזט זיך איהר אַלץ אויס, איז גע-ווען גאָר אַנדערש, ווי מיט די ערשטע צוויי קינדער... אומרוהיגער, שווערער... אפשר האָט ער אונטער'ן האַרצען ביי איהר געפיהלט, וואָס זי האָט געוואָלט מיט איהם טאָן... אַז ער זאָל ניט געבוירען ווערען... אַ קינד ביי דער מאַמען אין קערפּער ווייס מסתמא וואָס די מאַמע טראַכט און וויל טאָן... ס'איז דאָך אַ שטיק פון איהר אַליין... דיזעלביגע פליישׁ און בלוט, טאָ פאַר וואָס קען דען ניט זיין, אַז ער האָט אינעווייניג אין איהר געפיהלט אַלץ, וואָס זי האָט געטראַכט און געוואָלט טאָן און טאַקע געפּרובירט טאָן מיט איהם... אַז איהר וואָלט זיך בעסער איינגעגעבען, וואָס זי האָט געפּרובירט טאָן, וואָלט הערעלע גאָר ניט געבוירען געוואָרען... ער וואָלט גאָרניט געווען... און זי אַליין, די מאַמע, וואָלט די שולדי-גע געווען... ער האָט דאָס אַלץ ביי איהר אין קערפּער געפיהלט... און דערפאַר איז ער געבוירען געוואָרען קליין און שוואַך, ניט ווי די ערשטע צוויי קינדער... און ער קען נאָך אַלץ צו זיך ניט קומען... און ווער ווייס, ווען ער וועט ווערען אַ לייטיש קינד... וואַקסט ניט ווי מ'דאַרף און ער קען קוים געהן עטליכע טריט. דער דאָקטאָר זאָגט, אַז אַמאָל איז דאָס גאָרנישט... אַנדערע קינדער אַזעלכע וואַק-סען דערנאָך אויס נאָך גרעסער און שטאַרקער פון אַלע קינדער. אוי, הלואי! קיין זאַך וואָלט איהר שוין ניט געאַרט, אַבי הערעלע זאָל נאָר ווערען ווי יענע צוויי קינדער, זיין פרעהליך, לאַכען און שטיפען, ווי יענע צוויי. יענע האָבען באַלד געלאַכט. אַז זיי זיינען אין גאַנצען עטליכע וואָכען אַלט געווען, האָבען זיי שוין געלאַכט, אָנגעגעבען מעשים. הערעלע האָט ניט געלאַכט. וויפיעל מ'האָט זיך מיט איהם ניט צושפּיעלט און געוואָלט אַרויס-

קריגען פון איהם א לאכעלע, האָט ער ניט געלאַכט... מ'האָט איהר דערצעהלט, אַז קינדער, וואָס זיינען געבוירען געוואָרען מיט גרויסע קעפּ, ניט געקענט שטעהן אויף די פיס ביז זעקס-זיבען יאָהר, זיינען דערנאָך אויסגעוואַקסען גראַטענע קינדער... הערעלע איז דאָך ניט אַזאַ, קען ער דאָך געוויס ווערען ווי אַלע קינדער... ער איז דאָך נאָר א ביסעל א שוואַכער... א קינד, אַן עופה'לע, ווייס קיין זאַך ניט, פאַרשטעהט ניט. אָבער אפשר האָט ער ניט געלאַכט דערפאַר, ווייל ער האָט פאַרט פאַרשטאַנען, וואָס ס'איז וועגען איהם פאָרגעקומען, אַז ער זאָל ניט געבוירען ווערען... ער האָט געוואוסט וואָס זי האָט געטאָן, געוואָלט טאָן... האָבען קינדער... ס'איז גוט צו האָבען קינדער... וואָס איז דען דאָ א בעסערע זאַך אויף דער וועלט ווי קינדער?... דריי באָים... געוויס וואָלט זי געוואָלט האָבען כאָטש איין מיידעלע... נאָר די כוחות, וואו נעמט מען די כוחות... און געבען זיי אַלץ, וואָס זיי דאַרפען... א מיידעלע... ווער וויל דאָס ניט? אַז ס'וועט ווערען בעסערע צייטען... פון וואַנען וועט ווערען בעסערע צייטען?... א מיידעלע... דריי באָים און א מיידעלע... בעסער מעהר באָים... איין מיידעלע... טאָר ניט טראַכטען דערפון... וועמען אָרט פאַר זיך? וואָס האָט זי פון איהר גאַנצען לעבען? גאָרנישט. ווען געהט זי ארויס? וואו געהט זי ארויס? ווען האָט זי צייט?... די קינדער זאָלען איהר נאָר זיין געזונט... הערעלע זאָל ווערען ווי אַלע קינדער... זי וואָלט אויך געוואָלט געהן זיך אַמוזירען, האָבען פּלעזשור, ווי אַנדערע האָבען. נאָר ווי קען זי? האָבען קליידער, ווי אַנדערע, מיט גוטע רומס... וואָס האָט זי געהאַט, ווען זי איז געוועזן א מיידעל? גאָרנישט, אויך צרות מיט אָרימקייט. דערנאָך חתונה געהאַט... אפשר וואָלט איהר איצטער געוועזן אַנדערש גאָר, אַז זי וואָלט גענומען יענעם... צי טויזענט מאָל ערגער נאָך... געוועזן א „טרעמפּ“, קיינמאָל ניט געוואָלט פּאַרדיענען... וואָס פאַר א ליעבע דאָס איז געווען ביי איהר מיט איהם... וואָס וואָלט געוועזן?... מסתמא נאָך ערגער ווי איצט... וואו איז ער? וואָס האָט געקענט פון איהם ווערען?... ווער האָט איהר געזאָגט, אַז מ'האָט איהם ערגעץ גע-

זעהן? קען זיך ניט דערמאָנען, ווער ס'האָט איהר געזאָגט... וואָס איז דאָ צו טראַכטען איצט דערפון? צו וואָס?... אַנדערע, אַז זײ האָבען חתונה, איז זײ גוט. זײ קריגען אַ רײכען מאַן... אַלערלײ נאַרישקײטען קומט אײן קאָפּ אַרײן, ס'טראַכט זיך... אַנדערע לעבען זיך גאַנץ פײן... מ'פאָהרט אײן קאָנטרים, מיט טעאַטערס. אין קאָנטרי איז בעסערע לופט, מ'כאַפּט זיך אַ ביסעל אָפּ, מ'רוהט זיך אָפּ אַ ביסעל... בעסערע רומס... די גאַס איז אַן אַנדערע... אַנדערע פרויען געהן אַוועק זיך אַמוזירען... לאָזען איבער די קינדער און געהן אַוועק... ווי קען זי דאָס טאָן?... זי וואָלט מסתמא אויך געקאָנט קריגען, אַז זי וואָלט געוואָלט... מיט וואָס איז זי ערגער פון אַנדערע? אַזוי שעהן, ווי אַנדערע, איז זי נאָך היינט אויך... וואָס איהר פּאַלט אַרײן אין קאָפּ!... אַ שעהנערע שטוב מיט בעסערע רומס וואָלט זי טאַקע געוואָלט האָבען... ער איז ניטאָ... וואו איז ער, אַז ער געהט אַוועק?... שפּיעלט מסתמא מיט חברה אין קאָרטען... אַז זי וועט זיך אײנשפּאַרען און ניט לאָזען, וועט ער ניט שפּיעלען אין קאָרטען... פאַרלירען קײן סך, פאַרלירט ער ניט. זי ווײס פון אַלע זײנע געלטען... אַ טאָלער, צי אַ טאָלער און אַ האַלב... פאַר'ן אַוועקגעהן גענומען בײ איהר אַ טאָלער, וויפיעל קען ער פאַרלירען?... לוינט זיך ניט צו שטעלען וועגען דעם... געהט ער אַוועק שפּיעלען אין קאָרטען... אַז זי וויל, קען די חברה קומען אַהער שפּיעלען... אַנדערע זאָגען איהר, וויבאַלד, אַז דער מאַן שפּיעלט שוין יאָ אין קאָרטען, זאָל דאָס זײן בײ זיך אין הויז... בעסער וויסען, וואו ער געפינט זיך... זי גלויבט ניט אין דעם. נאָכגעהן איהם קען זי סײ ווי סײ ניט... בעסער ניט אַרײנלאָזען קײן קאָרטען אין הויז אַרײן... זי דאַרף זײ דאָ נויטיג האָבען! אָנרויכערען אַ פולע הויז, אָנוואַרפען מיט מעטשעס, ניט לאָזען די קינדער שלאָפען מיט זײערע געוואַלדען... זאָל ער בעסער געהן דאָרטען... ווי וועט זי טאָן איהרע אַרבײטען, אַז מ'וועט דאָ זיצען און שפּיעלען אין קאָרטען!... זי איז זײ מוחל... זאָלען זײ זיצען דאָרטען, וואו זײ זיצען. קאָרטען פעהלט איהר נאָך אין הויז!... זי וויל ניט קײן קאָרטען בײ איהר אין הויז...

דערנאָך האָבען צו ראַמען פון זיי די אָנגעוואָרפענע שטיקלעך סי־גאַרעטס... אָנגעוואָרפענע פלאָרס... זי דאַרף ניט קיין קאַרטען־שפּיעלערס... ער פאַרשפּיעלט... אַ טאָלער איז אויך געלט... וואָס ווייס ער, וואָס ס'געהט אוועק אין אַ הויז? ער קען ניט פאַר־שטעהן, וואו ס'געהט אוועק די געלט... ער ווייס נאָר, אַז ס'געהט אוועק אויף רענט, גראָסערי, בוטשער, ווייטער ווייס ער ניט... מ'דאַרף אין אַ הויז אַ טישטוך, אַ האַנטוך, אַ שטיקעל אָיל־קלאָט... ביי איהם איז רעכט אָהן די זאַכען... אַ דאַגה זיינע... שרייט אַלץ, אַז מ'דאַרף ניט! מעהר ווי רענט און עסען ווייס ער ניט אין אַ הויז! אַ שעהנעם פּנים וואָלט די הויז געהאַט, אַז זי זאָל איהם פאָלגען... די קינדער זיינען עפּעס היינט איינגעשלאָפען פריהער... ווען זיינען זיי איינגעשלאָפען נעכטען?...

דריי שטיקלעך האָט זי נאָך אויסצופּרעסען. די געדאַנקען זיי־נען געבליבען אָפּגעשוואַכט. זי פיהלט אַ מיעדקייט אין די הענט. זי וועט זיך אָפּרוהען אַ פּאָר מינוט, דערנאָך ענדיגען. אין גאַנצען דריי שטיקלעך — בעסער וועט זי וויסען, אַז ס'איז „אָפּגעטאָן“. זי האָט זיך גענומען דערענדיגען די דריי שטיקלעך. מיעדקייט איז ביי איהר גאַרנישט... באַלד איז זי פאַרטיג. זי פיהלט שוין דעם פאַרגעניגען פון אוועקלעגען די אויסגעפּרעסטע זאַכען אויפ'ן ריכטיגען אָרט.

פאַרטיג. ליידיג אין גאַנצען דער אָרט, וואו ס'איז געלעגען דער בערגעל צודרעהטע, צוקאָרטשעטע, צוקרימטע. אויף דער אַנדער זייט שטעהען עטליכע קלעצלעך גליכע, ווייסע, שמעקעדיגע, שפּי־געלדיגע אויסגעפּרעסטע זאַכען. נאָר ביי איהר הייסט דאָס נאָך אַלץ ניט „אָפּגעטאָן“. די זאַכען מוזען ליגען אוועקגעלעגט אויפ'ן ריכטיגען אָרט. זי זאָל וויסען, אַז ווען זי דאַרף עפּעס, טוט זי אַן עפען דעם שופלאַד און נעהמט ארויס... און וואָס די ברעט ליגט נאָך אויף צוויי שטולען... אויף אַ מינוטעלע וועט זי זיך אוועק־זעצען, אויף איין מינוטעלע...

זי האָט זיך אוועקגעזעצט. איהרע הענט האָבען זיך מיעד אַראָפּגעלאָזען.

פון אַ פינסטערן ווינקעל

1

שולדיג אין איהר איצטיגען לעבען איז איהר עלענט, איהר אָרעמקייט, דערהויפּט איהר עלענט. און אויך דער שוסטער איז שולדיג. זי איז געבליבען אַן אַלמנה מיט דריי קליינע קינדער. די אינגערע צוויי האָט מען צוגענומען אין אַ קינדער־היים. די עלטסטע מיידעלע האָט זיך אָפּגעשטעלט מיט איהר. אַ צדקה־געזעלשאַפט האָט איהר געשטיצט מיט קנאַפּע אנדערהאַלבען דאָלאַר אַ וואָך. זי איז געווען אַ געזונטע, דיקע פרוי, מיט אַ רויטליכען, גרויסען, קיילעכדיגען פּנים, וואָס מ'זעהט אָפט ביי פּוילישע פּויערטעס. זי האָט אין גאַנצען אויסגעזעהן ווי אַ פּוילישע גויע; מיט אַ תמ'עוואַטען קוק. איהרע הענט האָבען צו קיין זאַך ניט געטויגט: זי האָט זיך קיין פּאָר פּאַל ניט געקענט אויסלערנען האַלטען ריכטיג אַ נאָדעל אין האַנט און זי האָט ניט געקענט נייהען אויפ'ן מאַשין. האָט זי זיך גענומען וואַשען פרעמדע וועש. אָבער אויך דיזע אַרבייט איהרע האָט ניט געטויגט, און די קונדען האָבען זיך ביי איהר לאַנג ניט געהאַלטען. און גאָר אַ נארישע אידענע געווען. באַקאַנטע האָבען איהר גערופען אָדער „קלאָץ", אָדער „שטיק פלייש". זי האָט ניט געקענט צוזאַמענשטעלען עטליכע ווערטער און זי האָט אפילו ניט גוט פאַרשטאַנען וואָס מ'האָט צו איהר גערעדט. דערפאַר אַ געזונטע, אַ פול־און־היים בלוטיגע. אַז זי איז געבליבען אַן אַלמנה, און נאָך פריהער, בשעת דער מאַן איהרער האָט געקרענקט, האָט זי שווער געליטען. די אָרעמקייט און צרות האָבען ניט געקענט דער'הרג'ענען דעם דראַנג פון איהרע בלוטען.

זי האָט אָבער געוואוסט, אַז זי מוז לײדען. זי קען זיך ניט העלפען.
ביז זי האָט זיך באַקענט מיט'ן שוסטער.

געקומען אהער איז דער שוסטער פון ערגעץ אין ברוקלין. ער האָט געמוזט פון דאָרטען אַנטלויפען צוליעב עפּעס אַ מיאוס'ע געשיכטע מיט אַ ווײבעל. ער איז דאָ אַלע מאָל געווען אָהן אַ ווײב. אַ חברה-מאַן מיט אַ „הינטישע מויל" איז ער אַלע מאָל געווען, און דערצו נאָך אַ צוקאָכטער ווײבערניק. איז ווי נאָר ס'קומט אַרײן צו איהם אין סטאָרקע אַן אָרעם-אָנגעטאָנענע פרוי — פאַר רײ־כערע האָט ער מורא — באַשיט ער איהר מיט די ביסטרע אויגען זײנע, הויבט אָן רעדען זײנע רײד, און עס גיט זיך איהם אמאָל אײן צו פאַרפיהרען מיט אײנער אַ געשיכטע.

מיסעס פּלאָטניק, די אַלמנה, האָט אמאָל אַרײנגעטראָגען צו איהם אַ פּאָר שיך צו פאַרלאַטען. ער האָט זיך באַלד דערוואוסט פון איהר, אַז זי איז אַן אַלמנה, אַז זי איז אַן עלענטע, אַז זי האָט ביי זיך אַ מײדעלע, זי וואַשט פרעמדע וועש און אַז זי וואוינט צוויי בלאָק פון דאַנען, אין צוויי רומס. די שיך איהרע האָט ער שוין אַזוי גיך ניט פאַרלאַטעט. זי האָט געמוזט לויפען צו איהם עטליכע מאָל, און ער האָט זיך אַלץ נעהענטער צוגעשאַרט צו איהר. דערצעהלט איהר פון זיך, אַז ער איז אַן אַלמן, זײן ווײב איז גע־שטאָרבען אין דער היים, אין דער מלחמה, און ער האָט זיך באַ־קלאָגט, אַז איהם איז ניט גוט צו זײן אַלײן, נאָר ס'מאַכט זיך איהם עפּעס ניט קײן רעכטע פרוי. זאָל זי זיך זעצען אַ ווײלע צו־וואַרטען. אָט נעמט ער זיך צו איהרע שיך און באַלד וועט זײן פאַרטיג. אַזוי איז ער מיט איהר באַקאַנט געוואָרען און צוגעזאָגט איהר מיט איהר חתונה צו האָבען, אַז „די צייט וועט זיך אַ ביסעל פאַרבעסערען". שפּעטלעך אין אָוונד, נאָך דער אַרבייט, פלעגט ער מיט איהר זיצען הינטער'ן פאַרהאַנג און צואוואַרעמען איהר מיט די גראָבע רײד זײנע, אָנצינדען די בלוטען איהרע און קריכען מיט די שוסטערשע הענט אויף איהר קערפּער — ביז זי האָט זיך איהם איבערגעגעבען.

שפּעט אין אָוונד פלעגט זי זיך אַרײנ'גנב'ענען צו איהם אין

סטאַרקע, הינטער'ן פאַרהאַנג, און דאָרט מיט איהם פאַרבראַכט פאַרברענגען. זי האָט געוואוסט, אַז זי זינדיגט, און זי האָט מורא געהאַט פאַר גאָט און פאַר לייטען. אָבער איהרע קאָכעדיגע בלוטען זיינען גע־שטילט געוואָרען, און אויך אַ ביסעל איהר געוויסען איז בארוהיגט געוואָרען דורך דעם וואָס דער שוסטער וועט דאָך זיין איהר מאַן, ער וועט מיט איהר חתונה האָבען.

דער שוסטער האָט געהאַט אַזאַ געזעץ ביי זיך, ניט צו זיין צו לאַנג קיין מחותן מיט אַ פרוי. זיי נעהמען קריכען אויפ'ן קאָפּ און טוען אָן צרות. איז ווי נאָר ער זעטיגט זיך אַ ביסעל אָן, אָדער ער דערזעהט, אַז זי ווערט עפּעס צו נאָהענט, זוכט ער זיך אויס אַ תירוץ און ווערט פון איהר פּטור. ס'איז איהם קיין דאגה ניט. פאַראַן גענוג אָרעמקייט און עלענט און פאַר'צרה'טע אלמנות. און ער האָט אַן אויבערהאַנט מיט דעם וואָס ער איז אַליין. אַז ער וויל, פאַרשטעלט ער זיך פאַר אַן אַלמן, און אַז ער וויל, דאַרף די ווייב באַלד אָנקומען פון יוראָפּ. דער שוסטער איז געווען אַ מענש אַ האַרטער, ניט געהאַט אין זיך קיין צערטליכקייטען, קיין ווייכקייטען פאַר קיינעם, און ער האָט ניט געקענט פאַרטראָגען קיין ווייכקייטען און צערטליכקייטען פון אימיצען צו איהם. מיסעס פּלאָטניק איז געוואָרען צו איהם אַ גאַנצע מחותנת'טע, אינטע־רעסירט זיך וועגען זיין עסען און זיינע וועש, און שוין גענומען פאַרלאַנגען פון איהם עפּעס געלט אויך. האָט ער זיך מישב געווען, אַז ס'איז שוין צייט פון איהר פּטור צו ווערען. אַנגעזעטיגט מיט איהר איז ער שוין געווען און ער האָט איהר שוין אַזוי גוט ווי פאַר די אויגען ניט געקענט אָנזעהן. און ער האָט פיינט געהאַט זיך צערעמאָניען. האָט ער איהר מיט אַמאָל אָנגעזאָגט, אַז זיין ווייב לעבט, ס'איז אָנגעקומען פון איהר אַ בריעף צו אַ ברודער איהרען, און זי קלייבט זיך באַלד צו קומען אַהער. קען ער דאָך דעריבער מיט איהר ניט חתונה האָבען... און צו איהם הינטער'ן פאַרהאַנג קען זי שוין אויך מעהר ניט קומען. ס'דאַכט זיך איהם, אַז מ'היט זיי פון איבער'ן סטריט, איז אַ גרויסע ריזיקע.

איהר צער און וועהטאָג איז געווען גרויס. זי איז שוין געווען

אן „אייגענע" צו איהם. אזוי ווי אַן אייגענער מאַן איז ער שוין פּאָר איהר געווען. און אין איהר צער און וועהטאָג פון דער פּלוצ-לינגער בשורה, האָט זי אויך דערפיהלט די שווערע עבירות, וואָס זי האָט מיט'ן שוסטער אָפּגעטאָן. איהר מורא פאַר גאָט און פאַר לייטען איז שוין געווען כמעט אין גאַנצען געשטילט. איצט זיינען די חטאים צוריק אויפגעשטאַנען.

זי האָט געפּרובירט עפּעס רעדען צום שוסטער; געוואָלט פרע-גען איהם, בעטען. נאָר ער האָט ניט געוואָלט הערען, ניט געלאָזט איהר רעדען: וואָס וויל זי? מ'זאָל איהם ארעסטען, אז די ווייב וועט קומען? און איהר אליין זאָל מען אויך ארעסטען? זאָל זי זיך בעסער פרעהען וואָס ס'האָט זיך אויסגעלאָזען אזוי. אז די ווייב קומט נאָך זייער חתונה, וואָלטען זיי ביידע געמוזט זיצען אין פריזאָן. מסתמא ניט באַשערט.

זי איז ארוים פון שוסטער'ס סטאָרקע פול מיט יסורים און צער און מיט עבירות.

2

נאָכ'ן שוסטער איז געקומען דער דזשולרי-פּעדלער. דאָס איז געווען א דארער, שווארצער יונגערמאַן, א קורצזיכטיגער, מיט א שאַרפע, גלאַנציגע, תאוה'דיגע נאָז. ער האָט געטראָגען א גרויסען שטרויענעם קאַפּעליוש, ווי א רעווערענד, און כמעט שטענדיג מיט א רעגענשירם אונטער'ן אָרעם. פון רעגען איז שוין לאַנג קיין זכר ניט געבליבען, און ס'וויזט גאָר ניט אויף רעגען — ער איז אָבער פאַרזאָרגט מיט א רעגענשירם. און אלע ווייַלע טאַפּט ער זיך ביים בוזעם-קעשענע, וואו ער האַלט א פּאָר דימענטלעך, איינגעוויקעלט אין א פּאַק פּאַפּיראָסען-פּאַפּיר. און מיט וועמען ער קומט זיך צוזאַמען, נעמט ער באַלד רעדען וועגען „וויַיבער". דער דזשולרי-פּעדלער האָט זיך געהאַט אָנגעטשעפּעט אָן שוסטער ער זאָל ביי איהם קויפען א זייגער מיט א קייטעל אויף אויסצוצאָהלען. וואָלט דער שוסטער גאָרניט געלאָזען אזוי פיעל רעדען צו זיך, ער וואָלט גענומען א זייגער מיט א קייטעל. האָט אָבער דער פּעדלער געהאַט

ביי זיך אַ געזעץ אין זיין ביזנעס, אַז גאָר אָרעמע קונדען האָבען איהם געמוזט איינצאָהלען ביים נעהמען די סחורה כמעט אין גאַנצען וויפיעל איהם קאָסט, און די איבעריגע אויסצאָהלען אַלע וואָך אַ ביסעל — וויפיעל ער וועט אַרויסקריגען, וועט זיין גוט. איינצאָהלען געלט האָט דער שוסטער ניט געוואָלט. האָט זיך די זאַך געצויגען. און איינמאָל האָט דער פעדלער געטראָפען ביים שוסטער מיסעס פּלאָטניק. נאָך איהר אַוועקגעהן, האָט ער אַ פרעג געטאָן דעם שוסטער:

— וואָס איז דאָס פאַר אַ אידענע?

— איהר ווילט איהר קריגען?

— יו בעט! ווער איז זי?

— וואָס וועט איהר מיר געבען, אַז איכ'ל אייך צושאַרען?

דאָס איז געווען אין דער צייט, ווען דער שוסטער האָט שוין געוואָלט פון איהר פּטור ווערען, און איהם וואָלט ניט געאַרט, ס'וואָלט נאָך פאַר איהם בעסער געווען, אַז זי זאָל האָבען צו טאָן מיט אַנדערע. און ער האָט אויך געזוכט צו ווערען וואָס מעהר גוטער-ברודער מיט'ן דזשולרי-פעדלער; האָט ער איהם צוגעזאָגט, אַז ער וועט „טרייען קריגען" איהר פאַר איהם. און ער האָט איהם אַריינגעשאַצט אין נדן וואָס זי איז אַן עהרליכע פרוי. זי האָט מיט קיינעם ניט צו טאָן.

— ווי אַזוי קען מען צו איהר צוקומען? — האָט דער דזשולרי-פעדלער שוין ניט געקענט רוהען.

— ס'וועט מוזען אַ ביסעל געדויערען — האָט דער שוסטער געזאָגט — די בעסטע זאַך איז, איהר זאָלט צו איהר אַרויספּעד-לען מיט דזשולרי. זאָגט איהר, אַז איהר ווילט איהר וואָס עס איז פאַרקויפען אויף אויסצאָהלען. וועט איהר שוין אַליין זעהן וואָס איהר האָט צו טאָן. זי היט זיך שטאַרק. איכ'ל אייך זאָגען דעם אַדרעס וואו זי וואוינט.

זיי האָבען נאָך ווייטער גערעדט די געוויסע רייד, ווי גע-וועהנליך צווייַ וועלפּישע מאַנסבילען אין אַזאַ פאַל. ביים דזשולרי-פעדלער האָט זיך די שאַרפע, גלאַנציגע נאָז נאָך מעהר צושאַרפט און צוגלאַנצט.

3

אויף מאָרגען האָט דער דזשולרי-פּעדלער אָנגעקלאַפּט אין איהר טיר, אַריינגעקומען און אָנגעבאָטען צו פאַרקויפען איהר ציערונג. ער האָט פאַר איהר צוליינט רינגעלעך, זייגערלעך, „ברייסלעטס“, און געזאָגט איהר, אַז ער פאַרקויפט ביליג; ער גיט אויף גרינגע אויסצאָהלונגען. מיט אַ קליינינקייט אַ וואָך קען זי ביי איהם קריגען וואָס זי וויל אַליין.

פון איביג אָן האָט זי אַ שטאַרקען חשק געהאַט פאַר גאָלדענע ציערונג, און זי האָט דאָס קיינמאָל ניט געהאַט. פאַרבייגעהענדיג אַמאָל אַ דזשולרי-סטאָר, פלעגט זי זיך אָוועקשטעלען און איינעסען זיך מיט די אויגען אין די טייערע זאַכען, וואָס זיינען געהאַנגען און געלעגען אין פענסטער, און ניט געקענט אַוועקגעהן. און אויך איצט, אין איהר אָרעמקייט און דערשלאָגענקייט, איז דער חשק פאַר גאָלדענע ציערונג נאָך געווען אין איהר שטאַרק. איהרע אויגען האָבען זיך אויסגעשפּיצט, דערזעהענדיג אַזוי נאָהענט פאַר זיך אַזוי פיעל שעהנע, טייערע זאַכען.

דער פּעדלער האָט געהאַלטען פאַר איהרע אויגען, געפינקעלט און געגלאַנצט פאַר איהר מיט די גאָלדענע און באַגילטע זאַכען; אונטערגעהעצט אין איהר דעם יצר הרע פאַר ציערונג, ווי דאָס טוט אַ פאַרקויפער, וואָס וויל פאַרקויפען זיין סחורה; געהייסען איהר אָנטאָן, „אָנמעסטען“ אויף זיך שטיקלעך ציערונג. זי האָט געקוקט מיט איבעראַשטען שרעק אויף די טייערע זאַכען; אָנגעטאָן אויף זיך שטיקלעך פון די ציערונג, און איהר בלוט האָט היים געשלאָגען אונטער'ן געלען מעטאַל. און זי האָט געוואָלט ויסען, וואָס עס קאָסט, גלאַט אַזוי געפרעגט, ווי זי וואָלט פרעגען וואָס ס'קאָסט „דער טעלערעל פון הימעל“... וואָס אַרט איהר, אַז זי פרעגט?...

דער פּעדלער האָט איהר געזאָגט פּרייזען פון שטיקלעך ציערונג און גערעדט ווי אַ דזשולרי-פּעדלער דאַרף ריידען — זי זאָל זיך אויסקלייבען וואָס זי גלייכט; ער וועט שוין מיט איהר צו-

רעכטקומען. געזעהן האָט דער פּעדלער, אַז זי וועט ביי איהם קיין סך ניט קענען קויפען. ער האָט געזעהן די אָרימקייט אין איהר הויז, און ער האָט געוואוסט, אַז זי באַשעפטיגט זיך מיט וואַ-שען פרעמדע וועש. ער האָט אָבער אויך געזעהן ווי צוקאָכט זי איז געוואָרען פאַר די שעהנע זאַכען, און זיין ערפאַהרונג האָט איהם שוין פאַרזיכערט, אַז זיין ארויפקומען דאָ וועט ניט זיין אומזיסט. זי וועט שוין ביי איהם קויפען. ער דערקענט שוין אָן די ווייבער זיינע, נאָך זייער באַנעהמען זיך, ווען מ׳צייגט פאַר זיי דזשולרי. ער ווייס שוין, ווער פון זיי ס׳וועט מוזען קריגען א שטיקעל ציערונג. זי וועט שפּאָרען, זי וועט קאַרגען, זי וועט זיך ניט פאַרגינען אויסגעבען א סענט אויף אַנדערע זאַכען — זי וועט קויפען די שטיקעל ציערונג. פאַרקויפען איהר עפּעס וועט איהם אָנקומען גאָר גרינג. און די גרויסע מבינ׳טע וואָס זי איז און געקומען אהער איז ער דאָך גאָר צוליעב עפּעס אַנדערש. וועגען דעם עפּעס אַנדערש, ווייס ער נאָך ניט וואָס ס׳וועט זיין, נאָר דערווייל וועט ער זיך מיט איהר גוט באַקענען. דערווייל מוז ער מאַכען דעם אָנשטעל, אַז ער איז געקומען פאַרקויפען איהר דזשולרי. דער שוסטער האָט איהם געזאָגט, אַז זי איז אַן עהרליכע פרוי, קען ער ניט גלייך אָנהויבען.

שטאַרק צוגעקלעפּט איז זי געוואָרען צו א זייגערעל, וואָס מ׳טראָגט אויפ׳ן האַנט, מיט א שווערע זיידענע בענדעל. געווען איז דער זייגערעל ניט קיין גאָלדענער, נאָר א באַגילטער. אָבער געגלאַנצט און געפינקעלט האָט ער ווי אמת׳ע גאָלד. וואָרים טאַקע צוליעב דעם וואָס דער זייגערל איז ניט געווען קיין גאָלדענער, האָט דער פּעדלער איהם אָפּט גערייניגט און געהאַלטען איהם אין אויסגען-שווינדעלדיגען גלאַנץ. געקאָסט האָט איהם דער זייגערעל אין „אָקשען" אין גאַנצען דריי דאָלאַר, שוין צוזאַמען מיט׳ן זיידענעם בענדעל. ער האָט איהר ניט אָפּגענאַרט, נאָר געזאָגט איהר אַז דער זייגערעל איז „געפּלייטעט", אָבער עס טראָגט זיך ווי אמת׳ע גאָלד. קיינער קען קיינמאָל ניט וויסען, אַז ס׳איז ניט קיין אמת׳ע גאָלד. ווערט איז דער זייגערעל צעהן דאָלאַר, נאָר ווייל ער וויל איהר

האָבען פאַר אַ קאַסטאַמער, וועט ער איהר אוועק געבען פאַר זעקס דאָלאַר; דריי דאָלאַר שוין איינצאָהלען און די איבעריגע וועט זי איהם אויסצאָהלען אַ דאָלאַר אַ וואָך. קיין דריי דאָלאַר האָט זי ניט געהאַט. זי האָט פאַרמאָגט קנאַפּע צוויי, און זי מוז די געלט האָבען אויף נויטיגע זאַכען איינצוקויפען. איבערמאָרגען וועט זי אפשר קענען איינצאָהלען איהם די דריי דאָלאַר. דער פּעדלער קען איהר אָבער ניט צוזאָגען, אַז ער וועט איבערמאָרגען נאָך האָבען ביי זיך דעם זייגערעל. ער וועט איהם נאָך אפשר היינט אָדער מאָרגען פאַרקויפען. אויב זי וועט איהם איינצאָהלען אַ דאָלאַר „דעפּאָזיט" היינט, וועט ער קומען איבערמאָרגען נאָך די איבעריגע. און זי וועט קריגען דעם זייגערעל, און דערנאָך וועט זי איהם אַלע וואָך געבען צו ביסלעך ביז דער זייגערעל וועט זיין אין גאַנצען אויסגעצאָהלט. ער האָט פון איהר געקראָגען אַ דאָלאַר האַנט-געלט.

אַז זי האָט אריינגעקראָגען דעם זייגערעל אין איהרע הענט, איז זי פּראָסט פאַר'כשופט'ט געוואָרען פון ענטציקונג. אין מיטען איהר אַרבייט פלעגט זי מיט אַמאָל אוועקזעצען זיך און זיך שפּיעלען און זיך שפּיגלען אין זייגערעל, צולעגען צום אויער און זיך צוהערען ווי ס'געהט, עפענען דעם דעקעל און אריינקוקען אינעווייניג, ווי עס אַרבייט. נאָר די הויפּט-זאַך איז ביי איהר געווען דער גאָלדענער גלאַנץ — עס גלאַנצט און עס פינקעלט, ווי אין פענסטער פון אַ דזשועלרי-סטאָר; און זי האָט געריבען און גע-שייערט דעם דעקעל, ס'זאָל וואָס שאַרפער פינקלען און גלאַנצען.

אויפ'ן גאַס איז זי קיינמאָל ניט אַרוים מיט'ן זייגערל אויפ'ן האַנט. זי האָט גערעכענט, אַז ס'איז צו גוט, צו שעהן צו ווייזען זיך פאַר מענשען מיט אַ גאָלדענעם זייגערעל אויפ'ן האַנט, און אויך אַ רעכט ביסעל דערפאַר, ווייל דער זייגערעל איז געווען אויסגעמישט מיט נייע עברות, באַהאַלטענע זינד. וואָרים איידער זי האָט נאָך געהאַט פאַר'ן זייגערעל אויסגעצאָהלט, האָט שוין דער פּעדלער געהאַט אויסגעפיהרט וועגען וואָס ער איז צו איהר דעם ערשטען מאָל ארויפגעקומען.

פאַר'ן דזשועלרי-פּעדלער האָט זי געהאַט אַ שטאַרקען אָפּשיי,

א יראת הכבוד, געהאלטען איהם פאר א גוואלדיג-רייכען מאן. ער האט פאר איהר צוואוויקעלט ס׳פעקעל פאפיראסען-פאפיר, גע־לאזט איהר א קוק טאן אויף די דימענטלעך און געזאגט איהר, אז עס קאסט טויזענדער דאלארס. און צוליעב דעם דאזיגען גרויסען דרך ארץ פאר איהם, און נאך מעהר דערפאר, ווייל זי איז געוועו אליין, דער שוסטער האט איהר צו זיך מעהר ניט צוגעלאזען, און איהרע געדיכטע בלוטען האבען זיך אין איהר געשפארט, און זי האט זיך שוין געהאלטען פאר א זינדיגע, איז דעם פעדלער ניט שווער אנגעקומען צו ווערען נאהענט צו איהר. אין אנהויב איז ער צו איהר ארויפגעקומען אלע טאג, ווען די מיידעלע איז געוועזן אין סקול; דערנאך — זעלטענער, אלע איבער-טאג, צי נאך זעל־טענער. שפעטער האט ער זיך שוין אין גאנצען געשראקען אריינ־צוקומען אין איהר הויז. א פאר שכנות אויפ׳ן פלאר האבען זיך געמאכט א מאדע, אז ווי נאר אימיצער פלעגט אנקלאפען אדער עפענען מיסעס פלאטניק׳ס טיר, האבען זיי גלייך געעפענט זייע־רע איינענע טירען, און קעפ מיט אויגען האבען געקוקט: ווער געהט? אפשר איז דאס געווען ניט מעהר ווי נייגעריגקייט; אפשר האבען זיי עפעס דערשמעקט, האבען חושד געווען. איין שכנ׳טע האט ניט געוואוסט פון קיין קונצען און זיך ניט געצערעמאניעט: אז אימיצער איז אריין צו מיסעס פלאטניק, איז זי אויך גלייך אריין אהין מיט עפעס א תירוץ. האט דער פעדלער איינגעזעהן, אז ער קען ניט נעהמען די ריזיקע אריינצופאלען אין עפעס א צרה, און ער האט אויפגעהערט צו איהר קומען, אויסער נאך געלט אלע וואך. אז ער קומט פאר ביזנעס, קאלעקטען, האט ער פאר קיינעם קיין מורא ניט! וואס קען מען איהם טאן?

דער פעדלער האט איבערגעגעבען דעם שוסטער פון זיינע ער־פאהרונגען מיט איהר. און אמאל, ווען זי איז אריינגעקומען אין שוסטער-סטאר, האט דער שוסטער צו איהר געזאגט, מיט שפאט און מיט נקמה, ווי מיט איהר זיך צו רייצען:

— אייך קומט א מזל טוב. זאל זיין מיט מזל און מיט גליק! וואס האט ער איצט פאר איהר מורא, צי זיין ווייב קומט פון

יוראָפּ, צי ניט? ער האָט פריהער אויך קיין מורא פאַר איהר ניט געהאַט; נאָר איצט האָט ער איהר שוין „אין גאַנצען אין דר'ערד".

זי האָט ניט פאַרשטאַנען, וואָס זיין „מזל טוב" מיינט, האָט ער איהר געזאָגט פּראָסט און אָפען, וואָס ער ווייס פון איהר מיט דעם דזשולרי-פּעדלער.

אַ געשלאָגענע און אַ זינדיגע, האָט זי ניט געהאַט וואָס צו ענטפערען. זי האָט נאָך פאַר'ן שוסטער מורא געקראָגען...

דער שוסטער רעדט ווייטער:

— דער דזשולרי-פּעדלער האָט מיר דערצעהלט, אַז צו אייך אין שטוב וויל ער מעהר ניט אַרויפקומען. ס'אַ ריזיקע. האָב איך איהם געזאָגט, אַז איהר קענט זיך דאָ טרעפען מיט איהם ביי מיר. ס'איז דאָך פאַרהאַנגען. קיינער וועט ניט וויסען. פאַר מיר דאַרפט איהר דאָך קיין מורא ניט האָבען.

וואָס האָט זי צו פאַרלירען און וואָס האָט זי צו באַהאַלטען? און זי האָט גאָר מאָדנע מורא געקראָגען פאַר'ן שוסטער. דער שוסטער איז געראָד געוועזען אַליין, קיין אַנדערע נאָך ניט געהאַט. זאָגט ער צו איהר, מעסטענדיג איהר מיט די ביסטרע געל-ווייסע אויגען זיינע: מיט וואָס איז ער דאָס ערגער פון דזשולרי-פּעדלער? אַז מיט יענעם מעג זי, מעג זי מיט איהם אויך. ער, דער שוסטער, הייסט עס, איז אַ מענש — זאָגט ער אויף זיך אַליין — וואָס האָט אויף זיין לעבען קיינעם קיין שלעכטס ניט געטאָן. פאַר-קעהרט, ער גלייכט גאָר צו טאָן אַ מענשען אַ טובה. האָט ער אַזוי פיעל גוטע יאָהרען, וויפיעל טובות ער האָט געטאָן מענשען. אָבער ער קען ווערען אין כעס אויך, אַז מ'ברענגט איהם דערצו. דעריי-בער וועט זיין בעסער פאַר איהר, אַז זי וועט איהם פאָלגען. פאַר וואָס מיט'ן דזשולרי-פּעדלער?

דאָס האָט דער שוסטער אַזוי גערעדט, מיט סטראַשונקעס, ווייל ביי איהם איז אויסגעקומען, אַז זי האָט אויף איהם אַ כעס דערפאַר, וואָס ער האָט איהר צוגעזאָגט מיט איהר חתונה צו האָבען און איהר אָפּגענאַרט. אין דער אמת'ען איז זי טאַקע גע-ווען אַ שונא דעם שוסטער און געוואונשען איהם אַל-דאָס-בייז.

זי האָט אָבער פאַר איהם מורא געהאַט. זי איז אַזוי פול מיט חטאים, און ער וויים אַלץ פון איהר... זי האָט מורא פאַר גאָט און פאַר לייטען... פאַר אַ ל ע מ ע ן דאַרף זי מורא האָבען...

האָט דער דזשולרי-פעדלער גענומען טרעפען זיך מיט איהר ביים שוסטער הינטער׳ן פאָרהאַנג. דער שוסטער פלעגט קלאַפּען מיט׳ן האַמער שטאַרקער און שטאַרקער, ווי צו פאַרטויבען, פאַר-טומלען די מענשען דרויסען, מ׳זאָל ניט וויסען וואָס ביי איהם הינטער׳ן פאָרהאַנג קומט פאָר. און דערנאָך, אַז דער פעדלער פלעגט אַרויסגעהן, פלעגט דער שוסטער פאַרשליסען די טיר, אויסטאָן דעם פאַרטוך און אַרונטערגעהן הינטער׳ן פאָרהאַנג.

4

זי האָט אויסגעצאָהלט פאַר׳ן זייגערעל. דערנאָך האָט דער פעדלער מיט איהר אויסגעביטען די זיידענע בענדעל אויף אַ באַ-גילטע קייטעלע צו טראָגען אויפ׳ן האַנט. זי האָט איהם דערפאַר צוגעצאָהלט, אויסגעצאָהלט אַ פאָר דאָלאַר. זי האָט שטאַרק חשק געהאַט צו אַ גאָלדענעם רינגעל מיט אַ שטיינדעל, צו אַ „בריים-לעטעל“. זי האָט אָבער קיין געלט ניט געהאַט. זי קען ניט איינ-צאָהלען און קען ניט אויסצאָהלען. דער רינגעלע און דער „בריים-לעטעל“ זיינען פון אמת׳ע גאָלד, קאָסטען אַ סך געלט.

— איהר קענט זיך פאַרדיענען אַ פאָר טאָלער, אויב איהר ווילט — מאַכט אַמאָל צו איהר דער פעדלער.

זי האָט ניט אויפגעכאַפּט, וואָס ער מיינט.

— פון וואַנען קען איך פאַרדיענען?

דער פעדלער האָט עפּעס ניט געקענט אַרויסזאָגען איהר דייט-ליך, וואָס ער מיינט.

— פאַר וואָס פאַרשטהעט איהר אַליין ניט?

זי האָט נאָך אַלץ ניט פאַרשטאַנען.

האָט דער פעדלער זיך באַרעכענט, אַז ער וועט דאָס בעסער איבערלאָזען צום שוסטער. יענער איז מעהר בריה אויף די זאַכען. זיי ביידע, דער פעדלער און דער שוסטער, האָבען וועגען איהר

איבערגעגעבען צו גוטע ברידער, און צוגעזאָגט צו קריגען איהר פאַר זיי. דעם פעדלער איז זי שוין נמאס געוואָרען און ער האָט אויפגעהערט צו טרעפען זיך מיט איהר ביים שוסטער, און דער שוס-טער אַליין האָט אויך אויפגעהערט צו האָבען צו טאָן מיט איהר. ס'האָט אויסגעוויזען — אז ווען זי איז געווען גוט פאַר יענעם, איז זי פאַר איהם אויך גוט געווען; און אַז זי טויג ניט פאַר יענעם, וויל ער איהר אויך ניט.

איינמאָל זאָגט צו איהר דער שוסטער:

— כ'האָב פאַר אייך אַ שעהנעם חתן.

דערהערענדיג דעם וואָרט „חתן", וואָס האָט צו טאָן מיט חתונה האָבען, האָט זי אָנגענומען, אַז דער שוסטער לאַכט פון איהר, רייצט זיך מיט איהר. ער ווייסט דאָך „ווער" און „וואָס" זי איז, און ער ווייסט דאָך, אַז אַזאַ, ווי זי, וועט קיינער ניט נעמען. האָט זי תמ'עוואַטע אָנגעקוקט דעם שוסטער.

— ניט אויף חתונה האָבען — רעדט ווייטער דער שוסטער — וואָס טויג אייך חתונה האָבען? אַזוי אַ שעהנעם יונגען מאַן, אויב איהר ווילט, קען איך פאַר אייך קריגען, און ער וועט אייך געבען געלט אויך. איהר קענט איהם טרעפען דאָ ביי מיר אין סטאָר.

אין שוסטער האָט זיך ענטוויקעלט אַזאַ מין קרענקליכער פאַר-לאַנג, ניט אָפּצולאָזען איהר, צו האַלטען איהר אין חטאים, זי זאָל וואָס מעהר זינדיגען, ניט לאָזען איהר אַרויסהויבען זיך פון איהר געזונקענקייט. און אין איהר איז אַלץ געוואַקסען די מורא פאַר'ן שוסטער; זי קען איהם ניט רעדען אַ וואָרט אַנטקעגען, און זי מוז טאָן, וואָס ער זאָל איהר ניט הייסען. דער וואָרט „חתן", וואָס דאָס מיינט די נאָהענטקייט פון אַ מאַן, האָט אין איהר צושפּיעלט די געדיכט-הייסע בלוט איהרע, און וואָס דער שוסטער האָט איהר געזאָגט און איבערגעזאָגט „שעהנער יונגערמאַן" און ער וועט נאָך געבען געלט, האָט אין איהר געשאַפען אַ געוויסען שטאָלץ און נייי-געריקייט.

דער שוסטער האָט אויסגעפיהרט. אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט ער איהר צוזאַמענגעפיהרט מיט אַ יונגענמאַן הינטער'ן פאָרהאַנג

און מיט נאָך און נאָך אַנדערע, עלטערע און אינגערע.

זי האָט געהאַט געלט און איז געוואָרען אַ גוטער קונד ביים דזשוּלרי-פּעדלער. ער האָט איהר פאַרקויפט קלייניגקייטען, אויס-געביטען די זאַכען אויף אַנדערע און געקראַגען פון איהר צוגע-צאָהלט. ביי איהר האָבען זיך אָנגעקליבען עטליכע רינגעלעך, אַ פּאָר „ברייסלעטלעך" און אַנדערע זאַכען. זי האָט ניט אויפגעהערט צאָהלען און אויסצאָהלען. און פאַר איהר מיידעלע האָט זי אויך געקויפט אַ פּאָר רינגעלעך מיט אַ קייטעלע צו טראָגען אויפ'ן האַלז. און זי האָט אָנגעקויפט פאַר דער מיידעלע אַ סך קליידעלעך מיט זיידענע זאָקען, וואָס זי האָט געפּאַקט אין קאַמאָדעל אריין. פאַר זיך אַליין האָט זיך איהר קיין שעהנע קליידער ניט געוואָלט האָ-בען. עפּעס אַ שמאַטע איז פאַר איהר גענוג געווען; נאָר פאַר דער מיידעלע וואָלט זי איינגעשלונגען אַלע סטאָרס מיט קליידלעך און זאָקען און שיכלעך. פאַר זיך — ציערונג, און פאַר דער מיידעלע — קליידלעך מיט די איבעריגע זאַכען.

דער פּעדלער האָט אַלע וואָך אוועקגענומען פון איהר געלט פאַר ציערונג, וואָס מענשען האָבען קיינמאָל ניט אָנגעזעהן. וואָ-רים אויפ'ן גאַס האָט זי די ציערונג ניט געטראָגען. זי האָט זיך געשעהמט, מורא געהאַט זיך צו ווייזען פאַר מענשען מיט איהרע ציערונג. ביי איהר אין הויז, די טיר פאַרריגעלט פון אינעווייניג, האָט זי זיך מיט איהרע ציערונג געשפּיעלט און געשפּיעלט. זי נעהמט אַראָפּ די טאָרבעלע, וואָס הענגט אַראָפּ פון איהר האַלז אויפ'ן נאַקעטען ברוסט, צולייגט פאַר זיך די שטיקלעך ציערונג, טוט אָן אויף זיך, טוט אויס, און שפּיגעלט זיך ווידער, און באַ-האַלט צוריק אין טאָרבעלע און טוט צוריק אָן אויפ'ן האַלז. און דער מיידעלע'ס קליידלעך און די איבעריגע זאַכען נעמט זי אַרויס פון קאַמאָדעל, צולייגט און לייגט איבער און פאַרפּאַקט זיי צוריק.

דער שוסטער האָט זיך געטיילט מיט איהר גלייך אויף גלייך איהרע פאַרדיענסטען הינטער זיין פאָרהאַנג. אין אָנהויב האָט ער ניט געטראַכט פון פאַרדיענען געלט אָן איהר. ער האָט זיך געהאַט זיין קרענקליכע הנאה פון דעם וואָס זי זינדיגט, זי ווערט

אלץ מעהר דערנידעריגט און זינקט טיעפער. ער אליין האָט איהר שוין פיינט געהאַט, ניט געוואָלט האָבען איהר נאָהענט צו זיך, ניט געקענט אָנקוקען איהר. נאָר אין דער צייט, וואָס זי פלעגט פאַר-ברענגען מיט אַ מאַן הינטער זיין פאָרהאַנג, פלעגט זיין פאַנטאַזיע קראַנקהאַפט ארבייטען אין איהם, און ער האָט געוואָלט, אַז דער מאַן זאָל שוין וואָס גיכער אװעקגעהן... ער האָט איינזיצען ניט געקענט, געוואָלט שוין זיין וואָס גיכער לעבען איהר דאָרט, הינ-טערן פאָרהאַנג. אַ ווילדע ליידענשאַפט האָט איהם פון בענקעל געהויבען... און אויך דער קרענקליכער פארלאַנג וואָס מעהר צו דערנידעריגען איהר... באַלד נאָך יענעם... און באַלד דערנאָך האָט אין איהם גענומען ברענען אַ שנאה צו איהר, און ער האָט גע-וואָלט איהר טאָן עפּעס שלעכטעס, שעדיגען איהר... צופּאַטשען איהר, צופּראַסקען, צוברינקען איהר מיט די פיס. ער האָט זיינע הענט און פיס קוים איינגעהאַלטען, און די ביסטרע אויגען האָבען אַ רגע ניט גערוהט. נאָר ער האָט גאָר נישט געקענט טאָן. זי קען נאָך מאַכען אַ געוואַלד, מענשען וועלן זיך צוזאַמענלויפען, מ׳וועט זיי נאָך ביידען ארעסטירען, איז ער אַ פאַרטיגער... פלעגט ער זיך ווי-ניט־איז שטילען דערמיט, וואָס ער פלעגט איהר אין זיין געדאַנק אָנרופען מיט אַלע מיאוס׳ע און שענדליכע נעמען און שפּייען... און איינמאָל איז איהם איינגעפאַלען: פאַר וואָס קומט איהר גאָר די געלט, וואָס זי קריגט ביי איהם אין סטאָר? פאַר וואָס זאָל ער איהר עפּעס געבען אומזיסט זיין סטאָר? מכות מיט יסורים איהר! זאָל זי איהם געבן אַ העלפט פון די געלט, וואָס זי מאַכט ביי איהם אין סטאָר! אַ העלפט איז נאָך אויך צו-פיעל פאַר איהר!

דער שוסטער האָט פאַרזוכט דעם טעם פון גרינגע געלט. ס׳איז איהם שטאַרק געפעלען געוואָרען.

דער דזשולרי-פעדלער קומט אָפט אריין צום שוסטער אויס-געפינען, אויב זי האָט עפּעס פאַרדיענט.

5

אין אַ פאַרנאַכט, אַז דער שוסטער איז אַרויף צו איהר אין הויז און געזאָגט איהר, אַז זי זאָל גלייך אַרונטערקומען צו איהם אין סטאָר, האָט זי קורץ געזאָגט איהם, אַז זי געהט ניט. זי וועט מעהר צו איהם אין סטאָר ניט געהן.

דער שוסטער האָט ניט פאַרשטאַנען — מעהר געמאַכט זיך, אַז ער פאַרשטעהט ניט, וואָס זי זאָגט איהם. זאָגט ער איהר ווידער, וואָס פריהער, נאָר אַ ביסעל שטאַרקער:

— קומט גלייך אַראָפּ צו מיר אין סטאָר. ער'ט אַוועקגעהן. ער האָט קיין צייט ניט צו וואַרטען.

זי האָט פאַר'ן שוסטער מורא געהאַט. זי איז געווען צושראָ-קען; געדרעהט זיך אַנטקעגען איהם, ווי אַ צושראָקענע קאַץ לעבען אַ הונט. אָבער זי געהט ניט, און זי זאָגט איהם, אַז זי וועט קיינ-מאָל צו איהם מעהר ניט געהן.

דער שוסטער איז געוואָרען אַ צוקאָכטער; אויסגערופען איהר — אין זיין געדאַנק — די אַלע געוויסע מיאוס'ע נעמען, און איהם האָט זיך געוואָלט צופּאַטשען איהר, צופּראַסקען, צובריקען איהר מיט די פיס. איהם האָט געשטויסען אָנצוכאַפּען איהר ביים נאָר-געל. נאָר ער קען דאָ לאַנג מיט איהר ניט פאַרבלייבען, געלאָזען אַליין די סטאָר.

— פאַר וואָס געהט איהר ניט?

זי רעדט ניט פיעל. זי זאָגט איהם נאָר, אַז זי געהט ניט, און זי וועט מעהר צו איהם ניט געהן.

„זאָל זי גע'הרג'עט ווערען! זאָל זי ברעכען דעם קאָפּ!" — האָט דער שוסטער געשאָלטען, געהענדיג פון די טרעפּ. ער דאַרף גאָר בעטען זיך ביי איהר. ווייניג פאַרדיענט זי ביי איהם! ער וועט איהר מעהר אין זיין סטאָר ניט אַריינלאָזען, זי זאָל אפילו פאַר זיינע אויגען פייגערען. איהר פוס טאָר ביי איהם מעהר ניט אַריינקומען!... ער פאַרלירט דאָ איצט דורך איהר אַ טאָלער — אַ צוויי טאָלערדיגער קאַסטאָמער אונטען ביי איהם אין סטאָר.

ער איז געווען שטאַרק אַריינגעטאָן אין מאַכען גרינגע געלט. די גאַנצע שטיקעל וועג צו זיך אין סטאָר האָט ער איהר געשימפּט און געשאָלטען, און געזאָגט זיך, אַז ווי נאָר זי וועט זיך באַ-ווייזען לעבן זיין סטאָר, וועט ער איהר גאָר די טיר ניט לאָזען עפענען. ער'ט איהר כאַפּען ביים האַלז און דערלאַנגען אַ שליידער אַוועק. נאָר באַלד אויף מאָרגען, אַז ער האָט איהר געדאַרפט, איז ער ווידער אַרויף צו איהר אין הויז, און ער האָט ווידער געקראָגען דעם זעלבען ענטפער: זי געהט ניט, זי וועט מעהר צו איהם אין סטאָר ניט געהן. זי האָט ניט געזאָגט פאַר וואָס, ניט אויסגע-טראַכט זיך קיין תירוץ, און ניט אויסגעזאָגט איהם דעם אמת.

דער שוסטער איז צוקאָכט געוואָרען נאָך מעהר ווי נעכטען, און גענומען רופען איהר מיט די אַלע מיאוס'ע נעמען, און איהר געסטראַשעט, אַז אויב זי געהט ניט גלייך מיט איהם, עפענט ער אַלע טירען אויפ'ן פלאַר און דערצעהלט די שכנות, ווער און וואָס זי איז. מ'וועט איהר דאָ צורייסען אויף שטיקער, אַרויסטרייבען איהר פון דאַנען. ס'האָט איהר געוואָרפען פון שרעק. איהר מיי-דעלע, וועלכע האָט געהאַלטען אין מיטען עסען, איז אַוועק פון טיש און גענומען טוליען זיך צו איהר, אָנהאַלטען זיך אָן דער מאַמען.

דער שוסטער האָט אַ ביסעלע געעפענט די טיר — ער געהט דערצעהלען די שכנים. וואָס פאַר אַ קלאָג איז דאָ מיט אַמאָל מיט איהר געוואָרען?!.... אפשר איז זי גאָר געוואָרען אַ רבי'צין!... ס'פּאַסט איהר טאַקע צו ווערען אַ רבי'צין! דעם סטראַשונאַק זיינעם, צו דערצעהלען אַלעמן אויפ'ן פלאַר, ווער און וואָס זי איז, האָט ער ניט אויסגעפיהרט, נאָר פאַר'ן אַרויסגעהן האָט ער איהר צוגעזאָגט, אַז זי וועט ליגען ביי איהם אין דר'ערד; ער וועט זיך מיט איהר ריכטיג אָפּרעכענען.

ס'איז געווען אַ גוטע אורזאַך, פאַר וואָס זי האָט מיט אַמאָל ביי זיך אָפּגעמאַכט ניט צו געהן מעהר ביים שוסטער הינטער'ן פּאַרהאַנג, און זי איז טאַקע ניט געגאַנגען. זי האָט געהאַלטען אין טאָן אַ שידוך; געקראָגען אַן אמת'ען חתן.

איינער, אַן עלטערער מענש, וועלכער איז ניט לאַנג צוריק געוואָרען אַן אַלמן, און זי האָט געוואַשען זיינע וועש, האָט עט־ליכע מאָל גערעדט גאָר פריינדליך צו איהר; געקניפּען איהר מיי־דעלע אין די בעקלעך, און געגעבען איהר פּענים אויף קענדי, און אמאָל אפילו אַ ניקעל אויך. איהר מיידעלע האָט געהאַט רויטע, דיקע בעקלעך, ווי פּאַמפּושקעלעך, און ס'האָט געצויגען אַ קניפּ צו טאָן זיי. און די מיידעלע איז געווען שעהן אָנגעטאָן, מיט רויטע זיידענע בענדלעך פאַרפלאָכטען אין איהרע ליכטיגע האָר.

מיסטער שקלאַראָווסקי איז געווען אַן אָרעמער איד. זיין באַ־שעפטיגונג איז געווען אַ פּושקאַרט מיט גאָר ווייניג סחורה. זומער פלעגט ער פאַרקויפען לעמאָן־וואַסער אין אַ דייזשע, צו פּעני אַ גלאָז, און ווינטער — באַנאַנאַס. זיין ווייב איז ניט לאַנג צוריק געשטאָרבען, האָט ער זיך געוואַלגערט אין דער פרעמד. ער איז געווען אַ איד שוין אין די טיפע פופציגער, אָבער די באָרד זיינע איז נאָך געווען מעהר שוואַרץ איידער גרוי. און ער איז געווען אַ איד ניט קיין נאַר, אַ שטיקעל וויצלינג, אַ פרעהליכער קבצן. באַקענט האָט ער זיך מיט מיסעס פּלאָטניק, ווען זי איז מיט איהר מיידעלע צוגעקומען צו זיין פּושקאַרט טרינקען אַ גלאָז לעמאָנייד. זי האָט געטראָגען מיט זיך אַ פּאַק וועש, און ער האָט פאַרשטאַנען, אַז די וועש איז ניט איהרע אייגענע. זי טראָגט ער־געץ אָפּ פרעמדע וועש, וואָס זי האָט אויסגעוואַשען. און די מיי־דעלע איז איהם געפעלען געווען. ער האָט שטאַרק ליעב געהאַט קינדער. אַליין האָט ער קיין קינדער ניט געהאַט, אַלע אויסגע־שטאָרבען קליינערהייט. האָט ער דער מיידעל געקניפּען די בעק־לעך און מיט איהר זיך גע'חכמה'ט.

— איהר וואַשט וועש? — מאַכט ער צו מיסעס פּלאָטניק — כ'קען אייך געבען אַ שאָו. רייך וועט איהר אָבער פון מיר ניט ווערען, אין גאַנצען דריי שטיקלעך וועש אַ וואָך, אַן אויבערשטע העמד מיט אַן אונטערשטע העמד — די דריטע שטיקעל וועש האָט ער זיך געשעהמט אָנצורופען. — וויפיעל וועט איהר מיר רעכענען? ביגלען וועט איהר ניט דאַרפען. ס'איז רעכט ניט געביגעלט אויך.

ער איז געוואָרען איהר קונד, און זיי האָבען זיך נאָהענט באַ־קענט. יעדען זונטאג אין דער פריה פלעגט ער מיטברענגען מיט זיך ביים פושקארט זיינע דריי שטיקלעך וועש. זי פלעגט עס ביי איהם צונעהמען און אין א פּאָר טעג ארום צוטראָגען אויסגעוואַ־שענע. ער איז געשטאַנען מיט זיין פושקארט ניט ווייט פון איהר הויז, פלעגט ער אָפּהיטען איהר מיידעלע, ווען זי איז געגאַנגען פון סקול, קנייפּען איהרע בעקלעך, חכמה'נען זיך מיט איהר, מכבד זיין איהר מיט לעמאָנייד און איהר נאָך דערלייגען א פּעני אויף קענדי.

ווי געזאָגט, איז ער געווען א איד ניט קיין נאַר, א שטיקעל וויצלינג, און ס'וואָלט גאָר ניט גרינג אַנגעקומען איהם אָפּצונאַ־רען. נאָר אויף מיסעס פּלאָטניק האָט ער זיך ניט פארשטאַנען. אַלע, וואָס האָבען איהר געקענט, האָבען איהר גערופען אָדער „קלאָץ“, אָדער „שטיק פלייש“ און מ'האָט געוואוסט, אז ס'קומט ניט אָן גרינג מיט איהר זיך צונויפריידען. נאָר מיסטער שקלאַ־ראָווסקי, דער אַלמן, האָט דאָס אויף איהר גאָר ניט געזעהן, און ער האָט ביי זיך געטראַכט, אז זי איז א גאַנץ וואוילע אידענע. אפשר דערפאַר, ווייל איהם האָט זיך גענומען באַמבלען אין קאָפּ, אז זי וואָלט געווען פאר איהם א גוטער שדוך. האָט ער זיך מיט איהר געוויצעלט וועגען דעם וואָס ער איז אַן אַלמן און זי אַן אַלמנה. זי האָט זיך אויף זיינע וויצען ניט פיעל פארשטאַנען, אמאָל תּמ'עוואַטע א לאַך געטאָן.

און אמאָל זאָגט ער צו איהר:

— אפשר וואָלטען מירביידע געווען א גוטער שדוך. מיר וואָלטען איינגעשפּאָרט שדכנות־געלט. מיר קענען זיך דאָך שוין. די איינגעשפּאָרטע געלט וועלען מיר אריינלייגען אין באַנק אויףביידענס נעמען. וואָס זאָגט איהר אויף דעם?

זי האָט זיין וויץ ניט פארשטאַנען. מ'וואָלט דאָס געדאַרפט איבערזאָגען פאר איהר עטליכע מאָל ביז זי וואָלט עס פארנומען. זי האָט אָבער געהערט און פארשטאַנען די ווערטער „חתונה האַ־בען“ — ער מיט איהר חתונה האָבען... איז איהר פּנים געוואָרען

נאָך רויטער ווי שטענדיג. זי האָט אין דער מינוט נאָך שטאַרקער דערוואוסט זיך „ווער" זי איז... אַזאַ, ווי זי, איז ביי איהר אויס־געקומען, טאָר אפילו ניט טראַכטען פון חתונה האָבען אויף אַן אמת... זי האָט געוואוסט איהר שטאַנד צו גאָט און צו לייטען... אַז מיסטער שקלאַראָווסקי וואָלט וועגען איהר געוואוסט!... זי האָט אויף זיין וויץ ניט געהאַט וואָס צו ענטפערען.

דער פושקאַרט-פעדלער האָט גאָר אָפט געטראַכט וועגען מיסעס פּלאָטניק און איהר מיידעלע. ס'וואָלט פאַר איהם געווען אַ גאַנץ גוטער שדוך. זי אַליין פאַרדיענט אויך. ער האָט ניט געמיינט אָנ־צוּוואַרפען זיך אויף איהר, זי זאָל פאַר איהם מאַכען אַ לעבען, נאָר אַ גרויסע הילף וואָלט עס געווען. אָט לעבט זי דאָך איצט אויך, און האָט רומס. אַז ער וועט מיט איהר חתונה האָבען, וועט זי אַרבייטען ווייניגער ווי איצט. ער האָט דאָך פריהער אויך געלעבט מיט אַ ווייב פון זיינע אייגענע פאַרדיענסטען; וועט ער דאָס ווייטער אויך קענען טאָן. אַ ביסעל וועט זי דאַרפען אַרבייטען ביי איהרע וועש. ס'איז דאָ די מיידעלע. אַז ער וואָלט געהאַט, וואָלט ער אַליין געגעבען דער מיידעלע אַלץ, וואָס זי דאַרף... און די מיידעלע איז דאָך ניט זיינע... וועט זי דאַרפען וואַשען אַ ביסעל וועש — ניט פאַר איהם — פאַר די מיידעלע. און זי וועט איהם אויסהעלפען מיט'ן פעדלען, ווי יענע, די ערשטע ווייב. זי וועט איהם אַ ווייל׳ע איבערבייטען בייטאָג, און ער וועט אַרויפגעהן אין הויז אַ ביסעל זיך צושפּאַרען, ווי ער האָט אַלעמאָל געטאָן. און ס'וועט אויסקומען גאָר גוט. איהרע רומס זיינען דאָך דערביי, אין גאַנצען אנדערהאַלבען בלאָק פון אָרט, וואו ער פעדלט — ער וועט זיך דאָך אַריינקלייבען צו איהר אין די רומס, אייגענע, איינגעפיקסטע רומס. זייט זיין ווייב איז געשטאָרבען, קען ער זיך ניט צולייגען אַ ווייל׳ע בייטאָג, אויסער שבת: האָט ניט וועמען איבערצולאָזען ביים פושקאַרט. איז ווי ס'קומט אַזייגער נאָך צוויי בייטאָג, ווערט ביי איהם אָפּגעשוואַכט דער קאָפּ און אויפ'ן האַר־צען ווערט איהם שוואַך; ער קען ניט האַלטען אָפען די אויגען — איינגעוואוינט פון יאָהרען צו שלאָפען אַ ווייל׳ע בייטאָג. און ווי ער

זאָל זיך ניט שטאַרקען, פאַרקלעפּען זיך זיינע אויגען, און ער רייסט זיי אויף איבער-גענוואַלד. אַמאָל ווערט ער פאַרט אַנטשלאָפען, שטעהענדיג אָדער זיצענדיג ביים פושקאַרט; אַ קאָסטאָמער מוז איהם אַ ציה טאָן ביים אַרבעל. אַנדערע ווילען זיך ניט נעהמען די מיה איהם צו וועקען און זיי געהען אַוועק. ער דערפיהלט אין זיין דרעמעל אַז אימיצער איז דאָ, איז געוועזען ביי זיין פושקאַרט. עפענט ער די אויגען און שרייט יענעם נאָך: „מיסטער!“ נאָר יענער קעהרט זיך ניט אום. איהם געפעלט ניט ווי דער פּעדלער „טענדט זיינע ביזנעס“.

זי וועט איהם העלפען, וועט זיך די ביזנעס אפשר פאַרבע-סערען. ער וועט זיך קענען אוועקשטעלען אויפ׳ן גאַס גאַנץ באַ-גינען און שטעהן שפּעטער אין דער נאַכט. אַליין האָט ער ניט אַזוי פיעל כוח; ער יאָגט זיך ניט נאָך די גרויסע פאַרדיענסטען — וועמען האָט ער צו פאַרזאָרגען? איין מענש אַליין... וועט זי אפשר גאָר אין גאַנצען ניט דאַרפען וואַשען וועש... אפשר אַ בי-סעל. די מיידעלע איז דאָך פאַרט ניט זיינע...

פלעגט ער זיך מיט איהר חכמה׳נען און וויצלען זיך וועגען אַ שדוך ביי זיי ביידען, און געמיינט אויף אַן אמת. פון איהר האָט ער קיין וויכטיגע רייד ניט געקאָנט אַרויסקריגען, ווייל זי האָט ניט געהאַט וואָס צו זאָגען. זי האָט קיינמאָל ניט געהאַט וואָס צו זאָגען. אַנדערע נאַראָנים רעדען אַ סך, פיעל מעהר ווי זיי דאַרפען; זי איז געוועזען פון די שווייגעדיגע נאַראָנים, און דערצו נאָך אין אַזאַ מין אַנגעלעגענהייט... איהר האַרץ איז געוועזען אָנגעפילט מיט בזיון און שרעק פאַר גאָט און פאַר לייט...

די מיידעלע האָט איהם אין אָנהויב גערופען „מיסטער שקלאָ-ראָוווסקי“. ס׳איז איהר שווער אָנגעקומען ביז זי האָט זיך אויסגע-לערענט אַרויסזאָגען דעם שווערען נאָמען. דערנאָך האָט ער איהר געהייסען רופען איהם „אָנקעל“, און זי האָט איהם געפאָלגט. די מאַמע האָט גרויס נחת געהאַט פון מיסטער שקלאַראָוווסקי׳ס פריינדשאַפט צו איהר טאָכטער און צו איהר אַליין. ווער האָט זיך דען צו איהר געפריינטעלט? ווער האָט דען עפּעס געהאַט צו טאָן

מיט איהר, א חוץ יענע מענער, מיט וועלכע זי האָט זיך געטראָ־פען הינטער׳ן פאָרהאנג און וועלכע האָבען איהר דערנידעריגט, געהאַלטען איהר אין געזונקענקייט, געהאָלפען איהר טרינקען זיך אין עברות... שקלאַראָווסקי׳ס פריינדשאפט האָט איהר אויך דער־נידעריגט. ווייל זי איז אזא זינדיגע געווען, האָט זי נאָך שווערער די זינד געפיהלט אין די פריינדשאפט פון אזא אָריענטליכען מענ־שען... אָבער דאָס איז גאָר אַ אנדער מין ערנידערונג געווען...

איינמאָל, שפּעטליך אין אָווענד, זאָגט שקלאַראָווסקי צו איהר:

— אויב איהר וועט מיך מכבד זיין מיט א גלאָז טיי, וועל איך ארויפגיין צו אייך אויף א ווייל. כ׳פויל זיך עפּעס צו פעדלען שפּעט היינט.

זי האָט איינגעשטימט.

אין הויז ביי איהר האָט שקלאַראָווסקי די ערשטע זאך גע־שטעלט זיך דאווגען מעריב מיט צוויי שמונה־עשרה׳ס, ווי זיין מנהג איז געווען זייט ער איז געוואָרען א פּעדלער און קען ניט געהן דאווגען מנחה. זיין דאווגען מיט פאַרמאַכטע אויגען, זיין אומעטיגער נגון, זיין שאָקלען זיך, האָט אויף איהר, דער זינדיגער, ארויפגעוואָרפען אַן אימה, און זי האָט אין זיין אומעטיגען נגון געהערט שטראָף און קללות אויף איהר פאַר איהרע זינד...

זי האָט איהם געגעבען טיי. ער האָט זיך ווידער געוויצעלט ווע־גען דעם וואָס ער איז אַן אַלמן און זי אַן אַלמנה. ער האָט נאָך אַלץ ניט געזאָגט איהר אויף אַן אמת, וואָס ער טראַכט וועגען זיי ביידען, ס׳הייסט, אַז זי וואָלט פאַר איהם געווען א גוטער שדוך. נאָך אַלעמען, קען דאָך זיין, אַז זי וועט איהם ניט וועלען נעהמען, זי וועט איהם אָפּזאָגען — ער איז דאָך מעהר ווי צוויי מאָל אזוי אַלט, ווי זי — קען ער, הייסט עס, נאָך בלייבען דער נאַר. ער איז בעסער געגאַנגען מיט וויצלעך, און געמיינט אויף אזא וועג צו דערגעהן, אויב זי וועט איהם נעהמען. זי איז דאָך אָבער געווען א „קלאָץ“, א „שטיק פלייש“, און דערצו נאָך א גע־שלאָגענע, א זינדיגע, א געזונקענע, וואָס שרעקט זיך און מיינט, אַז זי טאָר גאָר ניט זאָגען, און געזוכט נאָר צו באהאַלטען איהר

פנים — האָט ער פון איהר גאָר ווענינ וואָס געקאָנט ארויסקריגען.
ער איז געקומען נאָך אמאָל ביי איהר טרינקען טיי. מעשה אייגענער מענש, האָט ער אליין ארויסגעשטעלט אויפקאָכען וואַ-סער. ער האָט גערדאווענט מעריב מיט די צוויי שמונה-עשרה׳ס, לייכט און צערטליך געגלעט דער שלאָפענדיגער מיידעלע אויף איהרע פאמפושקעלעך. ער האָט געקוקט מיט זשעדנע אויגען און מיט קנאה אויף דער שטיקעל אָרעמער דירה, אויף דער גרויסער, ברייטער בעט, אויפ׳ן טיי-קאַן און טשייניקעל און די איבעריגע כלים — — — און אייגענע שטיקעל היים... ער האָט דאָס אויך אמאָל געהאַט. איצט וואַלגערט ער זיך אין דער פרעמדער, מיט נאָך אזעלכע אָרעמע שלאָפערס, ווי ער, ביי א „מיסעס“, אין ענגשאַפט. אז ער קומט שפעט ביינאַכט פון זיין פעדלען, איז אפילו ניטאָ קיין שטיקעל אָרט אוועקצוזעצען זיך א ווײַלע. אומעטום שלאָפט מען, מ׳כראָפעט, און די לופט איז שווער, מ׳קען קוים דעם אָטעם דערכאַפּען. דאָ וואָלט איהם גוט געווען... וואָס מעהר ער איז צו איהר אין הויז אריינגעקומען, אלץ מעהר האָט ער דאָרט געזעהן א גן-עדן׳דעל פאַר זיך...

און אמאָל האָט ער אוועקגעוואָרפען די ווײַצלעך זיינע, און גערעדט צו איהר פראַסט און ערנסט. געזאָגט איהר אָפען, אז ער וואָלט מיט איהר „חופּה געהאַט“. נאָר איצט קען ער נאָך ניט; ער מוז נאָך וואַרטען א ביסעל. ס׳איז אין גאַנצען עפּעס מעהר ווי זעקס חדשים, ווי די ווייב זיינע איז געשטאָרבען, פּאַסט ניט פאַר איהם אזוי גיך חופּה האָבען. ער האָט א סך לאַנדסלייט מיט באַקאַנטע, מ׳וועט אויף איהם רעדען. ער האָט איהר געזאָגט, אז ער איז אזאַ מענש, וואָס מיט איהם דאַרף מען זיך קיין מאָל ניט קריגען, ס׳איז ניטאָ פאַר וואָס. זי קען פרעגען אויף איהם ביי וועמען זי וויל אליין. און צו איהר מיידעלע וועט ער זיין ווי אן אייגענער טאַטע... ביי איהם מיט זיין יענע ווייב איז קיינמאָל ניט פאָרגעקומען קיין שום קריגערייען. און ווי ער גלייכט איהר מיידעלע, קען זי דאָך שוין אליין איינזעהן...

זי איז געווען ניט קיין רעדעוודיגע, האָט זי אויך איצט גע-

שווינען. זי איז איבערפילט געוואָרען מיט א געוואַלדיגער שמחה און איהר האָט זיך געוואָלט וויינען. שקלאַראָווסקי האָט פאַר־שטאַנען, אז זי איז צופריעדען איהם צו נעהמען. ס'איז געוואָרען א שדוך. נאָר זיי מוזען נאָך וואַרטען — ס'פּאַסט ניט פאַר איהם.

ביז דעם אָוועגד, ווען ס'איז ביי זיי געוואָרען א שדוך, איז זי נאָך געגאַנגען צום שוסטער הינטער'ן פאַרהאַנג. און זייט זי האָט זיך מיט שקלאַראָווסקיין באַקענט, און ער איז אזוי גוט געווען צו איהר מיידעלע און פריינדליך צו איהר אליין, האָבען איהרע חטאים איהר נאָך מעהר וועה געטאָן, און איהר מורא פאַר גאָט און פאַר לייטען איז נאָך שטאַרקער געוואָרען. זיין גוטסקייט און פריינדשאַפט האָבען אין איהר אויפגעוועקט די ביסעל פאַרבלי־בענע ריינקייט — און זי האָט ווייטער געזינדיגט. איהר געזונטער קערפּער און די הייסע בלוטען האָבען איהר דערצו געטריבען — און די געלט, די ציערונג, קליידלעך און אנדערע זאכען פאַר איהר מיידעלע. נאָר אין דעם מאָמענט, ווען מיסטער שקלאַראָווסקי האָט איהר געזאָגט, אז ער וועט מיט איהר חתונה האָבען — און וואָס ער האָט איהר געזאָגט, איז דאָך אמת — האָט זי זיך אין האַרצען פאַרשוואָרען ניט צו געהן מעהר צום שוסטער — פאַר קיין געלט אין דער וועלט וועט זי צום שוסטער מעהר ניט געהן.

און זי האָט מיט אמאָל פיינט געקראָגען איהר ביסעל אָנגע־קליבענע ציערונג, וואָס איהר האָט זיך איהר גאַנצען לעבען אזוי געוואָלט האָבען... זי האָט ביי זיך געוואוסט פון וואַנען די ציערונג קומט צו איהר... האָט זי די פאַרבונדענע טאַרבעלע פאַרבונדען אין א שמאַטקע און באַגראָבען ערגעץ אין א באַהעלטעניש. קיינ־מאָל וועט זי דאָס מעהר ניט אָנטאָן, אפילו ניט אָנריהרען. אז דער דזשולרי־פּעדלער איז צו איהר געקומען נאָך געלט פאַר א שטיקעל ציערונג, וואָס זי האָט געהאַלטען אין אויסצאָהלען, האָט זי איהם די שטיקעל ציערונג צוריקגעגעבען און געזאָגט איהם, אז זי דאַרף ניט מעהר, זי וועט מעהר ביי איהם גאָרנישט קויפען.

זי האָט זיך איצט גענומען פּיהלען א ביסעל פרייער. די שווע־רע עבירות איהרע האָבען איהר מעהר ניט אזוי געדריקט. דער

שוסטער קומט איהר רופען, און זי געהט ניט, און זי וועט שוין קיינמאָל מעהר ניט געהן, ווייס זי ביי זיך — קיינמאָל ניט. איהר מורא פאַר גאָט און פאַר לייטען איז אויך געמינדערט געוואָרען.. זי וועט דאָך שוין מעהר קיינמאָל ניט זינדיגען... זי האָט זיך גע-נומען האַלטען גלייך מיט אַנדערע מענשען... זי האָט אויס-געווייכט דעם אָרט, וואו דער שוסטער האָט זיך געפונען... גע-גאַנגען ארום און אַרום, אַז זי האָט געמוזט זיין ערגעץ אין יענעם מקום.

מיסטער שקלאַראָווסקי איז געוואָרען אַלץ היימישער ביי איהר אין הויז. פון איהר אַליין האָט ער זיך געהאַלטען ווייט, נאָר די שטוב האָט ער שוין באַטראַכט כמעט ווי זיין אייגענע. ער האָט איהר געגעבען אַ ביסעל געלט צו קויפען עפּעס קליינינקייטען אין הויז אריין — ער גלייכט, אַז אין הויז זאָל זיין באַליבאַטיש. אודאי האָט זיך איהם שטאַרק געוואָלט, אַז עס זאָל שוין זיין ביי איהם נאָך דער חופה, נאָר ער האָט דאָס נאָך אַלץ ניט געקענט פועל'ען ביי זיך — מ'וועט אויף איהם ריידען. ביז'ן יאָהר וועט ער טאַקע ניט אויסוואַרטען, דאָס ווייס ער שוין, זאָל אָבער אוועק-געהן כאָטש נאָך אַ שטיקעל צייט...

אַלע טאָג האָט זי איהם געבראַכט צום פּושקאַרט עסען. ער האָט איהר אויף דעם געגעבען געלט. איז שוין דאָ גענוג צום עסען אויך פאַר איהר און איהר מיידעלע. און ער זאָגט, אַז עס קאָסט איהם ניט טייערער ווי פריהער, ווען ער פלעגט צאָהלען פאַר'ן עסען אין דער פרעמד. און זי ווייס שוין וואָס ער גלייכט. נאָך האַלבען טאָג ברענגט זי צום פּושקאַרט אַ קאַלטען באָרשט, צי שטשאַוו, גוט פאַרווייסט, מיט פּאָטייטאָס. און אַ ביסעל שפּעטער האָט ער איהר שוין איבערגעלאָזען אויף אַ ווײַלע ביים פּושקאַרט און אַרויף עסען צו איהר אין הויז. אין שטוב קען ער עסען ביים טיש ווי אַ מענש. און דערפיהלענדיג זיך צווישען פיער ווענט, און נאָך זעהענדיג פאַר זיך אַ בעט, פלעגט זיך די אַלטע געוואוינ-הייט צו שלאָפען אַ ווײַלע בייטאָג שטאַרק צושפּיעלען אין איהם און איהם צורעדען, ניט אָפּלאָזען איהם, ער זאָל זיך צושפּאַרען

כאַטש אויף אַ וויילינקע, נאָר ער האָט זיך אַלע מאָל געשטאַרקט און דעם יצר הרע בייגעקומען. ס'האַרץ האָט איהם ניט דערלאָזען טאָן אַזאַ זאַך... אוועקלעגען זיך ביי איהר אין שטוב שלאָפען... אויף איהר בעט... זייט ער קומט צו איהר אין הויז, האָט ער דאָ ניט געשלאָפען אפילו אַ מינוט... ס'קומט ביי איהם אויס ניט עהר־ליך, ניט כשר... ער קען אַזאַ זאַך ניט טאָן... אויף אַ וויילינקע נאָר, זיצענדיג, ביים סוף בענשען נאָכ'ן עסען, מאַכען זיך צו זיינע אויגען, געגען זיין ווילען און וויסען, און ער רייסט זיי ווידער אויף... שטרענגט זיך אָן צו דערמאָנען, וואו ער האָט געהאַלטען אין בענשען, און אום צו זיין זיכער גאָרנישט דורכצולאָזען, הויבט ער אָן פון „במרום ילמדו“, הגם ער איז אַזוי גוט ווי זיכער, אַז ער האָט שוין דאָס געזאָגט, און ער דערזאָגט און דערשאָקעלט זיך ביז'ן סוף, און גֶעהט אַרויס פון הויז.

6

דער שוסטער האָט ניט גערוהט. אַלע טאָג, אַלע איבער־טאָג, ווען עס פלעגט אַריינקומען אַ „קאָסטאָמער“ ביי איהם אין סטאָר, איז ער אַרויף צו איהר אין הויז און איהר גערופען, געשלעפט, מיט בייזען און מיט גוטען. און זי געהט ניט. זי איז שטאַרק צושראָקען, ציטערט פאַר איהם. אָבער זי געהט ניט. ער פלעגט ווערען אַן אָנגעצונדענער מיט רציחה; געסטראַשעט איהר מיט אויסזאָגען אויף איהר; געזאָגט איהר, אַז זי קען איצט פאַרדינען אַ סך מעהר ווי פריהער. ס'קומען איצט צו איהם „גוטע קאָסטאָ־מער“. קיין זאַך האָט איהם ניט געהאָלפען.

וואָס איז פאָרט מיט איהר געוואָרען? די גרינגע געלט, וואָס ער האָט פאַרלאָרען דורך איהר ניט קומען אין זיין סטאָר, האָט איהם שטאַרק געקרענקט. ער האָט שוין ביז איצט פאַרלאָרען אַ שעהנע פּאָר דאָלאַר. מסתמא האָט זי זיך אויסגעזוכט אַנדערע ערטער, וואו זי פאַרדיענט מעהר ווי פריהער ביי איהם, און איהם איבערגעלאָזען אַזוי! פאַר וואָס קומט זי ניט אַראָפּ צו איהם, אפילו אויב זי האָט אַנדערע ערטער? ס'קאָסט איהר טייער? קומט זי ניט

צו איהם דערפאַר, ווייל זי וויל ניט, אַז ער זאָל פאַרדיענען —
וועט זי דאָס נאָך ביי איהם אויסקרענקען, די שטיק פּאַסקודסטווע ן

די גרינגע געלט, וואָס ער פאַרלירט, האָט איהם גענוג גע-קרענקט. ער האָט אָבער אויך מורא געהאַט, טאָמער איז זי געוואָרען אַ „פיינע פרוי“, האָט ניט מעהר צו טאָן מיט מענער... דער קרענקליכער פאַרלאַנג, די ווילדע הנאה זיינע פון האַלטען איהר אין זינד, איז נאָך אַלץ געווען אין איהם. אַ „פיינע פרוי“ וויל זי ווערען ן ניט דערלעבען וועט זי ן... און אַ פּאָר מאָל, ביי איהר אין הויז, ווען זי האָט זיך אָפּגעזאָגט צו געהן צו איהם אין סטאָר, האָבען די ווערטער „פיינע פרוי“, וואָס האָבען איהם אין קאָפּ גע-פּיקט, איהם שטאַרק צורייצט... ער וועט איהר דאָ ווייזען, וואָס פאַר אַ „פיינע פרוי“ זי איז... און דערנאָך וועט ער איהר אַזוי צו׳הרג׳ענען, אַז זי זאָל זיך שעהמען אויפ׳ן גאַס צו ווייזען... וועט זי זיך קענען זיין אַ „פיינע פרוי“... וואָס האָט ער פאַר איהר מורא? זי וועט איהם אַרעסטען? זי וועט דאָך אפילו מורא האָ-בען אימיצען אויסצוזאָגען, און ער וועט זיין מיט איהר פאַרטיג... זי וועט זיך מעגען זיין אַ „פיינע פרוי“... זי איז ניט געגאַנגען. שילטענדיג, שימפּענדיג, אויסרופענדיג איהר אַלע מיאוס׳ע נע-מען, פלעגט ער פון הויז אַרויס.

איינמאָל, געהענדיג אויף די טרעפּ צו איהר אין הויז, האָט דער שוסטער געזעהן, ווי מיסטער שקלאַראָווסקי שליסט אויף איהר טיר. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז ער האָט שוין דעם מאַן געטראָפען אַמאָל ביי איהר אין הויז; האָט ער דאַמאָלסט געזאָגט עפּעס אַ תירוץ: צי וואוינט דאָ ניט אין הויז עפּעס אימיצער — אַן אויס-געטראַכטער נאָמען — און אַרויסגעגאַנגען. ווער איז ער? וואָס טוט ער דאָ? אפשר פאַרשטעלט זי זיך פאַר איהם, אַז זי איז אַ „פיינע פרוי“ און קריגט פון איהם געלט... ס׳קען זיין, אַז איבער איהם וויל זי מעהר ניט קומען צו איהם אין סטאָרקע... אפשר איז ער אַ קרוב איהרער, אַ פעטער, צי וואָס ניט איז, און ער ווייס גאָר ניט, ווער זי איז... ער וועט איהר דאָ לייגען אין דר׳ערד פאַר איהם, זי וועט אויסקרענקען...

אַנקלאַפּען אין טיר דאַרף ער ניט. ער איז אַריין אין הויז, און דערזעהן אַ געגרייטען טיש צום עסען. דער מאַן וואַשט זיך צום עסען. איז שוין דער שוסטער זיכער, אַז זי פאַרשטעלט זיך פאַר אַ „פיינע פרוי“... די פּאָר ווערטער האָבען זיך מיט איהם גערייצט, געפּיקט און געשטאָכען...

שקלאַראָווסקי האָט דעם שוסטער ניט געקענט, האָט ער איהם אָנגעקוקט, וואָס ער דאַרף דאָ.

דער שוסטער האָט אָנגעהויבען:

— מיסטער, וואָס טוט איהר ביי איהר דאָ אין הויז? איהר ווייסט ווער זי איז?

שקלאַראָווסקי האָט איהם אָנגעקוקט. דער שוסטער האָט איהם פאַרכאַפּט דעם וועג:

— מסתמא מאַכט זי ביי אייך אַ פּאָר טאָלער. זאָלט איהר זיך בעסער פון איהר היטען. אַז איהר וואָלט געוואוסט ווער זי איז, וואָלט איהר צו איהר ניט געקומען אפילו ווען זי גילט אייך אָפּ.

ער האָט צועפענט זיין „הינטישע מויל“ און אָנגערופען איהר מיט די אַלע שמוציגע נעמען. דערצעהלט, אַז זי „געהט מיט מענער“, און אויב ער, שקלאַראָווסקי, גלויבט איהם ניט, קען ער איהם דאָס באַווייזען מיט אַנדערע, און געזאָגט איהם, אַז ער זאָל פון איהר היטען די קעשענעס.

מענשען גלויבען, וואָס מ׳דערצעהלט זיי. פון שלעכטס נאָך גיכער ווי פון גוטס... שקלאַראָווסקי איז געזעסען אַ פאַרפּלעפטער. דער ערשטער ביסען איז געבליבען ביי איהם אין מויל. ער האָט שוין ניט געגעסען. ער האָט אפילו ניט געפרעגט דעם שוסטער ווער ע ר איז, און דער שוסטער האָט איהם גאָר די געלעגענהייט ניט געגעבען אויסצורעדען אַ וואָרט. דער שוסטער האָט געזעהן, אַז ער האָט דאָ עפּעס אויפגעטאָן, און ער איז אַרויס פון הויז.

שקלאַראָווסקיין איז אַרויף אויפ׳ן געדאַנק, אַז ער האָט דאָ אַ סך מאָל געדאַווענט מעריב... אין אַזאַ אָרט... איז זי גאָה אַזאַ?... ער וואָלט זיך אומגליקליך געמאַכט... ער האָט גאָר ניט געוואָלט

דערוויסען זיך, אויב ס'איז אמת, וואָס מ'האָט דאָ אויף איהר גע-
זאָגט... אויב ס'איז אפילו ניט אמת, איז שוין אויך פאר איהם
אַלץ דיזעלביגע. אז מ'זאָגט אויף איהר, איז שוין אויך גענוג...
ער מוז ארויסלויפען פון דאַנען, אַנטלויפען.

ער איז צוגעקומען צו זיין פושקארט, און געזאָגט איהר קורץ, אז ער וועט מעהר ביי איהר ניט עסען, ער וועט ביי איהר אין הויז מעהר ניט קומען, און די וועש זיינע וועט ער איהר אויך ניט געבען וואשען... ער האָט גערעדט, ניט אַנקוקענדיג איהר... ס'איז געוועזן א רחמנות: מיט אמאָל נעהמען רעדען צו א מענשען אזעל-כע רייד... און אויך צו פארהיטען זיין אייגענעם כבוד, האָט ער איהר ניט אָנגעקוקט בשעת'ן ריידען צו איהר... ער האָט ניט גע-קענט קוקען אויף אזא... זייט זי קען שקלאראָווסקי'ן האָט זי אויף איהם ניט געזעהן אזא פנים און ניט געהערט פון איהם אזא קול...

זי האָט זיך ניט געשטעלט אנטקעגען, ניט געענטפערט און ניט געפרעגט. אייגענטליך איז ביי איהר אין הארצען די גאנצע צייט געלעגען א באהאַלטענע מורא, אז ס'וועט זיך ניט גוט אויס-לאָזען... ווער וועט וועלען נעהמען אזא ווי זי?...

***

געהענדיג פון סקול דעמזעלביגען טאָג, האָט זיך די מיידעלע אָפּגעשטעלט ביי שקלאראָווסקי'ס פושקארט, ווי זי טוט דאָס אַלע טאָג. איהר פנים מיט די פּאַמפּושקעלעך האָט שוין געשמייכעלט און געפרעהט זיך איידער זי איז נאָך צום פושקארט צוגעקומען. זי האָט זיך צו איהם געטוליעט. שקלאראָווסקי האָט איהר לייכט אָפּגעשטופּט פון זיך און געזאָגט איהר ווי א קאַלטער פרעמדער:

— געה אהיים און קום דאָ ניט מעהר צו מיר. זאָג דיין מאַמען, אז איך וויל ניט דו זאָלסט צו מיר קומען.

די מיידעלע איז שטארק אומעטיג געוואָרען; זי האָט געהאַל-טען ביים וויינען. זי איז אוועקגעלאָפען דערצעהלען איהר מאַמען.

סאַנקע — דערנאָך דזשעני

א גאַנצע גרופּע זיינען זיי אַמאָל געווען, יונגע לייט און מיידלעך, ניט-לאַנג אַריבערגעקומענע פון דער אַלטער היים. עטליכע פון זיי האָבען זיך געקענט פון דער אַלטער היים. צוזאַמען געווען אין די פאַרשיעדענע קרייזלעך פון קעמפער געגען צאַר. אַנדערע פון זיי האָבען זיך דאָ באַקענט. אָבער אַלע זיינען זיי געווען פון דעם זעלבען מין. דאָ זיינען זיי געווען ענטוישטע, פאַרבענקטע. דאָ איז זיי קיין זאַך ניט געפעלען געווען. דער היגער לעבען איז פאַר זיי געווען וואָכעדיג, ניט אינטערעסאַנט, פּוסטלעך. זיי ווילען דאָ ניט זיין. עס האָט זיך זיי אויסגעוויזען, זיי זיינען זיכער געווען, אַז דאָ איז ניט זייער אָרט. זיי האַלטען זיך דאָ עפּעס אויף אַ ווײַלע. האָבען זיי זיך דאָ אויף גאָר אַן אַנדער וועג אַוועקגעלאָזען, — צי דאָס איז געווען פאַר בענקעניש, פאַר לאַנגווייליגקייט — אַוועקצושטופּען די צייט, וואָס זיי האָבען געמיינט, זיי מוזען דאָ פאַרבלייבען; אפשר אויך דערפאַר, ווייל ביי זיי איז אויסגעקומען, אַז אַמעריקאַ פּאַסט זיך ניט פאַר ערנסטע, וויכטיגע זאַכען — זיי האָבען זיך דאָ אַריינגעלאָזען אין „לעבען אַ טאָג“, „הוליען“, פרעהליך זיין.

ביי טאָג זיינען זיי אין די שעפּער געזעסען, דאָס הייסט, יענע פון זיי, וועלכע האָבען זיך ווי ניט איז צוגעפּאַסט צו די שעפּער. אַנדערע פון זיי האָבען בשום אופן ניט געקענט אָפּזיצען אַ טאָג אין שאַפּ, און זיי האָבען געלעבט אויף די מאָגערע פאַרדיענסטען פון די, וואָס האָבען יאָ געאַרבייט. ביינאַכט פלעגט מען זיך צוזאַמענקומען אין געוויסע קעלער-רעסטאָראַנטס אויף ברום סטריט אָדער אויף סטענטאָן סטריט, וואו מען האָט אויך געקראָגען וויין און בראַנפען. און מען פלעגט דאָרט פאַרברענגען ביז שפּעט אין

דער נאַכט אין טרינקען, זינגען, אין מאַכען זיך נאַריש. און דער־נאָך ערשט פּלעגט מען זיך אַוועקלאָזען איבער דעלענסי סטריט בריק צו וויליאַמסבורג. געוועזען דאָרט צווישען זיי אַזעלכע, וואָס האָבען נאָך פון דער היים געקענט טרינקען, און אַזעלכע, וואָס האָבען זיך ערשט דאָ אויסגעלערענט. געהענדיג איבער'ן בריק פּלעגט זיך ביי געוויסע פון זיי פּלאָנטערען און פּלעכטען די פיס — דאָס רוב ביי די מיידלעך — די קעפּ פאַרדרעהט, אַז איבעל אויפ'ן הארצען, און מ'האָט זיי געמוזט צוהאַלטען, פיהרען אונטער די אָרעמס.

צוריקקומענדיג פון בריק, שוין גאָר שפּעט, איז מען נאָך אַלץ אַהיים ניט געגאַנגען. מ'איז אַוועק אין אַ רוסישע טשיינע, וואָס איז געוועזען אָפען די גאַנצע נאַכט. מ'האָט זיך גערוהט פון וועג און געטרונקען פּאָרציעס, גרויסע טשייניקעס רוסישע טהיי. אַהיים פּלעגט מען זיך אַוועקלאָזען ניט ווייט פון טאָג. ניט אַלע פון זיי האָבען געהאַט אייגענע צימערען, און עטליכע פון זיי פּלעגען נעכ־טיגען אמאָל ביי דעם, אמאָל ביי יענעם פון דער גרופּע — דריי, פיער אויף אַ בעטעל, אָפּט איינער אָדער אַ פּאָר אויפ'ן פּלאָר. מ'האָט זיי אַ סך מאָל „געמאַכט צו מופען“ פון די דירות. אָבער אַ דאגה זייערען „טו לעטס“ איז געוועזען גענוג, האָט מען גענומען דעם פּעקעל אונטער'ן אָרעם — און מען וואוינט שוין אין אַ נייער דירה.

עס איז ניט געוועזען קיין באַשטימטע פּאָרלעך אין דער גרופּע. יעדערער איז געגאַנגען אמאָל מיט דער, אמאָל מיט יענער. מ'האָט זיך געביטען און אויסגעמישט. אָבער איין פּאָרעל איז געוועזען אַ שטענדיגע — גרעגאָרי און סאָנקע.

סאָנקע האָט געאַרבייט אין שאָפּ. געוועזען אַ נייטאָרין פון דער היים, און זי האָט דאָ ניט שלעכט פאַרדיענט. איהר איז אייגענט־ליך ניט געוועזען צום הארצען דער אַרומשלעפּען זיך גאַנצע נעכט, און נאָך וועניגער איז איהר געפעלען געוועזען דער טרינקען. נאָר זי האָט זיך אַריינגעלאָזען אין דעם דאָזיגען לעבען צוליעב גרע־גאָרי'ן, וועמען זי האָט שטאַרק ליעב געהאַט. גרעגאָרי האָט ניט

גענאַרבייט און ניט פּאַרדיענט, געלעבט אויף די פּאַרדיענסטען פון די איבעריגע, דערהויפּט אויף סאַנקע'ס פּאַרדיענסטען. זי האָט איהם פריי געגעבען און ער האָט פריי גענומען. קיין שידוך איז דאָס ניט געווען. ס'וואָלט געווען אַ געלעכטער צו זאָגען — גרעגאָרי אַ חתן... געווען איז ער אַ שעהנער בחור'ל, אַ פרעהליכער, אַ שטאַרקער טרינקער, אַ דעקלאַמאַטאָר און זינגער פון רוסישע ליעדער. און קיינער האָט ניט אַזוי אָפּגעלאַכט, אָפּגע'חוזק'ט פון אַמעריקאַ, ווי גרעגאָרי. ער האָט געהאַט אַ שווערע קוטשמע שוואַרצע האָר און אָפט פלעגט ער מיט אַ צושפּרייטע האַנט פינגער דורכקאַמען די טשופּרינע, פאַרבויגען אָן אַ זייט און זיינע אויגען פלעגען דערביי אַזוי ווי זוכען אַ שפּיגעל. סאַנקע האָט וועגען גרעגאָריין קיין טעות ניט געהאַט און ניט געהאַט קיין פאַלשע האָפנונגען אויף איהם. זי האָט גענאַרבייט, איהם געגעבען און ער האָט גענומען. און אַלע נאַכט אַרומגעשלעפּט זיך מיט איהם און מיט דער גרופּע. געוואָלט האָט זיך סאַנקע'ן פּאַרברענגען נאָר מיט גרעגאָריין, זי מיט איהם, און מעהר ניט. אָבער ער האָט געוואָלט זיין מיט דער פרעהליכער קאָמפּאַניע און זי האָט געמוזט זיין צופריעדען. איהר איז גוט געווען מיט גרעגאָריין, וואו זיי זאָלען זיך ניט געפינען. געשראָקען האָט זיך נאָר סאַנקע, ווען גרעגאָרי האָט גערעדט פון פאָהרען צוריק נאָך רוסלאַנד... ווער ווייס, אפשר האָט סאַנקע דאָך געמיינט און געהאָפּט אין דער טיפעניש פון איהר האַרץ, אַז גרעגאָרי וועט פאַרבלייבען מיט איהר אויף אַלע מאָל...

אַזוי האָט מען אָפּגעהוליעט אַ ווינטער.

אָנפאַנג פריהלינג האָט גרעגאָרי גענומען רעדען פון פאַרלאָזען ניו יאָרק. אָבער ניט צוריק נאָך רוסלאַנד. איהם האָט גענומען ציהען וואַנדערען, אַוועקלאָזען זיך צופוס איבער אַמעריקאַ. סאַנקע האָט זיך געווים דערשראָקען, אויסהערענדיג גרעגאָריי'ס פּלאַן, איהר האַרץ אין איהר האָט זיך גענומען טרייסלען. ביז איצט האָט גרעגאָרי גערעדט וועגען פאָהרען אַמאָל, ווען עס איז, צוריק נאָך רוסלאַנד. דעם מאָל איז דאָס אָבער געווען אַ באַשטימטע זאַך — נעקסטע וואָך. ער האָט אפילו אָנגערופען דעם

טאָג, ווען ער געהט אוועק פון ניו יאָרק. סאָנקע האָט זיך גע-שטאַרקט און ניט אַרויסגעוויזען דעם רושם, וואָס דאָס האָט אין איהר געמאַכט. פאָדערען פון איהם, אָדער בעטען איהם, ער זאָל פאַרבלייבען לעבען איהר, האָט זי געוואוסט, וועט איהר ניט העל-פען. און ווי אַזוי האָט זי גאָר געקענט אַרויסווייזען זיך אַזוי „שוואַך" צווישען די אַלע פרייע, וואָס לאַכען אָפּ פון אַלץ און פון אַלעמען. און גרעגאָרי אַליין האָט מעהר פון אַלע אָפּגעלאַכט פון חתונה האָבען, פון פאַרקויפען זיך אויף אייביג, פון פאַמיליע, פון די אַלע נאַרישקייטען. שטענדיג האָט סאָנקע מורא געהאַט צו בעטען עפּעס ביי גרעגאָרי'ן, און נאָך מעהר צו זאָגען איהם עפּעס אַ דעה; אַלץ מורא געהאַט, טאָמער וועט עס ניט שטימען מיט זיינע מיינונגען, און זי קען דורך דעם אַראָפּפאַלען אין זיינע אוי-גען. אַלע מאָל געדעדט און געזאָגט אַזוי, אַז עס זאָל זיין ווי ער וויל, אַזוי ווי ער רעדט און זאָגט... האָט זי איצט געשוויגען ווע-גען זיין אוועקלאָזען זיך וואַנדערען, מיט אַ באַהאַלטענער האָפ-נונג, אַז ער וועט פאָרט פאַרבלייבען מיט איהר אין ניו יאָרק...

איין קליינינקייט בלויז האָט זי ביי איהם געבעטען און אויס-געפיהרט: דעם לעצטען אָוועגד פאַר זיין פאַרלאָזען ניו יאָרק זיינען זיי מיט דער גרופּע ניט געגאַנגען. זיי האָבען פאַרבראַכט אין גאָר אַ פרישען רעסטאָראַנט; דערנאָך געגאַנגען אויפ'ן בריק, דערנאָך אוועק צו איהר אין צימער. זי האָט אָנגעקויפט פאַר איהם קליינינקייטען פאַר'ן וועג, אוועקגעגעבען די גאַנצע ביסעל געלד, וואָס זי האָט פאַרמאָגט. יענע נאַכט האָט ער פיעל געטרונקען, און אויך זי האָט געטרונקען פיעל מעהר ווי זי האָט געקענט און געדאַרפט. אויף מאָרגען האָט זי דעם ערשטען האַלבען טאָג ניט געאַרבייט און געגאַנגען מיט איהם צום טריין — פון ניו יאָרק איז שווער אַרויסצוגעהן צופוס.

אויף איהר וועג צוריק אַליין האָט זיך איהר שטאַרק געוואָלט וויינען. אין אָוועגד איז זי ניט געגאַנגען צו דער גרופּע אין קעלער-רעסטאָראַנט; געזעסען אַליין אין איהר צימער, געטראַכט פון גרע-גאָרי'ן און געוויינט, און זי האָט ביטער חרטה געהאַט אויף איהר

באַנעהמען זיך, פאַר וואָס זי האָט געשוויגען... אפשר, אַז זי וואָלט איהם געזאָגט, געבעטען, צוגעשטאַנען, באַוויזען איהם, וואָלט ער ניט אַוועקגעלאָזען זיך וואַנדערען... ער וואָלט אפשר לעבען איהר געבליבען און וואָלט אפשר איהרער פאַרבליבען.

צו דער גרופע איז סאַנקע געגאַנגען גאַר ווייניג; בלויז אַמאָל, ווען זי פלעגט זיך טרעפען מיט אימיצען פון זיי, און זי האָט זיך ניט געקענט אָפּזאָגען; אָדער אַ פּאָר פון דער חברה פלעגען קומען צו איהר אין צימער ווענען עטליכע סענט — סאַנקע האָט געגעבען, אַז זי האָט נאָר געהאַט — און זיי פלעגען איהר „אַוועקשלעפּען" אין קעלער-רעסטאָראַנט. שטאַרק צום הארצען איז איהר דאָך די חברה ניט געווען און געגאַנגען אהין איז זי דאָך פריהער נאָר צוליעב דעם, ווייל גרעגאָרי האָט אַזוי געוואָלט. חברה האָט פון איהר (אונטער די אויגען) אָפּגעלאַכט: זיי האָבען געוואוסט, פאַר וואָס זי פלעגט פריהער קומען און פאַר וואָס זי קומט איצט ניט מעהר.

עטליכע מאָל דורכ'ן זומער איז גרעגאָרי געקומען אין ניו יאָרק און ווידער אַוועק. די ווינטערדיגע גרופּע איז שוין געווען אַזוי גוט ווי פונאַנדערגעפאַלען, און ער האָט פאַרבראַכט נאָר מיט סאַנ-קע'ן. ער איז קיינמאָל ניט דערגאַנגען ווייטער ווי מאַסאַטשוזעטס, נאָר אויסגעזעהן האָט ביי זיין יעדען צוריקקומען, ווי ער וואָלט גע-קומען פון עפּעס גאַר ווייטע מקומות. אָפּגעריסען, זיינע שיך איז שווער געווען צו דערקענען, אַז דאָס זיינען אַמאָל געווען שיך; אויסגעהונגערט, פאַר'חלש'ט, פאַרברענט פון דער זון, באַוואַקסען ווי אַ בער. סאַנקע'ן האָט זיך יעדען מאָל געוואָלט וויינען, קוקענ-דיג אויף איהם. יעדען מאָל איז ער צו סאַנקע'ן געקומען ווי צו אַן אייגענע. זי האָט איהם אַוועקגעגעבען וואָס זי האָט פאַרמאָגט. ער האָט זיך אַ ביסעל אָפּגעפרישט, אַ פּאָר וואָכען ארומגעשלעפּט זיך מיט סאַנקע'ן איבער די קעלער-רעסטאָראַנטס און בריקען, האַל-בע און גאַנצע נעכט, און דערנאָך האָט ער זיך ווידער געלאָזט אין וועג אריין.

און יעדע שטיקעל צייט, וואָס גרעגאָרי איז ניט געווען אין

שטאַרט, איז סאַנקע אַרומגעגאַנגען אַ שטילע, אַן איינגעבויגענע, ווי אַן אַבל. זי האָט ניט געזוכט צו מאַכען זיך פרעהליכער. גרע-גאַרי, גרעגאַרי — מעהר האָט זי ניט געקענט פאַרנעהמען. ער פלעגט איהר ווען ניט ווען אריינשיקען אַ קאַרטעל פון וועג מיט קאַלטע עטליכע ווערטער. האָט זי די קאַרטעל שטענדיג מיט זיך געטראָגען און אַלע ווײַלע געלייענט די עטליכע קאַלטע ווערטער, און דערנאָך דאָס באַהאַלטען צווישען איהרע טייערסטע, וויכטיג-סטע זאַכען. און יעדען מאָל, וואָס ער פלעגט צוריקקומען, האָט זיך איהר אַזוי געוואָלט בעטען איהם, ער זאָל מעהר ניט אַוועק פון איהר. און גאָר שפּעטער, ביים לעצטען מאָל, וואָס ער איז דאָ געוועזען, האָט זי שוין מעהר ניט געקענט פאַרהאַלטען אין זיך, און געזאָגט איהם און געבעטען, ער זאָל אַוועקוואַרפען זיין וואַנ-דערען. וואָס טויג דאָס איהם? וואָס האָט ער דערפון? וואָס פאַר אַ תכלית איז דאָס? זאָל ער פאַרבלייבען דאָ. זי וועט העלפען איהם אויסלערנען אַן אַרבייט. נאָר גרעגאַרי האָט געלאַכט, חוזק געמאַכט פון לערנען זיך אַן אַרבייט און אַרבייטען, ניט געלאָזט איהר גאָר רעדען דערפון... דערנאָך האָט זי שוין אויפגעהערט רעדען פון לערנען זיך אַן אַרבייט, און געבעטען זיך, ער זאָל פאַרבלייבען מיט איהר. זי אַרבייט און עס וועט זיין גענוג פאַר ביידען. אַלץ וועט זיין, ווי ער וועט וועלען; זי וועט געהן מיט איהם, וואוהין ער וועט איהר פיהרען. זי וועט פון איהם גאַרניט פאַרלאַנגען, זי וועט איהם גאָר ניט זאָגען — ער זאָל ניט אַוועק פון איהר, פאַרבלייבען מיט איהר. זי האָט זיך אין גאַנצען פאַר-לאָרען, אויסגעזאָגט איהם אַלץ, וואָס ביי איהר טהוט זיך, אַוועק-געלעגט פאַר איהם די גאַנצע הארץ און נשמה; געוויינט און גע-כליפּעט, און געזאָגט איהם, אַז זי וועט איהם פון זיך ניט אָפּ-לאָזען.

ער איז ניט געריהרט געוואָרען; פאַרבליבען דער זעלביגער וואָס געוועזען.

שפּעט אין זומער האָט זיך גרעגאַרי צום לעצטען מאָל אַוועק-געלאָזט וואַנדערען, און מעהר זיך ניט באַוויזען. מיט חדשים שפּע-

טער האָט זי פון איהם געקראָגען א קאַרטעל מיט קאַלטע עטליכע ווערטער ערגעץ אין יוטאַה, און מעהר האָט זי פון איהם ניט געהערט.

* * *

„סאַנקע" האָט זי געהייסען בלויז פאַר גרעגאָריי'ן און די גרופּע. דערנאָך האָט זי שוין געהייסען „דזשעני", און די נייע באַקאַנטע איהרע האָבען גאָר ניט געוואוסט, אז זי האָט פריהער געהייסען „סאַנקע".

נאָך גרעגאָריי'ן האָט זי גענוג געבענקט, גענוג געוויינט; זי האָט זיך אָבער איבערגעבענקט, איבערגעוויינט. עס זיינען פאַר-איבער מאָנאַטען; א יאָהר איז אוועק. זי האָט געקראָגען נייע באַ-קאַנטע. זי האָט זיך געטראָפען מיט א פיינעם יונגענמאַן, וועלכער האָט איהר ליעב געקראָגען; זי איהם אויך, און זיי האָבען חתונה געהאַט. דער מאַן האָט געאַרבייט און גוט פאַרדיענט; מ'האָט געמאַכט א באַליבאַטישען לעבען. דזשעני איז געוואָרען א מאַמע. די אַלטע היים, „רוסלאַנד", איז ביסלעכווייז אויסגעוועפּט גע-וואָרען פון איהר. אַמעריקאַ איז איהר שוין גאַנץ גוט געפעלען גע-וואָרען. פאַרגעסען האָט זי אין גאַנצען, וואָס די גרופּע, איבער-הויפּט גרעגאָרי, האָבען געהאַט צו זאָגען, און געזאָגט וועגען אַמע-ריקאַ. דזשעני'ס מאַן איז געווען א „האַלבער" אַמעריקאַנער, גע-קומען דאָ א יונגער בחור'ל. האָט ער איהר אָריינגעצויגען אין זיינע אַמעריקאַנער וועגען; אָפּגעלאָכט אין אָנפאַנג פון איהר „גרינקייט" און געלערענט איהר צו זיין אַן אַמעריקאַנערקע. זי איז געווען א גוטע שילערין, געלאָזט זיך לערנען און געמאַכט פאָרטשריט.

גרעגאָרי איז מעהר פאַר איהר אויף דער וועלט ניט געווען. זי האָט גאָר פאַרגעסען, אז זי איז אַמאָל געווען „סאַנקע". די מעשה מיט גרעגאָריי'ן איז ביי איהר אויסגעקומען ווי א נאַרישער חלום, און זי פלעגט זיך אין איהר געדאַנק רופען „משוגענע", ווען זי פלעגט זיך אָן דער געשיכטע דערמאָנען... א גרויסער נאַר, אַן אמת'ע משוגענע געווען...

זי האָט זיך אויך געטראָפען אַ פּאָר מאָל מיט עטליכע פון דער געוועזענער גרופּע; מאַנכע פון זיי זיינען שוין געווען ווייבלעך, געהאַט קינדער. יענע האָבען זיך מיט איהר דערפרעהט, נאָר דזשעני האָט צו זיי ניט ארויסגעוויזען קיין איבעריגע פריינדשאַפט. זי האָט אָנגענומען זייער איינלאַדונג צו קומען צו זיי; זי איז אָבער צו זיי ניט געגאַנגען. צו זיך האָט זי זיי ניט איינגעלאַדען, ארויסגעדרעהט זיך אפילו פון געבען זיי איהר אדרעס.

זי האָט געוואָלט זיין ווייט פון זיי... איהר מאַן האָט ניט געוואוסט פון דער גרופּע און פון גרעגאָריין, און זי האָט איהם געוויס ניט דערצעהלט — פעהלט איהר טאַקע מעהר ניט, זיי זאָלען קומען צו איהר אהיים... אַז יענע פון דער גרופּע האָבען דערמאָנט גרעגאָריין האָט זיך דזשעני געמאַכט אזוי ווי ניט הערענדיג, גערעדט פון אַנדערע זאַכען.

אריבער פיער יאָהר איז אוועק זייט גרעגאָרי איז פון ניו יאָרק אוועק, און אזוי ווי אַ סך, גאָר אַ סך יאָהרען האָט זיך דאָס דזשעניין אויסגעוויזען.

* * *

אין אַ טאָג, אויפ׳ן פינפטען יאָהר נאָך זיין אוועקגעהן, איז גרעגאָרי אָנגעקומען אין ניו יאָרק, אויפגעזוכט, וואו סאָנקע געפינט זיך און אָנגעקלאַפּט אין איהר טיר.

דזשעני האָט אויפ׳ן ערשטען קוק ניט דערקענט, ווער דאָס איז; דערנאָך האָבען זיך ביי איהר אראָפּגעלאָזען די הענט.

דאָס איז שוין ניט געווען יענער „רוסישער" גרעגאָרי. ער איז געווען „אמעריקאַניזירט". די שוואַרצע טשופּרינע איז שוין ניט געווען; געווען ניט מעהר ווי אַ ביסעלע שיטערע האָר, דורך וועלכע ס׳האָט זיך ארויסגעזעהן די נאַקעטע קאָפּ; אין מויל האָבען ביי איהם געפעהלט ציינער; דער פּנים איינגעפאַלען מיט קנייטשען, און אין גאַנצען איז ער עפּעס געווען ווי צוריקגעוואַקסען, קלענער געוואָרען. אָפּגעריסען און פאַרהונגערט איז ער געווען ווי אין יענעם זומער, ווען ער איז עטליכע מאָל געקומען צוריק פון

זיין וואַנדערען; אָבער ניט אַזוי באַוואַקסען ווי אַ בער, ווי דאַ-מאָלסט.

— אָ, גרעגאָרי! — האָט דזשעני אַרויסגעזאָגט, אַז איהר איבעראַשונג און שרעק איז פאַראיבער.

— יעס, דאָס בין איך — האָט ער געזאָגט און אָרעם גע-שמייכעלט.

ער איז געווען געשלאָגען אין מוט, ניט געפיהלט זיך נאָהענט און היימיש, ווי צו דער אַמאָליגער סאַנקע'ן. ער האָט דרך-ארץ געהאַט פאַר דער שעהנער דירה. דזשעני'ס אינגעלע איז געשטאַ-נען ביי איהר זייט. גרעגאָרי האָט אויף איהם געקוקט פון אַ זייט, קרומלעך.

וועגען וואָס צו רעדען איז ניט געווען. גרעגאָרי איז נאָך אפשר קיינמאָל אין אַמעריקא ניט געווען אין אַזאַ שעהנער היים, ווי דאָ ביי סאַנקע'ן; און סאַנקע גופא האָט איהם אויסגעזעהן אידענע-דיג און גרויס, און מיט איהר קינד לעבען איהר — האָט ער זיך עפּעס אונטערגעזאָגט, אַז עס טויג ניט צו רעדען פון די גרופּע-צייטען, די בייסמענט-רעסטאָראַנטס, וויליאַמסבורג בריק און די אַנדערע, נאָך שטאַרקערע נאָהענטקייטען... און ער האָט מיט אַמאָל ניט געקענט פאַרשטעהן, צו-וואָס ער איז דאָ געקומען... ער וואָלט גאָר ניט געקומען צו איהר, ווען ער וואָלט געוואוסט, אַז ער וועט טרעפען איהר אַזאַ...

ער איז געזעסען מיט די הענט צושפּרייט אויף די קניה, און איהם האָט עפּעס ניט דערלאָזען אָנשפּאַרען זיין רוקען אָן װענטעל פון שטול — געזעסען אַ פרעמדער, אויף אַ ווײַלע... דאָ איז ניט זיין אָרט... דער געשפּרעך איז געווען ווייט און קאַלט. זי האָט זיך גאָר ניט שטאַרק נאָכגעפרעגט, וואו ער איז געווען, וואָס מיט איהם האָט זיך די גאַנצע צייט געטאָן, וואָס ער טוט דאָ איצט. ער האָט געפּרובירט רעדען פון אַמאָליגע באַקאַנטע. זי האָט פון זיי ניט געוואוסט. ער האָט איהר דערצעהלט פון די פּאָר, וואָס ער האָט געטראָפען, נאָר זי האָט זיך ניט איבריגנס אינטע-רעסירט. צוגעהערט זיך וועגען יענע, ווייל ער האָט דערצעהלט,

געפּרובירט מאַכען אַ מינע, אַז ס׳איז איהר אינטערעסאַנט צו הערען...

דזשעני האָט ניט געוואוסט, וואָס זי זאָל טאָן. וואָלט ער איהר פריהער געפרעגט, וואָלט זי איהם געווים געלאָזט וויסען, אַז ער זאָל צו איהר ניט קומען. וואָס זאָל זי איצט טאָן?... און זי האָט זיך געשראָקען, אַז ער קען קומען נאָך אַמאָל... זי איז געוואָרען נערוועז-אומרוהיג. דער זייגער איז שוין געווען נאָך פינף. זעקס קומט הערדי אַהיים. הייסען גרעגאָריין געהן, קען זי ניט... זי האָט זיך גענומען טאָן עפּעס הויז-ארבייט, געגאַנגען אין קיך אריין ווע-גען סאַפּער... געטרייסט זיך, אַז ער וועט אַליין פאַרשטעהן...

אַז גרעגאָרי איז געבליבען אויף אַ ווייל אַליין, האָט ער זיך שאַרפער צוגעקוקט צום הויז, צו די זאַכען... אַ ביסעל אויסגעגלייכט זיך אויף זיין שטול...

זי איז צוריק אריינגעקומען אויף אַ פּאָר מינוט. דערנאָך ווי-דער אריין אין קיך.

ער האָט אַ טראַכט געטאָן פון געהן. ער איז אריין צו איהר אין קיך. ער האָט זיך געפיהלט „איינגעוואָרימט״ אין פלאַץ און ער האָט איהר אַ רוף געטאָן ביי איהר אַמאָליגען נאָמען — „סאַנ-קע״. איהם האָט זיך אויך זעהר געוואָלט ארופליגען אויף איהר אַ האַנט; ער האָט זיך אָבער צוריקגעהאַלטען דערפון.

— מאָרגען, סאַנקע, פאָר איך אַוועק פון ניו יאָרק.

— אַזוי גיך? — האָט זי „גלאַט״ געזאָגט. עס איז געווען אַ באַהאַלטענער פרייד אין די פּאָר ווערטער איהרע, און אויך עפּעס אַ ברעקעלע שרעק, אומעט.

ס׳איז געווען שטיל אַ ווייל'נקע. ער האָט ניט געקענט ארויס-זאָגען; געוואָלט אַוועקגעהן שוין אַזוי. אָבער ער האָט דאָך געזאָגט:

— איך פאָהר מאָרגען אַוועק פון ניו יאָרק... מעהר וועל איך צו דיר ניט קומען... אויב דו קענסט היינט געהן מיט מיר אַ ביסעל איבער׳ן בריק... וואָס זאָגסטו?...

זי האָט זיך ניט געריכט צו הערען אַזעלכע רייד פון איהם. ס׳איז געווען אַן איבעררא‍שונג. זי האָט אויפ׳ן שטעל ניט אָפּגע-

זאָגט זיך. זי האָט אין דער מינוט ניט געוואוסט, וואָס איהם צו ענטפערען... אָבער גיך האָט זי איהם געזאָגט, אַז זי קען דאָס ניט טאָן.

ביז איצט האָט גרעגאָרי גערעדט איינגעהאַלטען, ווייט, ווייט ניט אַזוי ווי ער פלעגט רעדען אין די אַמאָליגע צייטען. עפּעס מיט אַן אַנדער קול האָט ער היינט גערעדט, מיט אַ שוואַכען, אַן אַראָפּ־געדריקטען קול. אָבער איצט, אַז ער האָט פאַרשטאַנען, אַז מיט זיין פאַרלאַנג האָט ער שטאַרקער אויפגעוועקט אין סאַנקע'ן יענע צייטען, האָט ער גענומען רעדען מיט אַן אַנדער טאָן, מיט אַ טאָן, וואָס איז נעהענטער געווען צום יענעם גרעגאָרי. ער איז צוגע־שטאַנען, זי זאָל מיט איהם געהן היינט, אויף אַ ווייַלע, אויף איין שטונדע, אויף וועניגער, אויב זי וויל. און זעהענדיג אויף איהר, אַז ער האַלט נאָך ווייט פון אויספיהרען, האָט ער זיך אַראָפּגע־לאָזען אין אַ טאָן פון געבעט... ווי קען זי איהם דאָס אָפּזאָגען?... מאָרגען וועט ער שוין דאָ ניט זיין... מסתמא אויף אַלע מאָל שוין, אויף אייביג... ער וועט זעהן צו דערשלאָגען זיך צו רוסלאַנד... ער וויל רעדען כאָטש נאָך איין מאָל מיט איהר.. כאָטש איין ווייַלע... רעדען פון יענע צייטען... ביי איהם וועט דאָס גאָר זיין אַ געוואַלדיגע זאַך... זי קען אפשר גאָר ניט פאַרשטעהן, וואָס דאָס וועט מיינען פאַר איהם... ער איז געקומען אין ניו יאָרק טאַקע ניט מעהר ווי צוליעב איהר... וואָס האָט ער דאָ צו טאָן?.. זעהן איהר כאָטש נאָך איין מאָל, רעדען מיט איהר, געהן מיט איהר כאָטש נאָך איין מאָל. ער האָט גאָר ניט אין זיין לעבען און וועט שוין מסתמא גאָר ניט האָבען...

דזשעני האָט ניט געענטפערט. אומרוהיג איז זי געווען. וואָס איז דאָס? וואָס רעדט ער?... וואָס איז דאָס פאַר אַן איינפאַל?... זאָל ער שוין אויפהערען!... און גרעגאָריים רייד האָבען זיך אַריינ־געצויגען, אַריינגעגאָסען צו איהר אין האַרצען, און אָפּגעשוואַכט און פאַרשטיקט דאָרט, וואָס זי האָט געוואָרט צו זאָגען איהם, ווען ער וועט אויפהערען רעדען; זאָגען איהם, פאַרוואָס זי קען דאָס ניט טאָן, וועט דאָס ניט טאָן, וויל דאָס ניט טאָן... זי איז היינט

ניט יענע... זי האָט אַ מאַן, וועמען זי האָט ליעב, און אַ טייער קינד, און אַ הויז... ער טאָר צו איהר אַזוי ניט רעדען... זי טאָר דאָס ניט הערען...

און אַז ער האָט אויפגעהערט און געוואַרט אויף איהר ענט-פער, האָט זי געשוויגען און איז געווען בלאָס און צואוועהטאָגט.

— וועסט געהן מיט מיר, סאָנקע, האַ? — ער האָט לייכט אָנגעריהרט איהר אָרעם.

— איך קען ניט אַוועקגעהן פון הויז אויף לאַנג...

גרעגאָרי האָט זיך ניט געדונגען. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז עס וועט זיין בעסער, ניט צו רעדען מעהר. ווען, וויפיעל אַ זייגער זאָל ער אויף איהר וואַרטען?

זי האָט אַ טראַכט געטאָן, און געזאָגט:

— האַלב נאָך אַכט.

— ער וועט וואַרטען אויף איהר ביים אַרויפגאַנג צו וויליאַמס-בורג בריק.

ער איז אַרויס פון הויז.

דזשעני האָט זיך גענומען גרייטען דעם טיש. אין האַרצען ביי איהר האָט שטיל געשטורעמט אַ יום טוב... אויך אַ „צו וואָס האָב איך דאָס געדאַרפט" האָט איהר באַאומרוהיגט... איהרע הענט האָ-בען זיך לעבעדיג געהויבען.

ביים סאַפּער האָט זי געזאָגט דעם מאַן, אַז שפּעטער אַ ביסעל דאַרף זי צוגעהן ערגעץ אויף אַ ווייל. דאָס טרעפט ניט זעלטען. זי וועט פריהער איינשלעפערען ס'קינד און דערנאָך געהן. זי איז שוין אויך געווען אַ ביסעל אומגעדולדיג.

זי האָט אַראָפּגענומען פון טיש, צואוואַשען און צושטעלט די געפעס. דערנאָך האָט זי זיך גענומען צום קינד, פאַרטיג מאַכען איהם צום שלאָפען געהן. דער קינד איז שוין אין בעטעל. סאָניאַ געהט פריי, זינגט זיך שטיל אונטער. זי געהט אַריין איבערטאָן זיך פאַר'ן גאַס. „מאָרגען פאָהרט ער אַוועק" איז איהר אַלץ אין זינען געווען, און עפּעס ניט גאָר באַשטימטעס האָט געזאָגט אין איהר דער „מאָרגען פאָהרט ער אַוועק". עס זאָל געווען מיינען,

אז ס׳איז גוט, וואָס ער פאָהרט מאָרגען אוועק; זי פטר׳ט היינט אָפּ, וואָס זי מוז טאָן, וואָס זי קען זיך ניט העלפען פון טאָן... און אַ סוף, ער וועט דאָ מעהר ניט זיין. און דער „מאָרגען פאָהרט ער אוועק״ האָט אויך געזאָלט זיין גאָר ניט קיין טרייסט, נאָר אַן אומצופרידענקייט, אַ פאַרדרוס... אַרום און אַרום איז זי צופרידען געוועזען מיט די מאָדנע נייע פּאַסירונג, אַזוי אונערוואַרטעט, אַזוי פּלוצלינג.. אַ סך מאָל האָט זי געטראַכט, אַז גרעגאָרי איז שוין געווים געשטאָרבען...

מיט חשק און ערוואַרטונג האָט זי אויסגעטאָן די הויז-קליידער און גענומען אָנטאָן די קליידער פאַר׳ן גאַס... אויך די שיך האָט זי איבערגעביטען אויף פּלאַכע ווייסע. ביים פאַרשנורעווען די ערשטע שוך, בשעת זי האָט געהאַט אָנגעשטרענגט איהר בליק אויף איהר אַרבייט און ס׳איז אויף דער מינוט אַרויס אַ ביסעל פון איהר געדאַנק, וואָס היינט איז פאָרגעקומען, איז איהר איינגעפאַלען: „וואָס טהו איך?״ „וואו וועל איך געהן?״... איהרע הענט האָבען אָפּגעלאָזען די שנירלעך. זי האָט אַראָפּגענומען פון שטול איהר פוס מיט׳ן האַלב-פאַרשנורעוועטען שוך און זיך אוועקגעזעצט.

זי איז ניט לאַנג געזעסען, אין גאַנצען אַ פּאָר מינוט... דערנאָך האָט זי גענומען צוריק אויסטאָן די גאַס-קליידער. אין האַרצען ביי איהר האָט זיך געהויבען אַ שטילער צאָרן: אויף זיך... וואָס האָט זי געוואָלט טאָן!...

אַ חתן מיט אַ רויטליכע בערדעל

דער חתן איז געזעסען אַנטקעגען איהר מיט איהרע צוויי קינדערלעך אויף די קניה — אַ קינד אויף יעדען קניה — און זאָרגפעלטיג געהאַלטען זיי ארומגענומען מיט זיינעביידע אָרעמס. זיין געזיכט אין רויטליכען בערדעל האָט זיך געפּרעגעלט אין גוטסקייט און ליעבשאַפט צו די צוויי קינדערלעך איהרע. אויף דער מאַמען האָט ער געקוקט און אַוועקגעקוקט און ווידער גע-קוקט. ער איז „אומרוהיג" געוועז.

און זי, די כלה, ווי שטענדיג, ווען ער געפינט זיך לעבען איהר, האָט איצט געהאַט אין איהר גערדאַנק יענעם, דעם פאַרשטאָרבענעם. איהר הארץ האָט ניט געוויינט אויף דעם פאַרלאָרענעם. די טראַ-געדיע איז שוין געוועז זיך אויסגעשטאַנען. ס'איז שוין באַלד דריי יאָהר ווי ער איז ניטאָ. נאָר אַלע מאָל, ווען דער דאָ מיט'ן רויט-ליכען בערדעל און די זומער-שפּרענקלעך געפינט זיך לעבען איהר, מאַכט זי אין איהר גערדאַנק אַ פאַרגלייך: יענער, דער „שוואַר-צער", מיט'ן גאַנץ טונקעלען געזיכט און שוואַרצע האָר, און דער דאָ, אַ „ווייסער", מיט זומער-שפּרענקלעך און אַ רויטליכען בער-דעל.

אין איהר אָפטען טראַכטען וועגען איהר ווייטערדיגען לעבען, איהר לעבען מיט איהם, איהר „צוקינפטיגען", טראַכט זי אַלץ אַז זי וועט ביי איהם מוזען פועל'ן, ער זאָל אַראָפּנעהמען די בערדעל, אפילו די „מאָסטעש". און זי איז שוין אַזוי נייגעריג צו זעהן, ווי ער וועט אויסזעהן מיט אַ גלאַטע געזיכט, אָהן אַ בערדעל און אָהן „מאָסטעש". נאָר איצט מוז זי וועגען דעם שווייגען. זי קען ניט זאָגען איהם, ער זאָל די בערדעל אַראָפּנעהמען. „גוטע פריינד" האָבען שוין געגוג אויף איהר אָנגערעדט פאַר איהם, אַז זי איז

„ניט פאר איהם״. דער פארשטארבענער מאן איהרער איז געווען א סאציאליסט, און זי אליין איז „ניט בעסער״. ס׳איז ביי איהר א טריפה קיך. נאר ער, דער חתן, האט זיך געמאכט ניט הערענדיג. ער האט איהר שטארק ליעב, וויל ער דאס בעסער אויף איהר ניט גלויבען, וויל ניט וויסען, אז זי האט חסרונות, און ביי איהם וועט זי דאך אזוי ניט זיין. און ס׳קען טאקע ווידער אויך זיין, אז דורך דעם, וואס זי איז גאר א גאנץ אנדערע, ווי ער, גאר ניט קיין פרומע, „ניט פאר איהם״, ווערט זיין חשק צו איהר שטארקער — ווי עס ציהט עפעס צו א טריפה זאך. ער, דער היימישער שוחט, האט זיך אין איהר פארליעבט באלד ווי ער האט זיך מיט איהר באקענט אויף א צוזאמענקונפט פון לאנדסלייט וועגען הילף פאר דער שטעטעל אין דער היים. ער איז געווען נאך גאר א גרינער, און געקומען אהער איז ער א פארקלאגטער נאך א ווייב מיט א קינד, וואס זיינען אין דער היים אין דער מלחמה אומגעקומען. נאר אז ער האט איהר דערזעהן, האט ער גיך אן אלע זיינע אומגליקען פארגעסען און איז געווארען א גליקליכער חתן.

* * *

וואס די „גוטע פריינד״ האבען אויף איהר אנגערעדט פאר׳ן חתן, דעם שוחט, אז איהר מאן איז געווען א סאציאליסט און זי אליין איז ניט בעסער, זי האט געפיהרט א טריפה קיך — דאס איז טאקע אמת. אין די מיידעלשע יאהרען און אויך א ווילע נאך דער התונה, איז זי שטארק טהעטיג געווען אין איהר לאקאל און אין איהר ברענטש. די טריפה קיך איז שוין געווען פון די קלענערע זאכען. ס׳איז גאר א שטארקע רייד געווען, אז מ׳זאל קיין ברית ניט מאכען, ווען זי האט געבוירען א אינגעל. נאר דאס האט מען שוין ניט געקענט טאן צוליעב מענשען, משפחה. שפעטער האבען איהרע טהעטיגקייטען אויפגעהערט צוליעב די הויז, די באליבאטישקייט, צוליעב האבען און האדעווען קינדער. ניט געווען קיין צייט, דער קאפ איז דערביי ניט געווען. אבער וויפיעל זי האט געקאנט, האט זי זיך אינטערעסירט צו וויסען וואס עס טהוט זיך.

דער מאַן איהרער האָט איהר אַלע מאָל דערצעהלט, איבערגעגעבען אַליז, וואָס עס האָט זיך געטאָן. און פּרימער ווי אַמאָל איז זי אויך ניט געוואָרען. ניט געוואוסט פון יום כפור, ניט געפּראוועט קיין אַנדערע ימים-טובים; פון כשר, פליישיגע און מילכיגע איז דאָך גאָר ניט געווען וואָס צו רעדען... און איצט איז זי געקומען דער-צו, אַז זי האָט איינגעוויליגט צו נעהמען דעם שוחט, און גאָר גיך וועט זיין ביי זיי חופּה. ביים חתן געהט דאָס אויפ'ן היימישען שטייגער. מ'האָט אָפּגערעדט, אַז די חופּה זאָל זיין שבת נאָך שבועות. ס'איז די אַלטע געשיכטע: דער עלענדער לעבען; די קינדער וועלען זיין לעבען איהר, זיי וועלען האָבען אַ היים. איצט איז ניט גוט. זי מוז געהן פאַרדיענען און איבערלאָזען די צוויי קינדערלעך אויף פרעמדע הענט. אמת, ביי אַ ברודער איהרען. נאָר דער ברודער האָט עטליכע אייגענע קינדער, און ס'איז ענג אין הויז. ניטאָ קיין אָרט פאַר אַלעמען. בייטאָג רייסען זיך די קינדערלעך ארום, און קומענדיג אין אָוונד אַהיים, געפינט זי שטענדיג אַ קינד איהרען מיט אַ צוקראַצטען פּנים. און ביינאַכט איז ניטאָ פאַר אַלעמען קיין אָרט צו שלאָפען, שטיקט מען זיך אין ענגשאַפט. איין קינד איהרער שלאָפט מיט נאָך קינדער אין אַ בעט און זי אַליין מיט'ן צווייטען קינד שלאָפען אויף צונויפגע-שטעלטע שטולען לעבען אַ זאָפע. און די שוועגערין מיינט נאָך, אַז זי מאַכט איהר גליקליך און פאַרגעסט ניט איהר דאָס צו געבען אָנצוהערען גאָר אָפט. נאָר זי קען זיך ניט העלפען. איבערלאָזען די קינדער ביי גאָר פרעמדע מענשען, וועט מסתמא זיין נאָך ער-גער, און איהרע פאַרדיענסטען וועלען אפשר אויף דעם גאָר ניט קלעקען.

און ווי קען דען אַ מענש אייביג זיין אַליין?

אַז זי האָט זיך איבערגעוויינט, איבערגעקלאָגט אויף איהר גרויסען אומגליק, און גענומען טראַכטען שוין פון לעבען ווייטער אויף דער וועלט, האָט זי זיך פאַרגעשטעלט, אַז דער „ער“ וועט זיין אַ יונגער, אַ שעהנער, אפילו אַ רייכער. נאָר שפּעטער האָט זי גענומען פאַרשטעהן, אַז דאָס איז אַ זעהר שווערע זאַך און זי

וועט דאָס אפשר קיינמאָל ניט דערלאַנגען. ס'מאַכט זיך ניט אַזאַ איינער, ווי איהר וואָלט זיך וועלען, וואָס זאָל איהר צונעהמען מיט די צוויי קינדער און פאַרזאָרגען איהר מיט אַ היים, מיט אַלץ וואָס זי דאַרף. זי איז שוין ניט גענאַרט, „צופיעל" זוכט זי שוין גאָר ניט, נאָר עפּעס אַן אָרענטליכען מענש, ווּעמען זי זאָל גלייכען וואָס קען מאַכען אַ לעבען און זאָל זיין גוט צו איהר מיט די קינדער. און עס מאַכט זיך ניט אַזאַ. אָדער ס'קומט איינער מיט צופיעל אייגענע קליינע קינדער, וואָס זי האָט גאָר ניט אַזוי פיעל כוח פאַר זיי; אָדער גאָר אַן עלטערער מיט שוין „אויסגעגעבענע" קינדער, אַזאַ, וואָס וואָלט זיך גיכער געפּאַסט צו זיין איהר טאַטע, איידער איהר מאַן. גלאַט אַזוי בעלנים אויף איהר זיינען גראָד פאַראַן גענוג, צו „פאַרברענגען", אָהן פליכטען אויף ווייטער. אָבער אין דער הינזיכט איז איהר „פּרייקייט" שטאַרק אויסגערעכענט. זי וויל האָבען איינעם, אַ פריינד, אַ מאַן, וואָס זאָל זיין איהרער — ניט געהן מיט יעדערען, וואָס וויל נאָר מיט איהר געהן.

אָבער וויפיעל זי האָט ניט איבערגעטראַכט און זיך פאָרגעשטעלט וואָס פאַר אַ מענש דאָס וועט זיין דער, וועמען זי וועט קריגען, האָט זיך איהר קיינמאָל ניט געקענט פאָרשטעלען גאָר, אַז דאָס וועט זיין אַזאַ ווי דער, מיט וועמען זי וועט באַלד חתונה האָבען — אַזאַ ווייסער — פון אַ ווייסען מאַנסביל האָט זי קיינמאָל ניט געטראַכט — און דערצו נאָך מיט אַ בערדעל — דערצו נאָך אַ „רעליגיעזער" — אַ שוחט!... אין אַמעריקאַ האָט זי קיין שוחט ניט אָנגעזעהן. אַ שוחט האָט זיך ביי איהר אין געדאַנק פאָרגעשטעלט אַ איד מיט אַ בעזעמדיגע באָרד, מיט אַ נאָז פול מיט טאַבאַק — דער שוחט אין איהר שטעדטעל. דאַרף זי דאָס איצט חתונה האָבען מיט אַ שוחט.. זי מיט אַ „רעליגיעזען", מיט אַ שוחט!... נאָר די נאָהענטע איהרע, וועלכע האָבען דעם שידוך שטאַרק געוואָלט, האָבען פון איהר געלאַכט: ער וועט אין אַמעריקאַ זיין אַזוי פרום, ווי אַלע זיינען דאָ פרום; און קיין שוחט וועט ער דאָ אויך לאַנג ניט זיין. די ברידער זיינע, וואָס האָבען איהם דאָ אַראָפּגעבראַכט און וואָס האָבען אַ שאָפּ פון „ניע פּענטס",

ווילען איהם אויסלערנען פאר א „קאטער" און ער וועט נאך אפשר מיט דער צייט ווערען א שותף מיט זיי אין די ביזנעס, און ער וועט גאר, קען זיין, ווערען א „סיילסמען". די ברידער ווילען, אז ער זאל זיך דערווייל אויסגרינען און זיך אויסלערנען א ביסעל ענגליש. פון זיין שחיטה פארדיענט ער איבער דרייסיג דאלאר א וואך, איז ער דערווייל א שוחט. אבער ווי לאנג וועט ער פארבלייבען א שוחט.

איז די „ניע פענטס" פאר איהר א שטיקעל טרייסט, א באַרוהיגונג פאר איהר פריידענקעריי. ווי באלד, אז קיין שוחט וועט ער ניט זיין, איז דאך שוין גאר ניט אזוי שלעכט... און ער איז אזא יונגער, ערשט דרייסיג יאהר, כמעט מיט צוויי יאהר אינגער פון איהר — פון איהרע „אמת'ע יאהרען", הייסט עס, וואס זי און דער ברודער איהרער ווייסען... אז ער וואלט ניט געהאט קיין בערדעל, וואלט ער אפשר אויסגעזעהן אין גאנצען עטליכע און צוואנציג... און ער האט איהר אזוי ליעב, איהר מיט די קינדער. און אן ארענטליכער איז ער דאך געווים, אלע קענען איהם. זיינע ברידער'ס שאפ פון די „ניע פענטס" איז באקאנט צווישען די לאנדסלייט. און מיט די אמאליגע באקאנטע פון יענע יאהרען זעהט זי זיך גאר ניט מעהר... אין לאקאל און אין ברענטש באַלאנגט זי שוין ניט פון א צייט... זי טרעפט זיך ניט מעהר מיט יענע באקאנטע...

די ערשטע כפרה וועט זיין די בערדעל מיט די „מאסטעש", און דערנאך וועט ווערען אוים שחיטה... זי וועט צושטעהן און ניט אפלאזען איהם, ס'זאל זיין אוים בערדעל און אוים שחיטה, און זי וועט ביי איהם אויספיהרען... אבער אלץ נאך דער חתונה. איצט קען זי פון דעם ניט רעדען. זי ווייס, וואס די „גוטע פריינד" האָבען אויף איהר אנגערעדט וועגען איהר פרייקייט און די טריפה קיך... נאך גוט, וואס זיי האבען ניט געוואוסט וועגען דעם „ברית"... וויל זי גאר ניט אריינגעהן מיט איהם אין אזעלכע געשפרעכען, וואס זאלען איהם מאכען צו טראכטען וועגען איהר ניט-פרומקייט. אין אנפאנג האט זי זיך אויסגעלאכט וועגען דעם, וואס מ'האט

אויף איהר אַנגע׳מסר׳ט, אַ דאגה איהרען ! יאָ און ניין איז ביי איהר געווען אַלץ איינס. אָבער איצט, אַז די זאַך איז שוין גאָר ערנסט, זי האָט באַשלאָסען, ס׳האַלט שוין ביי אַ חתונה, ווייל זי שוין זיין זיכער... וועט זי בעסער ניט דערמאָנען איצט וועגען זיין בערדעל, וועגען שחיטה... זי טאָר ניט דערמאָנען... זי ווייס, אַז ס׳וועט מוזען זיין ביי איהר כשר אין הויז, און נאָך אידישע זאַכען וועט זי מוזען טאָן... אַ פרומע אידענע וועט זי ווערען... אפילו דער וואָרט „רעבעצין״ קומט איהר אַרויף אויפ׳ן געדאַנק... אָבער אַזוי איז שוין דאָס — זי איז צו דעם געקומען.

* * *

ער קומט צו איהר אַלע אָוועגד כמעט; ברענגט יעדען מאָל עפּעס פאַר די קינדער, נעהמט זיי צו זיך אויפ׳ן שויס. פון איהר אַליין האַלט ער זיך ווייטלעך. איהם ציהט דוקא צוצוקומען גאָר נאָהענט צו איהר; ער „עסט״ איהר מיט די אויגען — אַ יונגער מענש, שוין אַזוי לאַנג אָהן אַ ווייב, און ער צעהלט די טעג פון דער קורצער ווייל ביז דעם שבת נאָך שבועות. אין הויז זיינען שטענדיג פאַראַן מענשען, וואָס דאָס איז אייגענטליך ניט קיין גרויסער חילוק, וואָרים ער וואָלט גאָר ניט פּרובירט צופיעל איהר „באַלעסטיגען״, אַז ער וואָלט געווען מיט איהר באַזונדער. אויף איהם, אויף זיין גאַנצע האַלטונג, רוהט נאָך אַ רעבט ביסעל דער היימישער „דוכאָווניק״, כאָטש די רויטליכע בערדעל ווערט יאָ עפּעס קירצער און ער טראָגט שוין אַן אַמעריקאַנער קאַפּעליוש און בגדים. וואָלט ער גאָר ניט פּרובירט באַנעהמען זיך צו איהר ווי „עס פּאַסט ניט״. דריקט ער די קינדערלעך פעסט צו זיך, און אין דעם גאַנצען קערפּער זיינעם האָט ער זייער מאַמען, וואָס זיצט אַנטקעגען איהם. און עס גיט מינוטען, וואָס ער הערט גאָר ניט וואָס מ׳רעדט צו איהם, ער ווייסט ניט וואָס מיט איהם טוט זיך — קוקט אַוועק פון דער קינדער׳ס מאַמען און קוקט ווידער אויף איהר, און פרעגט אַלע מאָל איבער: „האַ? האַ?״

איז זי צופריעדען מיט דעם, וואָס ער האָט אַזוי ליעב די קינ-

דער, ער איז גוט צו זיי. אָבער דערווייל איז דאָס כמעט דער גאַנצער גליק און נחת איהרער. ביי זיך ווייס זי נאָך אַלץ, אז ער איז פּאַרט ניט איהרער, ניט פון איהריגע. בשעת זי רעדט מיט איהם, געהען איהרע רייד גאָר ניט גלאַטיג. מיט איהם, מיינט זי, מוז זי רעדען ווי מיט איינעם גאָר אַן אַנדערען... צופּאַסען זיך צו זיינע רייד. און זי רעדט ניט מיט איהם און פּלאַנעוועט ניט וועגען דער צוקונפט, ווי דאָס איז ביי מענשען, וואָס האַלטען ביים צוזאַמענקומען זיך אויף אַלע מאָל. זי קען ניט, קען ניט אריינלאָזען זיך מיט איהם אין נאָהענטע רייד, פון יענער צייט, וואָס איז שוין אזוי נאָהענט, ווען זיי וועלען זיין מאַן און ווייב... זי פיהלט נאָך אַלץ ביי זיך, אז עס וואָלט גאָר אפשר רעכט געווען אויף „ניט" אויך.. נאָר דערווייל קוקט זי איהם שטאַרק אָן, ווען ער איז נאָהענט לעבען איהר, וויל ארונטערקוקען אונטער'ן בערדעל... ווי וועט ער אויסזעהן אָהן די בערדעל?... די ערשטע כפּרה וועט געהן די בערדעל... און די „מאָסטעש" אויך...

מענשעלעך

מענשעלעך

צוריק פון דער לויה איז סאָלאָמאָן געפאָהרען אַליין, ניט צוזאמען מיט די אייגענע און באַקאַנטע, מיט וועלכע ער איז געפאָהרען צום בית-עולם. מיט די באַקאַנטע וואָלט ער געדאַרפט רעדען, צוהערען זיך וואָס זיי זאָגען, ענטפערען זיי. און ער האָט איצט געוואָלט זיין אַליין. זיצען אַליין און טראַכטען — טראַכטען וועגען דעם מענשענ׳ס לעבען, וועגען זיין אייגענעם לעבען, וועגען דעם נאָהענטען מענשען, וואָס מ׳האָט מיט אַ ווײלע פריהער אין קבר אַראָפּגעלאָזען און פאַרשאָטען מיט ערד.

אויפ׳ן בית-עולם האָט ער שוין אויך באַקוקט עטליכע קברים פון נאָהענטע און באַקאַנטע, וועלכע ער האָט לאַנג געקענט. זיי זיינען נאָך ווי לעבעדיגע פאַר זיינע אויגען געשטאַנען. ער האָט גרינג געקענט הערען יעדענ׳ס קול. און איצט ליגען זיי דאָ אונטער בערגלעך ערד, ס׳איז שוין מסתמא באַלד קיין זכר ניטאָ פון זיי... דאָס איז דער סוף... סאָלאָמאָנ׳ס האַרץ איז איבער-פול געווען. ער האָט געטראַכט נאָר פון דעם בית-עולם. די לעבעדיגע האָבען איהם ניט אינטערעסירט.

ער האָט געוואָלט זיין אַליין און טראַכטען; טראַכטען פון דעם מענשענ׳ס לעבען — פון דעם טויט.

* * *

ער איז געזעסען אין אַ ווינקעל אין קאַר, צוריק פון בית-עולם, די אויגען צוגעמאַכט און געטראַכט פון לעבען און טויט — מעהר פון טויט. ער האָט געטראַכט פון איהם, וועמען מ׳האָט מיט אַ ווײלע פריהער אין קבר אַראָפּגעלאָזען, און פון די איבעריגע נאָהענטע און באַקאַנטע, ביי וועמעס קברים ער איז געווען. ער האָט די

אַלע גוט געקענט, מיט אַנדערע גאָר נאָהענט געווען, פֿיעל פֿאַרבראַכט מיט זיי; מיט אַנדערע געשעפֿטען געהאַט. ער דערמאָנט זיך אָן פֿיעלע מאָמענטען, אָן אַ סך איינצעלהייטען צווישען איהם און די אין די קברים. מ'האָט זיך צוקריגט, ברוגז געווען, גוט געוואָרען. ווער האָט געטראַכט פֿון 'שטאַרבען? און וואָס פֿאַר אַ ווערדע האָט דאָס אַלץ היינט?... וואו זיינען זיי היינט?... ווי קיינמאָל ניט געלעבט, ווי קיינמאָל אויף דער וועלט ניט געווען... און דאָס זעלביגע קען זיין מיט איהם אַליין... אפשר נעקסטע וואָך, אפשר היינטיגע וואָך... ווי ס'איז געווען מיט איהם, פֿון וועמעס לויה ער פֿאָהרט איצט... אַ דאָקטאָר איז צוזאַמען מיט זיי אויף דער לויה געפֿאָהרען. מ'האָט גערעדט פֿון דעם מת'ס פּלוצלינגען טויט. האָט דער דאָקטאָר ערקלעהרט, אַז יעדער איינער לעבעדיגער מענש, דער געזינדסטער, קען פּלוצלינג אַוועקפֿאַלען טויט. ווער קען וויסען?... מיט אַ פּאָר וואָכען צוריק אין גאַנצען איז דער, וועמען מ'האָט היינט באַגראָבען, ביים איהם אין הויז געווען; געקומען באַקלאָגען זיך אויף איינעם פֿון די באַקאַנטע, אַז יענער האָט איהם געוואָלט באַשווינדלען אין עפּעס אַ געשעפֿט. ער האָט זיך, צום גליק, געכאַפּט אין צייט. יענער האָט איהם געוואָלט אָפּשווינדלען פֿון קאָפּ ביז די פֿיס, איהם אומגליקליך מאַכען. ער האָט זיך געקאָכט, געשריען, אָנגערופֿען יענעם מיט די ערגסטע נעמען. נאָר מיט עטליכע טעג שפּעטער, אַז ער, סאָלאָמאָן, האָט זיך מיט יענעם געטראָפֿען, האָט יענער אַ גאַנץ אַנדער געשיכטע געהאַט צו דערצעהלען. יענער האָט זיך געשוואָרען, אַז ער, וועמען מען האָט היינט באַגראָבען, האָט איהם גאָר געוואָלט באַשווינדלען. סאָלאָמאָן האָט פֿון דער זאַך ניט געקענט אַרויסקריכען. ס'איז געווען אַ פֿאַרפּלאָנטערטע געשיכטע מיט אַ „ליעז“ און מיט נאָך אַ „ליעז“ אויף עפּעס אַ „פּראָפּערטי“, וואו מ'האַלט אין בויען אַ רעסטאָראַן. מען האָט זיך געוואָלט בייטען מיט „ליעזעס“, מיט פֿאַרפֿאַלענע „דעפּאַזיטס“. ער וועט מיט יענעם זיין גאַנצען לעבען מעהר ניט רעדען, האָט ער געזאָגט, און ער האָט איינגעשטימט צו פֿאַרלאָזען זיך אויף סאָלאָמאָנ'ען, ער זאָל זאָגען ווער ס'איז גערעכט, און ער

האָט געוואָלט איינלייגען צוויי הונדערט טאָלער אויף „טשאַריטי“, אויב ער איז אומגערעכט. וואָס פאַר אַ ווערדע האָט היינט די גאַנצע געשיכטע, מיט אַלע אַזעלכע געשיכטעס? גאָרנישט מיט גאָרנישט... דער איז גערעכט, דער איז גערעכט... וואָס מאַכט דאָס אויס?... נאָר דוקא פיהלט ער איצט אין זיין הארצען, אַז דער פאַרשטאָרבענער איז געווען אומגערעכט... ס׳איז ניט גוט צו טראַכטען און צו וויסען, אַז דער מת איז געווען אומגערעכט... און ער איז גראָד זיכער, אַז דער מת איז געווען דער אומגערעכטער... וואָס איז דער אונטערשיעד?... צו וואָס דאַרפען מענשען איינע די אַנדערע רודפ׳ן?... אַ גרויסע ווערדע האָבען די „ליעזעס“, מיט די „פּראָפּערטיס“?... כדאי צו קאָכען זיך, אויפרעגען זיך?... דער דאָקטאָר האָט געזאָגט, אַז אַ מענש קען פאַלען טויט פון אַ שטאַרקער אויפרעגונג... ווער ווייס, אפשר האָט די געשיכטע מיט די „ליעזעס“ אַ גרויסען חלק אין זיין טויט? וואָס פאַר אַ ווערדע האָט דאָס היינט?... נעקסטע וואָך קען דער אַנדערער שוין ליגען אונטער אַ בערגעל ערד... אַ מיאוס׳ע זאַך דער מענש! אַ מיאוס׳ע און אַ נאַרישע. וואָס טויג דער אַרומרייסען זיך? וואָס האָסטו דערפון?... אַ גרויסע ווערדע האָט עס!...

אַזוי איז סאָלאָמאָן געזעסען אין אַ ווינקעל אין קאַר, מיט פאַרמאַכטע אויגען, און געטראַכט און געמאַכט זיך חשבונות פון די נאַרישקייט און נ׳שטיגקייט פון דעם מענשענ׳ס גאַנצען לעבען; און געטראַכט פון די אייגענע און באַקאַנטע אונטער די בערגלעך ערד. זייערע לעבעדיגע געשטאַלטען זיינען פאַר זיינע פאַרמאַכטע אויגען געשטאַנען און ער האָט יעדען איינעמ׳ס קול גרינג געקענט הערען... און ער ווייס, אַז ס׳איז שוין באַלד פון זיי קיין זכר ניטאָ... אָט דאָס איז דאָס: נאַריש און נישטיג...

* * *

די קאַר איז אַריבער דעם בריק און אָנגעקומען אין ניו יאָרק. אין טומעל פון דער קאָכעדיגער גאַס איז סאָלאָמאָן אויפגעוועקט געוואָרען פון זיינע רעיונות. זיין געדאַנק איז נאָך אָבער אַלץ גע-

ווען אריינגעטאָן אין טויט, אין די נאַרישקייט און נישטיגקייט פון דעם מענשען מיט זיין לעבען.

א ביסעל ווייטער אויף דילענסי סטריט האָט ער געדאַרפט מאַכען א ביסעל אָנשטרענגונג דורכצוגעהן. א רעדעל מענשען האָט זיך צו עפּעס שטאַרק צוגעקוקט און פאַרשטעלט דעם דורכגאַנג. סאָלאָמאָן האָט זיך אַריינגעשפּאַרט צו זעהן וואָס דאָ טהוט זיך אַזוינס.

אויפ׳ן בּרעג סיידוואָק איז געלעגען אויסגעשפּרייט א שטיקעל שמאַטע, און א מאַן איז דערביי געשטאַנען און געוויזען עפּעס קונצען מיט צוויי בלעכענע מענשעלעך אויף א ברעטעל — א בחור׳ל אָנגעטאָן ווי א סאָלדאַט, און א מיידעל, א פּויערטע, אין הילצערנע שיך. ער האָט די מענשעלעך אָנגעשרויפט און אוועקגע-שטעלט איינעם אַנטקעגען אַנדערען. דער סאָלדאַטעל האָט, מעשה קאַוואַליער, זיך פאַרנויגט, און עס האָט זיך אָנגעהויבען א טאַנץ. פריהער האָבען זיי געטאַנצט באַזונדער; דערנאָך זיינען זיי זיך צוזאַמענגעקומען און געטאַנצט בשותפות א פּאָלקע. געטאַנצט, גע-טאַנצט, ביז ס׳איז ביי זיי אויסגעגאַנגען די כחות, און זיי זיינען געבליבען שטעהן אַרומגענומענע.

סאָלאָמאָן׳ען איז די טשיקאַווע צאַצקע שטאַרק געפעלען גע-ווען. וואָס מ׳טראַכט זיך דאָס אויס; ער מוז דאָס זעהן נאָך אַמאָל.

דער פּאַרקויפער פאַרלויבט שטאַרק זיין סחורה — ביליג — ניט מעהר פון א האַלבען טאָלער. ער שרויפט נאָך אַמאָל אָן די מענשעלעך און שטעלט זיי אַוועק איינער אַנטקעגען דעם צוויי-טען. דער סאָלדאַטעל האָט מעשה קאַוואַליער זיך פאַרנויגט, און עס האָט זיך אָנגעהויבען א טאַנץ. פריהער האָבען זיי געטאַנצט באַזונדער; דערנאָך זיינען זיי זיך צוזאַמענגעקומען און געטאַנצט בשותפות — א פּאָלקע. געטאַנצט, געטאַנצט, ביז ס׳איז ביי זיי אויסגעגאַנגען די כחות, און זיי זיינען געבליבען שטעהן אַרומ-גענומענע.

דער פּאַרקויפער איז אַזוי אָנגעשרויפט ווי זיינע בלויע בלע-כענע מענשעלעך. ער פאַרלויבט זיין סחורה מיט דיזעלביגע רייד,

וואָרט אין וואָרט, וואָס פריהער — ווער וויים צום וויפיעל הונ־דערטסטען מאָל — און ענדיגט מיט דיזעלביגע עטליכע ווערטער — ניט מעהר פון א האלבען טאָלער. און ווידער שרויפט ער אָן זיינע מענשעלעך, שטעלט זיי אוועק איינעם אנטקעגען דעם אנ־דערען, דער סאָלדאטעל האָט מעשה קאוואַליער זיך פארנויגט, און עם האָט זיך אָנגעהויבען א טאַנץ. פריהער האָבען זיי געטאנצט באזונדער; דערנאָך זיינען זיי זיך צוזאמענגעקומען און געטאנצט בשותפות — א פּאָלקע. געטאנצט, געטאנצט, ביז ס'איז ביי זיי אויסגעגאנגען די כחות, און זיי זיינען געבליבען שטעהן ארומגע־נומענע.

דייטשלאנד, דייטשלאנד — האָט אַלץ סאָלאָמאָן געטראכט — וואָס די דייטשען קענען אויסקלערען! ווער דען, אז ניט די דיי־טשען? וואָס זיי קענען זיך אויסטראכטען!...

סאָלאָמאָן איז פּשוט ענטציקט. ער קען זיך ניט איינהאלטען. ער מוז אויסדריקען זיין באוואונדערונג, און ער צורעדט זיך מיט דעם נאָהענטסטען צו איהם, ווי קונציג די צאַצקע איז אויסגעארבייט; וואָס די דייטשען קענען אויסטראכטען. אמת'ע וואונדער; צו נעהמען א פּאָר שטיקלעך בלעך און דאָס אזוי אויסארבייטען!..

ער מוז דאָס זעהן נאָך אמאָל.

דער פארקויפער הויבט ווידער אָן רעדען דיזעלביגע רייד און נעהמט ווידער אָנשרויפען די מענשעלעך. נאָר מיט אמאָל טוט ער א כאַפּ די שטיקעל שמאַטע מיט די פּאָר פּעקלעך, שטופּט זיך האסטיג דורך די מענשען און הויבט אָן שטעלען לאנגע שפּרייזען. דער עולם קוקט זיך ארום — א פּאָליסמאַן קומט אָן.

דער עולם איז זיך צוגאנגען.

סאָלאָמאָן האָט אויך גענומען געהן זיין וועג. יאָ... פון וואָס האָט ער פריהער געטראכט?... הא?... וואָרט.. פון וואָס?... יאָ, ער דערמאָנט זיך... פון א לויה געהט ער... דעם מענשען'ס לעבען... דער טויט.. מ'כאַפּט, מ'האָועט... אָפּנארען... באשווינדלען... מען רודפ'ט איינער דעם אנדערען אין טויט אריין... דערנאָך בערגלעך ערד... געזעהן היינט די בערגלעך ערד...